STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02263

# ZSHABOTINSKIS TEG UN NEKHT

A. Rembah

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אייזיק רעמבא

# זשאבאטינסקיס טעג און נעכט

ערינערונגען
פון זיין פריוואט-סעקרעטאַר

פאריז, 1951

# זשאבאטינסקיס טעג און נעכט



אלע רעכט פארבאהאלטן פארן מחבר

Imprimerie Moderne de la Presse, 55, Fg St-Denis, Paris-10

## קאַפּיטלען:

אין דערהיים

*

אין דער פאמיליע

*

ביי דער ארבעט און אין אָפּרו

*

אין ביוראָ

*

מיט פריינט, חברים און קעגנער

*

אין דער זיבעטער גרויסמאַכט

*

וואכזאַמע טעג און שלאָפלאָזע נעכט

*

„מיינע קינדער שרייבן בעסער"

*

מיט די הערשער פון דער וועלט

*

ביי זיינע ברידער אין גלות

*

דער לעצטער אַקאָרד

*

זיינע מחשבות וועגן טויט

# פאָרוואָרט

פון פּראָפ. יוסף קלוזנער

איך האָב געלייענט די דערינערונגען פון א. רעמבא, און אלץ האָט מיך אינטערעסירט — סיי די גרעסטע און וויכטיקסטע ענינים, די געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע, און סיי די קליינע זאַכן וועלכע זענען כלומרשט נישט וויכטיק, די פּערזענלעכע און פּריוואַטע. ווייל אין לעבן פון א גרויסן מענטשן זענען נישטאָ קיין נישט־וויכטיקע זאַכן. דאָס וואָס זעט אויס אומוויכטיק פאַר איינעם, איז חשוב פאַרן צווייטן און וואָס ס׳איז נישט וויכטיק היינט, וועט זיין וויכטיק מאָרגן. א בריוו פון גענטען וועגן לייוונט פאַר די קוילן־גרעבער אין ווייטמאַרער־פירשטנטום, א בריף אין וועלכן דער דיכטער־מיניסטער בעט, אז דער לייוונט זאָל זיין שטאַרק און וואַרעם, כדי די קוילן־גרעבער אין די קאַלטע גרובן אונטער דער ערד זאָלן זיך נישט צוקילן — אזאַ בריוו איז וויכטיקער כדי קענען לערנען געטעס כאַראַקטער מער ווי א סך פון זיינע ווערק. ס׳איז באַקאַנט די אויספירלעכע ביאָגראַפיע, וואָס דזשעמס באַסוועל האָט אָנגעשריבן וועגן שמואל דזשאָנסאָנס לעבן, אין וועלכער דער באַרימטער ביאָגראַף גייט נאָך טריט ביי טריט דזשאָנסאָנען און נאָטירט יעדעס וואָרט, וואָס איז אַרויס פון זיין מויל — אָט די ביאָגראַפיע האָט געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג אין ענגלאַנד.

א. רעמבא האָט זיך קונה־עולם געווען מיט זיינע באַשרייבונגען פון אלץ וואָס ער האָט געהערט און געזען אין זשאַבאָטינסקיס די אמות, וואָס יעצט, נאָך זיין פּריצייטיקן טויט, וועלן אפילו זיינע שונאים מודה זיין, אז ער איז געווען אַ גרויסער מענטש. פון די ערי־

נערונגען לערנען מיר פיל, נישט בלויז וועגן זשאבאָטינסקיס כאַ־
ראַקטער און זיינע גרויסע טאַטן, נאָר אויך וועגן זיין גרויסן און
שווערן קאַמף פאַר זיין פאָלק און לאַנד. און וועגן זשאבאָטינסקיס
צייט־חברים לערנען מיר, אַז די וועלט איז פול מיט מטומטמים־
עקשנים, וואָס ערשט לאחר מעשה זענען זיי מודה אויפן אמת און
גייסטיקע עקספּלאָטאַטאָרן, וועלכע נעמען פאַר זיך די אידייען פון
גרויסן מענטשן נישט דערמאָנענדיק זיין נאָמען, און אויך נישט -
דאַנקבאַרע, וואָס אַלץ וואָס זיי האָבן, האָבן זיי פון דער גרויסער
פּערזענלעכקייט — און דאָך וואַרפן זיי נאָך אין איר שטיינער...

כיווינטש דעם אינטערעסאַנטן און וויכטיקן בוך פון א. רעמבאַ
פיל דערפאָלג.

דאָס בוך איז ווערט, אַז ס'זאָל פאַרשפּרייט ווערן באַזונדערס
צווישן אונדזער יוגנט, וואָס נויטיקט זיך אַזוי אין גרויסע און שיינע
היסטאָרישע געשטאַלטן, ווייל נאָר זיי קרוינען מיט א נצחון די גרוי־
סע נאַציאָנאַלע פרייהייטס־ אידייען.

**פּראָפעסאָר יוסף קלויזנער**

ירושלים.

# אין דערהיים

„די גאנצע וועלט איז די היים" אזוי הייסט דאָס בוך פון אינדישן דיכטער ראבינדראנאט טאַגאָרע. דער דאָזיקער נאָמען אנטשפּרעכט אַמ־בעסטן דאָס לעבן פון זאב זשאַבאָטינסקי.

זיין היים איז געווען די גאַנצע וועלט. ס'איז כמעט נישט געווען קיין איין ווינקל אויפן ערד־קוגל אין וועלכן ס'איז געווען אַ יידישער ישוב, וווּ ס'איז נישט געטרעטן זיין פוס. ער איז געווען דער אייביק וואנדערנדער ייד אין פולן זין פון וואָרט.

און ווייל ער האָט געוואַנדערט זיין גאַנץ לעבן, האָט ער נישט געהאַט קיין היים. זיינע וווינונגען זענען אַלע געווען פּראָוויזאָרישע. אין קיין אָרט האָט ער נישט געלעבט סטאַביל. זיינע הויז־זאַכן זענען שטענדיק געווען טיילווייז פאַרפּאַקט, ווייל ער איז נישט געזעסן לאַנג אויף איין אָרט. זיין היים איז געווען אין האָטעלן און אין באַן־וואַגאָנען, און זיינע שענק פאַר ביכער און קליידער זענען געווען — וואַליזעס.

אין פאַרשידענע האָטעלן אין דער גאַנצער וועלט, פון וואַרשע ביז קייפּטאַון, פון ניו־יאָרק ביז שאַנכײַ — האָט ער פאַרבראַכט כמעט זיין גאַנץ לעבן. קיין מנוחה און אָפּרו האָט ער נישט געפונען אין די פיל פּלעצער.

פון זייט ער האָט פאַרלאָזן ארץ־ישראל אין 1929 און האָט שוין מער נישט געקענט צוריקקומען, ווייל די ענגלענדער האָבן אים פאַרבאָטן דעם אַריינפאָר אין לאַנד, האָט ער געוווינט אין פאַריז. אין דער הויפּט־שטאָט פון פראַנקרייך, וועלכע ער האָט אַזוי זייער ליב געהאַט, האָט די זשאַבאָטינסקי־פאַמיליע — ער, זיין פרוי און זייער בן יחיד, ערי —

געהאט א וווינונג אין 14־טן אַראָנדיסמאַן (קוואַרטאַל), נעבן דער מעטראָ־סטאַציע אַלעזיאַ, נישט ווייט פון פּאַריזער „אוניווערזיטעטס־שטאָט". אין אַ קליין רואיק געסל, מיטן נאָמען מארי ד'אַווי. דאָרט האָט פרוי זשאַבאָטינסקי געדונגען אַ וווינונג פון פיר קליינע צימערן און איינגעאָרדנט מיט פיל געשמאַק און חן.

אין צענטער פון רוישיקן פּאַריז, וואָס איז שטענדיק ווי אַ זידיקער קעסל, זענען דאָ ווייניק רואיקע ווינקעלעך. די גאַס מארי ד'אַווי איז געווען איינע פון זיי. אין דער דאָזיקער דירה איז נישט געווען קיין רחבות און קיין גרויס קאָמפאָרט. אפילו קיין טעלעפאָן איז דאָרט נישט געווען. ווען מ'האָט טעלעפאָנירט, פלעגט זשאַבאָטינסקי מוזן אַראָפּגיין פון פערטן שטאָק אויפן פּאַרטער, ווייל דער טעלעפאָן איז געווען אין צימער פון „קאָנסיערזש" (דער הויז ־ וועכטער). די גוטע באַקאַנטע און ביוראָ־מענטשן האָבן געוווסט אַז ער האָט נישט קיין באַקוועמלעכקייטן און מ'פלעגט אים נישט פיל מאַטערן מיט טעלעפאָן ־ געשפּרעכן אין זיין וווינונג. זיי פלעגן זיך דערלויבן צו טעלעפאָנירן נאָר אין זייער דרינגנדע פאַלן. אין דער דאָזיקער וווינונג איז זשאַבאָטינסקין געלונגען אָנצושרייבן פיל פון זיינע בעסטע ליטעראַרישע ווערק, ווי דער וווּנדערבאַרער ראָמאַן „די פינף" (פּיאַטעראַ").

נאָכן גרינדונגס ־ קאָנגרעס פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אין אָנהויב 1936, האָבן זיי פאַרלאָזן פאַריז און זיך באַזעצט אין לאָנדאָן. פון דאַן אָן האָט שוין די זשאַבאָטינסקי־פאַמיליע בכלל נישט געהאַט קיין וווינונג. דער זון, ערי, איז אַוועק קיין ארץ־ישראל און דאָרט געלעבט, צום אָנפאַנג אַלס אינזשיניער אין רוטענבערגס עלעקטרישע סטאַציע אין נהרים, שפּעטער אַלס נציב בית"ר פון ארץ־ישראל. זיי ביידע, זשאַבאָטינסקי און זיין פרוי, האָבן אַלע יאָרן אין לאָנדאָן, ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, געלעבט אין אַ האָטעל און נישט געהאַט קיין וווינונג פאַר זיך. זייער מעבל און די זאַכן פון זייער פּאַריזער וווינונג זענען געבליבן די גאַנצע צייט אין איינעם פון די מאַגאַזינען אויף דער לאָנדאָנער באַן־סטאַציע וויקטאָריאַ, ווייל ס'איז נישט געווען ווו זיי אַריינצולייגן. איידער זיין פרוי האָט ליקווידירט דאָס פּאַריזער הויז און זשאַבאָטינסקי איז אַליין געווען אין לאָנדאָן, האָט ער געוווינט ביי זיין פריינט ד"ר יונה מאַכאָווער· ווען אויך זי איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן האָבן זיי געדונגען אַ צימער, איין צימער, אין אַ האָטעל, פון וועלכן עס האָט געשמעקט דער ריח פון דיקענס'עס תקופה אויף דער גאַס

בעלסייז־גראוו, נומער 12, א פערטל־שעה גאנג צופוס צו דער ביורא פון דער נייער ציוניסטישער ארגאניזאציע, ווו ער האט געארבעט.

די סיבה פון דעם וואס זיי האבן נישט געהאט קיין אייגענע דירה האט נישט געשטעקט בלויז אין דעם פאקט, וואס ער פלעגט אפט ארומ־פארן אין אויסלאנד. (אין די לעצטע פינף יאר פון זיין לעבן, איז ער געווען צוויי מאל אין אמעריקע, צוויי מאל אין דרום־אפריקע און אומצייליקע מאל איבער גאנץ אייראפע). די הויפט־סיבה איז געווען — געלט מאנגל. ס׳איז שוין איצט נישט קיין סוד, אז זשאבאטינסקי איז נישט געווען קיין פארמעגלעכער מענטש. וואס אן אמת, זיינע פארלעזונגען, אר טיקלען אין דער פרעסע און זיינע ביכער האבן אים געקענט געבן פרנסה בריווח. אבער ס׳איז אויך אלעמען באקאנט, אז דעם גרעסטן טייל פון זיינע הכנסות פון זיינע רעפעראטן פלעגט ער אוועקגעבן דער פארטיי, און דעריבער האט ער זייער אפט געפילט א געלט־מאנגל. איינמאל, אין יאר 1937, ווען זיין מאטעריעלע לאגע האט זיך אביסעלע פארבעסערט, האט פרוי זשאבאטינסקי אנגעהויבן טרוימען צו קויפן א קליין הייזל אין לאנ־דאן, און זיי האבן שוין אפילו אויסגעקליבן א הויז, געשריבן א קאנ־טראקט און געגעבן האנט־געלט. אין יענע טעג, איז די מאדאם געווען זייער גליקלעך, אז סוף כל סוף וועלן זיי האבן א באקוועמען אפרו־ווינקל. צוזאמען מיט איר האבן מיר, די יונגע שילער זשאבאטינסקין, וועלכע האבן געארבעט אונטער זיין דירעקטער ליטונג, געחלומט וועגן א באקוועמער ווינונג און זאגאר וועגן א קליין אויטאמאביל פון וועלכן א בית״רי, וועלכער וועט ווינען אין איינעם פון די צימערן אין דאזיקן הויז, וועט זיין דער שאפער און ער וועט פירן דעם ראש־בית״ר יעדן טאג אין ביורא אדער אויף זיינע אוידיענצן. אבער אט די אלע פלענער זענען שנעל צעגאנגען ווי א רויך, ווען ס׳איז אנגעקומען דער טערמין צו צאלן די צווייטע ראטע אין ס׳איז נישט געווען מיט וואס צו באצאלן. זיי האבן דאן פארלוירן דאס האנט־געלט, און זענען געבליבן ווינען אין האטעל־צימער.

ס׳איז געווען א צייט, ווען א גרופע פון נאענטע פריינט האט אים געוואלט געבן א מתנה אין נאמען פון וועלט־בית״ר — א קליין הייזל. אבער ווען ער האט זיך דער־וווסט וועגן דאזיקן פלאן, האט ער זיך מיט דער גאנצער ענערגיע קעגנגעשטעלט און קאטעגאריש פארבאטן עפעס צו טאן אין דער ריכטונג. ס׳האבן נישט געהאלפן אונדזערע אויפקלע־רונגען, אז די בית״רים אין דער גאנצער וועלט ווילן מיט זייערע גראשנס געבן א קליינעם אויסדרוק פאר זייער גרענעצלאזער ליבע און פארערונג.

ער איז געבליבן ביי זיינס. און ווען עמיצער פון אונדז האָט געוואגט צו אַרגומענטירן, און געזאָגט: וואָס איז דאָס בייז? אויך דער פּרעזידענט פון דער יידישער אַגענץ, ד"ר חיים ווייצמאַן, האָט געקריגן אין לאָנדאָן אַ הויז אַלס מתנה, און פאַרוואָס פאַרבאָט ער אונדז, זיינע שילער, צו טאָן די זעלבע זאַך. האָט ער אונדז אָפּגעענטפערט זייער העפלעך, ווי זיין שטייגער, אָבער ענערגיש און געבעטן מער נישט צוריקצוקערן צו דער דאָזיקער טעמע.

דער האָטעל, אין וועלכן ער האָט געוווינט אין לאָנדאָן, איז געווען אַ ריינער, נאָר אַן אַלט־מאָדישער. קיין מאָדערנע איינריכטונגען זענען אין אים נישט געווען. דער טעלעפאָן איז געווען נישט אין צימער, נאָר אין קאָרידאָר. און באַטש ס'איז געווען בעקוועמער אין דעם געביט ווי אין פּאַריז, ווייל דאָס צימער איז געווען נישט אויפן פערטן שטאָק, נאָר אויפן פּאַרטער, פלעגט ער אויך אין לאָנדאָן מוזן צענדליקער מאָל אַ טאָג איבערייסן די אַרבעט און אַרויסגיין פון צימער צום טעלעפאָן, אָדער מאַדאַם זשאַבאָטינסקי פלעגט זיך מוזן מטריח זיין אונצייליקע מאָל אין טאָג, כדי אָפּצונעמען דעם טעלעפאָן.

אין ווייל זיי האָבן געהאַט סך־הכל איין צימער, וואָס האָט געדינט אי אַלס שלאָף־צימער, אי אַלס עס־צימער, אי אַלס אַרבעטס־צימער ווי אויך אַלס אויפנאַמע־צימער, האָבן זיי נישט געקענט אויפנעמען אין אים פיל געסט. ווען פנחס רוטענבערג, דער אַמאָליקער רוסישער רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט געהאָלפן זשאַבאָטינסקין ביי דער שאַפונג פון יידישן לעגיאָן און וועלכער האָט זיך פאַראייביקט אַלס דער, וואָס האָט געגעבן ליכט — עלעקטריש ליכט — ארץ־ישראל, ווען ער פלעגט קומען קיין לאָנדאָן און האָט ווי געוויינלעך שטענדיק באַלד מודיע געווען אַז ער איז געקומען, כדי אָפּצושטאַטן אַ באַזוך ביי זיין פריינט, האָט אים זשאַבאָטינסקי געלאַדן צו קומען צו אים אין האָטעל, אָבער אים אויפמערקזאַם געמאַכט פון פאַרויס: „קוק זיך נישט אַרום אין מיין דירה, ווען דו גייסט אַריין". אגב, פנחס רוטענבערג איז געווען דער איינציקער צו וועלכן זשאַבאָטינסקי האָט זיך געווענדעט, ווען זיי האָבן גערעדט העברעאיש, אויף „דו" (אתה). צו אַלע אַנדערע טויזנטער מענטשן, וועלכע פלעגן אים באַזוכן אָדער מיט וועלכע ער פלעגט זיך באַגעגנען, האָט ער זיך געווענדעט אין דער דריטער פּערזאָן „אדוני".

אין זיין אויטאָביאָגראַפיע האָט זשאַבאָטינסקי דערקלערט די סיבה פון דאָזיקן מנהג זיינעם :

„איין „אנשויאונג" האָט זיך קריסטאַליזירט ביי מיר נאָך פון דער

פריער יונגנט. און ביז היינט דאָמינירט זי און רעגירט איבער מיין באַציאונג צו דער געזעלשאַפט. אַנדערע זאָגן, אַז דאָס איז נישט קיין אַנשויאונג, נאָר א משוגעת. אמת, איך בין „משוגע" לגבי דעם באַגריף פון גלייכהייט. אין יענע יאָרן האָט זיך די דאָזיקע נייגונג מיינע אויסגעדריקט אין א בייזן פּראָטעסט קעגן יעדן איינעם וואָס האָט געוואָגט זיך צו ווענדן צו מיר מיט „דו" און נישט מיט „איר", דאָס הייסט קעגן דער גאַנצער דערוואַקסענער וועלט. דעם דאָזיקן משוגעת בין איך געבליבן טריי ביזן היינטיקן טאָג: אין אַלע שפּראַכן אין וועלכע ס'איז דאָ דער אונטערשיד, ווענד איך מיך אפילו צו א דריי יעריק קינד מיט „איר". און אפילו וואָלט איך אַנדערש געוואָלט, וואָלט איך נישט געקענט".

א מנהג האָט געהערשט ביי זיי, אז ווען ס'פלעגט קומען קיין פּאַריז אָדער קיין לאָנדאָן א גאַסט פון די פירער פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג פון אויסלאַנד, פלעגט מאַדאַם זשאַבאָטינסקי אים איינלאַדן צו זיי אויף אַוונט־ברויט. דאָ איז דערשינען זשאַבאָטינסקי נישט אַלס ציוניסטישער פירער נאָר אַלס גאַסטפריינטלעכער בעל־הבית, וואָס האָט אַנגענעם געמאַכט דעם צייט־פאַרטרייב פון גאַסט מיט א פריינטלעכן געשפּרעך איבער לייכטע טעמען. אין א זעלכע פאַלן פלעגט מען אויסמיידן צו שמועסן אויף פּאָליטישע טעמען, כדי נישט שווער צו מאַכן די פריינטלעכע אַטמאָספער.

פיל מענטשן, פון זיינע אַלטע באַקאַנטע, באַזונדערס פון דער רוסישער תקופה, פלעגן קומען צו אים א היים. א פּאַרטיי־מיטגליד אָדער א פּאָליטישער קעגנער, אָן אונטערשיד, ווען זיי זענען געקומען קיין לאָנדאָן פלעגן זאָפאָרט טעלעפאָנירן צו „וולאַדימיר יעווגעניטש" און ער פלעגט אויפנעמען אַלעמען פריינטלעך, טראָץ זיינע פיל באַשעפטיקונגען. די אַלטע פריינט פון די רוסישע צייטן פון פאַר 1914, אפילו ווען זיי זענען געקומען פון ארץ־ישראל און האָבן געקענט העברעאיש, פלעגן רעדן רוסיש. די שפּראַך איז געווען ווי א גייסטיקע בריק, וואָס זיי פלעגן לייגן צווישן זיי — זאָגאָר פאַרביסענע פּאָליטישע קעגנער — און דעם ליבלינג פון דעם רוסישן ציוניזם, זאָגאָר נאָך פיל צענדליקער יאָרן. ווער קען אויסרעכנען די צאָל פון דידאָזיקע מענטשן? די „רוסישע עמיגראַציע" האָט זיך געפילט נענטער צו זשאַבאָטינסקין, ווי יעדער אַנדער טייל פון גלות־יידנטום. אין די טיפענישן פון זייער נשמה האָבן זיי אים גענומען אין מאָנאָפּאָל. זיי זענען ארומגעגאַנגען ווי יחסנים. „זשאַבאָטינסקין האָבן זיי דאָך, די רוסישע יידן, געגעבן דעם יידישן פאָלק און דער וועלט". און טאָמער האָט זיך מיט אים געטראָפן אימיצער, וואָס איז געבוירן גע־

וואָרן אין זיין געבורט־שטאָט, אדעס, האָט זיך דער „אָדעסאַק" גע־פילט ווי א שותף צו דער וווּנדער־פּלאַנצונג, וואָס איז אויפגעוואַקסן אויפן באָדן פון זיין געבורט־שטאָט.

זשאַבאָטינסקי האָט ווירקלעך ליב געהאַט מיט א יוגנט־ליבע זיין אדעס. די בעסאראבישע יידן, באַזונדערס פון דער גרעניץ־שטאָט טשעטאַ־טאַ־אלבא (אין די רוסישע צייטן האָט זי געהייסן אקערמאַן), ווו ער איז געקומען אויף א פאַרטראַג, דערציילן פיל וועגן שטאַרקן אויסדרוק, וואָס דער אדעסער זון האָט געגעבן צו זיין בענקעניש נאָך זיין געבורט־שטאָט, וואָס געפינט זיך איינגאַנצן אייניקע קילאָמעטער פון אקערמאַן.

ער האָט שפּאַצירט אויף די ברעגעס פון דניעסטער און אריבער־געקוקט אויף דער צווייטער זייט, אַזוי נאָענט צו אדעס, צו יענע ערטער, וועלכע זענען אים געוועזן אַזוי ליב און טייער.

זשאַבאָטינסקי פלעגט זאָגן: "אָדעס איז נישט נאָר קיין געאָגראַפי־שער באַגריף. דאָס איז א גאַנצע וועלט־אַנשויאונג".

ווייל מער ווי יעדע אנדערע שטאָט אין דער וועלט, האָט דער דאָזי־קער ברך געפאָרמט דעם כאראַקטער און שטימונג פון יעדן איינעם וואָס איז געבוירן געוואָרן אונטער זיינע הימלען. פון אָדעס האָבן אירע קינ־דער געירשנט דעם גייסט פון דרייסטקייט און געוואַגטקייט, אָט דעם איי־דעלן מין פון אוואַנטורע, וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר שטרויכלונגען און אנערקענט נישט קיין שוועריקייטן אויפן וועג. די אָדעסער זענען גע־ווען „וועלט־בירגער" נישט אין נעגאַטיוון זין פון מאַנגל פון א פאָטער־לאַנד־געפיל, נאָר אין דעם אַלעם גוטן, וואָס שטעקט אין א מענטשן, וועל־כער קען זיך אויסגעפינען זיין פּלאַץ אויפן גאַנצן ערד־קוגל און וואָס איז מסוגל זיך אויסצוטרעטן א וועג אין לעבן מיט זיינע עלנבויגנס . אן אָדעסער — פלעגט זשאַבאָטינסקי זאָגן — וועט נישט פארלוירן ווערן. ער וועט נישט דערטרונקען ווערן אין שטראָם, וואָס פאַרכאַפּט דעם מענטשן. אן אָדעסער אין אן אויסטויגער, א טיפּ פון א מענטש וועלכער טויג זיך צו אַלץ און קען טאָן יעדער ארבעט — א שוואַרצע און ריינע, זיין א פּרינץ און א האָטעל־דינער .

די אָדעסער יידן, וועלכע זענען זייט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע גע־ווען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, זענען געווען ווי א „אָרדן" און זשאַבאָטינסקי איז געווען איינער פון זיינע הויפּטן. ארום אים האָבן זיי זיך אַלע קאָנצענטרירט, פּאַרטייאישע פריינט און קעגנער. אַלע. אַלע. און ער איז געווען צוגעבונדן צו זיי מיט אַ שטאַרקן האַרציקן געפיל.

ס'האָט אים קיינמאָל נישט געאַרט, ווען אַדעסער האָבן אים „פּאַרדרייט דעם קאָפּ” און אים צוגענומען זיין צייט. זיי זענען געווען פּריווילעגירט ביי אים. פאַר זיי איז זיין טיר שטענדיק געווען אָפן.

ער האָט זיך שטענדיק געפונען צווישן פּרעמדע מענטשן, טיילמאָל צווישן מענטשן, וועלכע ער האָט פריער נישט געקענט און נישט געזען. אָבער קיינמאָל האָט ער נישט ארויסגעוויזן קיין אויסערלעכע צייכנס פון בענקעניש א היים. זיין אָפּטע קאָרעספּאָנדענץ מיט זיין פרוי האָט אים פאַרטרעטן דעם ווילן צו זיין אין משפחה־קרייז. נאָר ימים־טובים־צייט, ווען ס'איז אים אויסגעקומען צו פאַרברענגען אין דער פרעמדס, ווייט פון זיין פרוי און זון, האָט ער זיך געשפּירט איינזאַם. פאַרשטייט זיך, הונ־דערטער מענטשן וואָלטן געווען גליקלעך, ווען ער וואָלט באַוויליקט אָנ־צונעמען זייער איינלאַדונג און פאַרברענגען ביי זייער טיש. אָבער יום־טוב האָט זיך אים געגלוסט צו זיין אין משפּחה־קרייז און צווישן זיינע נאָענטע פריינט.

ער איז נישט געווען קיין פרומער, אָבער ער האָט געהאַט פיעל פּיעטעט פאַר דער יידישער טראַדיציע. יידישע ימים־טובים זענען ביי אים געווען איינער פון די פיינסטע אויסדרוקן פון דער שיינער יידישער טראַ־דיציע. ווען ער פלעגט אונדז געבן צייטנווייז אָנווייזונגען וועגן דער דער־ציערישער ליניע פון בית"ר, האָט ער אונטערגעשטראָכן דעם ווערט פון יידישע ימים־טובים און אונדז געראַטן זיי צו פאַרוואַנדלען אין א קולט, און פלעגן זיי אין בית"ר. ער אליין האָט זיך זייער געפרייט צו פאַר־ברענגען די ימים־טובים טעג, באַזונדערס די סדר־נעכט פון פסח, אין משפחה־קרייז.

ווען זיי האָבן געלעבט אין פאַריז, בערך א צען יאָר, פלעגן זשאַבאָ־טינסקי און זיין פרוי אָפּריכטן דעם ערשטן סדר אין הויז פון ה' שניי־אורסאָן. דאָס איז א יידישע שיינע יחסנישע פאַמיליע, א סינטעזע פון אַריסטאָקראַטיש־רבניש און אַ מאָדערן אינטעליגענט־אייראָפּעיש הויז. די בעל־הבית"טע האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין הויז פון איר פעטער, דעם ליובאַוויטשער רבי. דער הויפּט פון דער משפחה איז געווען א „קאַ־זיאָנער” רב אין איינער פון די שטעט, אין תחום־המושב, אין צאַריש־רוסלאַנד. די פיר זין, מערסטנטייל בית"רים, האָבן באַקומען זייער ביל־דונג אין פראַנצויזישן פּאָליטעכניקום, און זענען געווען הויכע אָפיצירן אין דער פראַנצויזישער ארמיי. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז די פאַמיליע אָנגעקומען מיטן עמיגראַנטן־שטראָם קיין פאַריז, געהאַט דער־פאָלג אין די געשעפטן, און זייער הויז איז געוואָרן א צענטער פאַר דער

גייסטיקער עליטע פון יידנטום. אַ שיין יידיש הויז, אַ מישונג פון דער האַרציקייט, כאַראַקטעריסטיש פאַר די רוסישע יידן, מיט דער לייכטיקייט און שפּילענדיקייט פון פּאַריזער. די בעסטע יידישע עסקנים פון פּאַריז און חשובע געסט פון אויסלאַנד, וועלכע פאָרן דורך די פראַנצויזישע הויפּט־שטאָט, אַלע געניסן פון דער אויסגעצייכנטער גאַסטפריינדלעכ־קייט פון שניאורסאָנס הויז. די „סדר־נעכט" אין דער שטוב זענען געווען באַרימט. צו זיי פלעגן קומען זשאַבאָטינסקי און זיין פרוי, זלמן שניאור און זיין פאַמיליע, עפּרויקין פון די באַוווּסטע עסקנים אין מערב־אייראָ־פּעאישן יידנטום, און פיל נכבדים פון דער יידישער עדה אין פּאַריז. דער פּסח־סדר אין דעם הויז איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכע עראייגניש. ווען מען וואָלט פאַרצייכנט די געשפּרעכן, וואָס האָבן זיך געפירט ביים טיש, וואָלטן מיר געהאַט אַן אונגעהויער אינטערעסאַנטן ליטעראַרישן מאַטעריאַל. באַ־זונדערס איז די אויפמערקזאַמקייט געווען געריכטעט צו די געשפּרעכן צווישן זשאַבאָטינסקין און זלמן שניאורן, בפרט ווען ס'איז געווען באַ־קאַנט, אַז אין אַ געוויסער צייט איז דורך אַ „שוואַרצע קאַץ" צווישן זיי. אַמאָל, האָט זיך שניאור גערעכנט אַלס איינער פון זשאַבאָטינסקיס באַ־גייסטערטע אָנהענגער, און דער גרויסער דיכטער האָט אים געווידמעט זיין באַקאַנט ליד „ספּאַרטאַקוס". נאָר אין אַ געוויסער תקופה זענען קאַ־לע געוואָרן די באַציאונגען. פאַרוואָס האָבן זיך אָפּגעקילט די באַציאונ־גען צווישן זיי — אפילו זשאַבאָטינסקי האָט אויף דעם נישט געקענט געבן קיין תשובה. דער שרייבער פון די שורות האָט אים אַמאָל געפרעגט וועגן דעם. זשאַבאָטינסקי האָט געענטפערט מיט אַן אַקסל־צוג: „איך וויים נישט, אויף אַן אמת, איך וויים נישט". נאָר ביים „סדר" פלעגן זיי זיך טרעפן און שמועסן. די דאָזיקע שמועסן, וואָס זענען געווען געפּע־פערט מיט עלעגאַנטן הומאָר, זענען געווען אַ שיינע דעקאָראַטיווע ביי־לאַגע צום פיינעם „סדר".

אין די פּאַריזער טעג פלעגט מען דעם צווייטן „סדר" אָפּריכטן אין אַ יידישן רעסטאָראַן, אין יידישן קוואַרטאַל פון פּאַריז. אָט דער „סדר" איז געווען אַ ענג־פּאַרטייאישער. אין אים פלעגן זיך באַטייליקן די מיט־גלידער פון דער רעוויזיאָניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע און פון שלטון בית"ר. דער אַלטער ד"ר זיניאַווי טיאַמקין, אַ ציוניסט פון זיין פריער יוגנט, נאָר וואָס האָט געלעבט אין אַן אַסימילאַטאָרישער סביבה, האָט צו־ליב געוויסע באַדויערנסווערטע פאַמיליע־סיבות נישט געקענט פילן דעם טעם פון יום־טוב ביי זיך אין דער היים. ער פלעגט עס אָנרעדן מ'זאָל אָרגאַניזירן אַ „סדר" פאַר די לייטער פון דער באַוועגונג. זשאַבאָטינסקי

און זיין פרוי זענען, ווי געוויינלעך, געזעסן בראש פון טיש און האָבן אָנ־
געשטעקט אלעמען מיט א אטמאָספער פון פייערלעכקייט און פריילעכער
שטימונג.

ווען מיר זענען אריבער פון פאריז קיין לאָנדאָן, זענען נאָך ענגער
געוואָרן די פאמיליע־באציאונגען אין דער אויבערשטער ליטונג פון דער
באוועגונג. ימים־טובים־צייט פלעגט מען זיך צענויפקומען אין א הויז פון
איינעם פון די עקזעקוטיוו־מיטגלידער. אָפט ביי שלמה יעקובי אָדער
ד״ר שוואַרצמאַן, עליהם־השלום, אָדער צו לענגערע יאָר — ביי ש. לאנד־
מאַן, א באַקאַנטער ציוניסטישער אדוואָקאט, וואָס איז געווען אין די
ערשטע יארן נאָך דער באלפור דעקלאראציע סעקרעטאר פון דער ציוניס־
טישער עקזעקוטיווע אין לאָנדאָן און ווייצמאַנס אן אינטימער מיטאר־
בעטער. שפּעטער איז ער געווען יורים־קאָנסול פון דער נייער ציוניסטי־
שער אָרגאניזאציע.

די „סדר"־נעכט אין לאָנדאָן זענען באַזונדערס פייערלעך אָפּגעריכט
געוואָרן. זשאבאָטינסקי און זיין פרוי האָבן באקומען איינלאַדונגען צו
פארברענגען ביי באקאנטע די פסח־ אָוונטן, אָבער זיי האָבן אויסגעוויילט
צו זיין אין פאַמיליע־קרייז פון דער פּארטיי. אין הויפּט־ביור־
ראָ פון דער באַוועגונג אין לאָנדאָן האָבן געארבעט איניקע יונגע מענער
און פרויען, נאָך נישט חתונה־געהאטע, אָן פאמיליעס. און זשאבאָטינסקי
האָט נישט געוואָלט, אז אָט די נישט חתונה־געהאַטע זאָלן זיך פילן איינ־
זאם אין דער ריזיקער מעטראָפּאָליע, אין די אָוונטן פון פרייהייטס־יום־
טוב. ער וואָלט גערן איינגעלאדן אלעמען צו זיך, אָבער ער האָט צום באַ־
דויערן נישט געהאט קיין פּלאַץ אין זיין איינציקן צימער אין האָטעל
אויף א גרויסן צוזאמענטרעף.

כדי אלע זאָלן זיך פילן באקוועם און אָנגענעם, האָט ער באשלאָסן
אז דער „סדר" זאָל אָפּגעריכט ווערן אין ביוראָ פון דער עקזעקוטיווע,
אויף פינטשליי־ראוד. אין דער קליינער אָבער שיינער געביידע, אין צפון־
מייל פון לאָנדאָן, וואָס איז געשטאנען אין א גארטן, איז דעקאָרירט גע־
וואָרן דער גרעסטער צימער, דער הערצל־זאל (דאָרט פלעגן פאָרקומען,
ווי געוויינלעך, פּרעסע־קאָנפערענץ און קליינע פארזאַמלונגען) מיט לע־
בעדיקע בלומען, און די פרויען פון די עקזעקוטיוו־מיטגלידער מיט פרוי
זשאבאָטינסקי אין דער שפּיץ האָבן זיך איניקע טעג באשעפטיגט מיטן
צוגרייטן דעם „סדר". ס'איז געווען א טאַראַראַם. די לעצטע צוויי טעג
פאַר יום־טוב האָבן די דאַמען אפילו געשטערט דעם נאָרמאַלן ארבעטס־
לויף אין ביוראָ. לויט זשאבאָטינסקיס ווונטש האָט מען באפרייט אלע



די געביידע פון די רעוויזיאָניסטישע וועלט־אינסטיטוציעס אין לאָנדאָן.

פרייליינס פון דער ביוראָ־ארבעט, כדי זיי זאָלן קענען העלפן צוגרייטן דעם יום־טוב.

אין יידישן לאָנדאָן איז באקאנט געוואָרן די פארבערייטונג צום „סדר" און צענדליקער יידן האָבן אויסגענוצט אלע מינים „פראַטעקציעס", כדי זיך צו קענען באַטייליקן אין זשאַבאָטינסקיס „סדר". צום

באדויערן, האָט מען נישט געקענט אנטקעגנקומען אַלע בקשות, סיי צוליב מאַנגל אין פּלאַץ און סיי ווייל דער פּרעזידענט האָט אויסגעדריקט זיין ווונטש זיך צו געפינען אין דער יום־טוב נאַכט אין דער „פאַמיליע״־סביבה (אזוי האָט ביי אים געהייסן דער קרייז פון זיינע פריינט און מיט־ארבעטער).

צום „סדר״ זענען אַלע געקומען יום־טוב׳דיק. די דאַמען זענען געווען אין באַל־קליידער, און זשאבאָטינסקי — אין א פראַק. איידער די צערעמאָניע האָט זיך אָנגעהויבן איז ער ארומגעגאנגען אין די צימערן און זיך אונטערהאַלטן מיט זיינע מיטארבעטער, א דרייסיק פּערזאָן בערך, מיטגלידער פון דער נשיאות, שלטון בית״ר און די ביורא־באַאמטע מיט זייערע פרויען. ס׳איז איינגעלאַדן געוואָרן א חזן, וואָס האָט „קאָמאַנדער־וועט״ איבערן זאָגן די „הגדה״. דער הויפּט־משורר איז שטענדיק געווען אינזש. קאָפּעלאָוויטש, אַן עקזעקוטיוו־מיטגליד, א געוועזענער ישיבה־בחור אין דער יוגנט, א ייד א תלמיד־חכם וואָס האָט קאָנקורירט מיטן חזן מיט זיין שיינער שטימע. זשאבאָטינסקי האָט געשיינט פאר שמחה הערנדיק אונדזער כאָר. די שטימונג איז געווען זייער א געהויבענע. דער „סדר״ האָט געדויערט לאַנגע שעה׳ן, ביז באַגינען. יעדער איינער פון די טיש־זיצער האָט געמוזט זאָגן א „קורצן דרוש״ מעניני דיומא. אַלע האָבן זיך געקוילערט פאר געלעכטער, ווען די „גויים״ אין דער געזעלשאַפט, אייניקע פון די אָנוועזנדע, וועלכע האָבן זיך דערצויגן אויף א פרעמדער קולטור און זענען נישט געווען אזוי בקי אין די קליינע אותיות׳לעך — האָבן אויך געדאַרפט זאָגן „תורה״. זיי האָבן געמוזט, נעבעך, אָנשטרענגען זייער גאנצן כוח־הזכרון פון די קינדער־יאָרן, כדי זיך צו דערמאָנען עפּעס אין א סיפור, וואָס איז פאַרבונדן מיט פּסח. זשאַבאָטינסקי אליין האָט דערציילט לוסטיקע עפּיזאָדן, ערינערונגען פון זיינע פּסח־אוונטן אין פאַרשידענע לענדער, באַזונדערס אין די צייטן ווען ער האָט פאַרברענגט אין אמעריקע.

איין סדר נאַכט איז עס אויסגעקומען צו פאַרברענגען אויפן שיף, וואָס איז אָפּגעפאָרן פון אַמעריקע קיין אייראָפּע. מיט זיין פעליטאָניסטישן טאַלאַנט האָט ער געשילדערט א „יענקי״, א יידישן שוסטער פון רוסישע תהום־המושב, וועלכער האָט עמיגרירט קיין אמעריקע מיט א סך יאָרן צוריק. דאָרט האָט ער געמאַכט א פאַרמעגן, נאָר קיין לערנען איז ער נישט געוואָרן. ער האָט אָבער אויסגעזען, מיט א שיין באַוואַקסענעם בערדל, ווי א ייד אָנגעשטאָפּט מיט תורה, און א דאַנק דעם איז ער געוואָרן אויף דער שיף א „רב״. אויף דער שיף האָט מען אָפּגעריכט

א „סדר״ און פארשטייט זיך, אז מ׳האָט מכבד געווען דעם „רב״ מיטן פירן דעם „סדר״. דער דאָזיקער גוטמוטיקער ייד׳ל, וואָס האָט קוים גע־קענט „עברי״, האָט געמיינט אז אלע פּאַסאַזשירן זענען א זעלכע עם־הארצים ווי ער, און ער האָט געטיילט ביים „סדר״ פארשידענע כיבודים, אויסמישנדיק יידישע מנהגים פון פאַרשידענע ימים־טובים און פייער־לעכע געלעגנהייטן. אלע שיפס־אָפיצירן, וועלכע האָבן דעם „רב״ אָפּגע־געבן כבוד ־מלכים, האָבן ערשט ביים „סדר״ דערפאַרן וואָס פאר א „רב״ עס איז זייער פּאַסאַזשיר.

פסח 1939, ווען דער מארגנשטערן האָט זיך שוין באוויזן, זענען מיר ארויס פון דער וווּנדערבארער פייערלעכקייט, וועלכע די באַטייליקטע אין איר וועלן קיינמאָל נישט פארגעסן. מיר אלע, גליקלעך און צופרידן, האָבן באַגלייט אונדזער פּרעזידענט און זיין פרוי צו זייער האָטעל.

קיינעם פון אונדז האָט זיך נישט געחלומט, אז דאָס וועט שוין זיין דער לעצטער „סדר״ אין געזעלשאַפט פון דעם מענטשן, וועלכער איז אונדז געווען אַמטייערסטן אויף דער וועלט.

# אין דער פאַמיליע

## מאַדאַם זשאַבאָטינסקי

אָנהויב 1936, ווען די אויבערשטע אינסטיטוציעס פון דער וועלט־באַוועגונג זענען אריבער פון פאַריז קיין לאָנדאָן, האָבן פריינט איינגעאָרדנט אַ געזעגנונגס־באַנקעט לכבוד מאַדאַם זשאַבאָטינסקי, צוליב איר פאַרלאָזן די פראַנצויזישע הויפּט־שטאָט.

דער באַנקעט איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך די רעוויזיאָניסטן פון פאַריז, אין זאַל פון האָטעל „קאָנטינענטאַל". אויפן פּרעכטיקן באַנקעט איז אָנוועזנד געווען די גאַנצע ציוניסטישע „סמעטענע" פון שטאָט און שרייבערס פון דער רוסישער עמיגראַציע, וועלכע האָבן געוווינט אין פּאַריז און פלעגן באַזוכן די זשאַבאָטינסקי־פאַמיליע. זשאַבאָטינסקי, וואָס האָט שוין דאַן געוווינט אין לאָנדאָן (צוליב זיין פּאָליטישער טעטיקייט, איז ער פריער אוועק קיין ענגלאַנד און איבערגעלאָזט זיין פרוי צו ליקווידירן דאָס הויז), איז געקומען ספּעציעל צו דעם באַנקעט קיין פּאַריז. באַגריסונגס־רעדעס האָט מען געהאַלטן אין פיל שפּראַכן. אַלע האָבן באַצייכנט די פיינע אייגנשאַפטן פון זיין לעבנס־באַגלייטערין. זשאַבאָטינסקי אַליין האָט געשוויגן און נישט געעפנט דאָס מויל די גאַנצע צייט. ער האָט זיך צוגעהערט, ווי זיין פרוי, צו אַלע שבחים וואָס מ'האָט איר געטיילט פון אַלע זייטן. אין זיין געזיכט איז נישט געווען צו דערקענען קיין סימנים פון רעאַקציע. פּלוצלינג האָט זיך זיין פּנים געענדערט. מ'האָט דערקענט, אַז ער האָט אָנגעהויבן שיינען. ער האָט צוגעלייגט אַן אויער און אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט וואָס איז אַרויס פון מויל פון איינעם פון זיינע יונגע מיטאַרבעטער, וועלכער האָט באַגריסט מאַדאַם זשאַבאָטינסקי. דער יונגער באַגריסער האָט געזאָגט, אַז די יובי־

לאנטין איז ווערט באגייסטערונג נישט נאָר, ווייל זי נעמט אָן באהבה דעם שווערן לאסט פון א מנהיגס אַ פרוי, וואָס האָט נישט קיין רו אין זיין לעבן, נאָר ווייל זי האָט אים אויסגעוויילט אלס איר לעבנס-באגלייטער, און מיטן פולן ווִיסן האָט זי אים אויסגעוויילט, כאָטש זי האָט גאנץ גוט געוווּסט, אַז ביי זיין זייט וועט זי האָבן א שטורמישן לעבן, אַז זי וועט קיינמאָל נישט האָבן קיין רו, און אַז פיל ביטערניש וועלן זיי ביידע האָבן אין לעבן.

דער יונגער רעדנער האָט ציטירט א פראגמענט פון היינריך היינעס בוך „דער רבי פון באכראַך". „די שיינע שרה זאָגט פאָלגנדע ווערטער: מיין הער, אויב דו ווילסט זיין מיין ריטער, דאַן מוזטו קעמפן מיט פיל פעלקער. און אין אַזאַ קריג קען מען געניסן פון זייער ווייניק דאַנקבארקייט און נאָך ווייניקער כבוד. און אויב דו ווילסט אויך אָנטאָן מיינע פארבן, דאַן מוזטו זיך צונייען געלע רינגען אויף דיין מאנטל, און זיך צובינדן אַ גארטל מיט בלויע פאסן. ווייל די זענען מיינע פארבן, די פארבן פון מיין הויז, וואָס הייסט ישראל, וואָס איז זייער אומגליקלעך און איז היינט צו שאנד און צו שפּאָט אין דער וועלט".

ווען דער באנקעט האָט זיך פארענדיקט. איז זשאבאָטינסקי צוגעגאנגען צו זיין יונגן מיטארבעטער, אים וואַרעם געדריקט די האנט און געזאָגט: מיין פריינט, כ'האָב זיך זייער געפרייט צו הערן אייער טרעפלעכע און זייער געלונגענע ווערטער. דאָס איז די ריכטיקע אָפּשאַצונג.

* * *

פרוי זשאבאָטינסקי האָט שטענדיק געטראָגן מיט שטאָלץ די דערנערקרוין. צוזאמען מיט אים האָט זי געטראָגן די שווערע לאסט, און קיינמאָל האָט זי נישט ארויסגעלאָזט קיין קרעכץ און זיך נישט באקלאָגט אויף איר גורל, וואָס האָט איר פארבערייטערט אַזאַ שטורמיש לעבן, אָן מנוחה. זי האָט אפילו נישט געדאַרפט ער זאָל זי מוטיקן. זי האָט אים געמונטערט. שטענדיק האָט זי געשאפן ארום זיך אַן אַטמאָספער פון פרייליכקייט און פייערלעכקייט. איר איינציקער ציל אין לעבן איז געווען צו מאכן לייכטער זיינע ליידן, ארייַנצוגיסן טראָפּנס פון זיסקייט אין ביטערן כוס, וואָס ער האָט געטרונקען זיין גאנץ לעבן.

זי איז געווען זייער א עלעגאנטע, מיט א פיינעם עסטעטישן געשמאַק. האָט זיך געקליידעט מיט פיל טעם. אין די באַרימטע „ראַזסוויעט"-בעלער אין דער פראנצויזישער הויפּט-שטאָט, וועלכע זענען געוואָרן יערלעכע

טראַדיציעס, האָט זי געשיינט מיט איר עלעגאַנטקייט. אָבער זי האָט זיך קיינמאָל נישט געקליידערט ר י י ך. זיי האָבן געקענט לעבן אין רייכטום, נאָר ער האָט זיך נישט געיאָגט נאָך דעם. פון וואָס ער האָט פאַרדינט אַרבעטנדיק שווער, פלעגט ער אָפּגעבן פאַר דער פּאַרטיי א גרויסן טייל, און זי האָט אַלץ פאַר ליב גענומען. קיינמאָל האָט זי נישט געמאַכט די מינדסטע באַמערקונג. זיין אויפפירונג איז פאַר איר געווען א נאַטירלעכע זאַך. דעריבער האָבן זיי נישט געהאַט קיין רייך־איינגעריכטעטע וווינונג, נישט קיין מעבל, נישט קיין געשיר. דאָך איז זי שטענדיק געווען צופרידן און פריילעך, אַזוי ווי זי וואָלט געווען די גרעסטע גביר'טע. זי איז געווען גליקלעך. גליקלעך אין דער אָרימקייט און פּיין. גליקלעך אפילו דאַן ווען זי איז געבליבן איינזאַם לאַנגע חדשים און אָפּטמאָל אויך יאָרן, ווען ער פלעגט אַרומפאָרן איבער דער וועלט און זייער בן־יחיד איז אויך נישט געווען מיט איר. זי האָט געלעבט איינזאַם לאַנגע מאָנאַטן אין גרויסע כרכים. אָבער אויך אין איר איינזאַמקייט איז זי געווען צופרידן: דער גורל האָט איר באַשטימט צו זיין די לעבנס־באַגלייטערין פון זאב זשאַבאָטינסקי, פון מנהיג פון יידישן פאָלק. זי האָט געפילט, אַז די השגחה האָט אויך אויף איר אַרויפגעלייגט א שווערע לאַסט, אַ פליכט וואָס נאָר זייער ווייניקע אין דער גאַנצער וועלט זענען מסוגל אויסצופירן, און זי האָט דערפילט איר פליכט מיט טרייהייט, ליבע און איבערגעגעבנקייט.

ער האָט איר ליב געהאַט מיטן גאַנצן ברען פון זיין נשמה צוליב אירע פיינע אייגנשאַפטן. איר פּיקחות איז געווען א מוסטער־האַפטע. זי איז געווען א גלענצנדער פּסיכאָלאָג, וואָס האָט גוט געקענט די מענטשלעכע נשמה. פון איין געשפּרעך מיט אַ מענטשן איז זי געווען פעאיג אים טרעפלעך אָפּצושאַצן און כאַראַקטעריזירן. ער האָט זייער געשעצט די דאָזיקע אייגנשאַפט אירע, און פלעגט שטענדיק פרעגן איר מיינונג וועגן מענטשן, וועלכע זיי האָבן באַגעגנט. מ'מוז מודה זיין, אַז זי האָט כמעט קיינמאָל נישט געהאַט קיין טעות אין איר אָפּשאַצונג. אויף דעם געביט האָט איר געהאָלפן די אינטואיציע, וואָס איז ביי איר אין אַן אויסערגעוויינלעכער מאָס געווען אַנטוויקלט. איך געדענק: ווען מיר פלעגן זיך צענויפקומען אין זייער פּריוואַטער וווינונג צו א זיצונג פון שלטון בית"ר (די זיצונגען פון דער בית"רישער וועלט־לייטונג אין דער פּאַריזער תקופה זענען כמעט שטענדיק פאָרגעקומען אין זייער פּריוואַטער וווינונג) און מיר פלעגן באַהאַנדלען א שווערן און קאָמפּליצירטן פּראָבלעם, וואָס מיר האָבן נישט געקענט לייכט לעזן, פלעגט ראש־בית"ר זיך נוהג זיין איינצולאַדן זיין פרוי אין צימער וווּ ס'איז פאָרגעקומען די זיצונג. זייער קורץ און

פּרעציז פלעגט ער פאַר איר רעפערירן דאָס פּראָבלעם און איר זאָגן: „זאָג אונדז, אנילי, ווי וואָלסטו באשלאָסן אין אזא פאַל?״ מיטן שנעלן דענקען, מיט איר לאָגישער אויפפאסונג און אינטואיטיווער סובטיליטעט פלעגט זי ארויסזאָגן א מיינונג. און מיר האָבן זיך נאכהער איבערציינט, אַז זי איז געווען גערעכט.

אין די פּארטיי־ענינים פלעגט זי זיך נישט אריינמישן. ווען זייער בן־יחיד איז אוועקגעפאָרן זיך צו באזעצן אין ארץ־ישראל, און זיי זענען גע־בליבן אליין, פלעגט זי קומען מיטן מאן צו די זיצונגען פון דער עקזע־קוטיווע. די זיצונגען פלעגן זיך שלעפּן טיילמאָל לאנגע אוונטן און נעכט און ער האָט זי נישט געוואָלט לאָזן אליין אין דערהיים.

זי איז געזעסן און נישט ארויסגעלאָזט קיין וואָרט פון מויל. מיט איבערמענטשלעכער געדולד פלעגט זי זיצן ביז שפּעט אין דער נאכט עט־לעכע מאָל אין דער וואָך. און זי האָט דאָן געקענט פארברענגען אין טע־אטער, אין קינאָ אָדער אין געזעלשאפט, ווייל זיי האָבן געהאט פיל באַ־קאנטע אומעטום. זי איז אָבער געזעסן נעבן אים.

זי האָט אים אָפּגעהיט ווי דעם שווארצאַפּל פון אויג. געזאָרגט עס זאָל אים גאָרנישט פעלן. אז זיינע קליידער זאָלן שטענדיק זיין ריין, געפּוצט און געפּרעסט. זיינע בגדים זענען געווען גענייט אין דער פאריזער פירמע „גאלארי לאַפאַיעט״, און זי האָט אים אפילו נישט געוואָלט פיל מטריח זיין, ווייל זי האָט געוווסט ווי טייער זיין צייט איז. אליין פלעגט זי אויס־קלויבן די פּאסיקע פאַרב און דעם שטאָף און באשטעלן זיינע אנצוגער.

ווען ער האָט זיך געגרייט אין וועג — און אזוי אָפט פלעגט ער אי־בערלאָזן זיין פרוי און פאָרן קיין אויסלאנד — האָט זי פארברענגט לאנ־גע נעכט אָן שלאָפן. געפּאקט און איינגעאָרדנט זיינע זאכן, גענייט און פאַ־ריכט, און אָלץ מיט געשמאק און געלאסן. אויך ער פלעגט דאן נישט גיין שלאָפן. כל זמן זי איז געווען וואך, איז ער געזעסן מיט איר אין די שפּע־טע נאכט־שעהן. ער, ווי שטענדיק, געשריבן, געלייענט אָדער געשמועסט מיט איר, און זי האָט זיך געטאָן איר ארבעט. און שטענדיק — אין א גו־טער שטימונג, נישט אין א ביליגער קינסטלעכער לוסטיקייט, נאָר מיט א רואיקער פרייד, וואָס דרינגט ארויס פון די נשמה־טיפענישן, וואָס צעלייגט זיך איבער אַלע ווינקעלעך פון צימער און שטראַלט ארויס מיט אַ ליכ־טיקייט. ריין, ציכטיק און פיין. די פריילעכקייט וואָס שאפט א גוטע שטימונג, א שטימונג צו שאפן, צו דענקן און צו טאָן. ס'איז וואַרעם גע־וואָרן אויף דער נשמה, ווען דו פלעגסט אריינגיין צו זיי אין דערהיים. — צי דאָס איז געווען אין די „גוטע״ פאריזער טעג אין זייער פיר צימער־

דיקער וווינונג אָדער ווען דאָס איז געווען נאָר איין צימער, אין לאָנדאָ־נער האָטעל. א וואַרעמקייט, וואָס די הויז־ווירטין האָט פון זיך ארויס־געשטראַלט, האָט אזוי אנגענעם געמאַכט דאָס זיצן אין דער היים און וואָס האָט פאַרשאַפט אַזויפיל פאַרגעניגן אַלע די, וועלכע האָבן געהאַט דעם זכות זיך צו פאַרעכנען צווישן זייערע נאָענטע פריינט.

זי איז געווען זייער גאַסטפריינטלעך, א סינטעזע פון אריסטאָקראַ־טיע און פשטות. דעריבער האָבן זיך אין דעם הויז גוט געפילט אַלע, סיי גרויסע וועלט־מענער און סיי יידישע עסקנים, וועלכע פלעגן קומען זיי באַ־זוכן און אויך סתם יידן, וועלכע זענען איינגעלאַדן געוואָרן צו זיי אויף א גלאָז טיי. מאַדאַם זשאַבאָטינסקי פלעגט זיך אינטערעסירן מיט יעדן גאַסט, געפינען פאַר יעדן איינעם זיין שפּראַך. זיין סטיל און די טעמע וואָס איז אים נאָענט צום הארצן (אגב: זי האָט אויך געקענט זעקס שפּראַכן) און פלעגט שאַפן אַן אַטמאָספער פון לייכטקייט, אָן דער אָנגעצויגנקייט פון שטייפע קראַגנס, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר סנאָבישע הייזער. אַן אינטעליגענטע און א געבילדעטע (זי האָט געענדיקט אַן אוניווערזי־טעט אין בעלגיע), באַהאַוונט אין די סובטילסטע געזעלשאַפט־מנהגים, דע־ליקאַט אין איר באַנעמונג און אַן אריסטאָקראַטין פון גייסט פלעגט זי שמועסן פריינדלעך אפילו מיט דער הויז־וועכטערין. קומענדיק אין ביור־ראָ באַזוכן איר מאַן, פלעגט די הויז־וועכטערין זי אָפּהאַלטן אויפן שוועל, איר איינלאַדן אין קיך, אָפּרעדן זיך פאַר איר דאָס הארץ, און ווייזן די ווירטשאַפט. ווען דער הויז־וועכטער פון אונדזער ביוראָ איז געשטאָרבן, האָט זיך מאַדאַם זשאַבאָטינסקי באַשעפטיקט מיט קבורה־איינריכטונגען און זי מיט זשאַבאָטינסקין האָבן געפירט דער גוישער אַלמנה אונטערן האַנט נאָכן ארון פון וועכטער און זי איז אויך געגאַנגען אויפן קריסטלעכן בית־עלמין, פיל קילאָמעטער ווייט פון לאָנדאָן־צענטער.

באַזונדערע פריינטשאַפט־באַציאונגען האָבן געהערשט צווישן פרוי זשאַבאָטינסקי און די יונגע פרייליינס־באַאַמטע, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די פאַרשידענע אינסטיטוציעס פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. זיי האָבן געהאַט א געוווינהייט צו קומען צו איר, דערציילן זייערע אינטימע סודות, אויסגיסן פאַר איר זייער ביטער הארץ, ביי א ליבע אָדער פאַמי־ליע־שוועריקייטן, און געוואַרט אויף איר עצה. מיט א סך לעבנס־פּראַק־טיק, מיט קלאָרן שכל און איידעלן געפיל, האָט זי זיי תמיד געהאָלפן מיט א גוטן ראַט, אָפט פאַרמיטלט צווישן זיי און זייערע פאַרטנערן און נישט איינע פון אירע יונגע באַקאַנטע איז איר שולדיק א דאַנק, ווייל זי האָט איר געהאָלפן צו געפינען איר גליק אין לעבן.

אין די ערשטע יארן, ווען די וועלט־עקזעקוטיווע האט זיך געפונען אין פאריז, איז געווען א מנהג זיך צוזאמענצוקומען אלע שבת־צו־נאכטס אין דער בארימטער ארטיסטן־קאפע „קופאל" אויף מאנפארנאס. דער אויבערשטער שטאק איז געווען פארנומען מיט רעוויזיאניסטן און זייערע פרויען און באקאנטע פון ביידע געשלעכטער. שבת־צו־נאכטס פלעגט אויך די זשאבאטינסקי־פאר קומען אין דעם קאפעהויז, כדי צו זיין אין דער „פאמיליע". ס'איז געווען א „געזעץ" נישט צו רעדן דעם אוונט וועגן פאליטיק אדער פארטיי־ענינים, נאר צו שמועסן וועגן „דברים בטלים", וועגן דאס און יענץ און גארנישט. מאדאם זשאבאטינסקי און איר מאן זענען געווען אין די אויגן פון אלע פארזאמלטע ווי א מאמע און א טאטע פון א גרויסער משפחה.

זשאבאטינסקי און זיין פרוי האבן געהאט פיל געמיינזאמע כאראקטער־שטריכן. דער וויכטיקסטער פון זיי איז געווען — מוט. אויך זי ווי איר מאן האט נישט געוווסט וואס ס'הייסט שרעק און האט געקענט קוקן די סכנות גלייך אין די אויגן אריין. זיין לעבן איז דאך געווען פול מיט ליידן און זי איז געווען א שותפ'טע צו דעם לעבן אן קווענקלענישן און אן פחד. אין איר פריוואטן ארכיוו איז געלעגן א קליינער שילדל פון עמאל. וואס זי האט לאנגע יארן אפגעהיט ווי אן אויג אין קאפ: דאס איז געווען דער נומער פון ארעסטאנט זשאבאטינסקי, וואס איז אים געהאנגען אויפן מאנטל. אין 1920, ווען מ'האט געפירט דעם פארטיידיקער פון ירושלים געשמידט אין קייטן איבער די גאסן פון דער הויפט־שטאט, אויפן וועג אין טורמע, איז נאך אים נאכגעלאפן זיין פרוי און נעבן איר — זייער קליין יינגעלע. זי האט זיך צו אים שנעל דערנענטערט, איינגעראמט א סוד אין אויער און בשעת מעשה אראפגענומען דעם ארעסטאנטן־נומער פון אים, וואס איז ביי איר פארבליבן אלס אנדענק.

אזוי ווי דאן, אויך אין אלע אנדערע פאלן, האט זי אויפגענומען איר גורל מיט ליבע און איז ביי זיך נישט אראפגעפאלן.

אין די צייטן, ווען זיינע פינאנסיעלע מיטלען זענען נישט געווען אזוי באגרענעצט און ס'האט נישט געפעלט דער גראשן אין קעשענע, פלעגט אים זיין פרוי באגלייטן אין זיינע רייזעס, באזונדערס צו קאנגרעסן און וועלט־קאנפערענצן. ער האט זיך געפילט גוט, ווען זי איז געווען נעבן אים. אן איר, אפילו זייענדיק ארומגערינגלט פון פיל מענטשן, האט ער טיילמאל געפילט אן איינזאמקייט. כ'געדענק, איינמאל אין לאנדאן. מאדאם זשאבאטינסקי איז ארויסגעפארן אויף אייניקע טעג קיין פאריז. זי איז דאן נישט געווען ביים פולן געזונט. ער איז געווען צוליב

דעם פאַרזאָרגט. מיר דאַכט, אַז די איינציקע זאַך, וואָס פלעגט אים אַמאָל אַריינברענגען אין אַ שלעכטע שטימונג, איז געווען זיין פרוים געזונט־צושטאַנד. אין אַלע אַנדערע פאַלן איז ער געווען דורכגעדרונגען מיט פיל אָפּטימיזם און האָט אַלעמען געמוטיקט אַפילו אין די שווערסטע שעה'ן. נאָר ווען זיין פרוי איז נישט געווען געזונט, האָט ער נישט געקענט פאַרבאַהאַלטן זיין זאָרג און צער. יעדן טאָג האָט ער טעלעפאָנירט צו איר פון לאָנדאָן קיין פּאַריז און גערעדט מיט איר. און אין אוונט, ווען ער האָט געענדיקט זיין אַרבעט, האָט ער זיך נישט געקענט געפינען קיין מקום־מנוחה. פיל פריינט האָט ער געהאַט אין לאָנדאָן. באַזונדערס האָט ער זייער גערן געהאַט דעם פאַרשטאָרבענעם יעקובים הויז. אָבער אין די טעג האָט ער נישט געקענט באַזוכן אַפילו זיינע גוטע פריינט, דאַן פלעגט ער איינלאַדן זיין סעקרעטאַר און שפּאַצירן מיט אים איבער די לאָנדאָנער גאַסן. שעה'ן־לאַנג פלעגן זיי זיך אַרומדרייען אין די גאַסן פון ריזן־כּרך, גאַס איין גאַס אויס, אַריינגיין אין אַ קינאָ, און זיצן אין אַ קאַפע־הויז. דער גערויש פון זאָרגלאָזע מענטשן האָט אַ ביסל פאַרטריבן פון אים די אומעטיקע מחשבות.

ווען מאַדאַם זשאַבאָטינסקי פלעגט דאַרפן צוריק קומען קיין לאָנדאָן, האָט ער קיינמאָל נישט פאַרפעלט איר אָפּצוּוואַרטן ביי דער באַן־סטאַציע. ווינטער קומען פאַר אָפט פאַרשפעטיקונגען פון די צוגן, צוליבן נעפּל און שלעכטן וועטער. נישט איינמאָל האָט ער געוואַרט מער ווי אַ שעה אויף דער וויקטאָריאַ באַן־סטאַציע ביז דער צוג וואָס האָט געפירט זיין פרוי איז אָנגעקומען. דאַן פלעגט ער אַריינגיין אין באַן־בופעט, קויפן אַ בוך, געוויינלעך אַ דעטעקטיוו־ראָמאַן, און שלינגען די בלעטער ביזן אָנקומען פון צוג.

ווען זיין פינאַנסיעלע לאַגע איז נישט געווען איבריקנס גוט — ס'איז געווען אַ לענגערע תקופה ווען ער האָט איבערגעריסן זיין זשורנאַליסטישע אַרבעט אין וואַרשע און ניו־יאָרק — האָט ער געמוזט לאָזן זיין פרוי אין דערהיים, בשעת ער איז אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד. טראָץ איר שווערע איינזאַמקייט אָן אים, האָט זי אים קיינמאָל נישט געפּרוווט אָפּצורעדן פון זיין רייזע. אַפילו ווען ער האָט געדאַרפט אַרויספאָרן אויף אַ לענגערע תקופה, צום ביישפּיל קיין דרום־אַפריקע אָדער אַמעריקע — האָט זי אויפגענומען זיין מיטטיילונג וועגן זיין רייזע אָן שום באַמערקונגען. און נישט נאָר דאָס. זייענדיק אָנוועזנד ביי די זיצונגען פון דער עקזעקוטיווע און הערנדיק אָפט די באַשלוסן וועגן אַ נייער פּראָפּאַגאַנדע־רייזע פון פּרעזידענט, פלעגט זי נישט מאַכן קיין באַמערקונגען. זי

האָט גוט געוווּסט, אַז דאָס וואָס ער טוט — טוט ער פאַרן ווייל פון זיין פאָלק, דעריבער דאַרף זי זיך נישט קעגנשטעלן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז טראָץ זיין ליבע און איבערגעגעבנקייט צו זיין פרוי, פלאַקערט ביי אים אין האַרצן אַ צווייטע ליבע, אַ שטאַרקערע, די ליבע צו זיין אומגליקלעכן פאָלק און אַ גרענעצלאָזער באַגער אים צו העלפן. דעריבער האָט זי מקבל באהבה געווען יעדן טאָט זיינעם, אויך ווען בלויז זי האָט געמוזט דערפון ליידן. זי האָט ליב געהאַט איר פאָלק און לאַנד און פאַרשטאַנען, אַז אמתע ליבע דריקט זיך אויס אין קרבנות. אויף דעם געביט, איז זי געווען אַ פולער שותף צו זיינע פיל מעשים. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איר פּערזענלעכן גליק און פּריוואַטן לעבן, כדי דער מאַן אירער זאָל זיך קענען ווידמען זיין אידעאַל אָן שטערונגען.

אין איר הומאָרפולן אופן פון רעדן האָט זי אַמאָל געזאָגט לעווינסאָנען, אַ נאָענטער פריינט פון דער זשאַבאָטינסקי-פאַמיליע, מיט אַ וויץ: „דאָס נעענסטע מאָל מאַכט מיר נישט חתונה מיט קיין ציוניסט. ער איז קיינמאָל נישט אין דערהיים. מיט עטלעכע חדשים צוריק האָב איך געביטן מיין פאַריזער וווינונג. איך האָב אָנגעקוקט דעם אַלטן פראַנצויז און מיך געטראַכט: נאָך דער אַרבעט וועט ער גיין אין אַ באַר, וועט זיך אָנשכורן און קומענדיק צוריק אַהיים, וועט ער אפשר מכבד זיין זיין ווייב מיט אַ פּאָר קלעפּ. אָבער ער וועט זיין אין דערהיים. מיין מאַן איז זעלטן אין דערהיים".

איר זעעלישע גבורה איז ווירקלעך ווערט צו דינען אַלס ביישפּיל. כ'ווייס נישט, צי די אייגנשאַפטן אירע זענען געווען איינגעבוירענע אָדער זיי האָבן זיך געפאַרעמט אין משך פון די דריי און דרייסיק יאָר פון זייער צוזאַמענלעבן. נאָר זי האָט זיך אַרויסגעוויזן אין יעדן פאַל און ביי יעדער געלעגנהייט ראוי צו זיין זיין לעבנס-חבר'טע.

איינמאָל, זיצנדיק אין זיין אַרבעטס-צימער אין דער לאָנדאָנער ביוראָ, איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע, אַז זייער איינציקער זון, ערי, איז אַרעסטירט געוואָרן אין ירושלים דורך דער בריטישער פּאָליציי פאַר זיין נאַציאָנאַלער טעטיקייט. פרוי זשאַבאָטינסקי איז דאַן געווען ביי זיך אין דערהיים. ער האָט אויפגענומען די ידיעה וועגן אַרעסט פון בן-יחיד מיט זיין קלאַסישן מוט. אָן ספק, איז ער געווען טיף גערירט. אָבער נאָר אויף אַ קורצן מאָמענט האָבן מיר באַמערקט אַז זיין געזיכט האָט זיך געענדערט. אין אַ מינוט אַרום איז ער געווען צוריק דערמוטיקט און אונדז איבערגעגעבן די אינפאָרמאַציע מיט אַ זעעלישער רוהיקייט און אין אַ טאָן, אין וועלכן ס'האָט זיך געהערט אַן אָקטאַווע פון שטאָלץ, אַז ער האָט זוכה געווען, און זיין זון גייט אין זיינע דרכים. שפּעטער האָט ער אַראָפּגע-

נומען דעם טעלעפאָן־טרייבל און געבעטן זיין פרוי צו קומען אין ביוראָ. ווען זי איז אריינגעקומען (מיר אלע, די מיטגלידער פון דער וועלט־עקזע־קוטיווע און פון שלטון בית״ר זענען געווען אין דעם מאָמענט פארזאמלט אין זייער צימער) — האָט ער, ווי מיר אלע, זיך אויפגעשטעלט (שטענדיק ווען זיין פרוי איז אריינגעקומען, פלעגט ער זיך אויפשטעלן) און האָט איר איבערגעגעבן קורץ און אין א רואיקן טאָן דעם אינהאלט פון דער טע־לעגראמע. איר ערשטע אימפולסיווע רעאקציע איז, פארשטענדלעך געווען, טרערן. זי האָט אָנגעהויבן שטיל וויינען. זעענדיק אירע טרערן האָט ער זיך אָנגערופן: „פארוואָס וויינסטו, אנילי, מ׳דאַרף נישט וויינען״. באלד האָט זי אָפּגעווישט אירע טרערן און זיך בארואיקט. אויך זי איז מונטער גע־וואָרן, געבעטן טעלעפאָנירן צום הויפּט־ביוראָ פון דער יידישער טעלע־גראַפן־אַגענטור, זיך צו דערוויסן איינצלהייטן, און זי איז אריינגעפאלן אין א גוטער שטימונג. די לעזערס וועלן זיך נישט וואונדערן, אז עטלעכע טעג נאָך דעם ווי די ידיעה פון אַרעסט איז אָנגעקומען, האָט מאדאַם זשאַ־באָטינסקי איינגעאָרדנט אן אָוונט לכבוד דעם געבורטסטאָג פון איר בן־יחיד, וועלכער איז דאַן געווען פארשפּאַרט אין עכו׳ר תפיסה. דער אָוונט איז געווען באשטימט פארן ענגן קרייז פון די ביוראָ־ארבעטער — א דריי־סיק פּערזאָן — און די גאַסט־געבער זענען געווען אין א גלענצענדער שטי־מונג. ס׳איז געווען פיל משקאות, און די בעלי־בתים זענען ארומגעגאנגען פון גאַסט צו גאַסט, געשמועסט מיט יעדן איינעם פריינטלעך און די אַט־מאָספער איז געווען אן אויסגעצייכנטע.

א וואָך שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז ווען מיר האָבן אָלס זשאַבאָטינסקים געסט אין לאָנדאָן פארברענגט אויפן באנקעט, זענען די נאציאָנאלע אַרעסטאנטן אין עכו, מיט ערי זשאַבאָטינסקי, געווען אין א הונגער־שטרייק.

ס׳איז נישט קיין וואונדער, אז אין באגריסונגס־בריוו צום נציב פון פּוילישן בית״ר, מנחם בעגין, וועלכער האָט מיטגעטיילט דעם ראש־בית״ר אז ער איז געוואָרן א חתן און געבעטן א פאָרמעלע דער־לויבניש חתונה צו האָבן, האָט זשאַבאָטינסקי אים געשריבן פאָלגנדע שור־ רות: „מיין פריינט! כ׳האָב געהאט אין מיין לעבן גוטע טעג, און אויך זייער גוטע טעג. אָבער דער בעסטער איז געווען יענער טאָג אין 1907, ווען כ׳האָב אָנגעטאָן א פינגערל אויף א פרוים פינגער און כ׳האָב איר געזאָגט די ניין העברעאישע ווערטער״.

פרוי זשאַבאָטינסקי האָט, ווי געזאָגט, זיך נישט געמישט אין פּאָ־ליטיק. אָבער יעדעס מאָל, ווען ער האָט געדאַרפט אננעמען וויכטיגע

גורל׳דיקע באשלוסן, איז זיין ערשטע ארבעט נאכן אָנגענומענעם באשלוס געווען — שיקן א טעלעגראמע צו זיין פרוי.

י. לעווינסאָן פון דרום־אפריקע, א געבוירענער אין לעטלאנד, אין לאנד וווּ ס׳איז געשטאנען די וויג פון בית״ר, אן אינטימער פריינד פון דער זשאבאָטינסקי־פאמיליע און אין די צוואנציקער יאָרן — זיין סעקרעטאר, דערציילט אין א קאפיטל זכרונות אז ווען דער גרינדער פון לעגיאָן האָט באשלאָסן אין 1917 אריינצוטרעטן אליין אין לעגיאָן, האָט ער טעלעגראפירט זיין ווייב פון לאָנדאָן אין פעטערבורג בעטנדיק איר הסכמה. מאדאם זשאבאָטינסקי האָט געענטפערט מיט איין וואָרט אין רוסיש „בלאָגאָסלאוויאיו״ („איך בענטש דיך!״).

שלמה זאלצמאן עליו השלום, זיינער א יוגנט־פריינט, דערציילט אין א קאפיטל זכרונות, אז ווען זשאבאָטינסקי האָט באשלאָסן אין יאָר 1923 צו פארלאָזן די ציוניסטישע עקזעקוטיווע, האָט ער אויפגעוועקט זאלצמאנען פון שלאָף און אים געזאָגט: קומט, מיר וועלן שיקן א טעלעגראמע צו מיין פרוי! אויך אין יאָר 1933, נאָך דער קאטאָוויצער קאָנפערענץ, וואָס האָט געבראכט צו דער שפאלטונג מיט דער גרופע, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט ארום מאיר גראָסמאן, איז די ערשטע זאך וואָס זשאבאָטינסקי האָט געטון — געשיקט א טעלעגראמע צו זיין ווייב. פון רעוויזיאָניסטישע קאָנפערענצן און פון בית״ר־צוזאמענפליען, אין וועלכע זי איז פער־צופאל נישט געווען אָנוועזנד, פלעגט ער שרייבן יעדן טאָג זיין ווייב בריוו און פּאָסט־קארטלעך. זי האָט אזוי ווי ער ליב געהאַט בית״ר און די בית״רים זענען געווען אויך אירע קינדער. אין א קארטל פון א בית״ר־וועלט־קאָנפערענץ האָט ער איר געשריבן: „איך זיץ און שעפּ פיל נחת פון אונדזערע קינדער. א שאָד, א גרויסער שאד וואָס דו ביזט דאָ נישט אָנוועזנד!״. זיין ליבע צום בית״ר איז געווען אן אָנשטעקנדע און א פלאמענדע, און די ערשטע וואָס האָט זיך אָנגעשטעקט מיט דער ליבע איז געווען זיין פרוי. צו דער גרופּע פון די בית״ר־פירער, וועלכע האָבן געארבעט נעבן אים, האָט זי זיך באצויגן מיט באזונדערער סימפּאטיע און זיך באטייליקט אין זייערע זאָרגן. אָבער דאָס איז נישט געווען א פּלאטאנישע באטייליקונג. זי האָט זיך שטענדיק באמיט לייכטער צו מאכן דעם יאָך פון די בית״ר־לייטער, און ווען מ׳האָט געדארפט האָבן געלט צו פירן די אַרבעט, פלעגט זי ארומלויפן אין פארשידענע ערטער שאפן מיטלען. ביי די אויבערשטע רעוויזיאָניסטישע אינסטאנצן, ווען ס׳האָט זיך געהאנדלט וועגן בודזשעט, איז זי געווען די אַמבאַסאַדאָרין פון בית״ר. איר ווארעמע באציאונג צום בית״ר האָט זיך באזונדערס ארויס־

געוויזן אין די איניקע יאר, ווען זי איז געשטאנען אין שפּיץ פון וועלט־ביוראָ פון קרן־תל־חי.

אלס א גלענצענדע בעל־הבית׳טע, האָט זי געהאַט פיל פארשטענדניש פאר ארגאניזאציע און ארדנונג. ווען זייער בן־יחיד איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל, און זי איז געבליבן אליין, האָבן איר די פירער פון דער באַוועגונג פארגעשלאָגן זי זאָל איבערנעמען די ביוראָ־לייטונג פון וועלט־קרן־תל־חי. צום אָנהויב האט זי זיך געקווענקלט, נאכהער איינגעשטימט און איבערגענומען די ארבעט.

זשאבאָטינסקי האָט שטענדיק געהאלטן, אז די פרויען זענען געבענטשט מיטן טאלאנט פון ארגאניזאציע. אין איינעם אן ארטיקל זיינעם וועגן דער באדייטונג פון דער פרוי ברענגט ער ביישפּילן פון דער וועלט־געשיכטע, וועלכע פארפעסטיקן אָט די מיינונג זיינע. די גלענצענדסטע תקופות אין דער געשיכטע פון גרויס־בריטאניען זענען געווען, ווען צוויי פרויען זענען געזעסן אויפן קעניגלעכן שטול: עליזאבעט און וויקטאָריא. אויך אין רוסלאנד איז דאָס לאנד דערגאנגען צו איר העכסטער פּעריאָדע פון גרויסקייט אין די צייטן פון דער קעניגין יעקאטארינא.

אין אלגעמיין האָט ער זייער געשעצט פרויען. דעם „אני מאמין" וועגן זיין באציאונג צום שיינעם געשלעכט האָט ער אַמאָל אויסגעדריקט אין פאָלגענדן זאַץ: „איך האָב אן איינגעשאפט פון די נאָרדישע פעלקער, פאר וועלכע איך בוק זיך: צו רעספּעקטירן און שעצן פרויען. כ׳בין זיכער, אז יעדע מיטלמעסיקע פרוי איז א מלאך. און ס׳איז נישטאָ קיין אויסנאַם. אויב זי האָט זיך נישט אנטפּלעקט אַלס א זעלכע — האָט זי זיכער זיך נאָך נישט געמוזט אנטפּלעקן. אז ס׳וועט קומען א געלעגנהייט, וועט איר זיך איבערצייגן".

די דאָזיקע מיינונג וועגן דער פעאיקייט פון דער פרוי האָט געבראכט דערצו, אז ער האָט זיך באצויגן צו זיין פרויס עקספּערימענט מיט „פריינטשאפטלעכער נייטראליטעט", האָבנדיק די אמונה אז אירע אייגנשאפטן וועלן מיטהעלפן צו אנטוויקלען די אינסטיטוציע, אין וועמענס שפּיץ זי האָט זיך געשטעלט. זי האָט ווירקלעך גענומען אויף זיך א זייער שווערן לאַסט און איז אויסגעפילט מיט מוטערליכער איבערגעגעבנקייט.

מיט פלייסיקייט און פּינקטלעכקייט און מיט א טיפן געפיל פאר דיסציפּלין, וואָס איז געווען כאראקטעריסטיש אויך פאר איר מאַן, פלעגט זי קומען באַלד אין דער פרי אין ביוראָ און אַפּארבעטן א גאנצן טאָג ביז שפּעט אין אָוונט. זי האָט געארבעט, אזוי ווי איר מאַן, נישט נעמענדיק קיין געהאלט און ס׳איז איר געלונגען אויפצוהויבן די באדייטונג פון

קרן־תל־חי, פאַרשטאַרקן דעם פּאַרטרויען צו דער אינסטיטוציע צווישן די שפּענדער־מאַסן און האָט אַריינגעפירט אָרדנונג אין דער אַרבעטס־פיר־רונג.

נאָר, ווען איר געזונט־צושטאַנד האָט זיך פאַרערגערט און ס'איז איר געווען שווער צו טראָגן דעם לאַסט, איז זי געווען געצוווּנגען זיך אָפּצוזאָגן פון דער אַרבעט, וואָס זי האָט אַזוי ליב באַקומען, און האָט פאַרלאָזן דאָס ביוראָ.

זשאַבאָטינסקי, דער אַריסטאָקראַט און שיין־גייסט, האָט קיינמאָל נישט גערעדט אין אָנוועזנהייט פון אַנדערע מענטשן וועגן זיין פרוי און אירע סגולות. דאָס גליק וואָס ער האָט זוכה געווען צו אַ לעבנס - באַגלייטערין, וועלכע מאַכט אים לייכטער די שווערע לאַסט וואָס ער האָט אַרויפגעלייגט אויף זיינע פּלייצעס — איז געווען אַן אינערלעך גליק, און ער האָט אים קיינמאָל נישט געגעבן קיין אויסערלעכן אויסדרוק. אין די 33 יאָר פון געמיינזאַמען לעבן ביז זיין לעצטן לעבנס־טאָג זענען די קעגנזייטיקע באַציאונגען זייערע געווען פון אַ פאַרליבט־פּאָר. אויך ווען זיי זענען געווען צוזאַמען אין לאָנדאָן, פלעגט ער פון ביוראָ טעלעפאָנירן צו איר עטלעכע מאָל אין טאָג, און זאָרגן פאַר איר געזונט מיט ציטערניש. נאָר איין און איינציק מאָל האָט ער געגעבן אַ שריפטלעכן אויסדרוק פון דער באַגייסטערטער באַציאונג צו זיין פרוי. אין צווייטן טייל פון זיין אויטאָביאָגראַפיע שרייבט ער:

„אפשר איז באַקאַנט דעם לעזער, אַז איך האַלט מער פון דער פרוי ווי פון מאַן סיי אויפן געביט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און סיי אין הויזלעבן; אויסער ביי שווערערע פיזישער אַרבעט, ווו דער כוח פון די מוסקלען דעצידירט, איז נישטאָ קיין אויפגאַבע און קיין פאַך וואָס כ'וואָלט נישט איבערגעגעבן גיכער דער פרוי ווי דעם מאַן. ביי מיר איז די דאָזיקע באַציאונג נישט קיין זאַך פון חשבונות: ביי מיר איז עס אַן אָרגאַנישער חוש, וואָס איז אויסער יעדער דיסקוסיע, אַזוי ווי קאָגיטאָ ערגאָ סום. און שטאַמען, שטאַמט עס וואַרשיינלעך פון פּערזענלעכן נסיון — מיט דריי פרויען־טיפּן, מיט וועלכע מיין גורל האָט מיר צוזאַמענגעבראַכט — אַ נסיון, וואָס האָט איינגעפלאַנצט אין מיר אַ באַגריף פון אַ נשמה געוועבט פון שטאָלענע פעדים און זיידענע פעדימער. דער באַגריף הייסט „פרוי". איך האָב ווייניק אמונות. איינע פון זיי איז — אַז דיין מוטער, דיין שוועסטער און דיין פרוי זענען פּרינצעסינס. אין יענע טעג (אין דער צייט פון געראַנגל פאַרן שאַפן דעם יידישן לעגיאָן בשעת דער ערשטער וועלט - מלחמה), האָב איך געשפּירט, אַז עס האָט באַרירט זייערע הער־

צער די שנאה פון אויסוורפן (דאָס וואָרט „אויסוורפן" האָב איך גע־לערנט ביי ביאַליקן, און אויף אים די פאַראַנטוואָרטונג, אויב אימיצער וועט זיך באַליידיקן!). אָבער שטאָלענע מיט זיידענע פעדים זענען אַ נישט־צערייסבאַרער שטאָף, און אין דעם שטאָף האָב איך זיך אָנגעהאַלטן.

כ'בין מודה אָן בושה: ווען איך וואָלט אין יענע טעג געהערט אַ שטימע פון יאוש — „האָב רחמנות אויף מיר. איך לייד. מער קען איך שוין נישט פאַרטראָגן", וואָלט איך זיך אַוועקגעזעצט אין מאָסקווע שריי־בען פעליעטאָנען פאַר אַ פּעטן געהאַלט. כ'האָב עס אָבער נישט געהערט. מיין מאַמע האָט מיר געזאָגט: „אויב דו ביזט זיכער, אַז דו ביסט גערעכט, צי זיך נישט צוריק"! מיין שוועסטער האָט מיר געזאָגט: „זיי וועלן נאָך קומען קושן דיינע הענט"! מיין ווייב האָט מיר אויך דאַסמאָל געזאָגט: „גיי און זאָרג נישט. אַלץ וועט זיין אין אָרדנונג"!

דאָס איז דער איינציקער אָרט. ווו ער דערמאָנט זיין פרויס פאַר־דינסטן, וועלכע האָט אים נישט אָפּגענומען דעם מוט אין זיינע גרויסע אויפשטייגס־טעג, און האָט פון אים נישט געפאָדערט ער זאָל בלייבן נעבן איר און איר פאַרזיכערן די פּרנסה.

און אַ צווייט מאָל האָט ער געגעבן אַן עפנטלעכן אויסדרוק פון זיינע טיפע דאַנקבאַרקייט געפילן צו זיין פרוי, דאָס מאָל — אין אַ רעדע.

דאָס איז געווען אויפן קאָנווענט פון דער נייער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע אין פּראַג, אין יאַנואַר 1938. דאָרט איז געוויילט געוואָרן אַ נייע לייטונג פאַר די העכסטע פּאַרטיי־אינסטאַנצן. אין זיין שלום־רעדע האָט זשאַבאָטינסקי געדאַנקט אַלע זיינע העלפער און מיטאַרבעטער. צווישן אַנדערע האָט ער געזאָגט אַז אין זאַל וועלכער איז געווען געווידמעט זיין פרוי. זי האָט זיך געפונען דעם אָוונט אין קאָנפערענץ־זאַל. ער האָט אַפי־לו נישט אָנגערופן איר ביים נאָמען, נאָר ער האָט געזאָגט: דאָ איז דאָ אין זאַל נאָך עמיצער, וועלכער איך וואָלט געוואָלט זאָגן אייניקע ווערטער: זכרתי לך חסד נעוריך, אהבת כלולותיך, לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה" („איך געדענק דיר דעם חסד פון דיין יוגנט, די ליבע פון דער הייראַטס־תקופה, ווען דו ביזט געגאַנגען נאָך מיר אין דער וויסטעניש, אין נישט קיין פאַרזייטן לאַנד").

דאָס איז געווען אַלץ. מער האָט ער גאָרנישט געזאָגט. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין זאַל, ווען ער האָט ציטירט אין אַ רירנדן טאָן די וואונדערבאַרע ווערטער פון נביא. מען האָט מער נישט געדאַרפט זאָגן. די הונדערטער דעלעגאַטן זענען ווי עלעקטריזירט געוואָרן אין די מינוטן. אין אַלעמענס מוחות — און קודם כל, אין זיין מוח — איז

אין דעם מאמענט אדורך א רייכער לעבנס־קאפיטל פון צענדליקער יארן, פון פרייד און אומעט, פון נצחונות און דורכפאלן, און מיט זייערע גייס־טעס־אויגן האָבן אלע געזען דעם מוסטערהאפטן פּאָרפאָלק ווי ער גייט האַנט ביי האַנט דעם דראמאטישן לעבנס־וועג. מען האָט זיי געזען, ווי זיי גייען צוזאמען ביזן לעצטן אָטעם־צוג.

אָבער זי האָט נישט זוכה געווען צו פארמאכן זיינע אויגן, און ער האָט נישט זוכה געווען אוועקצוגיין פון לעבן נעבן זיין איינציקער פריינדין. אפשר האָבן איר געפעלט רייזע־הוצאות פון לאָנדאָן ביז ניו־יאָרק.

קרוב צו צען יאר האָט זי געלעבט אין ניו־יארק אָן אים. אָבער קיין איין מינוט נישט אָן אים. זי האָט ניו־יארק נישט ליב געהאט, דאָך האָט זי די שטאָט נישט געוואָלט פארלאָזן. ווייל זי האָט געוואָלט זיין נאָנט צו אים, צו קענען גיין אָפט אויף זיין קבר, הינטער ניו־יארק. דער זון אי־רער, די שנור און דאָס אייניקל זענען געפאָרן זיך באזעצן אין ארץ־יש־ראל. זי האָט אָבער אויסגעוויילט איינזאמקייט, אבי זיך נישט צו שיידן פון איר מאן. ביז דער טויט איז געקומען און האָט זיי ווידערביידע פאר־בונדן. היינט זענען זיי ווידער צוזאמען, איינער נעבן דעם אנדערן, אין דער ערד פון בית־עולם אויפן נאָמען פון מאקס נאָרדוי, זעכציק קילאָ־מעטער פון ניו־יאָרק.

---

## דער זון ערי

זשאבאָטינסקי האָט זייער ליב געהאט זיין איינציקן זון, ערי. די על־טערן האָבן אים געגעבן אן אויסגעצייכנטע דערציאונג. ער האָט געלערנט פיל שפראכן. העברעאיש האָט ער זיך דערוואָרבן נאָך פון דער קינדהייט, און דער פאָטער האָט מיט אים גערעדט נאָר העברעאיש (די מוטער פלעגט מיט אים רעדן רוסיש). דער יונגער זשאבאָטינסקי בא־הערשט אויסער דעם פראנצויזיש, ענגליש, רוסיש און דייטש, און קען נאָך אייניקע שפראכן. ער האָט געענדיקט א הויך־שול אין פראנקרייך. ערי איז אַן אינזשיניער, אַ גרויסער מאטעמאטיקער און ספעציאַליסט פאר

אערָאפּלאַנען־בוי. מאטעמאַטיק איז זיין אנגענעמסטער צייט ־ פּאַרטרייב. זייער אָפט ווען איר אים געפונען ליגן אויפן אָטעמאַן, ווען ער רוט, און האַלט א מאטעמאטיש בוך אין האַנט. אין זיינע פריייע שעהן מאכט ער קאָמפּליצירטע מאטעמאטישע אויפגאַבן.

ער האָט אין זיך פיל פון זיין פאָטערס אייגנשאַפטן. געוואַגטע אי־דעען, וואָס פון ערשטן בליק זעען זיי אויס פאַנטאַסטיש, אָן א פּונק פון רעאַליטעט. א נייגונג צו טאָן זייער געוואַגטע און דרייסטע זאַכן, און אי־בער אַלעמען די וואונדערבאַרע סגולה פון זיין פאָטער — אַז ער שטעלט זיין פּריוואַטן ־ לעבן אינגאַנצן צום דינסט פון זיין פאָלק.

זאב זשאַבאָטינסקי פלעגט אויסמיידן פון צו געבן א סענ־טימענטאַלן אויסדרוק פון זיין פאָטער־ליבע. זיינע בריוו צו אים זענען געשריבן אין אַן איינגעהאַלטענעם טאָן. אויבן „מיין זון" און אונטען „דיין פאָטער". נישט מער. און דער אינהאַלט פון די בריוו, תמיד א זאַכלעכער. אַזוי ווי דער פאָטער וואָלט נישט געוואָלט ווייך מאַכן זיין זונס כאַראַקטער מיט היפּער־סענטימענטאַליטעט. באַזונדערס איז עס געווען באַמערקבאַר אין דער באַציאונג צווישן זאב זשאַבאָטינסקי, דער ראש־בית"ר, און זיין זון דער בית"רי. דער פאָלגנדער פאַל איז אַן אילוס־טראַציע פון דער דערציאונג וואָס דער פאָטער האָט געגעבן זיין זון.

אין 1934 איז פאָרגעקומען אין הומענע, אין טשעכאָסלאָוואַ־קיע, א שול פאַר בית"ר ־ אינסטרוקטאָרן אונטער דער לייטונג פון ירמיהו האַלפּערן. ערי, דער בן־יחיד פון זשאַבאָטינסקי, איז אויך געווען א שי־לער אין דעם קורס. דאָרט איז איינמאָל געשען אַן אינצידענט. אין דער סלאָוואַקישער שטעטל איז געקומען א שליח פון מפא"י און האָט אין א עפנטלעכן פאַרטראַג געשאַטן פעך און שוועבל אויפן הצה"ר און בית"ר. די בית"רים, די שילער פון אינסטרוקטאָרן ־ קורס, זענען געווען זייער אויפגעבראַכט און האָבן באַשלאָסן אַז ביים צווייטן פאַרטראַג זיינעם וועלן זיי נישט לאָזן דעם מפא"י־שליח מער זידלען און שעלטן זייער פאַר־טיי. ווען זייער קאָמענדאַנט, דער שול־לייטער ירמיהו האַלפּערן, האָט זיך דערוווּסט פון באַשלוס, האָט ער זיך צוגעאיילט און פאַרעפנטלעכט א פאַרבאָט פאַר די שילער צו פאַרלאָזן אין דעם אָוונט דעם שול ־ לאַגער. פונדעסטוועגן האָט זיך א קליינע גרופּע פון בית"רים, צווישן זיי ערי זשאַבאָטינסקי, אַרויסגעגנבעט פון לאַגער. און טראָץ דעם פאַרבאָט, זע־נען זיי געגאַנגען צו דער פאַרזאַמלונג. דער יונגער זשאַבאָטינסקי האָט געמאַכט איניקע צווישנרופן דעם לינקן רעדנער אין מיטן זיין פאַרטראַג. נאָך דער פאַרזאַמלונג איז ערי צוריקגעקומען אין לאַגער, זיך געמעלדעט

צו זיין קאָמענדאַנט און מיטגעטיילט, אַז ער האָט געבראָכן די דיסציפּלין־אמת טאקי, ער און זיינע חברים האָבן נישט אויפגעריסן די מפא״י־פּאַר־זאַמלונג, אָבער ער האָט זיך באַטייליקט אין דער דיסקוסיע. דער קצין־השלטון ירמיהו האַלפּערן, וואָס איז געווען זייער שטרענג אין באַצוג צו דיסציפּלין און האָט אַכטונג געגעבן זייער שאַרף אויף דער אויפפירונג פון די בית״רים, האָט ארויסגעלייגט אויף די באַפעל־ברעכער פאַרשידענע שטראָפן. באַזונדערס האָט ער שווער באַשטראָפט ערי זשאַבאָטינסקי: אים אויסגעשלאָסן פון בית״ר אויף א האַלב יאָר „כדי זיין שטראָף זאָל זיין א ביישפּיל״. דער אורטייל איז איבערגעשיקט געוואָרן קיין פּאַריז, אַז דער ראש־בית״ר און די אויבערשטע בית״ר - קאָמענדע זאָל אים באַשטעטיקן. זשאַבאָטינסקי האָט געלייענט דעם בריוו פון שול־לייטער און זיין זונס דערקלערונג, און ער האָט באַשטעטיקט די שטראָף. דער שלטון בית״ר האָט פאָרגעשלאָגן מ׳זאָל לייכטער מאַכן די שטראָף, אָבער זשאַבאָ־טינסקי איז באַשטאַנען אויף דער פולער אויספירונג פון אורטייל.

ס׳איז א באַקאַנטע זאַך: זשאַבאָטינסקי האָט געפאָדערט פון זיך אַ־ליין פיל מער ווי פון אַנדערע און אויך זיין זון האָט ער דערצויגן אין זעלבן גייסט.

אָבער דער זון אַליין האָט באַשטימט די ליניע צווישן זשאַבאָטינסקי זיין פאָטער און זשאַבאָטינסקי דער ראש - בית״ר. ווען ערי פלעגט אריינ־קומען צום פאָטער אין ביוראָ, פלעגט ער שטיין אויף „אכטונג״ פאַרן ראש־בית״ר און זיך אויפגעפירט לויט די בית״ר - געזעצן. אויך אין די באַריכטן, וואָס ער האָט געשיקט פון ארץ־ישראל קיין לאָנדאָן, ווען ער איז געווען נציב בית״ר אין ארץ־ישראל, האָט ער זיינע אפיציעלע בריוו אַדרעסירט צום „ראש - בית״ר״.

פרוי זשאַבאָטינסקי האָט, פאַרשטענדלעך, נישט געקענט פאַרבאָרגן אירע מוטערלעכע געפילן. ווייל דער זון האָט געלעבט די לעצטע יאָרן אין ארץ־ישראל און זיי זענען געווען אָן אים, פלעגט זי זיך לייכטער מאַכן איר בענקעניש, שמועסנדיק אָפט וועגן אים מיט זייערע געמיינזאַמע פריינט און באַקאַנטע.

דאָך, טראָץ זייער גרענעצלאָזער ליבע, האָבן די עלטערן — און נישט נאָר זשאַבאָטינסקי אַליין, נאָר אויך זיין פרוי — נישט געוואָלט אָפּווענדן זייער זון פון צו טון זאַכן וואָס זיי האָבן קלאָר געוווּסט, אַז ער שטעלט זיך מיט דעם אין א סכנה.

ערי איז אָפּגעפאָרן קיין ארץ - ישראל אויפן סמך פון א ספּעציעלן סערטיפיקאַט וואָס ער האָט באַקומען דורך פּנחס רוטענבערגס פּערמיט־



זאב זשאבאָטינסקי און זיין זון ערי.

לונג, וועלכער האָט אים אויפגענומען אין דער עלעקטרישער סטאַציע אין נהרים.

אין יאר 1936, נאָכן אויסברוך פון די אראבישע אומרועז, איז גע־וועז א קריזיס אין דער בית״ר־ לייטונג אין ארץ־ישראל. זשאבאָטינסקי האָט זיך דאן באראטן מיטן שלטון בית״ר און ס׳איז באשלאָסן געוואָרן צו נאָמינירן ערין אלס נציב פון ארץ־ישראלדיקן בית״ר. דער פאָטער האָט געוווסט אז די דאָזיקע נאָמינאציע וועט פארשאפן פיל אומאנגנע־נעמלעכקייטן און צרות דעם זון. צו שטיין אין שפּיץ פון בית״ר אין די פאָגראָמ־ יאָרן איז געווען א שווערע און סכנות׳דיקע אויפגאבע, שוין נישט רעדנדיק וועגן דער פינאנציעלער זייט פון ענין. אלס אינזשיניער

האָט ערי פּאַרדינט געגוג אויף צו לעבן, דאָקעגן אַלס נציב בית"ר איז ער שווין פון ערשטן מאָמענט געווען אָן די מינדערסטע געלט־מיטלען. די בית"ר־קאַסע איז קיינמאָל נישט געווען אָנגעשטאָפּט. פּיל מאָל האָט מאַ־דאַם זשאַבאָטינסקי געדאַרפט שיקן געלט פאַרן זון, ער זאָל האָבן פון וואָס צו לעבן, און ער פלעגט זיך צעטיילן מיט זיינע חברים. אָבער נישט דאָס איז די הויפּט זאַך. מיט דעם פאָסטן זענען געווען פאַרבונדן סכנות מצד דער בריטישער אדמיניסטראַציע, וואָס האָט געקוקט מיט זייער א פאַרדעכטיקן אויג אויפן בית"ר און אויף דער גאַנצער זשאַבאָטינסקי - באַוועגונג. דאָס איז געווען א באַקאַנטע זאַך. דאָך האָבן זיך נישט דער פאָטער און נישט די מוטער אָפּגעשראָקן. זיי האָבן געבראַכט אויף דער וועלט א זון וואָס דאַרף דינען זיין פאָלק. און ווירקלעך, דער זון האָט פאַרזוכט אַזוי ווי דער פאָטער דעם טעם פון עכו"ר תפיסה און אַנדערע געפענגנגיסן, און נאָך אויף א פיל לענגערער תקופה.

אין 1938 איז ערי געקומען אין שליחות פון דער נאַציאָנאַלער באַ־וועגונג פון ארץ - ישראל קיין לאָנדאָן. פּונקט דאַן ווען ער האָט געוויילט אין דער ענגלישער מעטראָפּאָליע זענען אָנגעקומען ידיעות וועגן דער אַרעסטן־כוואַליע צווישן די פירער פון הצה"ר און בית"ר אין צוזאַמענ־האַנג מיטן ברעכן די „הבלגה". אונדז אַלעמען איז געווען קלאָר, אַז אויב ערי וועט איצט צוריקקערן קיין ארץ־ישראל, וועט ער אָן ספק תיכף ומיד אַרעסטירט ווערן. (כמעט אַלע מפקדים פון בית"ר און עסקנים פון דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי זענען דאַן געווען אַרעסטאַנטן, און דער גרעסטער בית"ר־קן אין דער וועלט האָט זיך געפונען דאַן אין עכו'ר טור־מע).

דער שלטון בית"ר און די נשיאות פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָבן זיך באַמיט איבערצייגן ערין ער זאָל אָפּלייגן אויף א געוויסע צייט זיין צוריקרייזע קיין ארץ־ישראל, כדי נישט אריינצופאַלן אין „מויל פון לייב"... זיי האָבן געפּרובט ווירקן אויפן פאָטער און אויף דער מוטער זיי זאָלן אים אָפּרעדן פון צוריקפאָרן. אָבער זיי האָבן אים נישט אָפּגעהאַלטן. „איך דאַרף פאָרן! — האָט ער געזאָגט. — טאָ פאָר געזונט, זאָל דיר גאָט אָפּהיטן"! — האָבן זיינע עלטערן געענטפערט. ער איז אַוועקגעפאָרן און טאַקי אַריינגעפאַלן באַלד אין טורמע. די ידיעה וועגן זיין אַרעסט האָט אויפגערודערט די גאַנצע יידישע און נישט־יידי־שע וועלט. וועדזשוואָוד האָט וועגן דעם גערעדט אין בריטישן פּאַרלאַ־מענט. אָבער זשאַבאָטינסקי האָט נישט געוואָלט, אַז זיין זונס אַרעסט זאָל זיין א פּראָבלעם אַן און פאַר זיך. ער האָט זיך קעגנגעשטעלט, אַז מ'זאָל

באַהאַנדלען באַזונדער ערים ארעסט, צוליב דעם וואָס ער איז זיינער א זון. ער האָט נישט דערלויבט זיינע ענגלישע פריינט צו מאכן וועלכע ס׳איז באמיאונגען אין דער ריכטונג און אליין אויך גאָרנישט געטון. זיין זון איז איינער צווישן פיל און האָט נישט קיין באַזונדערע פריווילעגיעס, דורכדעם וואָס זאב זשאַבאָטינסקי איז זיין פאָטער. און ער איז געבליבן אין טורמע צוזאַמען מיט זיינע חברים, וועלכע דערציילן וועגן זיין לאָיאַליטעט און חברישקייט, וואָס האָבן געדינט אלס ביישפּיל פאַר אַנדערע.

אין הערבסט 1938, אויף דער דריטער וועלט - קאָנפערענץ פון בית״ר אין ווארשע, איז ערי געוויילט געוואָרן אלס מיטגליד פון שלטון (פון דער וועלט-לייטונג) פון בית״ר. זיין פאָטער האָט אויף אים ארויפגעלייגט נאָך א שווערערע און פיל מער פאראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע.

צוזאַמען מיט שלמה יעקובי און יוסף קאַצענעלסאָן, זייער ליכטיקן אַנדענק, איז ארויפגעלייגט געוואָרן אויף ערין, צו לענגערע יאָר, צו ראַטעווען צענדליקער טויזנטער יידן פון דער גלות - פינסטערניש און זיי ברענגען צו די ארץ-ישראל ברעגעס. פיל יארן האָט זיך זשאַבאָטינסקיס זון באַטייליקט אין דער דאָזיקער קאָלאָסאַלער טעטיקייט, וואָס וועט פאַרשרייבן אירע טויער מיט גאָלדענע אותיות אין דער געשיכטע פון יידישן באַפרייאונגס - קאַמף. ערי האָט זייער ליב געהאַט די ארבעט, וואָס איז געווען פון דער קאַטעגאָריע פון די „אוואַנטורעס״, וועלכע זיין פאָטער האָט געפרייידיקט און דערצויגן אין איר גייסט די יידישע יוגנט. די געבענטשטע נאַציאָנאַלע „אוואַנטורע״ האָט געהאַט אומגעהויערע שוועריקייטן און שטרויכלונגען. די דאָזיקע אַקציע האָט אויסגעזען ווי אַן אוממעגלעכע צו רעאַליזירן. ס׳איז א פאַנטאַזיע — האָבן פיל געזאָגט. אָבער דווקא ווייל אזויפיל שטערונגען זענען געווען אויפן וועג, האָט די ארבעט אַנטשפּראָכן דעם שטורמישן כאַראַקטער פון זשאַבאָטינסקיס זון.

ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט - מלחמה, האָט זיך ערי זשאַבאָטינסקי געפונען אין רומעניען און דאָרט געטון זיין ארבעט פון אָרגאַניזירן די אומלעגאַלע עמיגראַציע מיט וואונדערלעכע איבערגעגעבנקייט. שווערע לעבנס-באַדינגונגען שרעקן אים נישט אָפּ. ער איז פעאיק נישט צו עסן גאַנצע טעג, שלאָפן אויף א באַנק אָן א קישן צוקאָפּנס, און ער קען ארבעטן פערציק שעה נאָכאַנאַנד אָן קלענסטן אָפּרו. דער זון וויסט, אז זיין טעטיקייט ראַטעוועט א סך יידישע נפשות און העלפט באַפרייען דאָס לאַנד. ער איז מקיים מיט זיין קערפּער און נשמה זיין טאַטנס לערע. אזוי ווי זיין פאָטער דינט ער אלס ביישפּיל פאַר אַנדערע. שטענדיק איז ער אין א גוטער שטימונג. ער פאַרלירט קיינמאָל נישט זיין הו-

מאָר־געפּיל. ער איז א גוטהאַרציקער. קען קיינעם נישט אָפּזאָגן א בקשה. אויך מיט דעם איז ער ענלעך צו זיין פאָטער. ווער עס קומט צו ערין און בעט אים ארויפצונעמען אויף דער שיף — גייט ארויף, און אויב דער מעפּיל האָט קיין געלט נישט — האָט ער דאָך געוויס רעכט עולה צו זיין.

די שוועריקייטן ווערן גרעסער פון טאָג צו טאָג. דער שיף־אינהאַבער פאָדערט גאַראַנטיע, וואָס מ'קען אים נישט געבן. „וואָס וועט זיין, אז די ענגלענדער וועלן כאַפּן די שיף, און זיי וועלן זי קאָנפיסקירן? ער וויל א גאראנטיע, אז זיין פארלוסט זאָל אים צוריקגעגעבן ווערן. ערי גיט אין משכון זיך אליין. „איך וועל פאָרן מיט דיר אויפן שיף"! — זאָגט דער יונגער ערי דעם טערקישן שיפּס־קאַפּיטאַן. די גאַראַנטיע וועט דיר געגוגנען? אוודאי וועט זי גענוגנען. די שיפּס־אינהאַבער ווייסן ווער דער נאָמען ־ טרעגער איז. ערי באַשליסט ארויפצוגיין אויף דער מעפּילים־שיף, וואָס נעמט ארויס יידן פון דער גלות־פינסטערניש און ראַטעוועט זיי פון זיכערן טויט. ס'איז דאָך אין מיטן דער מלחמה פון היטלערן. ערים חברים זענען דערשטוינט צו הערן זיין באַשלוס מיטצופאָרן אין דער אומלעגאַלער רייזע. זיי באמיען זיך מיט אַלע כוחות אים אָפּצורעדן פון דעם. ס'איז זיכער, אז ער וועט אַראָפּגיין פון דער שיף דירעקט אין דער ענגלישער טורמע אריין. וואָס פאַר א נוצן וועט דערפון ארויסקומען? ערשט מיט א קורצע צייט צוריק איז ער ארויס פון תפיסה, און צו וואָס זאָל ער צוריק דאָרט אריינגיין? מיר באמיען זיך מיטן גאנצן איבערצייר־גונגנס ־ קראַפט אים אָפּצוווענדן פון זיין באשלוס, און ער זאָל נישט ארויפגיין אויף דער שיף. „דיין פּאַס איז דאָך אין אָרדנונג. דו קענסט דאָך פאָרן מיט א געוויינלעכער שיף און אריינקומען אין לאַנד גאַנץ נאָר־מאַל". אויסער דעם — וועלן דיר די ענגלענדער, וועלכע ווייסן וועגן דיין טעטיקייט פאַר דער „אומלעגאַלער" עליה, פאַראורטיילן אויף פיל יאָרן אַרעסט. צו וואָס דארפסטו עס? ער ענטפערט אָבער: „איך גלויב, אז כ'וועל נישט קריגן מער, ווי א יאָר אַרעסט. און דאָס איז כדאַי, כדי אריינ־צובערענגען צוויי טויזנט יידן אין ארץ־ישראל"! ערי שטרייכט אונטער, אז דאָס איז זיין בית"רישע פליכט.

איינער פון זיינע פריינט, פון דער בית"ר וועלט ־ לייטונג, באַנוצט זיך מיט א טריק און טעלעפאָנירט צו ערין פון בוקאַרעשט אין דער פאָרט־שטאָט: „ערי! נאָר וואָס האָב איך גערעדט טעלעפאָניש מיטן ראש בית"ר אין לאָנדאָן. ער האָט מיר באַפולמעכטיקט דיר איבערצוגעבן א פאַרבאָט־באַפעל, אז דו זאָלסט נישט ארויפגיין אויף דער מעפּילים־שיף"! ערי ענטפערט רואיג: „איך האָב דעם איינדרוק אז דיין אינפאַרמאַציע איז

נישט קיין ריכטיקע. ראש־בית״ר וועט מיר נישט פארבאָטן. איך קען אים אויך א ביסל״! ער איז אָפּגעפאָרן, און מיטגעמאכט די לאנגע רייזע־טלטולים. נאָר די הויפּטזאַך — ער איז ווידער אַריינגעפאַלן אין אַרעסט, אויף אַ לענגערע צייט. ער איז אָבער געראַכט געווען. ער האָט גוט געקענט זיין פּאָטער. זאב זשאבאָטינסקי האָט נישט פארבאָטן זיין זון זיך צו אפּפערן פאַרן פאָלק.

ס'איז גרויס דער ווייטאָג. די עלטערן האָבן צער. ביי זשאבאָטינסקין איז דער צער אויסגעמישט מיט א געפיל פון שטאָלץ און פרייד, אז זיין זון גייט אין זיינע דרכים. די מוטער ווייטיקט מער. אויסער דעם איז זי נישט געזונט. אָבער דער מאַן מוטיקט און טרייסט איר און זי איז ווי־דער צופרידן. 33 יאר לעבן מיט זאב זשאבאָטינסקי האָבן איר אויסגע־לערנט דעם דערהויבענעם זין פון אָפּפער.

(דרך־אגב: אין אפּריל 1940 איז דער פריינט, וועלכער האָט איבער־געשראָקן ערין מיט „פיל יאר געפענגניש״ אָנגעקומען פון רומעניען אין ארץ־ישראל־ און געפאָרן באזוכן ערין, וואָס איז דאַן געווען איינגע־שפּארט אין קאָנצענטראַציע־לאגער אין מזרע, נעבן עכו. דער ערשטער זאַץ, וואָס ערי האָט ארויסגעלאָזט פון זיין מויל, זעענדיק זיין חבר איבער די שטעכעדיקע דראָטן,איז געווען: דו זעסט! איך בין געראַכט געווען. נישט דו. בסך־הכל האָט מען מיר פאראורטיילט אויף איין יאר ארעסט!״)

*

דער טאַטע האָט נישט ארויסגעוויזן פאר מענטשן, אַז ער איז שטאָלץ פון זיין זון. טיילמאָל, ווען זאב זשאבאָטינסקי פלעגט שפּאַ־צירן מיט זיין סעקרעטאר איבער די לאַנדאָנער גאסן (באזונדערס אין די תקופות, ווען זיין פרוי איז געווען אין פראנקרייך און ער איז געווען אַ־ליין), פלעגט ער מיט זייער פיל טאַקט אָנהויבן א פארזיכטיקן געשפּרעך וועגן זיין זון. כ'האָב געהאַט דעם איינדרוק, אז ער האָט געוואָלט וויסן ווי ערים חברים, די מיטגלידער פון דער בית״ר וועלט־ליטונג, שאַצן אָפּ זיין זונס ארבעט. דער ראש־בית״ר האָט געמיינט אז ווייל ער איז א פּאָטער איז אפשר זיין אָפּשאַצונג א סוביעקטיווע. דאקעגן האָבן זיינע חברים אַן אָביעקטיווע מיינונג. וואָס טראכטן די חברים? ביי די זיצונגען פון שלטון בית״ר, ווען מ'פלעגט באהאנדלען די טעטיקייטס־געביטן פאר וועלכע ערי איז געווען פאראנטוואָרטלעך, האָט מען פריי דעבאַטירט און די חברים האָבן ארויסגעזאָגט זייערע מיינונגען אָפן. ראש־בית״ר האָט

זיך צוגעהערט צו די מיינונגען מיט פיל רעספעקט און מיט באזונדערער אויפמערקזאמקייט. ער איז אָבער קיינמאָל נישט געווען זיין זונס אדוואָקאַט און פּאַרטיידיקער פאַר דער העכסטער בית״ר־אינסטאַנץ.

נאָר איינמאָל האָט אויך דער פֿאָטער נישט געקענט פארבאָרגן זיינע געפילן. די ארץ־ישראל צייטונגען זענען אָנגעקומען אין אונדזער ביוראָ אין לאָנדאָן צוויי מאָל א וואָך. דער סעקרעטאר פלעגט זיי דורכקוקן און רעפערירן פארן פרעזידענט די וויכטיקסטע אינפארמאציעס פון לאנד. זשאבאָטינסקי אליין איז געווען צופיל באשעפטיקט און האָט נישט געהאט קיין צייט צו לייענען די פיל צייטונגען, וואָס זענען אָנגעקומען אין ביוראָ. ער האָט זיך באגנוגנט מיטן באריכט, וואָס זיין סעקרעטאר פלעגט אים אָפּגעבן יעדן טאָג. איינמאָל איז אָנגעקומען דער „הירדן״ (די טאָג־צייטונג פון דער רעוויזיאָניסטישער פארטיי אין ארץ־ישראל אין יענער צייט) און דאָרט איז געווען א באריכט וועגן א פייערונג אין תל־אביב, אויף וועלכער ערי זשאבאָטינסקי איז אויפגעטרעטן מיט א רעדע. דאָס איז געווען א קורצע צייט נאָכדעם ווי ער איז באשטימט געוואָרן אלס נציב־בית״ר און ס׳איז געווען זיין ערשטער עפנטלעכער אויפטריט אין ארץ־ישראל. ווען דער סעקרעטאר האָט אויפמערקזאם געמאכט, אז אין דער צייטונג איז אָפּגעדרוקט עריס רעדע, האָט זשאבאָטינסקי געזאָגט: „קען איך אייך בעטן, מיר איבערצולייענען אויפן קול וואָס שטייט אין דער צייטונג״. זיין פנים האָט געשיינט פאר שמחה. ווירקלעך, אין דער רעדע איז געווען פיל פון זשאבאָטינסקיאנישן „עספרי״. אינטערעסאנטע געדאנקען צעגויפגעמישט מיט א פיינעם הומאָר.

ער האָט זיך פארבונדן טעלעפאָניש מיט זיין פרוי און זי געבעטן צו קומען אין ביוראָ. זי איז געקומען, ער האָט איר איבערגעגעבן אין קורצן דעם אינהאלט פון דער רעדע. ער האָט זיך אָבער מיט דעם נישט באגנוגנט און זיך געווענדעט צום סעקרעטאר: „קען איך אייך מטריח זיין און בעטן צו לייענען אויך פאר מאדאם זשאבאָטינסקי דעם אינהאלט פון דער רעדע? ער האָט אליין צוגעהערט נאָך אמאָל און הנאה געהאט.

אין צימער איז אויף א ווײַלע שטיל געוואָרן. קיינער פון די דריי אָנוועזנדע — זשאבאָטינסקי, זיין פרוי און דער סעקרעטאר — האָט נישט ארויסגעלאָזט קיין וואָרט פון מויל. אלע דריי האָבן, פארשיינדלעך, געטראכט אין דעם מאָמענט וועגן דעם זעלבן ענין. פרוי זשאבאָטינסקי, אין וועמענס אויגן ס׳זענען געשטאנען טרערן פון פרייד, האָט איבערגעריסן די שטילקייט, און זיך געווענדעט צום סעקרעטאר מיט א שמייכל:

— וועגן וואָס האָט איר איצט געטראַכט?

— איך טראַכט אין דעם מאָמענט וועגן גורל פון פיל ציוניסטישע מנהיגים, וועלכע האָבן נישט זוכה געווען צו האָבן נחת פון זייערע קינ־דער, ווייל די קינדער זענען נישט געגאַנגען אין די עלטערנס־דרכים — האָט דער סעקרעטאַר געזאָגט. דער טראַגישער גורל פון האַנס הערצל איז מיר איצט געשטאַנען פאַר די אויגן. און דורכן מוח זענען אַריבער נעמען פון אַנדערע יידישע פירער, וועמענס קינדער זענען אַוועק אויף אַנדערע וועגן. זיך געשמד אָדער אַוועק צו פרעמדע, זיך געאָפּפערט דעם מולך פון דער רויטער אַסימילאַציע און זיך אַסימילירט צווישן די גויים. צי איז עס נישט קיין רעזולטאַט פון דער דערציאונג, וואָס א קינד באַקומט ביי זיינע עלטערן אין הויז?

זשאַבאָטינסקי, וועלכער האָט זיך מיט אויפמערקזאַמקייט צו־געהערט צו די רייד, האָט א נעם געטון אין זיין האַנט א פעדער, אַרויפ־געלייגט זיין פינגער אויפן שפּיץ און געזאָגט: " איר זעט? אויפן שפּיץ פון פעדער איז עס! די ריכטונג, וואָס קינדער קלייבן זיך אויס, איז זייער א דעליקאַטע זאַך און עלטערן זענען פאַר דעם נישט פאַראַנטוואָרטלעך. ס'איז פונקט ווי א מענטש גייט אויף א זייער דינעם שטריק. אז דער שטן וויל — וועט ער זיך אויסגליטשן, אַראָפּפאַלן און צעברעכן ביין און נאַקן. און אויב ער האָט מזל, וועט ער דורכגיין בשלום דעם געפערלעכן וועג און אָנקומען גאַנץ. נישט די אומגליקלעכע עלטערן זענען שולדיק, אז זיי־ערע קינדער זענען אַראָפּ פון גלייכן וועג, און ס'איז נישט מיין פאַרדינסט אז מיין זון האָט זיך אויסגעוויילט דעם דרך. ס'איז א בלינדער שפּיל פון גורל. דאָ ווירקן זייער טיפע פאַקטאָרן, איבער וועלכע מיר האָבן נישט קיין שליטה. קאָמפּליצירטע אומזעבאַרע פאַקטאָרן בילדן אויס דעם מענטשנס נשמה. ס'איז אונדזער גוטער מזל. אונדזער מזל און נישט אונ־דזער פאַרדינסט!

ער האָט אַרויסגענומען דעם ערשטן טייל פון זיין אויטאָביאָגראַפיע (וואָס איז נאָך דאַן געווען אין מאַנוסקריפּט) און ציטירט א פראַגמענט פון דעם וואָס ער האָט געשריבן מיט פיל יאָרן פריער:

„דאָס הענגט נישט אָפּ פון דער סביבה, נאָר פון דער אייגנשאַפט פון קינד אַליין. איינער זויגט איין אין זיך די ביליקייט און וולגאַריטעט. דער אַנדערער, פאַרקערט, — זאַפּט איין אין זיך די לאַווינע, די נייגעריקייט, די געוואַגטקייט, די אייביקע פרישקייט וואָס יעדער נייער פרימאָרגן איז א וואונדער אין זיינע אויגן".

דאָס איז עס, מיין פריינט! — האָט זשאַבאָטינסקי געזאָגט.

*

דאָס לעבן פון זשאַבאָטינסקי און זיין פרוי איז פול געווען מיט שטורם און ליידן. א דערנער־וועג, אָן מליצה. אין פשוטן זין פון וואָרט. פיל צרות האָבן זיך געשאָטן אויף זייערע קעפּ. פיל וויטאָגן געהאַט און פון פיל באַליידיקונגען אויסגעשטאַנען. טיילמאָל האָט א קאָמפּלעטע פינסטערניש פאַרדעקט זייער הימל און ס'זענען געווען טעג, ווען ס'האָט זיך אויסגעדאַכט אז פינסטער איז זייער וועלט. אָבער אויך פון דער פינס־טערניש האָבן אַרויסגעשיינט ליכטשטראַלן. און איין ליכטשטראַל, פון די גרעסטע און וואונדערבאַרסטע אין זייער לעבן, א ליכטשטראַל וואָס האָט פאַרטריבן זייער וויטאָג און זיס געמאַכט זייער ביטערניש — איז געווען דער גרויסער חסד, וואָס דער גורל האָט מיט זיי געטון, געבנדיק זיי א זון וועלכער איז טריי זיין פאָלק. פון אַלע גרויסע יידישע מנהיגים אין די לעצ־טע דורות איז נישטאָ כמעט קיין צווייטער, וואָס זאָל זוכה זיין צו אַזאַ גליק.

די השגחה האָט דורך דעם באַצאָלט זשאַבאָטינסקין און זיין פרוי א חוב פאַר אַלע ליידן און יסורים, וואָס זיי האָבן געהאַט זייער גאַנץ לעבן.

# ביי דער ארבעט און אין אפּרו

ס׳גאַנצע לעבן איז ער געווען נע־ונד. טעג און נעכט האָט ער פאַרבראַכט אין באַנען און אין האָטעלן. ער האָט דורכגעריזט שטעט און לענדער, ימים און אָקעאַנען. פיל נעכט האָט ער אפילו קיין אויג נישט צוגעטון. אויף זיצונגען און פאַרזאַמלונגען, אין רעדעס און פאָרטראַגן פלעגט ער אויסלאָדן זיין ריזיקע ענערגיע. נאָר די אַלע לאַנגע וואַגלענישן האָבן נישט געלאַסטעט אויף אים. זיי האָבן אים זאָגאַר נישט מיד געמאַכט. אויב ער איז געווען א מאָל פאַרמאַטערט, זענען גענוג געווען 3—4 שעה שלאָף ביינאַכט, און ער פלעגט אויפשטיין פריש, ביי די פולע כוחות. ער האָט זיך געשפּירט ווי א פיש אין וואַסער דווקא ווען ער איז געווען באַשעפטיקט טעג און נעכט. דער מעכטיקער ארבעטס־שטראָם האָט אים פאַרשאַפן פרייד און סאַטיספאַקציע. דער לעבעדיקער און דירעקטער קאָנטאַקט מיט זיינע שילער און אָנהענגער און די גרויסע מאַסן האָבן אריינגעגאָסן פריש בלוט אין זיינע אָדערן. ער איז געווען געזונט. נישט כאָטש ער האָט געאַרבעט, נאָר דווקא ווייל ער איז געווען פאַרטאָן אין אומאויפהערלעכער טעטיקייט. ער האָט געשפּירט די גאַנצע מאַכט פון זיינע כוחות גראַד אין די צייטן, ווען אַלע קרעפטן פון קערפּער און נשמה זענען געווען אין באַוועגונג ביז שפּאַנונג. ס׳דאַכט זיך, אַז ווען ער וואָלט אָפּגעשטעלט אויף איין שעה זיין ארבעט, וואָלט זיין אָרגאַניזם אויפגעהערט צו פונקציאָנירן.

ער האָט נישט געוווּסט וואָס ס׳הייסט רוען. ער האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט, זומער און ווינטער, הערבסט און פרילינג. זייער ווייניקע זענען געווען זיינע אורלאָפּ־טעג, און אויך ווען ער פלעגט אַרויספאָרן

אויף א זומער ־ וווינונג זיך אפּצורוען, האָט ער אויך דאָרט נישט גערוט. ווען דער צופאַל האָט געוואָלט און ער האָט זיך געפונען זומען אין מזרח־אייראָפּע, האָט ער דאָרט זיכער נישט געקענט זיצן רואיק.

די יידן פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, פון יענע לענדער באַזונדערס, האָבן געהאַט א „קראַנקהייט" — אַז יעדער איינער פון זיי האָט געוואָלט צוקומען נאָנט צו אים, דריקן זיין האַנט און אים געבן א „גוטע עצה", ווי צו לייזן געוויסע פּראָבלעמען. די דאָזיקע געוווינהייטן האָבן אים באַרויבט אפילו פון זיינע ווייניקע רו־מינוטן. זיין האָטעל האָט שטענדיק גערוישט און געקאָכט ווי דער סמבטיון אין די וואָכן־טעג. דער געטרייסטער שומר זיינער האָט נישט געקענט ביישטיין די מיוחס'דיקע נודניקעס, וועלכע זענען געקומען פאַרדרייען דעם קאָפּ. איינער איז אַרויס, דער אַנדערער — אַריין. ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז יוני 1939, ווען ער האָט פאַרבראַכט אייניקע וואָכן אין וואַרשע מיט די הכנות צום „קאָנגרעס פון יידנטום אין מזרח־אייראָפּע", האָט ער טעלעפאָנירט קיין לאָנדאָן, זיין סעקרעטאַר זאָל באַלד קומען, כדי אים אביסל אַרויסצוראַטעווען פון די פיל נודניקעס, וועלכע מאַטערן און באַלעסטיקן אים.

אויך ווײַלנדיק אין א דאָרף, פלעגט ער אויפנעמען מענטשן, שרייבן אַרטיקלען, רעדאַגירן מעמאָראַנדומס און זיך באַשעפטיקן מיט פיל ענינים. זומער 1938, ווען ער האָט אָנגענומען די איינלאַדונג פון פרוי און ה' ספּעקטאָר פון לאָדזש און איז אַרויסגעפאָרן אין זייער גוט נעבן פּאַביאַניץ זיך אָפּרוען, פלעגן אויך דאָרט קומען צו אים דעלעגאַציעס. און דער טעלעפאָן און טעלעגראַף האָבן אומאויפהערלעך געאַרבעט.

אָבער נישט נאָר אין מזרח־אייראָפּע. אפילו ווײַלנדיק אין מערב ־ אייראָפּע, אין פראַנקרייך אָדער ענגלאַנד, אין פּלעצער וווּ ס'זענען נישט געווען קיין סך יידן, אויך דאָרט האָט ער אומאויפהערלעך געאַרבעט. טאָג־טעגלעך האָט מען אים געדאַרפט שיקן ראַפּאָרטן וועגן גאַנג פון דער אַרבעט אויף אַלע געביטן און פון אַלע קרייזן. מיט דער אייגענער האַנט פלעגט ער שרייבן אומצייליקע בריוו. ווען זיינע מיטאַרבעטער האָבן אים געוואָלט אַ ביסל שוינען און האָבן אים נישט געשיקט יעדן טאָג קיין ידיעות, פלעגט ער טעלעפאָנירן אין ביוראָ און געפאָדערט מ'זאָל זיי צושיקן. ווייל ער האָט געהאַלטן זיין האַנט אויפן פולס פון יידישן לעבן אין ארץ־ישראל און אין גאַנצן גלות.

זיינע ווייניקע פרייען־טעג האָט ער אויסגענוצט פאַר ליטעראַרישער שעפערישער אַרבעט. אויפן וועג פון אייראָפּע קיין דרום ־ אַפריקע, ווען

ער איז געפאָרן אויפן שיף איבער צוואנציק טעג, און האָט געהאַט דאָרט די געלעגנהייט זיך אויסצורוען, האָט ער אויסגענוצט די רייזע־טעג אויף צו שרייבן. ער האָט געשריבן דעם צווייטן טייל פון זיין אויטאָביאָגראַפיע — ווי שמערצלעך איז עס, אז ער האָט מער נישט באוויזן, ווי זי צו דער־פירן ביז 1922 — און ער האָט געשריבן א פאָרוואָרט צום בוך פון זיין פריינט און מיטארבעטער ד״ר יוסף שעכטמאן וועגן „עבר הירדן״.

אין 1939 נאָך א שווערער גריפּע, איז ער ארויסגעפאָרן פון לאָנדאָן קיין סטראַטפאַרד (שעקספּירס געבורט־שטאָט). דאָרט האָט זיך זיין רו אויסגעדריקט אין שרייבן דאָס בוך „613 העברעאישע ווערטער״, א לערן־בוך פאַר דער העברעאישער שפּראַך פאַר דערוואַקסענע, וועלכע האָבן זיך דערצויגן אין פרעמדע שפּראַכן און קענען אפילו נישט דעם העברעאישן אלף־בית. דאָס דאָזיקע בוך, א זעלטנהייט מיט א נייער דידאַקטישער מע־טאָדע, וואָס וועט זיכער העלפן די נייע עולים פון די מערב־לענדער צו לערנען זיך העברעאיש, האָט נישט באוויזן צו דערשיינען פאַר זיין טויט. דער פאַרפולקאָמטער מאַנוסקריפּט איז גרייט שוין אייניקע יאָר אין איבערזעצונגען אין ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש, אונגאַריש און פויליש. ערשט מיט א קורצער צייט צוריק איז די ענגלישע אויסגאַבע פון בוך דערשינען אין דרום־אפריקע.

זשאַבאָטינסקי האָט קיינמאָל נישט געקענט זיצן ליידיק. אפילו ווען ער פלעגט קומען צוריק אין זיין צימער נאָך א אָנגעשטרענגטער און דער־מידנדער ארבעט פון א גאַנצן טאָג — דורכשניטלעך 10 שעה א טאָג, נישט נעמענדיק אין באַטראַכט די זיצונגען, וועלכע פלעגן דויערן לאַנ־גע שעהן — פלעגט ער זיך נישט אָפּרוען. ווען ער איז געווען זייער מיד און ער האָט געוואָלט אָפּרוען זיין מוח, פלעגט ער לייענען דעטעקטיוו־געשיכטעס. פאָרנדיק אין באַן אָדער אין אן עראָפּלאַן — און א גרויסן טייל פון זיין לעבן האָט ער פאַרבראַכט רייזנדיק — אָדער קומענדיק אויף אן אָוונט אין א שטאָט אויף א פאָרטראַג, פלעגט ער זיך אנטשפּאַ־נען לייענענדיק קרימינעלע ראָמאַנען. די ליטעראַטור פלעגט ער שלינגען אין ריזיקע קוואַנטומס.

אין פרייע שעהן האָט ער געלייענט פיל ערנסטע ליטעראַטור, א ביסל אויך בעלעטריסטיק. מיט באַזונדערן פאַרגעניגן האָט ער געלייענט לידער־ביכער. זיינע באַליבסטע דיכטער זענען געווען עדגאַר פּאָ, אדאַם מיצקעוויטש און ראַסטאַן. ווען ער פלעגט געפינען א מאָל א בוך מיט גו־טע פּאָעזיע, האָט ער געוויסע פראַגמענטן געלייענט הויך אויפן קול. פיל

לידער האָט ער זיך אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק און זיין גלענצענדער זכרון האָט אים געהאָלפן ער זאָל עס שוין קיינמאָל נישט פארגעסן.

ער האָט נאכאנאנד געלערנט נייע שפּראַכן. מערסטנטייל פלעגט ער זיך באנוצן מיט א גראמאטיקע און א תנ"ך, און איבערזעצן אין דער שפּראך, וועלכע ער האָט געוואָלט לערנען. קומענדיק אין א לאנד אויף א באזוך, האָט ער געלייענט צייטונגען און ביכער אין דער לאנדס־שפּראך. ווען ער האָט זיך געגרייט צו פאָרן אין א לאנד, וועמענס שפּראך ער האָט נאָך נישט געקענט, האָט ער געקויפט א לערן־בוך און אויסגענוצט יעדע פרייע מינוט ארייינצוקוקן אין אים.

שפּראַכן האָט ער אויסגעלערנט מיט א פענאָמענטאלער לייכטקייט. לערנען א נייע שפּראך איז פאר אים געווען א שפּיל. א פּאָר חדשים שפּע־טער האָט ער שוין געקענט האַלטן א פארטראג אין דער נייער שפּראך. כ'גלויב, אז די צאָל שפּראכן וואָס ער האָט גערעדט און געשריבן, איז געווען פיל מער ווי דרייצן.

באזונדער אויפמערקזאמקייט האָט ער געווידמעט וויסנשאפטס־בי־כער, באזונדערס אין סאָציאלאָגיע, עקאָנאָמיע און פּאָליטיק. אייניקע יאָר פאר זיין טויט האָט ער אָנגעשריבן א וויסנשאפטלעך ווערק „ארייינפיר צו עקאָנאָמישע וויסנשאפטן" (בלויז אייניקע פראגמענטן זענען פון זיי אָפּגעדרוקט געוואָרן).

ס'איז אינטערעסאנט, אז א באקאנטער זייער, א פּראָפעסאָר אין קעמברידזשער אוניווערזיטעט אין ענגלאנד (פּאסטאן איז זיין נאָמען, שטאָמט פון דעם שטעטל טיגינא, אין בעסאראביע), א ספּעציאַליסט אין עקאָנאָמיע, צו וועמען זשאבאָטינסקי האָט געשיקט זיין מאנוסקריפּט מיט א באמערקונג, אז ער האַלט עס פאר אן אונרייף ווערק, — האָט פּאסטאן געענטפערט, אז ס'ליגט איצט אויף זיין טיש א ניי ווערק פון איינעם פון די גרויסע ענגלישע עקאָנאָמיסטן, א בוך וואָס איז נאָך נישט דערשינען אויפן ביכער־מארק, און דער ענגלישער געלערנטער אַנטוויקלט אין זיין בוך ענלעכע אידעען צו די וואָס זשאבאָטינסקי האָט ארויסגעבראכט אין זיין מאנוסקריפּט. ס'איז נישט נויטיק צוצוגעבן, אז זשאבאָטינסקי האָט פאר זיינע אויגן נישט געזען און נישט געהערט וועגן דאָזיקן בוך פון ענג־לישן געלערנטן.

א צווייטער אָפּרו־מיטל איז פאר אים געווען — דאָס קינאָ. ווען ער האָט געלעבט אין פאריז אָדער אין לאָנדאָן פלעגט ער גיין פון צייט צו צייט אין קינאָ מיט זיין פרוי. אין רואיקע טעג, און דאָס איז געווען זייער זעלטן, פלעגן זיי גיין אין קינאָ אפילו עטלעכע מאָל אין וואָך. אויך זיי־

ענדיק אויף זיינע טורנעען אין מזרח־איראָפּע צו באזוכן די יידישע מאסן וו ער האָט געהאָרעוועט פליסיק וו׳ א בין, האָט ער זיך אָפּגערוט איין מאָל אין וואָך אין די איינציקע צוויי שעה, ווען ער האָט געזען א פילם.

אין טעאטער איז ער נישט געגאנגען אָפט אין די לעצטע יאָרן, כאָטש אין דער יוגנט האָט ער נישט נאָר אליין געשריבן דראמען, און איינציקע פון זיי זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין רוסישן שטאָט־טעאטער אין אָדעס, נאָר ער איז אויך געווען א טעאטער־קריטיקער. ווען ער האָט געלעבט אין בערלין, האָט ער אונטעריכט די ארטיסטן פון מאָסקווער „הבימה״, העברעאישע פאָנעטיק.

ער האָט זיך אָבער נישט געקענט פארגינען דעם פארגעניגן צו גיין אָפט אין טעאטער, ווייל פאר דעם האָט ער זיך גענויטיקט אין פרייע און רואיקע אָוונטן, און אזעלכע האָט ער זעלטן געהאַט.

ווען מאָרים שווארץ איז געקומען פון אמעריקע קיין פאריז מיט זיין טרופּע און געשטעלט „יאָשע קאַלב״, האָט זיך דאָך זשאבאָטינסקי אָפּגעריסן פון זיין באשעפטיקונג און געקומען זען דאָס שטיק.

*

ער איז געווען פארליבט אין אלע קניינים פון דער פּארטיי, און זיך פאר יעדע זאך געזאָרגט. ער האָט ליב געהאַט די רעוויזיאָניסטישע און בית״רישע צייטונגען און האָט זיי זייער געשעצט, ווייל ער האָט געוווסט וויפל פּיאָנירטום און אָפּפערוויליקייט די צייטונגס־מיטארבעטער ליגן א־ריין אין זייער ארבעט. ער, דער גלענצנדער זשורנאליסט און פּאָליטיקער, — האָט פארשטאנען די גרויסע באדייטונג פון פּראָפּאגאנדע און האָט גע־האלטן די פּארטיי־פּרעסע אלס איינע פון די בעסטע אינסטרומענטן צו ווירקן אויף דער עפנטלעכער מיינונג. דעריבער האָט ער נישט געקאַרגט קיין צייט און שטענדיק דערפילט די ביטעס פון די פּארטיי־צייטונגען צו אים. אין דער „המדינה״ און „טריבונא נאראָדאָווא״ אין פוילן, אין „דזשואיש העראָלד״ אין דרום־אפריקע און אין א בית״ר צייטונג אין אונגארן —אין יעדער רעוויזיאָניסטישער און בית״רישער צייטונג האָט ער זיך גערן באטייליקט.

ס׳איז כמעט ביי אים געווען א פּרינציפּ, נישט אָפּצוזאָגן די חברים. די רעדאקטאָרן פון אונדזער פּרעסע האָבן טאקי שטענדיק אויסגענוצט די דאָזיקע „שוואכקייט״ זיינע. ווען אונזערע חברים אין האאג (האָלאנד) האָבן אָנגעהויבן ארויסגעבן א קליין בלעטל פון 4 זייטן, איז ער געזעסן

אייניקע שעה און געשריבן ספּעציעל פאַר זיי אַן אַרטיקל. ער האָט זיך גע־פּרייט מיט יעדער נייער צייטונג, וואָס פלעגט דערשינען פון דער פּאַר־טיי אויפן ערד־קוגל. ער האָט געבעטן צו אָרגאַניזירן אַ פּערמאַנענטע אויסשטעלונג פון אונדזער פּרעסע. און ווען אין קעלער פון ביוראָ איז איינגעאָרדנט געוואָרן דער פּרעסע־אַרכיוו — איז ער אַראָפּ אונטן, גע־בלעטערט די צייטונגען, אַרומגעגאַנגען אַרום זיי ווי אין אַ געדיכטן וואַלד און געשעפּט נחת. די דאָזיקע צייטונגען וועלכע זענען דערשינען פון מאָנטעווידעאָ ביז אַנטווערפּן און פון יאָהאַנעסבורג ביז טוניס, האָבן אָפּ־געשפּיגלט די רעוויזיאָניסטישע אימפּעריע, וואָס ער האָט געשאַפן מיט זיין מוח, מויל און פּען. די צייטונגען אין קעלער זענען געווען עדות פון דער ברייטער פאַרצווייגונג פון דער באַוועגונג און יעדעס מאָל איז צוגע־קומען אַ נייער צווייג אויפן געדיכטן בוים. ווען מיר האָבן אַמאָל באַקומען אַ רעוויזיאָניסטישע צייטונג אין יאַפּאַניש פון מאַנדזשוקאָ, ווו ס'זענען געווען טעטיק דער הצה"ר און בית"ר און מיר האָבן דאָרט געפונען זשאַ־באָטינסקיס אַ בילד מיט זיינס אַן אַרטיקל (וועגן אַרטיקל האָבן מיר זיך דערוווּסט פון אַ צוגעלייגטן בריוו פון אונדזערע דאָרטיקע חברים, גע־שריבן אין ענגליש, ווייל קיין יאַפּאַניש־קענער זענען ביי אונדז נישט געווען), האָט זשאַבאָטינסקי געקוואָלן און געוויזן די צייטונג אַלע חברים. (אַן עקזעמפּלאַר פון דער צייטונג, וואָס האָט באַוויזן אַז זיינע אידעען האָבן אַרומגענומען די גאַנצע וועלט, געפינט זיך אין זשאַבאָטינסקי־אינסטיטוט אין תל־אביב).

זיין באַציאונג צו יעדער זאַך, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער באַוועגונג, איז געווען אַ רירנדע. דער מאַן מיטן ריזן־שווונג, וואָס האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט קליינקייטן און געשטרעבט שטענדיק צו גרוי־סעם — איז געווען באַגייסטערט פון יעדער זאַך, וואָס האָט געטראָגן דעם שטעמפּל פון דער פּאַרטיי. עס איז אים געווען פיל מאָל ליבער די אָרים־קייט פון זיין אייגענער מחנה ווי דאָס רייכטום פון אַנדערע. די קראַנקען־קאַסע פון נאַציאָנאַלע אַרבעטער, וועגן וועלכערס אַנטוויקלונג ער פלעגט באַקומען אינפאָרמאַציעס פון ארץ־ישראל, איז געווען ביי אים ווי אַ ברי־ליאַנט אין דער קרוין פון הצה"ר. יעדע אינסטיטוציע פון דער באַוועגונג איז געווען אַ פיל באַדייטנדער טייל פון דער רעוויזיאָניסטישער „קעניג־רייך".

ער האָט זייער ליב געהאַט די מיטגלידער פון דער באַוועגונג, גרויס און קליין. יעדן רעוויזיאָניסט אָדער בית"רי, וואָס פלעגט זיך דורך אַ צופאַל פאַרוואַלגערן ביז לאָנדאָן און האָט געוואָלט קומען אים זען און

מיט אים שמועסן, האָט ער אויפגענומען זייער פריינטשאַפטלעך. ס'זענען געווען פיל באַזוכער וואָס זייערע געשעפטן זענען גאָרנישט געווען וויכ־טיק און ערנסט, נאָר זענען סתם געקומען אים זען כדי צו דערציילן נאָכ־הער, אַז זיי האָבן געשמועסט מיט זשאַבאָטינסקין. ער האָט גערן פאַר־לוירן פיל פון זיין טייערע צייט, כדי צו שמועסן מיט יעדן רעוויזיאָניסט וועגן דער לאַגע פון דער באַוועגונג אין זייערע לענדער.

ער האָט זיך געפילט אַמבעסטן אין דער געזעלשאַפט פון די פאַרטיי־חברים. ער פלעגט קומען צו באַזוך צו די ביורא־מיטאַרבעטער אין זייע־רע היימען, אפילו צו די נידריקסטע באַאַמטע, עסן ביי זיי און פאַרברענ־גען אין זייער געזעלשאַפט. אַז אַ ביורא־באַאַמטער איז קראַנק געוואָרן אויף אייניקע טעג, פלעגט זשאַבאָטינסקי אַליין — אָפט מיט זיין פרוי — קומען אים מבקר־חולה זיין. רפאל ראַזאָוו, אַ מיטגליד פון שלטון־בית"ר, און אַ פאַמיליע־פריינט פון דער יוגנט, האָבן זיי געפלעגט בשעת זיין קראַנקהייט מיט ביישפּיללאָזער ליבע און זאָרגפעלטיקייט. אַז ס'איז פאָרגע־קומען אַ חתונה אין קרייז פון הצה"ר, אָדער אַ ברית — פלעגט ער גערן אָננעמען די איינלאַדונגען פון די פאַרטיי־חברים. אין איינעם אַ טאָג האָט ער געדאַרפט אַרויספאָרן דרינגנט קיין אויס־לאַנד; נאָר צוליב דעם וואָס אַ מיטאַרבעטער פון שלטון־בית"ר, לעאָ בעלאַ, אַ בית"רי, האָט גראָד דעם טאָג חתונה געהאַט מיט אַ בית"ריה, האָט זשאַבאָטינסקי אָפּגעלייגט די רייזע פון אינ־דערפרי אויפן אָוונט און זיך באַטייליקט לפּחות אין דער ציווילער התונה־צערעמאָניע אַלס אָפיציעלער עדות. מ'קען זיך פאָרשטעלן דעם פאַרגעניגן וואָס ער האָט גורם געווען די יונגע מענטשן, קומענדיק אויף זייערע שמחות. אָבער נישט בלויז זיי האָט ער פאַרשאַפט אַ טיפן נחת־רוח, ער אַליין האָט הנאה געהאַט און איז געווען צופרידן. ער איז געווען גליקלעך אין דער געזעלשאַפט פון זיינע טרייע אָנהענגער. צווישן זיי איז ער געווען אין אַ גוטער שטימונג, לוסטיק און האָט געשיינט מיט זיין פּיקחות, פלעגט דערציילן הומאָריסטישע געשיכטעס און אַקטועלע וויצן. צווישן זיינע חברים און תלמידים, די צה"רים און בית"רים — האָט ער זיך קיינמאָל נישט געפילט מיד און לאַנגווייליק. ס'איז אים הונ־דערט מאָל ליבער געווען אָנצונעמען אַן איינלאַדונג צו עסן ביי איינעם פון זיינע פשוטסטע תלמידים, איידער ביי אַ גביר, וואָס האָט געגלאַנצט מיט זיין רייכטום, נאָר האָט נישט געהערט צו דער פאַרטיי.

ער האָט גערן־געהאַט די לעבעדיקע און לוסטיקע אַקאַדעמישע יוגנט. מיט פאַרגעניגן פלעגט ער אָננעמען איינלאַדונגען פון די נאַציאָנאַלע אַ־

קאַדעמיקער צו זייערע אָוונטן — די „קאַמערסן". אין איינעם פון די קאַמערסן האָט ער פאַרפאַסט א ליד לכבוד א רעוויזיאָניסטישער אקאַדעמישער קאָרפּאָראַציע, ער האָט ליב געהאַט די וואיל־יונגערישקייט פון די אקאַדעמיקער און זייער לעבנס־לוסט. „ווען איך בין צווישן אייך — האָט ער זיי א מאָל געזאָגט — פיל איך זיך צוריק אלס יונגער סטודענט אין איטאַליע".

פיל מאָל, קומענדיק צום באַזוך אין די קלובן פון די רעוויזיאָניסטישע קאָרפּאָראַציעס, פלעגט ער בכוונה פאַרגעסן אז ער איז א פירער פון פאָלק און שעפער פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. דאָרט פלעגט ער צוריק ווערן א יונגער בחור, וואָס טרינקט פון פולן בעכער פון לעבנס־שיכרות. זיינע דערשיינונגען אין די פייערלעכקייטן זענען געווען א גרויס עראייגניש. זיינע רעדעס אויף די „קאַמערסן", זעלבסטפאַרשטענדלעך אימפּראָוויזאַציעס, האָבן באַוואונדערט מיט לעבנס־חכמה, מיט דער פרילינגדיקייט פון זיינע אידייען און מיט פיל שאַרפזיניקע און גייסטרייכע ווערטער. די דאָזיקע רעדעס זענען א לויב־געזאַנג פאַרן לעבן און פאַר דער יוגנט.

אין איינער אזא פייערונג, ווען די גאַסט־געבער און זייער גרויסער גאַסט האָבן זיך דערקוויקט די הערצער מיט גוטן וויין, האָבן זיי אים געבעטן ער זאָל האַלטן פאַר זיי א רעדע. אין די מאָמענטן האָט אים א בליץ געטון אין קאָפּ א ליד. די פערזן האָט ער, וואַרשיינלעך, פאַרפאַסט אין זיין מוח אין די צוויי שעה, ווען ער איז געזעסן ביים מאַלצייט. „גיט מיר א שטיקל פּאַפּיר און איר זעצט פאַר אייער הולאַנקע" — האָט ער זיי געזאָגט מיט געלעכטער. „ליגט נישט אויף מיר קיין אכט, אזוי ווי איך וואָלט נישט געווען צווישן אייך. דער לאַרם וואָס איר מאַכט, באַפרוכפּערט מיינע געדאַנקען".

ארום אים איז געווען א לאַרם פון זינגענדיקע און זיך לוסטיקמאַכנדע סטודענטן. און ער איז געזעסן ביי זייער טיש און אָנגעשריבן זיינע שורות. אין א האַלבע שעה ארום האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט: „אָט האָט איר עפּעס אַנשטאָט א רעדע. אָבער מער פאָדערט נישט פון מיר, איך זאָל האַלטן א רעדע"! און ער האָט זיי רעציטירט דעם ליד וואָס ער האָט פאַרפאַסט, זיצנדיק ביים טיש. דאָס איז דער הימן פון די העברעאישע נאַציאָנאַלע סטודענטן.

מיט פיל סימפּאַטיע האָט ער זיך באַצויגן צו די חברים אין די פאַרשידענע לענדער, וועלכע האָבן געטראָגן אויף זייערע פּלייצעס דעם לאַסט פון ליטן מיט דער באַוועגונג: די לאַנד־פּרעזידענטן פון הצה"ר, די נציבי בית"ר און קצינים. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט יעדן פּרט פון זייער

פּערזענלעכן לעבן און זיך שטענדיק געאײַלט זיי צו העלפן ווען זיי האָבן עס נויטיק געהאַט, זאָרגן פאַר זייער פּרנסה, זיך פרייען אין זייער שמחה און ווייטאָגן זייער ווייטאָג.

צוליב דעם פלעגט ער שרייבן זייער פיל פּריוואַטע בריוו. הונדער־טער מענטשן קענען זיך באַרימען, אַז זיי האָבן ביי זיך בריוו געשריבן אייגנהאַנטיק דורך זשאַבאָטינסקין. די בריוו־שרייבעריי פלעגט אים אוועק־נעמען טייערע שעהן פון זיין אַרבעטס־צייט, וואָס ער האָט געקענט אויס־נוצן פאַר פיל וויכטיקע אַרבעטן. ווען ער האָט אַנגאַזשירט זיין סעקרע־טאַר, האָט ער באַווילִיגט דעם סעקרעטאַרס ביטע, אַז ער אַליין זאָל שוין מער נישט שרייבן פּריוואַטע בריוו צו יעדן וואָס ווענדעט זיך צו אים, נאָר זיך באַגרענעצן מיט פּערזענלעכע בריוו בלויז צו זיינע אינטימסטע פריינט און שילער. אַ געוויסע צייט האָט ער זיך אונטערגעגעבן און ער האָט געשריבן מיט דער האַנט נאָר צו די פּאַרטיי־פירער און צו אייניקע פּערזענלעכע נאָנטע באַקאַנטע. אָבער ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און דער סעקרעטאַר האָט אים ווידער געפונען זיצנדיק און שרייבנדיק בריוו צו יעדן וואָס האָט זיך צו אים געווענדעט. אויף דער באַמער־קונג פון פּריוואַט־סעקרעטאַר, אַז „ער ברעכט דעם אָפּמאַך, וואָס ער האָט אונטערגעשריבן" צו שרייבן נאָר אַרטיקלען, פּאָליטישע מעמאָראַנדומס און ביכער, און נישט שרייבן פיל פּריוואַטע בריוו, האָט זשאַבאָטינסקי געענטפערט: „אָבער דער פּערזענלעכער בריוו־וועקסל און דער פאַקט וואָס מיינע בריוו געפינען זיך אין בוזעם־קעשענע פון יעדן רעוויזיאָניסט, האָבן גורם געווען צום וווּקס פון דער באַוועגונג און דאָס האַלט איין הונדערטער טויזנטער מענטשן אין דער פּאַרטיי, וואָס איז באַזירט נאָר אויף פריינדלעכקייט און קעגנזייטיקע ליבע, און וואָס קען אירע מענטשן נישט עפּעס אַנדערש געבן, ווי ליידן און פּיין".

די ליבע צו אַלץ וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון הצה"ר, האָט ביי אים נישט אויפגעהערט ביזן לעצטן טאָג פון לעבן. זיין גייסט האָט אומע־טום געשוועבט. אַלץ וואָס די באַוועגונג, וואָס ער האָט געשאַפן, האָט גע־טאָן — איז געטאָן געוואָרן מיט דער שטענדיקער מיטאַרבעט פון זאב זשאַבאָטינסקי.

ס'איז נישט געווען קיין איין ווינקל אין אונדזער לעבן, וווּ ס'איז נישט אַריינגעדרונגען אַ שטראַל פון זיין גרויסער ליבע.

צו אונדזער מזל איז ער געווען אַ געזונטער מענטש, און האָט כמעט נישט געוווּסט וואָס ס'הייסט קראַנק זיין. אין די לעצטע זעקס יאָר פון זיין לעבן איז ער קראַנק געווען בלויז איינמאָל אויף אַ גריפּע, און איז

געווען צוגעשמידט צום בעט ניין טעג. אויך דאַן, אויסער אין די־וויני־קע טעג, ווען ער האָט געהאַט הויכע טעמפּעראַטור און איז געווען זייער אָפּגעשוואַכט, פלעגט ער באַשטעלן זיין סעקרעטאַר אין האָטעל און מיט אים דערליידיקט געזעלשאַפטלעכע ענינים.

זיין הויז־דאָקטאָר אין די פּאַריזער צייטן איז געווען דער פאַרשטאָר־בענער ד"ר זשאַק (יעקב) סעגאַל. ד"ר סעגאַל איז געווען א מיטגליד פון דער רעוויזיאָניסטישער וועלט - עקזעקוטיווע, א געבוירענער אין צפת, ארץ־ישראל. אין ערשטן וועלט־קריג האָט ער געדינט אין דער פראַנצוי־זישער אַרמיי און איז אויסגעצייכנט געוואָרן מיט א קרייץ פון ערן־לעגיאָן. ער איז באַרימט געוואָרן אַלס גרויסער דאָקטאָר און געוואָרן הויז־דאָק־טאָר פון פראַנצויזישן מלוכה־פּרעזידענט דומערג (ד"ר סעגאַל איז גע - שטאָרבן פּלוצלינג אין יאר 1936 און אין זיין לוויה אין פּאַריז האָט זיך באַטייליגט דומערגס פרוי. דער מלוכה־פּרעזידענט אליין איז דאַן געווען אויסער פּאַריז און האָט געשיקט א קאָנדאָלענץ־דעפּעשע). זשאַבאָטינסקי איז געווען סעגאַלס אַ פּערזענלעכער פריינט און יעדעס מאָל ביי אַ פריינד־שאַפטס - באַזוך פלעגט אים דער דאָקטאָר אונטערזוכן. סעגאַל האָט אונדז שטענדיק געזאָגט : „דער אויבערשטער באַגייט זיך מיט אונדז מיט רחמים, ווייל ער האָט געגעבן אונדזער מנהיג א געזונטן און פעסטן קער־פּער, און איך בין זיכער, אז ער וועט לאַנג לעבן"!

בלויז א ביסל האָט זשאַבאָטינסקי געליטן פון דיאַבעטיק, אָבער דער פּראָצענט צוקער איז ביי אים געווען זייער קליין און האָט אים נישט גע־פּייניקט. פונדעסטוועגן פלעגט ער זיך אָפּהיטן פון טרינקען זיסע טיי.

אין די יונגערע יאָרן איז ער געווען א שטאַרקער רויכערער. א גע־וווינהייט פון זיינע יונגע יאָרן, ביזן 55 לעבנס יאר פלעגט ער ציען ממש איין ציגאַרעט נאָכן אנדערן, 50־60 א טאָג. עטלעכע חדשים פאַרן גרינ־דונגס - קאָנגרעס פון דער נייער ציוניסטישער ארגאַניזאַציע, אין 1935, האָבן די דאָקטוירים פעסטגעשטעלט אז דאָס רויכערן שאַדט אים צום געזונט און אים געראַטן אויפהערן צו רויכערן.

נאַטירלעך, ס'איז אים געווען שווער זיך אָפּצוגעוווינען פון א פיל צענדליק־יעריקע געוווינהייט. אויך דאָ איז אים געקומען צו הילף דער שטאַרקער ווילן, וואָס האָט אים שטענדיק געהאָלפן אַראָפּנעמען פון וועג שטרויכלונגען און שוועריקייטן. דאָס איז געווען פאַרן דערעפענונגס־קאָנ־גרעס פון דער נייער ציוניסטישער ארגאַניזאַציע. און ער האָט זיך דאַן אליין געזאָגט מיט א שמייכל: „אויב איך וועל נישט רויכערן מער קיין ציגאַרעטן, וועלן מיר באַקומען קרוב צו א מיליאָן שטימען צום גרינדונגס־

קאָנגרעס"! די צאָל האָט אין יענע צייטן אויסגעזען אויך ביי זיינע העל־פערס ווי א חלום, וואָס וועט זיך נישט לאָזן פאַרווירקלעכן. ווי איז דאָס מעגלעך? א מיליאָן מענטשן וועלן גיין צו דער אורנע, דאן ווען צום 19־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין וועלכן ס'האָבן זיך באטייליקט אלע פארטייען און ס'איז געווען א שווערער וואל־קאמף, וואס האָט פאר־שמארקט די שקלים־פארשפרייטונג, זענען אָפּגעגעבן געוואָרן נאָר 600.000 שטימען. ווי וועלן מיר קענען, וועלכע מאכן דעם ערשטן עקספּערימענט אין אן אטמאָספער פון שנאה, חלומען וועגן אזא הויכער צאָל? אָבער זשאַבאָטינסקי האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס: „איר וועט זען, מיר וועלן באַ־קומען קרוב צו א מיליאָן שטימען". די דאָזיקע האָפענונג האָט אים איינ־געהאלטן אין זיין באשלוס מער נישט צו רויכערן, כאָטש דאָס איז אים אָנגעקומען זייער שווער גראד דאן ווען ער האָט געארבעט 16 שעה אין מעת-לעת.

דער סוף איז באקאנט: ער האָט זיך אָפּגעוווינט פון רויכערן, און די וואלן צום גרינדונגס - קאָנגרעס פון דער נייער ציוניסטישער ארגאניזאַ־ציע האָבן געגעבן 713.000 שטימען, א זאך, וואָס קיינער פון אונדז אוי־סער אים האָט אפילו אין דער פאנטאזיע נישט געזען.

*

אין די ערשטע יארן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ער האָט איבערגעביטן זיין מיליטערישן אוניפאָרם אין ציווילער קליידונג, האָט ער אויסגעזען גוט. פאָטאָגראַפיעס פון יענע טעג ווייזן אים א דיקן, מיט ברײ־טע פּלייצעס און א פולן געזיכט. אויך שפּעטער, טראָץ זיין פליסיקער ארבעט און זיינע אונאויפהערלעכע ערמידנדע רייזעס איבערן וועלט - קוגל, האָט ער זיך געשפּירט פולשטענדיק געזונט און פריש און געהאט א גוטן אפּעטיט. נאָר זיינע פריינט די דאָקטוירים האָבן אים א מאָל געעצה'ט, אז ס'איז בעסער ער זאָל נישט זיין צו דיק. אין א קורצער צייט האָט ער פיל פארלוירן פון זיין וואָג. דער שטארקער ווילן האָט אים געהאָלפן אין קליינע ווי אין גרויסע זאכן. פון דאן איז ער געווען פאר־זיכטיק מיטן עסן. ער האָט ליב געהאט צו זיין אין באוועגונג, און אין די פרייע שעהן האָט ער פיל שפּאצירט. אויך קומענדיק ערגעץ אין א לאנד אויף א באזוך, האָט ער געזוכט מעגלעכקייטן צו שפּאצירן. אין קלענערע שטעדט איז עס געווען שווער, כמעט אוממעגלעך. ווייל ווען ער פלעגט ארויסגיין פון האָטעל, האָט מען אים תיכף דערקענט, און הונדערטער

מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען ארום אים. איך דערמאָן מיך אזא באַזוך זיינעם אין א יידיש שטעטל. דער פאָרטראג איז געווען באשטימט אויף שבת צו נאכטס, און ער איז אָנגעקומען אין שטאָט פרייטיק פאר ליכט־בענטשן. שבת מיטאגצייט האָט ער געוואָלט ארויסגיין פון צימער, כדי צו שנאפּן פרישע לופט. ער האָט געמיינט, אז אין א יידישער שטאָט, ווו אלע געשעפטן זענען געשלאָסן אום שבת, זענען די גאסן ליידיק שבת אין מיטן טאָג, ווייל זיכער זיצן אין דער צייט אלע ביים שבתדיקן טיש. און ווירקלעך, ווען ער האָט געשטעלט זיינע ערשטע טריט אין גאס — זיין סעקרעטאר האָט אים באגלייט — איז נישט געווען קיין באוועגונג און ער האָט געהאָפט, אז ס'וועט אים געלונגען ארויסצוקריגן זיך הינטערן שטאָט. אָבער אין משך פון אייניקע מינוטן האָט זיך פארשפּרייט דער קלאנג אז זשאבאָטינסקי שפּאצירט און אין א קורצן מאָמענט זענען אלע גאסן און באלקאָנען פול געוואָרן מיט נייגעריקע, מענער, פרויען און קינדער. ער האָט נישט געהאט קיין ברירה נאָר צוריקגיין אין האָטעל.

צוליב דער פעסטשטעלונג פון די דאָקטוירים אז ער איז געזונט און אז די אינטענסיווע ארבעט שוואכט נישט אפּ זיינע כוחות, האָבן מיר נישט געזאָרגט וועגן זיין געזונט־צושטאנד. קיינער פון אונדז האָט נישט צוגעלאָזט צו דער מחשבה אז ס'וועט קומען א טאָג, אז ס'קען קומען אזא טאָג, און ער וועט נישט לעבן. ווען מיר פלעגן אים אָנקוקן ארבעטנדיק זייער שווער, ארומפארנדיק פון לאנד צו לאנד און פון שטאָט צו שטאָט, האלטנדיק רעדעס יעדן אָוונט, באטייליקנדיק זיך אין ערמידנדע זיצונגען און פארזאמלונגען, האָבן מיר אלע באדויערט אז זיינע כוחות ווערן אזוי־פיל אויסגענוצט. אָבער מיר האָבן שטענדיק געהאט איין האָפנונג: ער וועט לעבן לאנג, וועט דערגרייכן א גוטע עלטער און וועט נאָך זען די רעאליזאציע פון ציון־אידעאל!

איין זאך האָט אויף אונדז ארויסגעוואָרפן אן אימה: ער פלעגט זייער פיל רייזן, באזונדערס פליען מיט עראָפּלאנען. ווען ער איז געווען אין אויסלאנד, האָבן מיר געציטערט צו עפענען א צייטונג, טאָמער איז דאָרט חס וחלילה דאָ א ידיעה וועגן א לופט־קאטאסטראָפע. צום אָנהויב האָבן מיר זיך זייער געשראָקן. נאכהער האָבן מיר זיך בארואיקט, מיר האָבן געזען גאָטס האנט אין זיינע אָפטע רייזעס אָן פאָרפאלן. עטלעכע פאלן האָבן נאָך פארשטארקט אונדזער גלויבן און זיכערקייט, אז ס'וועט מיט אים נישט געשען קיין מכשול און ער וועט אָנקומען בשלום אויף זיין אָרט.

עטלעכע חדשים פאר היטלערס אינוואזיע פון עסטרייך, איז זשאבאָטינסקי געפארן קיין מזרח־אייראָפּע. ווי געוויינלעך פלעגט ער פארן



זשאבאָטינסקי אויף איינער פון זיינע רייזעס

מיט דער באַן דורך פּאריז ־ שווייץ - עסטרייך. עסטרייך איז נאָך דאַן געווען א פרייע רעפּובליק און אויסער דעם איז אין ווין געווען א שטאַרקע און א שיינע בית״ר ארגאניזאציע, און ראש בית״ר האָט געוואָלט אויסנוצן די געלעגנהייט צו זען זיינע תלמידים אין עסטרייך. עס זענען נאָך דאַן אויך געווען שטארקע ציוניסטישע ארגאניזאציעס אין דייטשלאַנד, און באזונדערס אין בערלין, אָבער ס׳איז געווען קלאָר, אז טאָמער וועט ער נעמען אויף זיך די ריזיקע צו פאָרן דורך דייטשלאנד, קען ער אריינפאַלן אין היטלערס הענט, וועלכער האָט — מיט רעכט — געהאלטן זשאַבאָטינסקין פאר איינעם פון זיינע גרעסטע שונאים.

ווען דער צוג אין וועלכן זשאבאָטינסקי איז געפאָרן, האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף א סטאציע, איז ער אראָפּגעגאַנגען (דאָס איז געווען אויף דער עסטרייכישער טעריטאָריע) אין סטאציע־בופעט טרינקען א גלאָז טיי. צוליב אן אומבאקאנטער סיבה איז ער געבליבן לענגער אין בופעט. ווען ער איז ארויס, האָט דער צוג שוין גערירט פון אָרט און ער האָט שוין

נישט באוויזן אריינצוגיין אין זיין וואגאָן. ער איז דעריבער אריינגע־שפּרונגען אין לעצטן וואגאָן, און איז געווען געצווונגען צו זיצן און וואַר־טן, אויף דער נענסטער סטאַציע, כדי קענען צוריקקערן אויף זיין פּלאַץ. אָבער איידער דער צוג איז אָנגעקומען אויף דער צווייטער סטאַציע, איז געווען אַ צוזאַמענשטויס פון דעם צוג מיט אַ באַן וואָס איז אַנגעלאָפן פון אנטקעגן. עטלעכע וואגאָנען זענען געשעדיקט געוואָרן, און פּאַסאַ־זשירן זענען פאַרווונדערט געוואָרן. דורך אַ צופאַל איז שווער געשעדיקט געוואָרן דווקא דער וואגאָן, אין וועלכן זשאבאָטינסקי איז געפאָרן פון פּאַריז, אָבער ר׳האָט נישט באוויזן צוריקצוקערן אין אים. דער גורל האָט געוואָלט אַז ער זאָל פאַרשפּעטיקן אריינצוגיין אין זיין וואגאָן, און אַזוי אַרום איז געראַטעוועט פון טויט אָדער פון שווערע ווונדן.

נאָך ענלעכע פאַלן האָבן אונדז געשטאַרקט אין דער האָפנונג, אַז ס׳וועלן נישט געשען קיין מכשולים. און אפילו ווען ער איז געפלויגן זייער לאַנגע מרחקים, צום ביישפּיל קיין דרום־אַפריקע און צוריק, האָבן מיר שוין מער נישט געזאָרגט. מ׳דאַרף נעמען אין באַטראַכט, אַז דאַן — פאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה, — זענען נאָך די אַעראָפּלאַנען נישט געווען אַזוי פאַרפולקאָמט טעכניש און ס׳זענען געווען אָפט קאַטאַ־סטראָפעס.

אויף אונדזער אינערליכער זיכערקייט האָט געווירקט אין אַ גרוי־סער מאָס די רואיקייט פון מאַדאַם זשאבאָטינסקי. אָנפאַנג מאַי 1939, איז ראָש בית״ר ארויסגעפאָרן אויף זיין לעצטער פּראָפּאַגאַנדע־רייזע קיין מזרח־אייראָפּע — צו דער אַפּשיידס־רייזע פון טייערן יידנטום. מיר האָבן אים באַגלייט צום לאָנדאָנער פלי־פּלאַץ אין קראַיידאָן. ער איז גע־פלויגן פון לאָנדאָן קיין העלסינגפאָרס, פינלאַנדס הויפּשטאָט. אַ גרויסער מרחק. אין ער פרי איז ער ארויסגעפלויגן פון דער בריטישער מעטראָ־פּאָליע, און ערשט צען אַ זייגער אין אָוונט איז ער אָנגעקומען אין העל־סינגפאָרס. ס׳איז געווען אַ פאַרוואָלקנטער רעגן-טאָג. פון הימל האָט גע־גאָסן אומאויפהערלעך, אַ דראַבנער נודנער רעגן וואָס האָט זיך געלייגט ווי בליי אויף דער נשמה און אָנגעוואָרפן אַ מרה־שחורה אויפן געמיט. שווערע וואָלקנס האָבן אָנגעפילט דעם לאָנדאָנער הימל און די ביולעטי־נען פון דער מעטעאָראָלאָגישער סטאַציע האָבן נישט פאַרגעזאָגט אַז דער הימל וועט זיך אויסלייטערן. פאַרזאָרגטע, אָבער גאָרנישט זאָגנדיק זענען מיר געשטאַנען, פינף מענטשן, אויפן פלי־פּלאַץ, און אונדזערע אויגן האָבן נאָכגעפאָלגט ראָש בית״ר, דעם מענטש וואָס איז אונדז אַמטיי־ערסטן אויף גאַנס וועלט, ווי ער גייט ארויף אויף די טרעפּ פון אַעראָפּ־

לאָן. נאָכהער האָבן מיר אים געזען דורכן פענסטער שמייכלענדיק און פאָכנדיק צו אונדז מיטן טאַשן־טוך.

צום אָנהויב איז דער שטאָלענער פויגל געקראָכן, געקראָכן אויף דער ערד. נאָכהער האָט ער זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן צום הימל. לאַנג האָבן אונדזערע אויגן געשטעקט אין האָריזאָנט, דאָרט וווּ דער אעראָפּלאַן איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. ווען דער פּילאָט וואָלט געוווּסט, אַז ער פירט דאָ דעם טייערסטן אוצר פון יידישן פאָלק?...

מיר זענען געווען פאַרזאָרגט און דורכגענעצט פון רעגן און קאַלטן ווינט וואָס איז אַריינגעדרונגען אין די ביינער. אָבער ראש בית"רס שמייכל און די וווּנדערלעכע רואיקייט פון מאַדאַם זשאַבאָטינסקי, וועלכע איז געשטאַנען מיט אונדז און געזען איר לעבנס־באַגלייטער דער־ווייטערט זיך פון איר, אפשר צום טויזנטסטן מאָל, אין זיין מיה צו צע־רייסן די גלות־קייטן פון זיין פאָלק — דאָס בילד האָט אונדז דערמוטיקט און געשטאַרקט.

מיר זענען צוריקגעפאָרן קיין לאָנדאָן מיט א טיפן אמונה־געפיל. ער וועט צוריקקומען און לאַנג לעבן.

זיין פּריציייטיקער טויט איז פאַר אונדז ביז היינט א שרעקלעכער רעטעניש.

# אין ביורא

ער איז געווען דער איינציקער ציוניסטישער מנהיג, וואָס האָט נישט געהאַט קיין אייגן הויז, נישט אין ארץ־ישראל און נישט אין גלות. ווי אויבן געזאָגט, איז געלט־מאַנגל געווען בלויז איינע פון די סיבות דערצו. ס׳איז געווען נאָך א סיבה, אַ פּיל טיפערע: ער האָט נישט געוואָלט זיין צוגעבונדן צו איין אָרט. ער האָט זייער געשעצט דעם פּריוואַט-אייגנטום און געהאַט טיפן רעספּעקט פאַרן סענטימענט, וואָס בינדט א מענטש צו זיין היים און זיין אייגנס. אָבער ער האָט זיך נישט געקענט דערלויבן דעם לוקסוס. זשאַ־באָטינסקי האָט געוווסט, אז זיין גורל איז דער גורל פון אהאסוער.

ער איז פאַראורטיילט צו וואַנדערן צוזאַמען מיט זיין פאָלק וואָס איז נע־ונד, און האָט אויך נישט קיין היים. דעריבער איז זיין פאַרמעגן געווען איינגעפּאַקט אין צוויי וואַליזעס. זיין הויז איז געווען אין יעדן ווינקל, ווו יידן לעבן. דעם איבריקן פאַרמעגן זיינעם האָט ער געטראָגן אין הארצן און אין מוח.

פאַר זיך פּריוואַט קיין הויז האָט ער נישט געבויט. אָבער זיין ליבע פאַר אַן אינטימען ווינקל האָט ער אריינגעטראָגן אין דעם הויז פון די אויבערשטע אינסטיטוציעס פון דער באַוועגונג, וואָס ער האָט געשאַפן. אין פאַריז האָבן מיר געהאַט אַן אַלט הייזל, א דריי שטאָקיגע, אין די פענצ־טערס פון עטליכע צימערן זענען געווען אייזערנע שטאַכעטן אנשטאַט שויבן. ער האָט אָבער קאָקעטירט מיט דער דירה ווי מיט א קעניגלעכן פּאַ־לאַץ. דאָס איז דאָך געווען זיינס.

די דירה האָט אַזוי צוגעצויגן זיין אויפמערקזאַקייט, אז אין משך פון עטלעכע חדשים האָט ער נישט געפונען קיין פרייע צייט צו שרייבן

אפילו אן ארטיקל פארן וואָכן־אָרגאַן פון דער פּאַרטיי „די וועלט", וואָס איז דערשינען אין ווארשע פון 1933 אונטער דער רעדאַקציע פון אורי צבי גרינבערג און נאכהער פון יוסף קלאַרמאַן.

די דאָזיקע געפילן האָט ער אויסגעדריקט אין אן ארטיקל „צוזאמען" (געשריבן אין 1934), אין וועלכן ער רעדט וועגן זיין „נייער געליבטער" די וויינונג פון די פּאַרטיי־אינסטיטוציעס. אַזוי זאָגט ער:

„כ'בין אָנגעשטאָפּט מיט הטאים. אָבער מיין זינד לגבי דער „וועלט" איז אומפאַרגעבבאַר. נישט דער גוטער ווילן פעלט: אַן אויסשטעלונג האָב איך געקענט מאכן פון די נישט־פאַרענדיקטע מאַנוסקריפּטן.

די סיבה? וועגן דער סיבה וואָלט איך געקענט שרייבן נישט בלויז א גאַנצן ארטיקל. א פּאָעמע דאַרף מען שרייבן; א פּאָעמע וועגן א נארישן ייד וואָס האָט זיך פאַרליבט. די געליבטע איז א דינאַמאָ־מאַשין. זי זעט אויס ווי א דריי־שטאָקיג הויז. אין די דריי שטאָקן — עלף צימערן. אויבן אין די צימערן ארבעטן 25 נפשות. און אונטן, אין די צוויי גרויסע זאַלן, הערט מען אונאויפהערלעך די קאָמענדע־באַפעלן אין העברעאיש און די פּיס-טופּערייען פון בית"רישע ספּאָרט־איבונגען.

די געליבטע מיינע הייסט — דאָס צענטראַל ביוראָ פון הצה"ר, בית"ר, קרן תל־חי, באַיקאָט־קאָמיטעט, א. א. וו., א. א. וו., פּאַריז, רי דע־פּאָנטואַז, נומער 7.

איך בין פאַרליבט, ממש ווי א קינד אין א שפּילצייג. מיין גאַנץ לעבן האָב איך פיינט געהאַט תכלית־שנאה יעדע „ביוראָ" און יעדע ביוראָ־אַר־בעט. איך פלעג גיין צו דער ארבעט קרעכצנדיק, אַזוי ווי אין מיינע קינדער־יאָרן אין גימנאַזיע, להבדיל. איך ווייס נישט וואָס ס'איז געשען מיט מיר. אין פּאָנטואַז לויף איך ווי א פרומער ייד אין בית־המדרש. איך זעץ זיךביים טיש און לויף ארום איבער אַלע שטאָקן און שעפּ נחת. נחת פון אַלץ, אפילו פון די דאגות און צרות ווען די מאַשין קלאַפּט נישט. און ווו האָט איר געזען א מענטשלעכע מאַשין זאָל „קלאַפּן" אַזוי ווי דער מענטש וויל? געוואַלט ! די פאַרפּילפּאַכונגס - מאַשין איז ווידער קאַלע געוואָרן, און מ'דאַרף היינט אַרויסלאָזן א צירקולאַר. אוי וויי! ווו האָב איך פאַרשטעקט דעם בריוו פון סאַנט־יאַגא, פון וועלכן ס'הענגט אָפּ דער גורל פון דער גאַנ־צער מדינה טשילי? וויי! די טרעפּ זענען היינט מער פאַרשטויבט ווי נעכטן, געוואַלט! די פּאָסט־עקספּעדיציע דאַרף היינט באַטרעפן א מיליאָן פראַנק און אין קאַסע איז מער נישטאָ ווי א האַלבער מיליאָן (די ציפערן זענען נישט גענוי, אָבער דאָ רעדט דאָך א פאַרליבטער!). און פון יעדן געוואַלט שעפּ איך נחת. ר' ייד, אז איר וועט קומען קיין פּאַריז, לויפט נישט אין

לוווּר־מוזעאום. איר וועט בעסער טאָן, אַז איר וועט קומען צו אונדז אויף פּאַנטואַז; מיר וועלן אייך טאַקי נישט ארײַנלאָזן, ווײַל מיר זענען שטאַרק באשעפטיקט, אָבער פון אונטן וועט איר הערן דעם גערויש פון דער דינאַ־מאָ־מאַשין און איר וועט שעפּן נחת פון איר קלאַנג, אַזוי ווי איך!

...אָבער דאָס אַלץ איז נישט שייך צו אַן אַרטיקל שרײַבן. דו זעצט זיך, לייגסט אוועק פאַר דיר אַ פּאַק פּאַפּיר, קנייטשט דעם שטערן און הייבסט אָן אַ גלענצענדן אַרטיקל... פּלוצלינג לויפט אימיצער אַרײַן אין צימער און אין זײַן מויל דאָס פּאַטאַלע וואָרט „געוואַלט", ס'פעלט אַ זאַק וואָס מ'האָט געקויפט אַלס טעפּיך פאַרן „דזשו־דזשיטסו" — און הערנדיק דאָס פּאַטאַ־לע וואָרט, קריגסטו ווידער אַן אַטאַק פון נחת און לויפסט זוכן דעם זאַק — און אויף צומאָרגנס, ווען דו גייסט פאַרזעצן דעם אַרטיקל, איז ער אָן טעם ווי אַן אינמיטן אויסגעלאָשענער סיגאַרעט — שוין נישט רעדנדיק פון דעם, אַז כדי צו געפינען דעם אָנגעהויבענעם כתב־יד אויף מײַן טיש, נויטיק איך זיך אין אַן אמתן „דעטעקטיוו!".

אונדזער „קאָנסיערזשקע" (די הויז־היטערין) האָט אַ לענגערע צייט געמיינט, אַז זשאַבאָטינסקי איז דער הויז־פאַרוואַלטער, ווײַל אַרויפגייענדיק און אַראָפּגייענדיק פלעגט ער מיט איר כאַפּן אַ שמועס וועגן דער אָרדנונג אין דירה, וועגן דער ריינקייט און אויסבעסערונגען וואָס מ'האָט געדאַרפט מאַכן אין הויז.

ווען מיר זענען אַריבער וווינען אין לאָנדאָן, אין אַ שיין אײַנגעריכ־טעטע הויז, איז זײַן שמחה געווען נאָך גרעסער. אָבער פּאַנטואַז 7 אין פּאַריז האָט ער נישט פאַרגעסן. אין פרילינג 1936, ווען אונדזער הויפּט־ביוראָ איז שוין געווען אין לאָנדאָן, האָט זיך דער שרײַבער פון די שורות צוריקגעקערט פון אַ באַזוך אין ארץ־ישראל און ער האָט זיך באַגעגנט מיטן ראש בית"ר, וועלכער האָט דאַן געווײַלט אין פּאַריז. „לאָמיר גיין באַזוכן אונדזער פריערדיקע וווינונג"! האָט זשאַבאָטינסקי געזאָגט. די דירה איז געווען ליידיק און פאַרשלאָסן, און זי איז געבליבן אָפּגעלאָזן און פאַרנאַכ־לעסיקט. מיר זענען אַרײַן אין הויף, ער האָט געקוקט מיט בענקשאַפט אויפן הויז, אין וועלכער ס'האָט זיך אַנטוויקלט זײַן באַוועגונג אין משך פון עט־לעכע יאָר.

דאָס הויז אויף רי דע פּאַנטואַז 7, אין לאַטײַנישן פערטל (דער סטו־דענטן קוואַרטאַל) אין פּאַריז האָט מען געדונגען אין 1933.

אין די דרײַ שטאָקן פון הויז האָבן זיך געפונען אַלע פירנדע אינ־סטאַנצן. זשאַבאָטינסקי איז געזעסן אויפן דריטן שטאָק. די צימערן נעבן

אים האָט פאַרנומען די לייטונג פון קרן תל חי, אין וועמענס שפּיץ ס'איז אין יענע טעג געשטאַנען זיין פרוי.

די גאַס, ווו ס'איז געווען דאָס צענטראַל־ביוראָ פון דער באַוועגונג, איז געווען א קליינע, פון די אַלטע פּאַריזער געסלעך, וואָס שמעקן מיט הונדערטער יאָרן געשיכטע. אנטקעגן ביוראָ איז געווען א קליין קרעמל, ווו מ'האָט פאַרקויפט קוילן (צו הייצן) צוזאַמען מיט ווײַן, און פון אַלע זייטן פון ביוראָ זענען געווען קליינע קאַפע־הײַזלעך, די באַרימטע „ביסטראָס", וועמענס צאָל אין פּאַריז איז ווי זאַמד ביים ברעג ים. פון איין זייט פון דער רי דע־פּאַנטואַז האָט זיך אויסגעשפּרייט דער זייער לאַנגער און ברייטער סט.־זשערמען־בולוואַר, וועלכער האָט טאָג און נאַכט געשוווּמלט און געווימלט פון גרויס באַוועגונג. פון דער צווייטער זייט פון געסל האָבן געגלאַנצט די בריקן פון דער סען, און נעבן זיי — „נאָטר־דאַם־דע־פּאַרי", די וועלט ־ באַרימט קאַטוילישע קירכע, וואָס ס'איז אַלט פיל הונדערטער יאָרן און ווו מ'האָט געקרוינט די פראַנצויזישע מלכים. דאָס דע־פּאַנטואַז־געסל האָט ווי אָפּגעטיילט צווישן צוויי וועלטן. פון איין זייט — די נייע וועלט פון דער לוסטיקער אקאַדעמישער יוגנט, וואָס האָט זיך דאָ צענויפגעזאַמלט פון אַלע עקן וועלט; און די סט.־זשערמען און סט־מישעל בולוואַרן, נעבן דער פּאַריזער „סאָרבאָנע", זענען געווען זייער לאַרעמדיקער צענטער; פון דער אַנדערער זייט — ביי די בריקן — די אַלטע, בכבודע און יחסנישע פּאַריז. אין דער צווייטער זייט פון געסל איז נישט געווען קיין גרויסע באַוועגונג. דאָ, אויפן לאַנגן טראָטואַר ביים פּאַריזער טייך, אונטער וועלכן ס'האָבן געפונען שוץ היימלאָזע „קלאָשאַרן" און באַרוועסע יינגלעך האָבן געכאַפּט פיש, אין דעם שיינעם קוואַרטאַל, וואָס איז אַזוי באַצויבערנד אין פרילינג, פלעגט זשאַבאָטינסקי שפּאַצירן אביסל נאָך מיטאָג, איידער ער האָט צוריקגעקערט צו דער אַרבעט אין דער צווייטער העלפט פון טאָג. ער פלעגט שפּאַצירן ע"פּי רוב אַליין און טראַכטן. אפשר אין די ווייניקע מינוטן פון מיטאָג־רו, מער ווי אַלע שעהן פון טאָג אין רווישנדן ביוראָ, האָבן אויפגעבליצט אין זיין געניאַלן מוח די וויכטיקע פּאָליטישע און ליטעראַרישע אידייען.

ער האָט זייער ליב געהאַט פּאַריז. ס'ערשטע מאָל איז ער געקומען אין פראַנקרייכס הויפּט־שטאָט אין 1914 — דאַן איז ער אַלט געווען 34 יאָר. ווען די ערשטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז ער געקומען קיין פּאַריז אַלס מיליטערישער קאָרעספּאָנדענט פון א רוסישער צייטונג, און ער האָט זיך פאַרליבט אין דער פרעכטיקער שטאָט פון „ערשטן בליק". פיל יאָרן שפּעטער, ווען פּאַריז איז געווען זיין שטענדיקער וווין־אָרט, האָט

ער איר געווידמעט אַן אַרטיקל, אין וועלכן ס׳געפינען זיך צווישן אַנדערע פאָלגענדע שורות, וואָס דריקן אויס זיין באַגייסטערונג נישט נאָר פאַר דער שטאָט, נאָר אויך פאַר אירע איינוווינער און פאַרן גאַנצן פאָלק: „פּאַריז איז אַזוי שיין, אַז אַמאָל כאַפּט דיר אָן אַ חשק צו פאַרמאַכן די אויגן. דו האָסט זיך אַנגעזעטיקט זעענדיק. קיין גרעסערע שיינקייט ווי דאָס וועסטו סיי ווי סיי נישט זען! צווייטנס: די שפּראַך. ס׳איז גוט צו זיין אין אַ לאַנד, אין וועלכער די גאַס רעדט אין אַן אַריסטאָקראַטישער שפּראַך. ווען מיין „קאָנסיערזש" (הויז-וועכטערין) קערט אויס די טרעפּ און אין דער זעלבער צייט גייט אַרויף אויף די טרעפּ דער קצב־יונג און האַלט אין האַנט אַ פּעקל פלייש, רוקט זי זיך אָפּ און אויף זיין גוט־מאָרגן ענטפערט זי מיטן זעלבן אַקצענט און מיטן זעלבן זשעסט, מיט וועלכן שרה בערנאַר האָט געשפּילט די קעניגינס פון ראַסין. און ווידער אַמאָל. אפשר איז אויך דאָ פּאַראָן אַ לעקציע וועגן דער דערהויבנקייט פון מענטשן און פעלקער: אין האַרצן איידלקייט, און אין האַנט — אַ בעזים!".

אויך אין זיין קוואַרטאַל אין פּאַריז, אין פּערצענטן, וווּ ער האָט געוווינט מיט דער פאַמיליע 11 יאָר, פון 1924 ביז 1935, האָט ער גערן גע־האַט אַריינצוגיין אין אַ פרייער שעה אין די קאַפע־הייזער נעבן זיין וווי־נונג, זיצן און זיך צוהערן צו די האַרציקע און זאַרגלאָזע געשפּרעכן פון די פּאַריזער. אין דעם קוואַרטאַל האָט ער געפונען זעעלישע רואיקייט, ווי ער זאָגט אַליין אין אויבן ציטירטן אַרטיקל: „כ׳האָב שוין פון לאַנג געשטרעבט צו אַן אָפּרו אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל, צו אַ פּראָווינצער רואיקייט, און דאָס איז געשעען. איין מאָל אין לעבן, איין און איינציק מאָל, האָט זיך דער אויבערשטער מרחם געווען און פאַרשאַפט זיין מידן קנעכט אביסל נחת. איך זיץ איצט אין אַזאַ פּרעכטיקער און רואיקער „לאָך", אַז אַלע פאַרוואָר־פענע ווינקעלעך אין דער וועלט שילדערן זיך אין מיין פאַנטאַזיע ווי סדום ועמורה ביים אויפבלי פון דער לוסטיקער ציוויליזאַציע".

דאָס קאַפּיטל פּאַריז האָט זיך געענדיקט סוף 1935, נאָכן גרינדונגס־קאָנגרעס פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ס׳איז באַשלאָסן גע־וואָרן אָנצוהייבן אַ ברייט־צוגיקע זעלבסטשטענדיקע פּאָליטישע טעטיקייט. און די עקזעקוטיווע האָט געפונען פאַר געוווּנטשן צו פירן די אַרבעט אין דער בריטישער מעטראָפּאָליע, דאָרט ווו ס׳האָט זיך געפאָרמט די פּאָליטיק פון מאַנדאַטאָר. מיר האָבן פאַרלאָזן פּאַריז און זיך איבערגעפירט קיין לאָנדאָן.

זשאַבאָטינסקי איז געווען אין אַ גלענצענדער שטימונג ביים אָנהויב פון דער אומאָפּהענגיקער פּאָליטישער טעטיקייט. די לעצטע טעג אין פּאַריז



דאָס פּרעזידיום פון גרינדונגס־קאָנגרעס פון דער נייער ציונ. אָרגאַניזאַציע
אויף דער טריבונע זשאַבאָטינסקי.
עס זיצן פון רעכטס אויף לינקס: ד״ר דאָהאַני, ד״ר ב. שטערנבערג,
יעקב דע־האז ז״ל, א. רעמבא, ד״ר מ. לוסטיג ז״ל, א. באבקאוו ז״ל.
עס שטייען פון רעכטס אויף לינקס: ד״ר נ. האָפּמאַן, צ. ה. וואקסמאַן ז״ל,
ד״ר ז. טיאמקין ז״ל, פּראָפ. א. קולישער ז״ל, ד״ר יוסף שעכטמאַן
און ד״ר א. ראבינאָוויטש.

פלעגן מיר נאָך די שפּעטע אָוונט־זיצונגען גיין אין קאפע „דיפּאָן״, אויפן סאן־מישעל־ווינקל און זיצנדיק מיט אונדז האָט ראש בית״ר אין א זייער הומאָרפולער פאָרם געגעבן זיינע יונגע מיטארבעטער, וועלכע זענען נאָך פריער נישט געווען אין לאָנדאָן און האָבן נישט געקענט דעם כאראקטער פון לאנד, לעקציעס פון ענגלישער פּסיכאָלאָגיע. ער האָט דערציילט וויצן וועגן ענגלישער צניעות און פוריטאניזם אין קעגנזאץ צו דער איבערטרי־בענער פרייהייט פון די פראנצויזן. „ווען איר ווילט א קוש טאָן א מיידל אין לאָנדאָן — האָט ער זיך געוויצלט רעדנדיק צו די נישט חתונה־געהאטע בחורים — מוזט איר פריער מיט איר חתונה האָבן, אז נישט וועט מען

איך שלעפּן אָן אויפהער אין געריכט וועגן „ברעכן א צוזאג חתונה צו האָבן" („Breach of promise")

די לייט פון גרייט-ראסל סטריט, פון דער אגענץ-עקזעקוטיווע, האָבן זיך געשראָקן פאר זשאַבאָטינסקיס טעטיקייט און ס'האָבן זיך געפונען חשובע מענער, וועלכע האָבן געשושקעט דעם אָדער יענעם ענגלישן גוי אויפן אויער, אז דער פירער פון די „יידישע פאשיסטן" און די „אנטי-בריטישע" קומט זיך באזעצן אין דער מעטראָפּאָליע. דעריבער האָבן אייניקע פון אונדז געמיינט, אז די ענגלישע רעגירונג וועט נישט דערלויבן דער עקזעקוטיווע פון דער נייער ציוניסטישער ארגאניזאציע זיך באזעצן אין לאָנדאָן. ס'איז נישטאָ קיין לייכטערע זאך ווי אָפּצוזאָגן אריינרייזע-דערלויבניש פאר מענטשן, וועלכע זענען ע"פּי רוב געווען בירגערלאָזע מיט נאַנסן-פּעסער. אין איין ענגלישער צייטונג איז פארעפנטלעכט געוואָרן א קליינע נאָטיץ, בלומרשט אָנגעשריבן אָן שום כוונות, נאָר בלויז פאַר אינפארמאציע, א קונסט-ווערק פון יעזואיטיזם, אז „דער פירער פון די יידישע עקסטרעמיסטן אין ארץ-ישראל, זאב זשאבאָטינסקי, געפינט זיך איצט אין לאָנדאָן און האָט בדעה דאָ זיך צו באזעצן. ווי מ'געדענקט — ליגט צו די צייטונג — איז ער פארמשפּט געוואָרן אויף 15 יאר צוואנגס - ארבעט פארן טיילן געווער צו ציווילע פערזאָנען".

די כראָניקאַלע ידיעה איז אָפּגעדרוקט געוואָרן ווען זשאבאָטינסקי איז געקומען אויף א פארבערייטונגס - באזוך. די נאָטיץ האָט ארויסגערופן גרויס ווונדער, ווייל די ענגלישע טאָג - צייטונגען האָבן נישט געלייגט קיין אכט אויף יידישע פערזענלעכקייטן, און ווען א יידישע לייטנדע פערזענלעכקייט — ווער זי זאָל נישט זיין — האָט אמאָל באזוכט ענגלאַנד, האָבן די לאָנדאָנער צייטונגען קיינמאָל וועגן דעם נישט געמעלדעט.

נאכהער, ווען ער איז אָנגעקומען אין לאָנדאָן אויף זיך צו באזעצן, איז אין א צווייטער ענגלישער וואָכנשריפט אָפּגעדרוקט געוואָרן א זייער באראקטעריסטישע נאָטיץ. דעם 11 מערץ 1936 האָט דער „ניוס-רעוויאו" געשריבן: „מיט 17 יאר צוריק איז אַ עקזאלטירטער ייד, זאב זשאבאָטינסקי, פארמשפּט געוואָרן אויף 15 יאר צוואַנגס - ארבעט, ווייל ער האָט זיך באטייליקט אין אומרוען אין ירושלים, און האָט געטיילט געווער צווישן דער יידישער ציווילער באפעלקערונג. אין קריגס - צייט האָט זשאַבאָטינסקי געשאפן א יידישן לעגיאָן פאר ענגלאנד, און איז דאָ געווען פּאָפּולער. ס'איז פארגעקומען א רעוויזיע פון זיין פּראָצעס, און אין אייניקע מאָנאטן שפּעטער איז ער באפרייט געוואָרן. פון דאן פאָרט ער ארום איבער אייראָפּע אלס פירער פון די ציוניסטן - רעוויזיאָניסטן און פאַ-

דערט ארץ - ישראל פאר די יידן. איצט איז ער געקומען אין לאָנדאָן זיך באזעצן. אונדזער צייטונג „ניוס־רעוויאו" דערוויסט זיך, אז די מאכט־אָרגאַנען האַלטן אן אָפּענעם אויג אויף זשאבאָטינסקיס פּראָפּאַגאַנדע, צוליב זאָרג אז ס'זאל נישט צעפלאַמען דער קאָנפליקט אין דער פראגע פון יידן און אראבער נישט דאָ (אין ענגלאנד) און נישט אין ארץ־ישראל".

ס'איז געווען קלאָר, אז הינטער די דאָזיקע כלומרשטע אומשולדיקע אינפאָרמאציעס שטעקט א יידישע האַנט.

זשאבאָטינסקי איז געווען אזוי איבעראשט אז אפילו ער, וואָס איז געווען שטענדיק זייער פאָרזיכטיק אין ווארפן באשולדיקונגען אויף מענטשן, ביז ער האָט די זאכן אויסגעפאָרשט און דורכקאָנטראָלירט, האָט אויפגעדעקט די אינטריגע וואָס וועבט זיך ארום אים. „פון מיינע אַלטע ענגלישע פריינט, וועלכע האָבן זיינער צייט געהאָלפן אין ענין פון יידישן לעגיאָן האָב איך דערפארן, וואָס פאר אן אימה מ'האָט דאָ אָנגעוואָרפן אין לאָנדאָן אויף דער רעגירונג צוליבן רעוויזיאָניזם — און ווער זענען די וואָס האָבן די אימה אָנגעוואָרפן".

אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין לוצערן האָט מען פארטיילט פאר אויסלענדישע זשורנאליסטן א פאמפלעט ווו ס'איז געשריבן, אז די רע - וויזיאָניסטן גרייטן זיך צוצורויבן פון די אראבער זייערע הייזער און פעלדער.

אין לאָנדאָן האָבן מיר געדונגען א שיין קליין הייזל אויף פינטשליי ראוד, און צפון־מערב פון קאָלאָסאלן כרך. ווער ס'איז געקומען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן קיין לאָנדאָן האָט זיך זיכער געוווּנדערט אז אין דער גרעסטער שטאָט אין דער וועלט, וואָס ציילט קרוב צו צען מיליאָן איינוווינער, איז נישטאָ קיין ענגשאפט, ווייל די שטאָט איז צעשפּרייט אויף אומגעהויערע שטחים און זי איז אינגאנצן באדעקט מיט גרינס. אויסער דעם אינדוסטריעלן און האנדלס - טייל, וווינען די לאָנדאָנער אין קליינינקע ווילעס, אין נידעריקע איין אָדער צוויי ־שטאָקיגע הייזלעך, און אַלע הייזער זענען ארומגענומען מיט גערטנער. אין די גרינע געסלאך הערשט א רואיקייט אז אין מיטן טאָג קען מען זיך אויסציען אויפן גאס אומגעשטערט. ס'דאכט זיך אז די קליינינקע הייזלעך דרימלען אין שאָטן פון די גרינע ביימער. אין אזא גאָרטן איז געשטאַנען דאָס הויז פון הצ"ח (די נייע ציוניסטישע ארגאניזאציע) און בית"ר. אויך די פארב פון דער געביידע איז געווען גרין. די דירה איז געווען א שיינע און באקוועמע, און אין איר זענען געווען קאָנצענטרירט אַלע אינסטיטוציעס.

זשאבאָטינסקי האָט שטאָלצירט מיט אונדזער לאָנדאָנער הויז. טאָג טעגלעך פֿלעגט ער ארומגיין איבער די צימערן, ארויסגיין אין גאָרטן אויפֿן הויף, אראָפּגיין אין קיך און אין די ארכיוו־קעלערן, ארויפֿקריכן אויפֿן צווייטן שטאָק אין די צימערן פֿון די סטענאָטיפּיסטענס און אריינקוקן מיט גרויס הנאה אין יעדן ווינקל. א לענגערע צייט האָט אים געשטעקט אן אידעע אין מוח צו פֿארוואנדלען א טייל פֿון הויז אין אן אינטערנאט, ווו ס׳וועלן וווינען די נישט־פֿארהייראטע פֿון באאמטן פּערסאָנאל. ער איז געווען גליקלעך, אז אלע אינסטיטוציעס — הצה״ר, בית״ר, ברית החיל, קרן תל חי, דער אקאדעמישער פֿארבאנד „יבנה ויודפת״ — געפֿינען זיך אין דעם הויז. ווען ער פֿלעגט צענויפֿרופֿן אין זיין ארבעטס־צימער זיצונגען פֿון די פֿארשטייער פֿון די פֿארשידענע אינסטיטוציעס האָט ער זיך געשפּירט ווי א טאטע, וואָס האָט אויסגעגעבן די קינדער און זיי זענען אלע געקומען צו אים יום־טוב אויף באזוך. אין זיינע אומצייליקע זאָרגן און לײַדן — אין דער תקופה האָט זיין באוועגונג אין ארץ־ישראל אָנגעהויבן אַנטוויקלען די ווידערשטאנדס־כוחות קעגן מאַנדאטאָר — זענען די יארן געווען די פּרוקטבארסטע אין זיין פּאָליטישער טעטיקייט. די צוויי גרויסע אויפֿטוען פֿון דער נאציאנאלער באוועגונג — די „אומלעגאלע עליה״ און דער אצ״ל — זענען א פּראָדוקט פֿון אָט דער תקופה אין זשאבאָטינסקיס אקטיוויטעט.

דאָס ביוראָ איז געווען דאָס רעפּרעזענטאטיווע הויז פֿון דער נייער ציוניסטישער באוועגונג. דאָ פֿלעגן אָפֿט קומען באזוכן זשאבאָטינסקין וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, יידן און קריסטן. אויפֿן טויער פֿון הויז איז געווען א שילדל אין העברעאיש און ענגליש. דער שילד האָט אגב געציגן די אויפֿמערקזאמקייט פֿון מאסליים אָנהענגער, וועלכע פֿלעגן אים יעדעס מאָל באשמירן מיט פּאשיסטישע אויפֿשריפֿטן און באליידיקנדע אויסדרוקן אויפֿן חשבון פֿון יידן. ווען מיר זענען איינמאָל געקומען אין דער פֿרי אין ביוראָ, האָבן מיר דעם שילד אינגאנצן נישט געפֿונען. די מאסלייאיסטן האָבן אים צעבראָכן, און אויף זיין פּלאץ אויסגעפֿארבט זידל־ווערטער קעגן יידן. ערשט נאָכדעם ווי מ׳האָט געמעלדעט דער פּאָליציי און דער ראיאָן איז געשטעלט געוואָרן אונטער א שטרענגערע אויפֿזיכט, האָבן זיך די כוליגאנישע שטיק נישט מער איבערגעחזרט. די מאסלייאיסטן האָבן זיך נישט באגנוגנט מיט אזעלכע „העלדנטאטן״, נאָר זיי פֿלעגן מכבד זיין זשאבאָטינסקין מיט דראָאונגס־בריוו און אים „איינגעלאדן״... צו פֿארלאָזן ענגלאנד. איין בריוו, צום ביישפּיל, איז געווען געשריבן אין אזא „עלעגאנטן״ סטיל:

(Dirty Jew, Chuck your Out of the country)
(דאָס הייסט: „שמוציקער ייד! טראָג זיך.אָפּ פון דעם לאַנד!”).

אלזאָ, עפנענדיק דאָס טויער, איז מען אריינגעגאנגען דורך א שיינער בוימער־אַלעיע. אין קעלער זענען געשטאנען די מולטיפּליקאציע־מאַשינען. דאָרט האָט זיך אויך געפונען דער ארכיוו פון די אינסטיטוציעס. אויפן פּאַרטער, רעכטס, איז געווען דער הערצל־זאַל, דער זיצונג־זאַל פון פּרעזידיום. אויף דער וואנד אין צענטער איז געהאָנגען א וואנט־בילד פון שעפער פון פּאָליטישן ציוניזם, וועמענס נאָמען דער זאַל האָט געטראָגן. דער זאַל האָט געדינט אויך פאר אנדערע רעפּרעזענטאטיווע צוועקן, ווי פּרעסע־קאָנפערענצן, וועלכע דאָס פּרעזידיום פלעגט צענויפרופן פון צייט צו צייט. אויך די פּסח'דיקע סדר־נעכט פלעגן אָפּגעריכט ווערן אין דעם צימער. דאָ פלעגן פארקומען פארטראגן פון פערזענלעכקייטן, איינגעלאַדענע דורך דער גרופּע פן די רעוויזיאָניסטישע אקאדעמיקער „הערצל־קלוב”. אויף די פארזאמלונגען זענען אויפגעטרעטן ע"פּי רוב מיטגלידער פון בריטישן פּאַרלאַמענט און געוועזענע הויכע באאמטע פון דער פּאַלעסטינע ־ אדמיניסטראציע.

אויפן זעלבן שטאָק זענען געווען די ביוראָען פון שלטון בית"ר און די קאָמענדע פון ברית החייל. אַלע צימער פון אויבערשטן שטאָק זענען געווען פארנומען דורך דער עקזעקוטיווע פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. און אין צענטער — דעם נשיא'ס צימער אין וועלכן ער איז געזעסן מיט זיין פּריוואַט ־ סעקרעטאר. א שטאָק העכער — די ארבעטס ־ צימערן פון די סעקרעטארינס, פאר אַלע שפּראכן מיט וועלכע דער סעקרעטאריאַט האָט זיך גענארפט באנוצן אין דער טעטיקייט אויפן גאנצן וועלט ־ קוגל, ווו יידן האָבן געלעבט.

דאָס ביוראָ איז געווען איינגעאָרדנט מיט פיל געשמאַק. מיר האָבן ספּעציעל געלייגט אַכט אויף דער מעבלירונג פון זשאַבאָטינסקים צימער. אין די קאַלטע ווינטער ־ טעג, ווען דער לאָנדאָנער נעפּל האָט פארדעקט די גאנצע שטאָט און א בייסנדע קעלט איז אריינגעדרונגען אין די ביינער, איז געווען אַן אמתער פארגעניגן צו זיצן אין די ביוראָ־צימערן און ארבעטן. דער פּרעזידענט האָט געהאַט פיל גענוס פון פיבערהאפטן ארבעטס־גייסט, וואָס האָט געהערשט אין אַלע ווינקעלעך.

איין מאָל — געדענק איך — זענען אים געקומען באזוכן אין ביוראָ די פירער פון וועלט ־ „מזרחי” — הרב מאיר בערלין ז"ל און הרב גאָלד, צו לענגערע יאָרן. זיי האָבן דאן געווײלט אין לאָנדאָן אויף א סעסיע פון ציוניסטישן אקציאָנס־קאָמיטעט. זיי זענען געקומען צו זשאַבאָ־

מינסקין דירעקט פון בנין פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אויף גרייט־ראסל סטריט. ווען די צוויי חשובע רבנים זענען אריין אין זיין צימער, האָבן זיי זיך ארומגעקוקט, און הרב מאיר בערלין האָט ארויסגעוואָרפן פון מויל א זאַץ. „דאָ איז אנגענומער ווי אין גרייט־ראסל־סטריט". זשאַבאָטינסקי האָט געלאכט פון דער „אפיקורסישער" און סימבאָלישער פּליטת־פּה פון פּרעזידענט פון אלוועלטלעכן „מזרחי". דער באזוך איז געווען איין קייטעלע אין דער קייט פון די באגעגנישן מיט זשאבאָטינסקין כדי אים צוריקצוברענגען אין דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער ארגאַניזאציע.

זיין בילד האָט ער נישט דערלויבט אויפצוהענגען אין בנין. בלויז איבערן שרייבטיש פון זיין סעקרעטאר, וועלכער איז געזעסן אנטקעגן אים, איז געהאָנגען, מיט זיין דערלויבניש א געלונגענע קאריקאטור, וואָס שילדערט זשאבאָטינסקין דעם רעדנער. די קאריקאטור האָט געצייכנט א רעסטאָראן ־ קעלנער אין איינער פון אייראָפּעס הויפּט־שטעט.

לויט דעם נשיא'ס דירעקטיוו זענען די ווענט אין זיין צימער געווען אויסגעהאָנגען מיט פאָטאָגראפיעס פון קאָנפערענצן, צוזאמענקונפטן און קאָנגרעסן פון פארשידענע אָפּצווייגונגען פון דער באוועגונג. ווי אויך בילדער פון די רעוויזיאָניסטישע צענטראַלע קאָמיטעטן און בית"ר נציבויות. „איך וויל — האָט ער געזאָגט —אַז פאַר מיינע אויגן זאָלן שטענדיק זיין די געזיכטער פון אלע חברים, וועלכע האָבן מיר געהאָלפן אויפשטעלן די באוועגונג און טראָגן מיט מיר דעם שווערן יאָך אין אלע עקן פון דער וועלט. כ'וויל יעדעס מאָל זיך איינקוקן אין זיי. זעענדיק זיי שטייגט מיין אָפּטימיזם!" לויט זיין אויפטראג האָט זיך זיין סעקרעטאר געווענדעט צו די הצה"ר ־ צענטראַלעס און בית"ר לאנד־קאָמענדעס מיט א ביטע צו שיקן זייערע קאָלעקטיווע בילדער, כדי זיי אויפצוהענגען אין זיין ארבעטס - צימער.

איז א פרעמדער מענטש צופעליק אריינגעקומען אין ביוראָ, אין פּאַריז אָדער לאָנדאָן, האָט ער באלד אין קאָרידאָר געקענט פילן צי זשאבאָטינסקי איז דאָ אין דעם מאָמענט אין דער געביידע אָדער נישט. דאָס ביוראָ האָט שטענדיק געזשומעט ווי אין א בינען־שטאָק. אלע פארטייאינסטיטוציעס האָבן געארבעט אונאויפהערלעך א גאנצן טאָג, און דער אַפּאַראַט איז געווען פיבערהאַפט טעטיק. אָבער ווען ער איז געזעסן אין זיין ארבעטס ־ צימער, האָט זיך געפילט זיין גייסט שוועבנדיק איבערן גאנצן בנין. מ'האָט געוווסט וועגן זיין אָנוועזנהייט אין ביוראָ, נישט נאָר

ווייל מ׳האָט אים געזען אַריינגייענדיק, (קומענדיק אין דער פרי צו דער אַרבעט, פלעגט ער אַריינגיין אין אַלע צימערן, האָט באַגריסט די חברים, גערדיקט זייערע הענט און אויסגעהערט קורץ וועגן די דרינגענדסטע אָנגעלעגנהייטן). נישט נאָר דאָס. מ׳האָט אים געפילט אין ביוראָ; אַ פייערלעכקייט איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף אַלץ. ער האָט געווירקט אין אַן אַנטשיידענער מאָס אויף דער שאַפונגס־פרייד פון יעדן איינעם אין זיין ווינקל און זיין דעפּאַרטאַמענט. ס׳האָט געהערשט אַ געהויבענע שטימונג ווען ער איז געווען אין דער ביוראָ־געביידע.

ווען ער איז געווען אויף רייזע, האָט זיך געפילט ווי ס׳וואָלט ליידיק געוואָרן אין בנין. די אַרבעט האָט זיך געפירט אין געוויינלעכן טעמפּאָ, נאָר די פרייד איז נישט געלעגן אויסגעגאָסן אויף די פנימער. די שכינה איז אַוועק!

יעדן פרימאָרגן, ניין אַ זייגער, פלעגט ער טעלעפאָנירן פון זיין האָטעל ־ צימער צום סעקרעטאַר אין ביוראָ און פרעגן, וואָס די ערשטע פּאָסט האָט געבראַכט. צען אַ זייגער, אַפּטמאָל פריער, איז ער שוין געזעסן ביי זיין טיש אין ביוראָ און געאַרבעט. זיין אינטערעס איז אַלץ וואָס געשעט אין דער באַוועגונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז אויפשטייענדיק פון שלאָף איז זיין ערשטע מחשבה — נאָך איידער ער האָט געלייענט די וועלט־פּרעסע — געווען, וואָס ס׳טוט זיך אין אונדזער אינערלעכער וועלט. זיין פּריוואַט־סעקרעטאַר פלעגט קומען פריער, דורכקוקן די קאָרעספּאָנדענץ, דורכזעען די יידישע פּרעסע וואָס איז אָנגעקומען פון ארץ־ישראל און די יידישע גלות׳ן, און עפענען די טעלעגראַמען; ווען ס׳האָט זיך געהערט דער ערשטער טעלעפאָנישער קלינג איז ער געווען גרייט אים אָפּצוגעבן אַ קורצן באַריכט וועגן די וויכטיקסטע נייעסן.

אין אַ האַלבע שעה אַרום איז ער שוין אַליין געווען אין ביוראָ. געוויינלעך, האָט ער אויסגעטון דעם מאַנטל אין גאַרדעראָבע. נאָר, ווען ער פלעגט באַקומען דורכן טעלעפאָן אַ ידיעה וועגן אַ וויכטיקער זאַך און האָט געגערט צו וויסן די גענויע איינצלהייטן — האָט ער זיך נישט פאַרהאַלטן אין גאַרדעראָבע, נאָר אַריין אין צימער אין מאַנטל.

כמעט שטענדיק איז ער געווען אין אַ גוטער שטימונג. ווי זיין שטייגער, גלאַט ראַזירט און די קליידער געפּרעסט. זיך אַוועקגעזעצט און קודם כל געהערט אַ באַריכט וועגן די טאָג־נייעסן פון דער יידישער וועלט, פון ארץ־ישראל און פון די פּאַרטיי־רייען.

***

זיין אויסדויער און אַרבעטס - קראַפט איז געווען פענאָמענאַל. נישט זעלטן פלעגן מיר ארויסגיין פון א זיצונג צוויי א זייגער ביי נאַכט. אויף צו מאָרגנס אין דערפרי איז ער שוין געווען ראַזירט און עלעגאַנט אָנגעטאָן — פרוי זשאַבאָטינסקי האָט אַליין טאָג טעגלעך געפּרעסט זיינע אַנצוגער — און אָנגעהויבן זיין אַרבעטס־טאָג. ווען מיר האָבן געלעבט אין פּאַריז איז געווען א מנהג אריינצוגיין נאָכן שלום פון א עקזעקוטיווע־זיצונג, נאָך האַלבע נאַכט — אין א קאַפע - הויז אויפן רוישנדן סען־מישעל. נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך פאַרזוימט א שטיקל צייט אין קאַפע־הויז, האָט ער גערן געהאַט צו גיין אהיים צופוס, כאָטש ס'איז געווען א שטיק וועג פון לאַטיינישן קוואַרטאַל צו זיין וווינונג — א שעה גאַנג צו פוס — און מיר האָבן אים באַגלייט. אפילו דער אַלטער ד"ר זינאָווי יאַ־ניטש טיאָמקין, א עקזעקוטיווע־מיטגליד, א שוואַכער מענטש איבער די זיבעציקער, וועמען ס'איז שווער געווען צו גיין צופוס, האָט נישט גע־וואָלט מוותר זיין אויפן פאַרגעניגן צו באַגלייטן דעם פּרעזידענט אהיים. נאָר אויף זשאַבאָטינסקיס צודרינגלעכע ביטע, פלעגט ד"ר טיאָמקין גיין מיט אונדז נאָר א האַלבן וועג. אין דערפרי איז זשאַבאָטינסקי געווען פריש און מונטער ביי דער אַרבעט. ער האָט קיינמאָל נישט געשפּירט קיין מידקייט. זייער זעלטן, נאָך אַן אויסערסט אָנגעשטרענגטער מוח־אַרבעט, פלעגט ער זיך אָנשפּאַרן אויפן פּאָטעל אויף א פערטל שעה — „נאָר אויף א פערטל שעה" פלעגט ער אונטערשטרייכן, און בעטן מ'זאָל אים אויפ־וועקן. — נאָכהער פלעגט ער אויפשטיין דערפרישט צו דער אַרבעט, פול מיט כוחות און ענערגיע.

פיל מענטשן האָבן אים טעגלעך באַזוכט. זיין פריינט קאָלאָנעל פּע־טערסאָן איז געווען א שטאַם־גאַסט. ס'זענען געקומען געסט פון אויס־לאַנד, פירער פון די ציוניסטישע פּאַרטייען און פון הצה"ר און ס'זענען געקומען סתם מענטשן „א קוק טאָן אויף זשאַבאָטינסקין".

א לאַנגע און פילפאַרביקע גאַלעריע פון פּערזענלעכקייטן איז דורכ־געגאַנגען זיין ביוראָ אין די לעצטע יאָרן. מאַנכעסמאָל האָבן זיך באַוויזן געזיכטער, וועלכע האָבן אַרויסגערופן א פאַרוואונדערונג ביי זיינע מיטאַר־בעטער. איינמאָל איז געקומען פלאַריאַן סאָקאָלאָוו, נחום סאָקאָלאָווס ז"ל עלצטער זון. ווי באַקאַנט, האָט סאָקאָלאָוו געהאַט נחת נאָר פון זיינע טעכ־טער, וועלכע זענען געגאַנגען אין זיינע וועגן און זיי זענען ציוניסטינס. דאַקעגן זיינע זין זענען געווען אַסימילאַטאָרן, און דער גורל פון יידישן פאָלק האָט זיי נישט אינטערעסירט. איינער פון די זין האָט חתונה געהאַט מיט א קריסטלעכע פרוי, כאָטש ער האָט נישט פאַרלאָזן דעם יידישן

גלויבן. פלאָריאַן סאָקאָלאָוו, דער עלצטער זון, איז געווען א באַרימטער זשורנאַליסט. אמאָל האָט ער געאַרבעט אין דער פּוילישער פּרעסע אין וואַרשע. נאָכהער איז ער אַריבער וווינען אין לאָנדאָן, און פון דאָרט גע־דינט אַלס הויפּט־קאָרעספּאָנדענט אין אָפיציעלן אָרגאַן פון דער פּוילישער רעגירונג, אין דער גרויסער צייטונג „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ". זיינע אינטע־רעסאַנטע אַרטיקלען האָבן זיך געדרוקט מיט זיין פולן נאָמען אויף דער ערשטער זייט פון דער צייטונג. א יאָר פאַרן מלחמה־אויסברוך איז פלאָריאַנס סאָקאָלאָווס נאָמען, וואָס איז געווען פּאָפּולער אין אַלע פּוי־לישע לעזער־קרייזן, פּלוצלינג פאַרשווּנדן געוואָרן פון די שפּאַלטן פון דער וואַרשעווער פּרעסע. שפּעטער איז באַקאַנט געוואָרן, אַז צוליב דער פאַר־שטאַרקונג פון די אַנטיסעמיטישע שטרעמונגען אין פּוילן, האָט אַפילו דער אָפיציעלער רעגירונגס־אָרגאַן נישט געוואָגט צו פאַרעפנטלעכן א נאָמען פון זיינעם א יידישן מיטאַרבעטער, א ייד. זיינע אַרטיקלען האָט מען ווייטער געדרוקט, נאָר מיט א פּסעוודאָנים. ס'זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז מ'האַלט אים ביים אָפּזאָגן. שווער צו וויסן, צי דאָס איז גע־ווען די סיבה, אָדער אפשר האָט זיך ביי אים סתם אויפגעוועקט דער יידי־שער געוויסן — ער איז דאָך געווען דער זון פון וועלט־פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — פלאָריאַן סאָקאָלאָוו האָט אָנגעהויבן אַ־רויסצווייזן חרטה־געפילן פאַר זיין אָפּגעפרעמדקייט פון זיין פאָלק, און דער ציוניסטישער פונק האָט זיך אָנגעצונדן אין אים. ווי געוויינלעך ביי מענטשן, וועלכע האָבן זיך נישט אויפגעצויגן אין א געטאָ־סביבה און האָבן יעדע דערשיינונג אויפגענומען פון א געזונטן „גויישן" שטאַנד־פּונקט, האָט אויך פלאָריאַן סאָקאָלאָוו פאַרשטאַנען, אַז אויב ס'איז פאַ־ראַן ציוניזם און אויב ס'איז בכלל דאָ א זין צוריקצוקערן צו זיין אָב־שטאַם — איז עס צום גרויסן שוווּנגפולן זשאַבאָטינסקי־ציוניזם. און ער איז געקומען אויף א לאַנגן און פריינטלעכן געשפּרעך. אין יענע טעג האָט זיך זשאַבאָטינסקי באַשעפטיקט מיטן „עוואַקואַציע־פּלאַן" און פאַר־האַנדלט מיט דער פּוילישער רעגירונג וועגן דער אויסוואַנדערונג פון יידי־שע מאַסן מיט זייער פאַרמעגן קיין ארץ־ישראל. פלאָריאַן סאָקאָלאָוו האָט פאַרגעלייגט זשאַבאָטינסקין זיין הילף אין די פּוילישע רעגירנדע ספערן, ווייל ער האָט זיי גוט געקענט און געהאַט ברייטע באַציאונגען אין די פאַר־שידענע מיניסטעריומס.

דרך אגב האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ד"ר צעלינאַ סאָקאָלאָוו, די טאָכטער און סעקרעטאַרין פון געוועזענעם פּרעזידענט פון דער ציוניס־טישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, איז אויך געווען אידעאיש נאָענט צום מאַקסי־

מאלן ציוניזם און זי פלעגט זיך אָפט טרעפן מיט זשאַבאָטינסקי און זיין פרוי.

אין דערזעלבער תקופה איז אים געקומען באַזוכן אַרטור קעסטלער. דער באַרימטער שרייבער איז אין די יונגע יאָרן געווען אַ רעוויזיאָניסט און געאַרבעט אין אַ צה"ר-אָרגאַן אין ארץ-ישראל. ווען ער האָט פאַרלאָזן דאָס לאַנד און אַרוים אין דער ברייטער וועלט, איז ער אויף אַ געוויסער תקופה אַריינגעשפּרונגען אין צווייטן עקסטרעם און איז געוואָרן אַ קאָמוניסט. שפּעטער האָט ער זיך אַנטוישט אין קאָמוניזם און לאַנגזאַם געגומען זיך דערנענטערן צום אויפשטייגנדן נייעם העבּרעערטום. בעת דעם בירגער - קריג אין שפּאַניען, איז ער דאָרט אַרויסגעפאָרן אַלס קאָרעספּאָנדענט פון אַ גרויסער אייראָפּעאישער צייטונג. ער איז אַריינגעפאַלן אין געפענגניש פון גענעראַל פראַנקאָ, געזעסן פיל חדשים אין אַ שפּאַנישע תפיסה און איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט. אַ דאַנק ענערגישע אינטערווענצן פון ענגלאַנד, וועמענס צייטונגען ער האָט באַדינט, איז ער באַגנעדיקט און באַפרייט געוואָרן. צוריקקומענדיק קיין לאָנדאָן, האָט ער זיך געאיילט צו באַזוכן זשאַבאָטינסקין, וועמען ער האָט אויך דאַן — כאָטש ער איז נאָך דאַן געווען מיילן-ווייט פון די נאַציאָנאַלע אידעאַלן — ממש פאַרגעטערט.

זשאַבאָטינסקיס ווירקונג האָט זיך ביי קעסטלערן געלאָזט פילן פיל יאָרן שפּעטער, ווען ער איז באַגייסטערט געוואָרן פאַרן אונטערגרונט באַפרייאונגס קאַמף פון אָרגון צבאי לאומי. דאָס לעצטע בוך זיינס האָט אַרטור קעסטלער געווידמעט דעם אָנדענק פון זאב זשאַבאָטינסקי.

אַ באַזונדערע קאַטעגאָריע באַזוכער זענען געווען סתם יידן, געקומען אָן אַ ספּעציעלער סיבה. יידן פון אַלע עקן וועלט, וועלכע האָבן זיך פאַרוואָלגערט אין לאָנדאָן אויף דורכרייזע צו די לענדער איבערן אָקעאַן, פלעגן דערגיין ווו אונדזער ביוראָ געפינט זיך און קומען בעטן אויפגענומען צו ווערן דורך זשאַבאָטינסקין. פאַר די יידן, ע"פי רוב פון די גרויסע יידישע קיבוצים פון מזרח און צענטראַל - אייראָפּע, איז ער געווען אַ לעגענדע. און אַז ס'איז זיי אויסגעקומען אָפּצושטייגן אין דער בריטישער מעטראָפּאָליע, ווי קענען זיי דען ווייטער פאָרן אָן צו באַקומען אַ "ברכה אויפן וועג" פון זשאַבאָטינסקין ?

איין בילד האָט זיך באַזונדערס איינגעקריצט אין מוח, זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער באַציאונג פון "עמך" צום נישט געקרוינטן מנהיג פון פאָלק.

אין קאָרידאָר פון ביוראָ איז דערשינען אַ עלטערער ייד, אַ זעכציקער, מיט אַ באָרד און פּאות, אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע.

— וואָס ווילט איר, ר׳ ייד? — האָט מען אים געפרעגט.

— כ׳בין סתם געקומען, אַ ביסל אָנקוקן.

— קוקט געזונטערהייט, וויפל דאָס האַרץ גלוסט אייך.

דער אַלטער ייד איז געזעסן לאַנגע שעהן אויף אַ שטול אין קאָרידאָר און זיך איינגעקוקט אין די אריינקומענדע און אוועקגייענדע.

אויף צו מאָרגנס, אין דערפרי, ווען ס׳האָט זיך געעפנט דאָס ביוראָ, שטייט דער אַלטער ווידער אויפן שוועל.

—ר׳ ייד, האָט איר זיך נאָך נישט גוט איינגעקוקט ?

— וואָס אַרט אייך אַז כ׳זיץ דאָ — האָט ער געענטפערט — כ׳האָב סיי ווי נישט וואָס צו טאָן.

דעם דריטן טאָג, איך גיי אַראָפּ פון די טרעפּ און דער ייד, מיט דער באָרד און פּאות — שטייט „אויף דער וואַך״.

כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז עפּעס פאַראַן אַ סיבה אין דעם, און אַז ער איז נישט געקומען סתם קוקן.

כ׳בין צוגעגאַנגען צו אים: ר׳ ייד, זייט אַזוי גוט, זאָגט מיר וואָס ווילט איר?

ער האָט מיר אָנגענומען פאַר דער האַנד און געזאָגט, מיט אַ תחנו־נים׳דיקע שטימע: „כ׳בין היינט אַלט 62 יאָר, איך שטאַם פון טאַטשאַוואַ פון קאַרפּאַטן־רוסלאַנד, כ׳פאָר איצט קיין אורוגוויי, צו מיינע קינדער. ס׳איז מיר אויסגעקומען איצט דורכצופאָרן לאָנדאָן, און כ׳האָב זוכה געווען צו זיין אין דער שטאָט, אין וועלכער ס׳לעבט זאב זשאַבאָטינסקי, ווי קען איך אוועקפאָרן אים נישט זעענדיק? לאָזט מיר נאָר כאַפּן אויף אים אַ בליק, דאָס וועט מיר גענוגנען. דריי טעג וואַרט איך דאָ גאַנצע שעהן. אפשר וועט ער אַראָפּגיין עסן און כ׳וועל אים זען. אָבער ביז איצט איז עס מיר נישט געלונגען!

ווירקלעך, ווען ער האָט געהאַט פיל אַרבעט, פלעגט ראש בית״ר בלייבן אין זיין צימער פון אין דערפרי ביז שפּעט אין אָוונט, און מאַדאַם זשאַבאָטינסקי פלעגט אים, ע״פּי רוב, ברענגען עסן אין ביוראָ.

כ׳בין אריין אין צימער און דערציילט זשאַבאָטינסקין וועגן ייד פון קאַרפּאַטן־רוסלאַנד, וועלכער וואַרט שוין דריי טעג, און בעט זיך מ׳זאָל אים דערלויבן אויף אַ מאָמענט אים אָנקוקן.

ראש בית״ר האָט געשמייכלט: — ביטע לאָזט אים אריין!

כ׳האָב אריינגעפירט דעם ייד, אַ גליקלעכן. ווי כ׳האָב נאָר געעפנט

די טיר, איז זשאבאָטינסקי, וועלכער איז געזעסן אין אנדערן עק פון צי־מער אנטקעגן, אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט, ארויס אנטקעגן אלטן, אים געגעבן די האַנט מיט א שמייכל און געפרעגט:

פון וואַנען זייט איר, מיין הער? ווו פאַרט איר?

דער ייד האַלט די אים אויסגעשטרעקטע האַנט, קוקט זיך איין אין אים מיט טרערן אין די אויגן און עפנט נישט אויף זיין מויל. אויך אויף ווייטערדיקע פראַגן ענטפערט ער נישט. זיין צונג האָט זיך אים צו־געקלעפּט צום גומען.

זעקס־זיבן מינוטן האָט געדויערט די דאָזיקע רירנדע סצענע. זשאַ־באָטינסקי רעדט צו אים, פרעגט, און ער שטייט שטום און פון זיינע אויגן רינען טרערן.

כ'האָב מיך ענדלעך אוועקגעשטעלט צווישן זיי און געזאָגט:

— גענוג, ר' ייד, גענוג!

און בין ארויס מיט אים פון צימער. דער ייד האָט מיר ארומגענומען און געזאָגט: „איר ווייסט. כ'בין זיכער אז אין 120 יאר ארום וועט איר האָבן א פּלאַץ אין גן־עדן, ווייל איר האָט מיר דערמעגלעכט צו רעאליזירן מיין לעבנסטרוים!

# מ׳יט פריינט, חברים און קעגנער

קיין סך הויז־פריינט האָט ער נישט געהאַט. אפשר דערפאַר וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין פיל פרייע צייט, ווייל אויך זיצנדיק אין דער היים פלעגט ער ארבעטן. זייער אָפט איז ער אויך געווען אויף רייזעס. אָבער די ווייניקע, וועלכע האָבן זיך גערעכנט צווישן זיינע הויז־פריינט, זענען צו אים געווען צוגעבונדן ,אים אָפט באַזוכט, און ער און זיין פרוי פלעגן גיין באַזוכן זייערע פריינט.

אין זיין פאַריזער תקופה איז אים אמנאָנסטן געווען די גרופּע פון „ראַזסביעט״, פון דער אויסגעצייכנטער צייטונג אין רוסיש, וואָס איז לאַנגע יארן געווען א וועג־ווייזער פאַר נאַציאָנאַלע דענקער. די באַרימטע וואָכנשריפט, וואָס איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין פּעטערבורג, איז נאָכהער אריבער אונטער זשאַבאָטינסקיס רעדאַקציע אין בערלין און פון דאָרט צוזאַמען מיטן רעדאַקטאָר און די מיטארבעטער קיין פאַריז, האָט פאָרגעזעצט די טראַדיציע פון דער רוסישער „כאַליאַסטרא״; זיין מיטאַר־בעטער־פּערסאָנאַל איז געווען ווי איין משפחה. א פילפאַרביקע און אינ־טערעסאַנטע משפחה לויט איר מענטשלעכן צוזאַמענשטעל. צו איר האָבן געהערט י. שעכטמאַן, פון די פירער פון וועלט־הצה״ר און פון זשאַבאָ־טינסקיס עלטסטע פריינט ביז זיין לעצטן טאָג. מ.בערכין, פון די גרינדער פון וועלט - רעוויזיאָניזם, וואָס איז אויך געווען מיטארבעטער פון דער פאַריזער טאָג־צייטונג אין רוסיש „פּאָסלעדני נאָוואָסטי״, י. טריוווש, אויך איינער פון דער ערשטער בריגאַדע, ד״ר ז. טיאָמקין (דער ברודער פון וולאַדימיר טיאָמקין) און י. סארין, זשאַבאָטינסקיס א חבר פון די יונגנט יארן. זשאַבאָטינסקי און זיין פרוי זענען געווען פאַרשריבן אין דער

צארישער פּאָליציי אַלס דינערס אין הויז פון אַדוואָקאַט סאַרין אין פּעטערבורג, ווייל נאָר אַזוי האָט די זשאַבאָטינסקי־פאַמיליע באַקומען דאָס רעכט צו וווינען („פּראָוואָזשיטעלסטוואָ״) אין פּעטערבורג. אין דער אַמאָליקער הויפּט־שטאָט פון רוסלאַנד איז געווען פאַרבאָטן יידן צו וווינען, בלויז מיוחס׳דיקע קאַטעגאָריעס האָבן באַקומען דאָס רעכט צו לעבן אין פּעטערבורג.

צו דער זעלבער „ראַזסוויעט״־גרופּע האָבן אויך געהערט די צוויי יונגעלייט: א. הערענגראַט, דער רעדאַקטאָר פון דער יידישער טעלעגראַפן אַגענטור אין פראַנקרייך ביז דער אָקופּאַציע פון פּאַריז דורך היטלערס אַרמייען און ש. מאירעוויטש, פון די ערשטע רעוויזיאָניסטן, היינט וויצע־דירעקטאָר פון אַרבעטס־דעפּאַרטאַמענט אין ארץ־ישראל׳דיקן אינדוסטריעלער־פאַרבאַנד.

דער אינטערעסאַנטסטער אין דער דאָזיקער גרופּע איז געווען פּראָפעסאָר אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוויטש קולישער, (ער איז געשטאָרבן אין אַ קאָנצענטראַציע-לאַגער אין אָקופּירטן פראַנקרייך אין 1942). קולישער איז געווען אין דער גרופּע דער איינציקער וואָס איז נישט געשטאַנען מיט ביידע פיס אויפן באָדן פון יידנטום. בדרך כלל איז ער געווען ווייט פון יידישן פאָלקסטימלעכן לעבן. ער האָט קיינמאָל נישט געלעבט אין יידישע קרייזן און די יידישע אַטמאָספערע איז אים פרעמד געווען. פון זיין קינדהייט האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך דעם אַסימילאַציע־גייסט. אַ זון אין אַ משפחה פון רוסישע געלערנטע. זיין פאָטער איז געווען אַ באַרימטער אַדוואָקאַט אין פּעטערבורג און איז געווען אַן אַסימילאַטאָר, אַזוי ווי פיל אַנדערע פון דער יידישער אינטעליגענץ אין צאַרישן רוסלאַנד.

פון זיין פאָטער האָט אַלעקסאַנדער קולישער געירשנט דעם דורשט נאָך וויסן, די נייגונג פאַר יוריספּרודענץ און דאָס גלויבן אין ליבעראַליזם, אַלס די איינציקע וועלט־אַנשויאונג וואָס וועט זיין ביכולת צו שאַפן אַ גוטע און גערעכטע וועלט. צו אָט דעם אַלעמען איז ער געבליבן טריי ביז זיין לעצטן טאָג. בלויז צו זיין פאָטערס הויפּט־אידעאַל איז ער נישט געבליבן טריי. ער איז נישט געווען קיין אַסימילאַטאָר; פונקט פאַרקערט—אַ ציוניסט, און אַלס אַ מענטש מיט אַ לאָגישן גערדאַנקן־גאַנג איז ער באַלד פון אָנהויב צוגעטרעטן צום ריינעם, הערצליאַנישן און זשאַבאָטינסקיאַנישן ציוניזם.

פון די טיפּסטע דענקער אין דער רעוויזיאָניסטישער מחנה, אַ מאַן מיט אַ קלאָרן מוח און שאַרפער לאָגיק. אַלס אַדוואָקאַט, וועמען דאָס געריכטוועזן איז געלעגן אין בלוט, האָט ער געשטרעבט איינצופירן אָרדנונג אין



(די רעדאקציע פון „ראזסוויעט" אין פאריז. — עס זיצן (פון רעכטס אויף לינקס): מ. בערכין, ז. זשאבאָטינסקי, ד"ר ז. טיאמקין. ס'שטייען: ש. מאיראָוויטש, י. טריווש, פראָפ. קולישער, א. הערענראט.

אונדזער באַנייטן לעבן. אין זיינע אַרטיקלען אין „ראזסוויעט" און אין דער טעטיקייט אַלס הויפּט־ריכטער אין פּארטיי-געריכט האָט ער געגעבן די „לעגאַלע" באַגרינדונג פאַר דער הצה"ר ־ באוועגונג. צו די פּארטיי־געריכטן, און אפילו צו חברים־געריכטן אין פּאריז, פלעגט ער קומען פייערלעך און האָט זאָרגפעליק אָפּגעהיטן דעם געריכט־צערעמאָניאַל מיט אַלע פּיטשעווקעס. ער האָט איינגעפלאנצט אין די חברים פון דער באוועגונג א באציאונג פון גרויס רעספּעקט צום פּארטיי־געריכט, אזוי ווי צו אַ מלוכה־געריכט. ער איז געווען זייער פּינקטלעך אין אָנהויבן די געריכטס־סעסיעס, ער פלעגט דערשיינען אין א צילענדער און געקליידערט אין א שווארצן אַנצוג. ווען דאָס געריכט איז אריינגעקומען און בשעתן לייענען דעם פּסק-דין, האָבן אַלע פאַרזאמלטע געדארפט שטיין אויף די פיס. אין דעם געביט אין וועלכן קולישער איז געווען אַקטיוו, האָט ער איינגעוואָרצלט אין אלעמענס הערצער די זיסע אילוזיע, אז מיר לעבן שוין א לעבן פון א נאָרמאל שטאַטליך־פאָלק.

אויפן גרינדונגס־קאָנגרעס פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ווין איז קולישער אַרויסגעטרעטן מיט אַ גרויסער רעדע קעגן רעליגיעזן פּאַראַגראַף אין דער קאָנסטיטוציע פון דער אָרגאַניזאַציע. ער האָט געקעמפט פאַר געוויסנס־פרייהייט. גאַנצע נעכט איז ער געזעסן מיט זשאַבאָטינסקין אין פּאַריז — פאַרן גרינדונגס־קאָנגרעס — און זיי האָבן דיסקוטירט וועגן רעליגיעזע פּראָבלעמען. זיך צוהערנדיק צו די רייד פון ביידע אָפּאָנענטן, איז געשטאַנען לעבעדיק פאַר אונדזערע אויגן דאָס בילד פון די רעליגיע־ויכוחים, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין מיטלאַלטער צווישן יידישע רבנים און קריסטלעכע גייסטלעכע. צוויי גרויסע געלערנטע האָבן פּאָלעמיזירט איינער מיטן אַנדערן, ברענגענדיק אין זייערע אַרגומענטן פיל תורה און חכמה. קולישער איז געווען אַ גרויסער אָפּאָנענט, וואָס כאָטש מ'האָט נישט איינגעשטימט מיט זיין מיינונג, האָט מען אָבער נישט געקענט נישט בייגן דעם קאָפּ פאַר זיין חכמה און ערודיציע.

די יידישע מאַסן זענען אים פרעמד געווען. אָט דער גרויסער געלערנטער, וואָס האָט באַהערשט פיל שפּראַכן, האָט נישט געקענט רעדן העברעאיש און נישט קיין יידיש. ער האָט זיך דערצויגן צווישן גויים און געלעבט צווישן זיי, געריעדט זייערע שפּראַכן און פאַרבראַכט אין זייערע געזעלשאַפטן. צווישן די גויים, באַזונדערס צווישן די רוסישע עמיגראַנטן, וועלכע האָבן זיך באַמיט צו דערטרינקען זייער פּאָטערלאַנד־נאָסטאַלגיע און דעם גלות־שמערץ אין „ביטערן טראָפּן" — האָט אויך קולישער זיך אויסגעלערנט צו זיין ווי איינער פון זיי און ער האָט פיל געטרונקען. פון אָט דער רוסישער געוווינהייט האָט ער זיך נישט געקענט אָפּגעוויינען. אפילו זשאַבאָטינסקין איז נישט געלונגען אים צו איבערצייגן, אַז ער זאָל אוועקוואַרפן דאָס פלעשל וויין. אָבער אַזוי ווי ס'איז געשען מיט פיל געלערנטע, האָט דער וויין אים נישט אָפּגעטעמפּט די חושים און נישט ערשעפּט זיינע גייסטיקע כוחות. פאַרקערט, גראַד דאַן ווען ער איז געווען „בגילופנדיק" האָט זיך אַנטפּלעקט זיין גאַנצער טאַלענט און זיין רייכער וויסן איז געקומען צום אויסדרוק. זיינע טיפּזיניקסטע אַרטיקלען, וואָס האָבן באַוווּנדערט מיט זייער לאָגיק, רייכן סטיל און ערודיציע, האָט ער געשריבן נאָך נאָכן אַריינגיסן אין זיך אַ פלעשל גוטן פראַנצויזישן וויין. אָן דעם האָט זיך די האַנט געפּוילט צו נעמען די פעדער, די געדאַנקען האָבן זיך פאַרשטעקט אירגעצנדווו אין איינער פון די מוח־קעמערלעך און די אויסדרוקס־פעאיקייט איז געווען פּאַראַליזירט.

אין 1935 האָט זיך דער „ראַזסוויעט" געשלאָסן. פאַר די רוסישע ציוניסטן איז עס געווען אַ שווערער קלאַפּ. אַלע, וועלכע האָבן געבענקט

נאָך די אַלטע גוטע צייטן פון דער ציוניסטישער טעטיקייט אין יענעם ריזיקן לאַנד, פלעגן לייענען מיט דורשט די אַרטיקלען פון „ראַזסוויעט". זיי האָבן געשמעקט אין דער צייטונג דעם ריח פון די גוטע טעג, וועלכע וועלן שוין קיינמאָל נישט צוריקקערן. די וואָכנשריפט איז געווען ווי אַ לעבעדיקע מצבה פאַר זייער גייסטיקן און מאָראַלישן רייכטום, וואָס איז אויף אייביק פאַרשווונדן געוואָרן. טויזנטער יידן, רוסיש־רעדנדע, צע־וואָרפענע איבער פאַרשידענע גלות'ן, זענען געווען פאַראייניקט פון דער־ווייטן דורך דער צייטונג. און אָט דער אייניציקער קשר וואָס איז זיי גע־בליבן מיט דער פאַרגאַנגענהייט, איז אויך צעריסן געוואָרן.

די רעדאַקטאָרן פון „ראַזסוויעט" און זיינע אַדמיניסטראַטאָרן, מיט זשאַבאָטינסקין אין דער שפּיץ, האָבן געמאַכט גרויסע באַמיאונגען אים איינצוהאַלטן, אָבער ס'איז זיי נישט געלונגען. זשאַבאָטינסקי, וואָס האָט זיך אַריינגעצויגן אין שטראָם פון פּאָליטישער אַקטיוויטעט, האָט נישט געקענט ווידמען דער צייטונג די פולע אויפמערקזאַמקייט, כאָטש זי איז אים געווען זייער נאָענט צום האַרצן. דער „ראַזסוויעט" האָט אויפגעהערט צו דערשיינען.

אָבער מער ווי די לעזער, האָבן געליטן די שרייבער פון דעם וואָס די צייטונג, מיט אַזאַ שיינער ציוניסטישער טראַדיציע, האָט זיך פאַר־מאַכט. אין שבת־צונאַכטסן פלעגן זיי זיך צענויפקומען אויפן אויבערשטן שטאָק פון באַרימטן קאַפע־הויז „קופּאָל" אויף מאָנטפּאַרנאַס אין פּאַריז און פאַרברענגען אין דערציילן זכרונות און אין אומעטיקע מחשבות. זשאַבאָטינסקי פלעגט דאָרט אויך קומען איינמאָל אין אַ וואָך מיט זיין פרוי. ביי דעם טיש איז אויך געזעסן פּראָפ. קולישער. פאַר קולישערן באַזונדערס איז די שליסונג פון דער צייטונג געווען אַ טראַגעדיע, ווייל די וואָכנשריפט, אין וועלכער ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט, האָט אים פאַרבונדן מיטן קרייז פון זשאַבאָטינסקי.

***

אין פּאַריז פלעגן זשאַבאָטינסקי און זיין פרוי באַזוכן די פאַמיליע פון סאַשאַ (אַלעקסאַנדער) פּאָלאַקאָוו, זייער אַ יוגנט־פריינט און אַ חבר פון שול־באַנק אין אָדעס. אין דער תקופה איז זשאַבאָטינסקי אויך געווען נאָענט צו די קרייזן פון „פּאָסלעדני נאָוואָסטי", די טאָג־צייטונג פון דער רוסישער עמיגראַציע. דאָרט האָבן געאַרבעט פּראָפעסאָר מילוקאָוו, קולי־שער, דער באַרימטער רוסישער שרייבער אַלדאַנאָוו (אַ ייד, זיין נאָמען

אין לאנדוי) און מ. בערכין. די רוסישע עמיגראַציע האָט אויך אַרויסגע־געבן אַ גרויסן און ערנסטן מאָנאַט־זשורנאַל „סאַווערעמיעננאַיע זאַפּיסקי" אין וועלכן ס'האָבן מיטגעאַרבעט דער געוועזענער פּרעמיער־מיניסטער פון רוסלאַנד, קערענסקי, פּראָפעסאָר מילוקאָוו און נאָך אַנדערע פון די רוסישע גלות ־ אָפּריכטער, וועלכע האָבן געפונען אַ מקלט אין פּאַריז. פון צייט צו צייט האָט זשאַבאָטינסקי פאַרעפנטלעכט דאָרט אַן אָפּהאַנדלונג און אויפגעטרעטן מיט עפנטלעכע פאָרטראַגן (אין רוסיש). די איינקונפטן פון פאָרטראַג זענען געגאַנגען פאַר דעם רוסישן מאָנאַט־שריפט.

אין זיין וווינונג איז געווען אַן אָפטער גאַסט דער רוסישער שרייבער מ. אַסאַרגין (דרך־אגב: אחד־העמ'ס אַן איידעם). ער האָט געקענט זשאַ־באָטינסקין פון דער יוגנט און מיט אים געמיינזאַם געאַרבעט אין „רוס־קע וועדאָמאָסטי" אין דער צייט, ווען זשאַבאָטינסקי איז נאָך געשטאַ־נען מיט ביידע פיס אין דער רוסישער ליטעראַטור.

צום פופציגסטן געבורטסטאַג פון זשאַבאָטינסקי (אין 1930) האָט דער רוסישער שרייבער אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אין פּאַריזער „ראַז ־ סוויעט", אין וועלכן ער האָט אונטערגעשטראָכן דאָס געמיינזאַמע צווישן זיי ביידע: „וואָס פאַר אַ גורל, וולאַדימיר יעווגעניטש! דו ביזט דאָך זיכער אַ בירגער פון ציון, אַזוי ווי איך בין אַ בירגער פון דער סאָוויעטישער רעפּובליק!... איך רוס — זעעצט אַסאַרגין פאָר — האָב ליב מיט מיין גאַנצער נשמה מיין אַלט פאָטערלאַנד. דו — אַ ייִד, האָסט ליב מיט דער גאַנצער נשמה דיין אַלט־נײַ פאָטערלאַנד! דעריבער לעבן מיר איצט ביי־דע אין פּאַריז, און מיר ביידע האָבן, אויף וויפל מיינע אינפאָרמאַציעס זענען ריכטיק, ווייניק שאַנסן צו ענדערן אונדזער וווין־אָרט אויף אַ נאַ־ציאָנאַלערן אַדרעס. איך מיין, אַז אין דעם אַבסורדן פּרט איז דאָ עפּעס וואָס פאַרבינדט אונדז ביידע!"

אַסאַרגין האָט נישט אויפגעהערט זיך צו באַקלאָגן, אַז די יידן האָבן צוגערויבט פון דער רוסישער ליטעראַטור דעם סטיל־גאון זשאַבאָטינסקי. אין אַן אַרטיקל לכבוד אים האָט ער געשריבן. „איך באַגריס די יידן וואָס זיי האָבן אַזאַ עסקן און אַזאַ שרייבער. אָבער דאָס שטערט מיר נישט צו זיין מיטן גאַנצן הארצן אומצופרידן אַז די אינטערעסן פון דער יידי־שער נאַציע האָבן אַוועקגערויבט זשאַבאָטינסקין פון דער רוסישער ליטע־ראַטור.

„אין דער רוסישער ליטעראַטור און פּובליציסטיק זענען דאָ טאַ־לענטירטע יידן, וועלכע לעבן — און לעבן מיט ענטוזיאַזם — נאָר אין

רוסלאַנדס אינטערעסן. מיטן גאַנצן כבוד וואָס איך האָב צו זיי, וואָלט איך פונדעסטוועגן גענומען אַ גרויסן פּראָצענט פון די באַגייסטערטע, כ׳וואָלט זיי פאַרבונדן אַלע מיט אַ שטריק און אייך זיי דערלאַנגט אַנ־שטאָט איינעם — זשאַבאָטינסקין, איר זאָלט אים אונדז צוריקגעבן".

„אין 1916 האָבן מיר זיך באַגעגנט אין לאָנדאָן. און דאַן — קלאָגט זיך אַסאַרגין — נאָך אַ געוויסן געשפּרעך, האָב איך געשפּירט אַז מיר רוסן פאַרלירן זשאַבאָטינסקין. און מיר האָבן אים ווירקלעך פאַרלוירן; פון דאַן אָן גיט ער אונדז נאָר ברעקלעך פון זיינע פרייע שעהן. ער איז אונדז געוואָרן פרעמד".

מאַדאַם זשאַבאָטינסקי האָט אַמאָל דערציילט אַ קאָמישן קוריאָז וועגן אַן אָוונט־ברויט, וואָס איז פאָרגעקומען ביי איר אין הויז, און צווישן די געסט איז געווען אויך אַסאַרגין. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ זאַלץ־מעסטל און אַ צוקער־פּושקע. ווען מ׳האָט סערווירט קאַפע, האָט די בעל־הבית׳טע דורך אַ טעות אים דערלאַנגט אַנשטאָט צוקער — זאַלץ, און אַסארגין האָט „זיס" געמאַכט זיין קאַפע מיטן... זאַלץ. צוליבן רעס־פּעקט וואָס ער האָט געהאַט פאַר דער גאַסט־געבערין, האָט ער אויסגע־טרונקען די געזאַלצענע קאַפע און נישט געמאַכט קיין שום באַמערקונג. נאָר ווען די בעל־הבית׳טע האָט אים פאָרגעשלאָגן אַ צווייט גלאָז קאַפע, האָט ער מיט אַ שמייכל געזאָגט: „מיט פאַרגעניגן, מאַדאַם, אָבער דאָס־מאָל וואָלט איך געוואָלט מיט צוקער!"

אָפטע אריינקומער צו אים אין דערהיים זענען געווען די מיטגלידער פון שלטון בית"ר. די זיצונגען פון דער בית"רישער וועלט־פירערשאַפט זענען פאָרגעקומען מערסטנטייל אין זיין פריוואַטער וווינונג; דאָרט האָט געהערשט אַן אַטמאָספער פון אַ פאַמיליע, וואָס איז זיך צענויפגעקומען ביים טאַטן. ווען מיר פלעגן קומען צו אַ זיצונג און מאַדאַם זשאַבאָטינסקי איז פער־צופאַל דאַן נישט געווען אין דערהיים, פלעגן מיר אַלע קציני שלטון אריינגיין צוזאַמען מיטן ראש־בית"ר אין קיך צו מאַכן עסן און טרינקען, און אַזוי ווי ביי "הקפות" צו שמחת תורה, פלעגן מיר מאַרשירן יעדער איינער — און דער בעל־הבית בראש — מיט אַ טעלער אין האַנט אין עס־צימער.

# מאַכאַווער, יעקובי, קלינגער

ווען מיר האָבן זיך אַריבערגעטראָגן קיין לאָנדאָן, איז איינער פון זיינע הויז־פריינט געווען ד״ר יונה מאַכאָווער, א געוועזענער מיטגליד פון דער רעוויזיאָניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע און נאכהער איינער פון די פירער פון דער „יודענשטאַאַטס-פּארטיי". אויך פאר 1936, ווען די פּאר־טיי־אינסטיטוציעס זענען נאָך געווען אין פּאריז און זשאַבאָטינסקי איז אַרויסגעפאָרן פון צייט צו צייט קיין לאָנדאָן פאר אויסערלעכע פּאָליטישע אַרבעט, האָט ער געוווינט ביי מאַכאָווערן אין הויז. דאָס אינטערעסאַנט־סטע איז געווען, אז זיי האָבן צווישן זיך קיינמאָל נישט גערעדט וועגן אינערלעכע ציוניסטישע פּאָליטיק. כ'ווייס נישט צי ס'איז געווען אָפּגע־מאַכט ביי זיי, זייט דער קאטאָוויצער קאָנפערענץ, ווען די גראָסמאַן־גרו־פּע האָט אָפּגעשפּאָלטן, אָדער ס'איז געווען א שטילע הסכמה, אַלענ־פאלס ווען זיי פלעגן זיך טרעפן האָט מען געשמועסט וועגן ביכער, קונסט, קינא און וועלט־פּאָליטיק, אָבער בכוונה אויסגעמיטן צו רעדן וועגן די אינערלעכע פּראָבלעמען פון דער באַוועגונג. דער סעקרעטאר פון פּרע-זידענט, וועלכער האָט פריער נישט געוווסט וועגן דאָזיקן „אָפּמאַך", האָט א מאָל זיצנדיק אין ראש־בית״רס הויז אין דער אַנוועזנהייט פון ה' מאַ־כאָווער באַרירט א ציוניסטישע טעמע. מיט א אויסערגעוויינלעכן טאַקט האָט זיך זשאַבאָטינסקי אַריינגעמישט און איבערגעפירט דאָס געשפּרעך אויף אן אנדערע ליניע, ווייל ער האָט מורא געהאַט טאָמער וועט זיין סעקרעטאר אין שמועס באַליידיקן די „יודענשטאַט־פּארטיי", צו וועל־כער ה' מאַכאָווער האָט געהערט.

בשעת זיין היסטאָרישן אויפטריט פאר דער קעניגלעכער קאָמיסיע פון לאָרד פּיל אין לאָרדן־הויז אין לאָנדאָן, ווען זשאַבאָטינסקי האָט צו־געגרייט די לעצטע צוויי טעג זיינע נאָטיצן פאר זיין רעדע, איז מאַכאַ־ווער געקומען אין ביוראָ און אים געהאָלפן צוגרייטן דעם יורידישן מאַ־טעריאַל.

אַן אינטימער פריינט פון דער זשאַבאָטינסקי־פאַמיליע איז געווען דער פאַרשטאָרבענער אינזשיניער שלמה יעקובי און זיין הויז־געזינט. דאָס יעקובי־הויז, וועלכע ס'האָט פאַרוואַלטעט די בעל'הבית'טע, פרוי עדנה יעקובי, א וווּנדערבאַרע פרוי, א געבוירענע אין אויסטראַליע, ווייט פון יידישן לעבן און איז אין פּאַרלויף פון די יאָרן געוואָרן א העלפערין פון איר מאַן, דאָס הויז איז געווען פון די ווייניקע פּלעצער ווו די זשאַ־באָטינסקיס פלעגן אָפּט באַזוכן. א טיפע פריינטשאַפט האָט זיך פאר־

פּלאָכטן צווישן די צוויי מענער, וועמען דער אכזריות׳דיקער טויט האָטביידע אוועקגעכאַפּט אויף אַ טראַגישן אופן אין ווייניקער ווי א יאָר צייט. יעקובי איז געווען גרייט צו פּאָלגן יעדן וואָרט וואָס איז ארויס פון זשאַבאָטינסקיס מויל און זשאַבאָטינסקי האָט ליב געהאַט און געשעצט די שיינע מידות, אַנשטענדיקייט און דעם געזונטן שכל פון „סאַלאָמאָן לוואָוויטש״ יעקובי.

אין דער הערצליאַנישער באַוועגונג איז יעקובי אַלע יאָרן נאָענט געווען צו זשאַבאָטינסקין. ער האָט פאַרמאָגט עפּעס וואָס האָט דערגענצט דעם מנהיג. דער מאַן פון דער גרויסער וויזיע האָט זיך גענויטיקט אין א העלפער, א מענטש מיט א פּראַקטישן חוש. שלמה יעקובי איז געווען באַשאָנקען מיט אַ שכל הישר, דאָס וואָס די ענגלענדער רופן „קאמאָן סענס״. ער האָט געזען זאַכן מיט אָפענע אויגן. אָן דעם דריי מיטן פינגער, אָן דעם פּלפּול פון א ישיבה־בחור, אָבער אויך אָן אויבערפלעכליכקייט. ער האָט פאַרשטאַנען צו טרעפן אין פּינטל פון יעדן ענין און האָט געוווסט אראָפּצונעמען די שאָלעכץ פון יעדן פּראָבלעם און דערגיין צו דער טיפעניש. אין די זיצונגען פון דער הצה״ר וועלט־עקזעקוטיווע, פון וועלכער דער פאַרשטאָרבענער איז געווען אן אויסערסט אַקטיווער מיטגליד, פלעגט זיך זשאַבאָטינסקי צוהערן אויפמערקזאַם צו אַן אַנאַליזע וואָס יעקובי מאַכט. די אַנאַליזן זענען געווען א סינטעזע פון חסידישער התלהבות מיט מתנגדישער קאַלטקייט. אַ חסיד און א מתנגד צוזאַמען. אַזוי איז ער אויך געווען אין זיינע אקציעס. ענטוזיאַסטיש און פּראַקטיש. אַ געפילס־מענטש און אַ לאָגישער קאָפּ.

שלמה יעקובי איז אויך געווען אן אדעסער. זשאַבאָטינסקי האָט אים געטראָפן ווען יעקובי איז אַלט געווען 21 יאָר, אָבער ער איז שוין געווען באַקאַנט אין אַלע קרייזן פון זיין געבורט־שטאָט. איינער פון זיינע געזעלשאַפטלעכע טאַטן האָט געהאַט אַ היסטאָרישע ווערט. די יידישע זעלבסטשוץ (דרוזשינאַ), וואָס האָט אָפּגעהיט אדעסער יידן אין 1918 און 1919 פון פּאָגראָמען איז געווען יעקובים אויפטו. ער איז געווען זיין גרינדער און הויפּט־קאָמענדאַנט און ער האָט איבערוואַכט די דעליקאַטע און געפערלעכע פאַרהאַנדלונגען וואָס דער זעלבסטשוץ האָט געפירט מיט 13 רעגירונגען, וועלכע האָבן איינע די אַנדערע געירשנט אין דער קורצער תקופה.

אין די צוויי פאַרווירונגס־יאָרן האָט זיך אוקראַינע געטרונקען אין יידיש בלוט. 160 טויזנט יידן זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן. יעדע שטאָט, א גרויסער ווי א קליינע, האָט געהאַט א ליסטע פון אירע יידישע

קרבנות. דער איינציקער אויסנאם איז געווען אדעס מיט אירע 140 טויזנט יידן. אַלע פּרווון אַרויסצורופן אַ פּאָגראָם זענען אויסגעוואָרצלט געוואָרן פון שורש. דאָס איז געווען דער אויפטו פון דער יידישער „דרור־זשינע". אַלע אירע סאָלדאַטן און קאָמענדאַנטן זענען געווען יידן. זיי זע־נען געווען אָנגעטאָן אין מונדירן, געלעבט אין קאַזארמעס, באוואָפנט מיט ביקסן און מאַשינען־געווער. אַלע רעגירונגען — אייניקע פון זיי קעגן זייער ווילן — האָבן איר אָנערקענט און זיך פארלאָזן אויף איר אין אָפּ־היטן די אָרדנונג אין שטאָט. אַלע אָדעסער איינוווינער (אַ צוועלף ראסעס, אפשר נאָך מער) האָבן געהאַט פולע אמונה אין דער „דרוזשינע".

ווען די דרוזשינע איז ליקווידירט געוואָרן, האָט שלמה יעקובין גע־דראָט אַ טויט־געפאַר. די רויטע ארמיי האָט צוריק איינגענומען אדעס; די יידישע דרוזשינע האָט באשלאָסן זיך פונאנדערצולאָזן און יעקובי האָט באהאלטן דאָס געווער און דינאמיט. נאָכדעם איז ער ארויף אויף דער שיף „רוסלאַן" — די ערשטע חלוצים־שיף נאָך דער מלחמה, מיט וועלכער ס'האָט זיך אָנגעהויבן די דריטע עליה. אָבער אַ פערטל שעה פאַרן אָפּגאַנג פון דער שיף פון אדעסער פּאָרט האָט די באָלשעוויסטישע פּאָליציי געמאַכט אַ רעוויזיע. יעקובי איז אַרעסטירט געוואָרן און צוריק געבראַכט געוואָרן אין שטאָט. אין הויפּט־ביוראָ פון „טשעקאַ" האָט מען אים געשטעלט פאַר אַ ברירה: „גיב אָפּ דעם וואפן־מאַגאַזין אָדער מיר שיסן דיך"! ס'איז באַלד צוזאמענגערופן געוואָרן אַ דראַמאַטישע זיצונג פון ציווילן קאָמיטעט פון דער דרוזשינע, און פיל וויכטיקע חברים האָבן זיך געבעטן ביי יעקובין, ער זאָל אָנווייזן דער „טשעקאַ" דעם אָרט, וואָס ער האָט געגעבן אַ נדר נישט אויסצוזאָגן. יעקובי האָט זיך אנטזאגט, און דער קליינער מאַגאַזין געפינט זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג אויפן זעלבן אָרט ווו מ'האָט אים פארגראָבן.

אַ דאַנק אַן אומגלויבלעכן נס, האָט מען יעקובין צורו געלאָזן, און אזוי האָב איך עטלעכע חדשים שפּעטער — דערציילט זשאַבאָטינסקי — באגעגנט דעם יונגענמאַן אין ירושלים, אַ באַשיידענער, רואיקער, ווייניק רעדנדער, צווישן דעם האַלבן טוץ ארבעטער, ווי ער שטייט איבערגע־בויגן איבערן לאַנגן טיש, אויף וועלכן ס'זענען אויסגעארבעט געוואָרן די ערשטע רוטענבערגס־פּלענער פאַר דער עלעקטרישער סטאַציע פון ירדן.

נאָכדעם איז יעקובי געקומען קיין ענגלאַנד און דאָרט שטודירט אינזשיניעריע, וואָס ער האָט נאָך אָנגעפאַנגען אין אדעס, און געענ־דיקט דעם פּאָליטעכניקום אין 1924. ער האָט ליב געהאַט אינזשענעריע. זי האָט פולשטענדיק צופרידנגעשטעלט צוויי בולטע שטריכן אין זיין

כּאַראַקטער: אַ נייגונג צו לאָגישער קלאָרקייט און אַ שטרעבונג צו קאָנ־קרעטע און ממשות'דיקע דערגרייכונגען. אָבער זשאַבאָטינסקי האָט אים פאַרגעשלאָגן דעם פּאָסטן פון גענעראַל סעקרעטאַר פון דער רעוויזיאָניס־טישער עקזעקוטיווע אין פּאַריז, און ער האָט אים אָנגענומען.

אַ געוויסע צייט שפּעטער, איז ער צוריקגעקומען קיין ענגלאַנד און געוואָרן אַ דירעקטאָר פון אַ בריטישער האַנדלס-געזעלשאַפט, און אין דערזעלבער צייט איינער פון זשאַבאָטינסקיס טרייעסטע מיטאַרבעטער. ער איז געווען — ווי זיין גרויסער פריינט האָט אים דעפינירט — „אַן אויפריכטיקער, סטאַבילער, אַקטיווער, ערליכער און געטאָן טובות מענטשן".

צוויי יאָר פאַרן אויסברוך פון דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט ער פאַרלאָזן זיינע פּריוואַטע געשעפטן און אויף זשאַבאָטינסקיס ביטע זיך איינגאַנצן איבערגעגעבן אַן אויסערסט וויכטיקער נאַציאָנאַלער אַרבעט, דער אָרגאַניזירונג פון דער „אומלעגאַלער" עליה.

אין נאָוועמבער 1939, דריי חדשים נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה, איז יעקובי געקומען פון לאָנדאָן, זיין סטאַבילן וווין־אָרט, קיין בוקאַ־רעשט. אין רומעניע האָט מען זיך שטאַרק געוווּנדערט: איצט, ביי גרוי־סע קאָמוניקאַציע־שטערונגען און אַזאַ געפאַר וואָס איז פאַרבונדן מיט לאַנגע רייזעס — פאַרלאָזט אַ פאַמיליע־מאַן זיין היים און משפחה און וואַנדערט אין דער ווייטנס? ווען באַקאַנטע און פריינט האָבן אים גע־פרעגט, ווי איז ער געקומען צו אַזאַ אַוואַנטורע — האָט ער געענטפערט: „איך בין געקומען עפּעס טאָן פאַר מיינע ברידער אין גלות. איצט דער־נענטערט זיך די צוועלפטע שעה. ס'איז פיל לייכטער צו ריזיקירן דאָס לעבן פון איין מענטשן, איידער פון צענדליקער טויזנטער". ער האָט אי־בערגעלאָזט אין לאָנדאָן זיין פרוי אוןביידע טעכטערלעך און איז אַוועק־געפאָרן. דאָס איז געווען דער ווונטש פון זיין פריינט און לערער זשאַבאָ־טינסקי, וועלכער האָט געוווּסט, אַז פאַר אַזאַ אומפאַנגרייכער און געוואַג־טער אַרבעט איז נישטאָ קיין פּאַסנדערער און פעאיקערער פון יעקובין, דעם פּראַקטישן מענטשן.

ער איז געקומען קיין רומעניע אָנגעשטאָפּט מיט פּלענער און דורכגעט־דרונגען מיט אָפּטימיזם, וואָס האָט אַלעמען אָנגעשטעקט. ער האָט זיך גלייך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט זיין גאַנצער ענערגיע. אָבער אַ שרעקלעכע קראַנקהייט האָט אים אַוועקגעלייגט און די בוקאַרעשטער דאָקטוירים האָבן אויסגעפונען נאָך פיל־וואָכנדיקע אונטערזוכונגען, אַז ס'איז נויטיק צו מאַכן אַן אָפּעראַציע אין מוח, ווו ער האָט באַקומען אַ

געוויקס. און די אָפּעראַציע מוז מען מאַכן אין פּאַריז.

ווען מ'האָט טעלעגראַפירט פון בוקאַרעשט קיין לאָנדאָן, אַז מ'פירט יעקובין קיין פראַנקרייך אויף אַן אָפּעראַציע, האָט זשאַבאָטינסקי גע־מאַכט אויסערגעוויינלעכע אָנשטרענגונגען כדי אָנצוקומען אין דער פראַנ־צויזישער הויפּט־שטאָט, און זיין ביי זיין פריינדס בעט, אָבער פון הימל האָט מען אָפּגעהאַלטן. פראַנקרייך איז דאַן געווען ארומגעכאַפּט מיט א היסטעריע (ס'איז געווען דער אָנהויב פון דער מלחמה) און האָט נישט געגעבן קיין וויזעס קיין שטאָט־לאָזן, א באַזיצער פון א נאַנסן־פּאַס. זשאַ־באָטינסקי איז געבליבן אין לאָנדאָן, און געוואַרט מיט ציטערניש אויף א טעלעפאָנישע ידיעה וועגן די רעזולטאַטן פון דער אָפּעראַציע.

יעקובים גורל איז אַנטשידן געוואָרן. דעם כירורגס מעסער האָט אים נישט געראַטעוועט פון מלאך־המות'ס שווערד. פון אָפּעראַציע־טיש האָט מען אַראָפּגענומען א טויטן קערפּער.

יעקובים טויט איז געווען א שרעקלעכער קלאַפּ פאַר זשאַבאָטינסקין, וואָס האָט אים ליב געהאַט אהבת־נפש.

אויף צו מאָרגנס נאָך יעקובים טויט, האָט א חבר געשריבן פון לאָנ־דאָן א קורץ פּאָסט־קאַרטל: „ראש בית"ר איז צעבראָכן. דו וועסט אים נישט דערקענען!"

ער האָט מספּיד געווען זיין פריינט אין צער און טרויער, פיר חדשים נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה, אין דעצעמבער 1939. אזוי האָט ער גע־שריבן וועגן יעקובין:

„פּערזענלעכקייט" איז א מיסטעריעז וואָרט, אזוי מיסטעריעז, אַז איר ריכטיקסטע העברעאישע איבערזעצונג וועט זיין „שכינה". דאָס איז געווען א גרויסע און איידעלע שכינה. זי איז צעגענומען געוואָרן פאַר דער צייט און אויף אן אכזריות'דיקן אופן. א שכינה, וואָס איז געווען געוועבט פון פיזישן און ציווילן מוט, פון לאָיאַליטעט און באשיידנקייט, אין ווען ס'איז פאַרהוילן א זעלטענער טאַלענט פון פריינדשאַפט און ליבע, פון יענער „בעל־הביתישער" אייגנשאַפט, וואָס מ'קען נישט אויס־דריקן מיט טאַט, מחשבה און באַוועגונג און וואָס איז דאָס העכסטע פון בית"רישער וויזיע, פון א ייד א פּרינץ צווישן פעלקער. עפּעס זייער טייערס און זעלטנס איז פון אונדז צוגערויבט געוואָרן.

„מיינע מחשבות זענען ביטערע. א רייע פון נעמען גייט דורך מיין זכרון, חברים און תלמידים, און ווער ווייסט וויפל נאָך".

„צו די דאָזיקע נעמען איז צוגעקומען א נאָמען פון א חבר און א שילער. אזויפיל. אזוי אומגעוויינלעך, אזוי אכזריות'דיק!... ביטערע

מחשבות, אָבער אזוי ווי כ'האָב שטענדיק געטאָן, ראַט איך אייך אויך צו טאָן דאָסמאָל די פּאַסנדע און שיינע זאַך אויף זיין קבר: צו לערנען די לעקציע פון קדיש. קיין איין וואָרט פון טרויער נישט. רעדט נאָר וועגן אונדזער שטאָלץ און וועגן אונדזער אומצעבראָכנקייט, אומזיגבאַרן אַנט־שלוס! „יתגדל"!

דער לערער אליין האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז אין אַ זייער קור־צער צייט, בלויז ניין חדשים שפּעטער, וועלן זיךביידע פריינט טרעפן אויפן עולם־האמת.

אויסער יעקובי'ס, האָט זשאַבאָטינסקי אָפט פאַרבראַכט אין ד"ר קלינגערס הויז אין לאָנדאָן. זייט די עקזעקוטיווע איז אריבער פון פּאַריז קיין לאָנדאָן איז ד"ר ס. קלינגער אריין אין אינערן קרייז פון זשאַבאָ־טינסקיס מיטאַרבעטער. ער געהערט צו דער יונגערער פּלעיאַדע פון די פּאַרטיי־פירער, וועלכע האָבן נישט געהאַט די אָדעסער שולע, אָבער ער האָט אַרויסגערופן גרויס אינטערעס מיט זיינע טיפע קענטניסן אין עקאָ־נאָמיע.

אַ שילער פון פּראָפעסאָר ווערנער זאָמבאַרט, האָט ד"ר קלינגער צו־געצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון זיינע לערער און ווען ער איז אַלט געווען סך־הכל איינציקע און צוואַנציק יאָר, האָט ער שוין באַקומען אַ דאָצענטור אויפן בערלינער אוניווערזיטעט. לויט אַ רעקאָמענדאַציע פון זיין פּראָפעסאָר האָט ער אין עלטער פון 28 יאָר אונטערריכטעט אויף די זומער קורסן פאַר עקאָנאָמיע אין קעמברידזשער אוניווערזיטעט.

אין 1930 איז קלינגער איינגעלאַדן געוואָרן דורך דער כינעזישער רעגירונג צו רעאָרגאַניזירן אירע פינאַנסן, ער האָט פאַרבראַכט אַ יאָר אין נאַנקין און אויסגעאַרבעט אַ סאַנירונגס - פּלאַן, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן דורכן כינעזישן פינאַנס־מיניסטעריום און געדינט אַלס באַזיס פאַר דער געזונטמאַכונג פון דער כינעזישער עקאָנאָמיע ביזן אויסברוך פון קריג מיט יאַפּאַן.

איינציקע יאָר שפּעטער האָט אים אַ סינדיקאַט פון באַנקן אין ענגלאַנד געשיקט צו אָרגאַניזירן אין מעקסיקע זילבער־גרובן, אין וועלכן ס'איז געווען אינוועסטירט ענגלישער און אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל.

די עקאָנאָמישע פעאיקייטן פון יונגן געלערנטן, וועלכן יעקובי האָט נאָך פריער אַנטדעקט אין לאָנדאָן און אים דערנענטערט צום הצה"ר, האָבן צוגעצויגן זשאַבאָטינסקיס אויפמערקזאַמקייט. ער האָט באַשלאָסן אויסצונוצן די קענטנישן און פּראַקטיק פון ד"ר קלינגער פאַר אויסאַר־בעטן עקאָנאָמישע פּלענער פאַר דער שנעלער אַנטוויקלונג פון ארץ־יש־

ראל. און ווירקלעך ד"ר קלינגער האָט צוגעגרייט דעם „נאָרדוי-פּלאַן". אַט דער עקאָנאָמישער פּלאַן פון שטאַטס-ציוניזם פאַר דער עוואַקואַציע פון גלות און מאסן־עליה, שלאָגט פאָר וועגן פאַר דער אבסאָרפּציע פון די אי־מיגראַנטן און אן אינטענסיפיצירטער אינדוסטריע און אַגריקולטור אין לאַנד.

ביים אויסברוך פון דער מלחמה האָט זיך ד"ר קלינגער געפונען אין אמעריקע, און לויט זשאַבאָטינסקיס אויפטראַג איז אים אָנפאַרטרויט גע־וואָרן די לייטונג פון דער נשיאות אין דער נייער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע.

צווישן זיינע פריינט אין ענגלאַנד האָבן זיך פאַרעכנט אויך דער פאַרשטאָרבענער ד"ר שוואַרצמאַן פון די אַמאָליקע פירער פון רוסישן יידנטום און אדוואָקאַט שמואל לאַנדמאַן, דער יוריס־קאָנסול פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

זשאַבאָטינסקי פלעגט זיך אויך באַטייליקן אין די „טיי־פּאַרטי'ס", פּאָפּולער אין די ענגליש־זאַקסישע לענדער אלס פּראָפּאַגאַנדע־פאַרזאַמלונ־גען אין פּריוואַטע הייזער. אַזעלכע „פּאַרטיס" זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין נאַציאָנאַלע, שיין־יידישע הייזער, ווי ביי די פאַדוואַס, גאַמזוס, סאָלט־מאַנס, שאַפּיראָס א. א.

צו זיינע נאָנטע פריינט האָט אויך געהערט דער באַרימ־טער מאָלער אַרטור שיק. א געבוירענער אין פּוילן. ער האָט באַרייכערט מיט זיינע מאָלערייען די פּוילישע קונסט און האָט איר פאַרשאַפט כבוד און רום אין דער וועלט, באַזונדערס אין די קונסט־צענטערן אין פּאַ־ריז און לאָנדאָן. די אילוסטראַציע פון „קאַלישער סטאַטוט" האָט גע־עפנט פאַר שיקן די טירן צו די פּוילישע שטאַטסמענער. ער האָט באַקומען אן אויסצייכונג פון דער רעגירונג, און אין 1930 האָט ער אינטערוועני־רט אין די מיניסטעריומס אין וואַרשע מ'זאָל לעגאַליזירן דעם בית"ר.

אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה האָט שיק געוווינט אין לאָנ־דאָן און געצייכנט ע"פי רוב יידישע מאָטיוון. אין 1938 האָט ער אויס־געשטעלט אין דער בריטישער מעטראָפּאָליע די אילוסטראַציע צו דער הגדה של פסח. די אויסשטעלונג האָט ארויסגערופן אינטערעס אין ברייי־טע ענגלישע קרייזן, און דער „דיילי טעלעגראַף" האָט געשריבן, אַז זייט דעם 16־טן יאָרהונדערט האָט ענגלאַנד נישט געהאַט אַזאַ אויסגעצייכנטן אילוסטראַטאָר. אין איין טאָג זענען געקומען באַזוכן זיין אויסשטעלונג די אלמנה פון קעניג דזשאָרדזש דעם פינפטן, די קייזערין מערי, און זאב זשאַבאָטינסקי. די שמחה פון קינסטלער האָט נישט געהאַט קיין גרעניץ.

„היינט איז געווען מיין גליקלעכסטער טאָג אין מיין לעבן—האָט ער דער־ציילט און איבערדערציילט מיט שמחה און שטאָלץ—די קעניגין פון בריטאניע און דער מענטש, וועמען איך פארהער מער ווי יעדן אנדערן אין דער וועלט — זשאבאָטינסקי, זענען היינט געקומען זעען מיין אויסשטעלונג".

נאָך מיט פיל יאָרן צוריק האָט זשאבאָטינסקי געשריבן אין א וואר־שעווער צייטונג אן אָפּשאצונג וועגן שיקס אילוסטראציעס. „דער ארטיקל איז מיין טייערסטער אוצר, פאר קיין פארמעגן אין דער וועלט וועל איך אים נישט פארטוישן" — פלעגט שיק זאָגן ארויסנעמענדיק פון זיין טע־קע די צייטונג און ווייזן זי יעדן גאסט, וואָס האָט באַזוכט זיין אַטעליע. „אָבער ווי גרויס איז דער וואונדער—האָט שיק צוגעגעבן, זיך בארימענדיק מיטן אַרטיקל — אז א מענטש וועלכער האָט זיך קיינמאָל נישט באשעפ־טיקט מיט מאלער־קונסט, איז אַזאַ גלענצענדער מבין אין דער מתנה פון גאָט".

---

## קאָלאָנעל פּעטערסאָן

א קאַפּיטל פאר זיך איז דער קאָמאַנדיר פון יידישע לעגיאָנען, קאָ־לאָנעל פּעטערסאָן. ער האָט ליב געהאַט מאַדאַם זשאבאָטינסקי און ראש בית"ר מיט א טיפער ליבע פון אן אלטן פריינט, וועמען דער גורל האָט פאראייניקט און א געמיינזאַמע ליידן און פריידן האָבן פארבונדן אויפן גאנצן לעבן. אָט דער טייערער „גוי", וואָס איז בארימט געווען אין דער יוגנט מיט זיין לייבן־יאגד אין אפריקע און וועלכער איז בלי ספק געווען דער בעסטער פון די חסידי אומות העולם, פלעגט קומען אין זשאבאָטינס־קים הויז און ביורא ,אזוי ווי א פרומער ייד גייט יום־כיפור אין שול אויס־

גיסן זיין האַרץ פאַרן רבונו של עולם. לאַנגע שעה'ן פלעגט פּעטערסאָן זיצן אין פאָטעל און זיך צוהערן מיט פאַרהערונג צו יעדן וואָרט, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין פריינטס מויל. פּעטערסאָן איז ביז זיין טויט — מיט אַ קורצער צייט צוריק אין אַמעריקע — געווען איבערגעגעבן דער ידישער באַפרייאונגס־באַוועגונג און מיט זשאַבאָטינסקיס איינפלוס האָט ער ערפילט וויכטיקע ציוניסטישע מיסיעס אויך נאָך דער דעמאָביליזאַציע פון די לעגיאָנען. ער האָט נישט אַוואַנסירט אין דער ענגלישער אַרמיי, ווי אַלע אַנדערע פון זיין גראַד, בלויז צוליב דעם וואָס ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט ציוניסטישע ענינים. אָבער ער האָט אויף דעם נישט געלייגט קיין אַכט. אין 70־טן יאָר־עלטער, ווען ער פלעגט קומען צו זשאַבאָטינסקין, האָט ער אויסגעזען פריש און שטאַרק. באַלד נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען זיין „לייטענאַנט" איז אַרויסגעפאָרן קיין אַמעריקע אין דער קרן־היסוד דעלעגאַציע, איז פּעטערסאָן מיט אים מיטגעפאָרן. זייט דער הצה"ר האָט אָנגעהויבן אַ זעלבסטשטענדיקע פּאָליטישע טעטיקייט, האָט ער זיך נאָך מער דערנענטערט צום שעפער פון לעגיאָן. אין נאָמען פון דער נייער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז פּעטערסאָן אַרומגעפאָרן אין פאַרשידענע שטעט אין ענגלאַנד און אירלאַנד. פיל מאָל איז ער געפאָרן קיין אַמעריקע אין אונגעהויער וויכטיקע שליחותן. ער האָט געזאַמלט געלט פאַרן ארגון צבאי לאומי. ער איז געווען כמעט דער איינציקער וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן אין די טירן פון דאַונינגסטריט אין בריטישן קאָלאָניע־מיניסטעריום, מ'זאָל זשאַבאָטינסקין אַריינלאָזן אין ארץ־ישראל. צו יעדן נייעם קאָלאָניע־מיניסטער פלעגט ער זיך ווענדן, דערקלערן און פאָדערן. ווען די קעניגלעכע קאָמיסיע פון לאָרד פיל האָט באַזוכט ארץ-ישראל סוף 1936, און די הערצליאַנישע באַוועגונג האָט געוואָלט לאָזן הערן איר שטימע, האָט זיך פּעטערסאָן געווענדעט צו אָרמסביי גאָר, דער דאַמאָלסדיקער קאָלאָניע־מיניסטער, מיט דער זעלבער פאָדערונג. דער מיניסטער האָט געענטפערט, אַז „די בריטישע רעגירונג געדענקט די גרויסע אויפטוען פון זשאַבאָטינסקין פאַר דער אימפּעריע אין פריערדיקן קריג, נאָר צום באַדויערן קען זי אים נישט דערלויבן אַריינצוקומען אין ארץ־ישראל אין די עקזיסטירנדע באַדינגונגען".

פּעטערסאָן איז אָנוועזנד געווען ביים גרינדונגס - קאָנגרעס פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ווין אין 1935 און איז דאָרט אויפגעטרעטן מיט אַ רעדע. די וועלכע זענען געווען אָנוועזנד אין דער היסטאָרישער פאַרזאַמלונג האָבן זיכער נישט פאַרגעסן דעם מאַרש פון די הערצליאַנישע ציוניסטן צום דעבלינגער בית־עלמין אין ווין, און אין שפּיץ



זשאַבאָטינסקי און פּעטערסאָן

איז געגאַנגען זשאַבאָטינסקי און קאָלאָנעל פּעטערסאָן. די רירנדע סצע־נע, ווי די צוויי מענער — דער ייד און דער גוי — זענען גע־שטאַנען מיט געבויגענע קעפּ אויף טעאָדאָר הערצלס קבר, האָט זיך איינ־געקריצט אין זכרון פון די אָנוועזנדע אויפן גאַנצן לעבן.

פּעטערסאָן האָט געמאַכט איבערמענטשלעכע באַמיאונגען, כדי צו ראַטעווען דעם ערשטן פון די הרוגי־מלכות, דעם בית״רי שלמה בן־יוסף.

זשאַבאָטינסקי, וועלכער איז שטענדיק גרייט געווען אוועקצוגעבן דעם אַנדערן דאָס העמד פון זיין לייב, האָט נישט פאַרגעסן וואָס פּעטער־

כאָן האָט געטאָן פארן יידישן פאָלק. ווען ער איז איינגעלאדן געוואָרן אַלס דירעקטאָר פון דער אסעקוראציע־געזעלשאפט „יהודה" אין ארץ־ישראל (פאר פיל לעזער וועט עס זיכער זיין א סענסאציע, אז זשאבאָטינסקי איז געווען א געוויסע צייט אין אסעקוראציע־פאך), האָט ער זאָפאָרט געזאָגט, אז פעטערסאָן, וועלכער איז געווען ארבעטסלאָז און האָט געלעבט נאָר פון דער בריטישער פענסיע, זאָל נאָמינירט ווערן אַלס דירעקטאָר פון דער געזעלשאפט אין איר עגיפּטישער אָפּטיילונג.

אין זיין פאָרוואָרט צו פעטערסאָנס בוך „מיט די יידישע לעגיאָנען אין ארץ־ישראל" שרייבט וועגן אים זשאבאָטינסקי די דאָזיקע ווונדערבארע שורות: „איך האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געטראָפן אַזאַ ראָמאַנטישע געשטאַלט ווי פעטערסאָן. ס'איז נישטאָ ביי אים קיין וואָכנדיקע זאַך. ער האָט נישט געקענט די יידן ביז פרילינג 1915, אויסער די העלדן פון אונדזער פארגאנגענהייט אין דער ביבל. אין 1915 האָט מען אים פאָרגעשלאָגן זיך צו שטעלן אין שפּיץ פון א „ציוניסטישן באטאַליאָן". נישט קיין באַטאַליאָן פון פראָנט־סאָלדאטן, נאָר א באַטאַליאָן פון אייזלעך־פירער; נישט צו באפרייען ציון, נאָר איינצוזעמען גאַליפּאָלי. די וואָכנדיקסטע זאַך. איך, ווען כ'האָב געהערט דעם פאָרשלאָג, האָב איך כמעט געענטפערט מיט עקל: איך וועל נישט מסכים זיין! אָבער ביי פעטערסאָנען איז נישטאָ קיין וואכענדיקע זאַך. יעדער מענטש וואָס טוט זיין פליכט איז א העלד. און ס'איז נישטאָ קיין שלאַך, וואָס זאָל נישט פירן קיין ציון — אויב דו וועסט זיך פארעקשנען צו שטייגן ביזן סוף!

אויך אין מיליטער־לאגער האָט ער נישט געזען קיין וואָכנדיקע זאַך. פיל מאָל האָב איך מיך אליין געפרעגט — זאָגט זשאבאָטינסקי — צי זעט ווירקלעך פעטערסאָן נישט קיין וואָכנדיקע זאַך, אָדער ער מאכט זיך נאָר נישט זעענדיק? ביז היינט וויים איך נישט. אָבער ווער ס'האָט אין זיך דעם מוט „זיך צו מאכן" טאָג איין טאָג אויס, צענדליקער יארן, און אין משך פון דער צייט האָט ער אונדז געפירט אין פייער, זיך געקריגט מיט אונדזערע אסימיליאטאָרן, זיך אָנגעשטויסן אָן דער נארישקייט פון אונדזערע מנהיגים, אויך אויסגעשטרעקט די האנט צו אונדזערע שפּענדער און געבעטן גראָשנס פאַר קרן־היסוד, און האָט נישט געהערט קיין דאנק, און נאָך דעם אלעמען „מאכט ער זיך נאָך" — אויף נאמנות, אַזאַ „מאַכער" איז ווערט אז אונדזער פאָטער אין הימל וואָס האָט אונדז אלעמען „געמאכט" און ווייניקער געלונגען — זאָל אים מקנא זיין!".

דאָס איז א רעזומע פון זשאבאָטינסקיס אָפּשאַצונג איבער זיין

קאָמענדאַנט און פריינט. דאַקעגן פּעטערסאָנס מיינונג וועגן זיין „לייטע־נאַנט" קען מען איבערגעבן אין עטלעכע שורות פון לעגיאָן־קאָמאַנדירס א שריפט: „גוט איז געשען אז דעם יידנטום האָט זיך אויסגעפונען אַזאַ אויסדערוויילטער ווי זשאַבאָטינסקי, ווייל וואָלטן יידישע סאָלדאַטן נישט געקעמפט אין ארץ־ישראל, וואָלטן זיך נישט געפונען קיין יידישע קברים אויפן מיליטערישן בית־עולם אויפן הר־הזיתים אין ירושלים און אין יעדן מיליטערישן בית־קברות אין מצרים און ארץ־ישראל, וואָלט עס געווען אן אייביקע שאַנדע פאַרן יידישן פאָלק. און איך צווייפל זייער צי די שלום־קאָנפערענץ וואָלט געהאַלטן יענע צייט רייף פאַרן צוריקקער פון ישראל אין זיין פאָטערלאַנד".

דער גורל האָט געוואָלט, אַז די צוויי וווּנדערבאַרע מענטשן, וועלכע זענען געווען 25 יאָר פאַרבונדן צוזאַמען, געדינט צוזאַמען אין לעגיאָן און געקעמפט צוזאַמען פאַר דער אויפשטעלונג פון א יידישער ארמיי אין צווייטן וועלט־קריג, זאָלן אויך זיין צוזאַמען אין די לעצטע שעהן אין אמעריקע. קאָלאָנעל פּעטערסאָן איז געשטאַנען ביים טויטן־בעט פון זיין סאָלדאַט, פריינט און דערהויבענעם לערער.

---

## פּנחס רוטענבערג

ביידע זענען זיי געווען כמעט אין איין עלטער. רוטענבערג איז גע־ווען עלטער פון זשאַבאָטינסקין בלויז מיט איין יאָר. זיי זענען געבוירן גע־וואָרן אין זעלבן לאַנד, אין דער „שטורם און דראַנג" עפּאָכע, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן וואַקלען די יסודות פון דער צארישער אימפּעריע. ביידע זענען נאָך געווען קינדער, ווען די פּאָגראָם־כוואַליע האָט געבראַכט צו א מאַסן־אַנטלויפן פון רוסלאַנד. און ס'איז נישטאָ קיין ספק, אַז אין די ווינ־לידער וואָס זייערע מאַמעס האָבן זיי געזונגען, איז געווען די אומעטיקע

מעלאָדיע פון הימלאַזע, געיאָגטע און געפּלאָגטע, וועלכע מוזן נעמען דעם וואנדער־שטעקן אין האנט. אָבער ווען זיי זענען אויפגעוואקסן, זע־נען זיי נישט געקומען צו די זעלבע מסקנות. אזוי ווי דער קלימאט וואָלט אנטשידן דעם גורל פון זייער יוגנט. זשאַבאָטינסקי אין דער זוניקער אָדעס האָט געוועגדעט זיין בליק אין דער ריכטונג פון העברעער־לאנד. אין אדעס האָט געוואַרעמט די זון און ס'איז געווען דער שווארצער ים, אָט דער שיינער ים אין וועמענס ווייטן האָריזאנט האָבן מענטשן מיט וויזיע געזען דעם ברעג פון בלויען־ים. די דאָזיקע לופט האָט זשאַבאָטינסקי איינ־געזאפט אין זיך. רוטענבערג דאקעגן האָט געלעבט אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע. אין שטעט פון קעלט און שניי, אין גרויסע אינדוסטריע־שטעט, ווו ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט צענדליקער טויזנטער ארבעטער. דעריבער האָט זשאַבאָטינסקי באלד געפונען זיין וועג, און רוטענבערג האָט נאָך געבלאָנדזשעט א לענגערע צייט, און אינצווישן אוועקגעגעבן זיינע כוחות פאר פרעמדע. זשאַבאָטינסקי האָט מסתמא געהערט אין די אויפשטייג־יארן פון זיין ליטעראַרישן און אראטארישן טאלאנט דעם נאָ־מען פּעטער מאיסעיעוויטש, וועלכער איז געווען פון די אַקטיווסטע פי־רער פון די רוסישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן. און זיכער האָט זשאַבאָ־טינסקי אין יענע יארן געצילט זיינע פּאָלעמיק־פיילן אויך אין רוטענ־בערגן, וואָס איז אוועק דינען פרעמדע אידעען. אין די ערשטע צען יאר פון היינטיקן יארהונדערט האָט זשאַבאָטינסקים שארפע און בייסנדע פע־דער געקלאפּט איבערן קאָפּ אַלע אסימילאַטאָרן, וועלכע האָבן זיך נישט אינטערעסירט מיטן גורל פון זייער פאָלק. און כאָטש ער האָט נישט דער־מאָנט רוטענבערגן דעם ס.ר.־אָוויעץ אין זיינע פּעליטאָנען, האָט ער אָן ספק אים אויך געמיינט.

אָבער ווייל ביידע זענען זיי געווען בונטאָרן, שטורמישע גייסטער, מענער מיט שווונג, פאנטאזיע און וויזיע, האָבן זיי זיך ענדלעך געפונען. דער גורל האָט זיי ביידע צוזאַמענגעבראַכט איבערן שרעקלעכן שטורם, וואָס האָט דאַן געבושעוועט איבער דער וועלט. זיי האָבן זיך קעגנזייטיק געפונען אין גרויסע זאכן: אין יידישן לעגיאָן און נאכהער אין 1920 — ביי דער פארטיידיקונג פון ירושלים.

וועגן זייער באַגעגניש ביים לעגיאָן האָט איינער פון דער ראַזסוויעט „כאַלאַסטריע" אין פּעטערבורג, ש. געפּשטיין, דערציילט פאָלגענדעס, וואָס ער האָט געהערט פון זשאַבאָטינסקים מויל: „אָנפאַנג הערבסט 1915 איז זשאַבאָטינסקי געקומען קיין פּעטערבורג און דערציילט אז רוטענבערג איז נאָך טרומפּעלדאָרן דער אקטיווסטער און ענערגישסטער אָנהענגער

פון גערדאנק פון א יידישן לעגיאָן. אויף מיין פראגע, ווי קומט עס? האָט זשאַבאָטינסקי געענטפערט: איך אליין האָב זיך געוווּנדערט, אז רוטענ־בערג אינטערעסירט זיך מיט ארץ־ישראל, נאָר ווען אמפיטעאטראוו (א באַרימטער רוסישער זשורנאַליסט) האָט מיר געזאָגט, אז רוטענבערג פאַר־בינדט די מלחמה מיטן ציוניזם, האָב איך באַלד פאַרשטאַנען, אז ער איז — אַן אָנהענגער פון לעגיאָן. כ'האָב זיך מיט אים געזען און איצט פיר איך מיט אים אַן אינטענסיווע קאָרעספּאָנדענץ אין איטאַליעניש, און בלויז זעלטן אין רוסיש...

—דאָס אַלץ איז מן הסתם געקומען ביי אים נישט פון אַן אינער־לעכע נאַציאָנאַלע באַדערפעניש, נאָר פּשוט ווייל ער איז געבענטשט מיט א גרויסן אוצר פון „קעמפּנדער" ענערגיע, וואָס די סאָציאַל־רעוואָלוציאָ־נערן נוצן איר נישט אויס פון יאָרן?

— „איך ווייס נישט — האָט זשאַבאָטינסקי געענטפערט — נאָר איך בין פון אים זייער צופרידן, פיל מער ווי איך בין צופרידן פון די אָפיציעלע ציוניסטן".

וועגן דער תקופה פון דער ירושלימער פּאַרטיידיקונג האָט זשאַבאָ־טינסקי נישט פיל גערעדט, נישט אין שריפט און נישט אין רעדעס. די דעטיילן, וועלכע זענען באַוווּסט וועגן דער פאַרבינדונג צווישן רוטענבערגן און אים אין דער הגנה, זענען נישט דורך זשאַבאָטינסקין באַ־קאַנט געוואָרן. בלויז אין איין פּאָרטראַג — 18 יאָר נאָכן ירו־שלימער פּאָגראָם — וואָס ער האָט געהאַלטן אין וואַרשע אין 1938, האָט זשאַבאָטינסקי עפּעס דערציילט וועגן יענע טעג, וואָס זאָגט עדות וועגן רוטענבערגס מוט. אין 1920 — האָט ער דערציילט — האָבן אין ארץ־ישראל סטאַנציאָנירט 70 טויזנט בריטישע סאָלדאַטן. דריי טעג האָבן גע־בושעוועט די שכנים, געמאָרדעט, פּאָגראָמירט, פאַרגוואַלטיקט און ס'איז געגאַנגען געוועזן אז די הערן סטאָרס און אַלענבי זאָלן געבן א באַפעל און אַלץ זאָל תיכף אויפהערן. איך געדענק — דערציילט זשאַבאָטינסקי — אַז דעם צווייטן טאָג פון די אומרוען, האָבן מיר, רוטענבערג און איך, גע־טראָפן סטאָרסן און זיין אדיוטאַנט אין גאַס, און מיר האָבן גערעדט וועגן פּאַרטיידיקונגס־ענינים.

אויפן וועג זענען צו אונדז צוגעלאָפן צוויי יידישע יונגע מיידלעך און געבעטן פון אונדז הילף, ווייל אין זייער הויז זענען געשען שרעק־לעכע זאַכן. ביידע ענגלישע דזשענטעלמענער, פאַר וועמען כ'האָב רעפע־רירט וועגן ביאַליקן און זיי האָבן אַפּלאָדירט, (זיי האָבן זיך נוהג געווען איינצולאַדן, צו זיך, יעדן זונטיק, יידישע געסט און זיי האָבן געבעטן

יידישע דאמען זאָלן שפּילן קלאַוויר און יידישע בחורים זאָלן זינגען) — די צוויי דזשענטעלמענער האָבן זיך נישט געוואָלט רירן פון אָרט, ביז רוטענבערג האָט אָנגעכאַפּט סטאַרסעס האַנט און אים געצוואונגען צו אינ־טערוועניִרן".

די צוויי וויכטיקע ענינים — דער לעגיאָן און די פאַרטיידיקונג פון ירושלים — האָבן געצווונגט, אַז זשאַבאָטינסקי זאָל ליב באַקומען רוטענ־בערגן, זיי זאָלן זיך דערנענטערן איינער צום אַנדערן, כאָטש זיי זענען געגאַנגען אין באַזונדערע וועגן און זייער לעבנס־גורל איז געווען אַ פאַר־שידענער. זשאַבאָטינסקי האָט געהאַט אַ טיפן סענטימענט צו די אַלע, וועלכע האָבן אים געהאָלפן שאַפן דעם לעגיאָן, אָדער האָבן זיך באַטיי־ליקט אין אים. ס'איז באַקאַנט, אַז טראָץ דער צעשיידונג פון גראָסמאַנען פון 1933 און טראָץ גראָסמאַנס שאַרפן אָנגריף אויף אים, האָט אים זשאַ־באָטינסקי קיינמאָל נישט פאַרגעסן זיין הילף אין די לעגיאָן־יאָרן. אויך צווישן די פירער פון מפא"י זענען אים שטענדיק געווען נענטער די, וועמענס שטעלונג אין דער לעגיאָן־פראַגע איז געווען אַ פּאָזיטיווע, און טראָץ דעם אָפּגרונט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן צווישן זיי, האָט ער זיך קיינמאָל נישט אָנטזאָגט פון צו העלפן אין נויט זיינע גרעסטע שונאים. פאַרשטייט זיך, אַז נאָך נענטער האָט ער זיך געפילט צו רוטענבערגן, וואָס איז אים געווען זעעליש און גייסטיק נאָנט. ביידע האָבן זיך דער־צויגן אין רוסלאַנד און אויפגעוואַקסן אין איר גייסטיקן קלימאַט. דערי־בער זענען זיי געווען באַפריינדעט אַלע יאָרן. זיי האָבן זיך זעלטן גע־טראָפן. ווייל זשאַבאָטינסקי האָט געוואַנדערט איבערן יידישן גלות און פון 1929 איז אים פאַרבאָטן געווען אַריינצוקומען אין ארץ־ישראל; רו־טענבערג דאַקעגן האָט געלעבט אין ארץ־ישראל. אָבער ווען זיי האָבן זיך צופעליק געפונען אין דעם זעלבן לאַנד, האָבן זיי זיך שטענדיק געזען. איך דערמאָן מיך, אין 1937, איז זשאַבאָטינסקי געקומען פון לאָנדאָן קיין פּאַריז צו האַלטן אַ פאָרלעזונג אויף דער איינלאַדונג פון „סאַווורע־מיאַננאַיע זאַפּיסקי" פאַר דער רוסישער קאָלאָניע אויף דער טעמע „ דער אויפשטאַנד פון די אַלטע". גראַד אין יענע טעג איז געשטאָרבן סער אַלפרעד מאָנד, דער אַלטער לאָרד מעלטשעט, און רוטענבערג איז געקומען מיט אַן עראָפּלאַן צו דער לוויה אין לאָנדאָן. ווען ער האָט געהערט וועגן זשאַבאָטינסקיס פאָרלעזונג, איז ער אָנגעקומען ספּעציעל אויף דעם אָוונט אין פּאַריז. אגב, דער דאָזיקער פאָרטראַג האָט אַרויסגערופן אַ ביישפּיל־לאָזן אינטערעס אין אַלע קרייזן פון דער רוסישער עמיגראַציע, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום קערענסקין און מילוקאָוון. זשאַבאָטינסקיס אווי־

דיטאָריע איז דאַן באשטאנען פון געוועזענע מיניסטאָרן, דומאַ־דעפּוטאַטן און אמאָליקע פּארטיי־פירער אין צארישן רוסלאנד. אין פול־געפּאקטן זאל האָט זשאַבאָטינסקי צום אָנהויב נישט באמערקט, אז צווישן זיינע צוהער־ער געפינט זיך אויך פּנחס רוטענבערג, וועמען ער האָט שוין אייניקע יאָרן נישט געזען. נאָר אין מיטן פון דער רעדע, ווען דעם רעדנערס אויגן האָבן ארומשפּאצירט איבער די רייען פון פּובליקום, האָט ער דערקענט דעם ארץ-ישראל׳דיקן גאסט. מיט אַ לייכטן קאָפּ־שאָקל האָט ער אים באַ־גריסט אין מיטן פארטראג און נאכהער האָבן זיי זיך ווארים געגריסט און פאַרבראַכט צוזאמען ביז טיף אין דער נאכט.

אין ציוניסטישן פּאָליטישן לעבן, נאָכן ריס וואָס איז אַנטשטאנען צווישן דעם הצה״ר און דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, האָט רוטענבערג נישט אויפגעהערט צו פּרווון פארמיטלען, וועלנדיק איינפירן שלום אין דער מחנה. רוטענבערג איז געווען א הערצליאַנישער ציוניסט. פּאָליטיש איז ער געווען פיל נענטער צו זשאבאָטינסקין ווי צו וויצמאנען. אָבער ער איז נישט צוגעטרעטן צו קיין צד. אמאָל האָט זשאַבאָטינסקי באזוכט רו־טענבערגן אין זיין האָטעל־צימער אין לאָנדאָן. ווען מיר זענען ארויסגע־גאנגען פון האָטעל, נאָך צוויי שעה׳דיקן געשפּרעך, האָט דער שרייבער פון די שורות געפרעגט דעם ראש בית״ר: „לויט ווי כ׳האָב געהערט דעם היינטיקן אָוונט, איז רוטענבערג א רעוויזיאָניסט אין אלע זיינע אַנשוי־אונגען. פארוואָס טרעט ער נישט צו צו דער באוועגונג? אויף דעם האָט זשאַבאָטינסקי געענטפערט: „אַזאַ מענטש ווי ער קען נישט געהערן צו קיין שום פּארטיי. ער איז בכלל נישט מסוגל צו זיין ערגעץ דער צווייטער. נישט צוליב פּערזענלעכע אַמביציעס ,נאָר ווייל דאָס איז דעם מענטשנס נאטור. ער דארף זיין דער ערשטער. און ווייל אין ציוניזם — איןביידע לאגערן — איז עס אוממעגלעך אין די געגעבענע באדינגונגען, וועט ער בלייבן מן הצד״.

רוטענבערגס באגייסטערטער פּאטריאָטיזם איז געווען א מוסטער־האפטער. פיל פּרווון צו ברענגען צו אַ שלום אין ציוניזם זענען געמאַכט געוואָרן דורך אים. ער איז אויך געווען דער „שדכן״ אין אָפּמאך זשאַבאָ־טינסקי — בן־גוריון אין 1934 (דער הסכם וואָס די „הסתדרות״ האָט אָפּגעוואָרפן). אויף דער רעוויזיאָניסטישער וועלט-קאָנפערענץ אין יאנואר 1935 אין קראָקע, האָט זשאבאָטינסקי דערקלערט עפנטלעך: „מיר דארפן דאַנקבאר זיין ה׳ רוטענבערגן, ווייל אָן אים וואָלט מען קיינמאָל נישט געקומען צו אן הסכם״.

צום באדויערן האָבן זיך ס׳רוב זיינע אַנשטרענגונגען נישט איינגע־

געבן. זיצנדיק אין ארץ־ישראל און ארויספאָרנדיק אין אויסלאַנד האָט ער קיינמאָל נישט געקאַרגט קיין צייט און ענערגיע, כדי צו פארשיטן דעם גרוב פון די פּירודים, אָבער צו קיין ענדע האָט ער קיינמאָל נישט דער־בראַכט. אויפן פּאָליטישן געביט האָט ער נישט געהאַט קיין מזל.

אין 1939 איז די יידישע אַגענץ אײַנגעלאַדן געוואָרן דורך דער בריטישער רעגירונג צו א „רונדן טיש"־קאָנפערענץ מיט די אראבער. די קורצזיכטיקע לייטונג פון דער יידישער אַגענץ האָט נישט פארשטאַנען די ממשות'דיקע מהות פון „רונדן טיש" און האָט געלייגט אויף אים גרויסע האָפנונגען. זי האָט צוזאַמענגעשטעלט א דעלעגאַציע און אריינגענומען אין איר אפילו מענטשן, וועלכע זענען קיינמאָל נישט געווען קיין ציוניסטן. זאָגאַר הערבערט סעמואל, דער ערשטער בריטישער הויך־קאָמיסאַר אין ארץ־ישראל, איז געווען א מיטגליד פון דער ציוניסטישער דעלעגאַציע.

אויך פּנחס רוטענבערג איז איינגעלאַדן געוואָרן אין דער דעלעגאַציע. זיינע באַציאונגען מיט דער אַגענץ־לייטונג זענען קיינמאָל נישט גע־ווען קיין האַרציקע און זיי האָבן זיך באַנוצט מיט זיין הילף, זיינע עצות און פארבינדונגען נאָר אין נויטפאַלן. רוטענבערג האָט אָנגענומען די איינלאַדונג און איז ארויסגעפאָרן קיין ענגלאַנד. קומענדיק קיין לאָנדאָן, איז ער תיכף געגאַנגען זיך טרעפן מיט זשאַבאָטינסקין.

די רעוויזיאָניסטישע לייטונג האָט דאַן פארעפנטלעכט א קאָמוני־קאַט, אז דער „רונדער טיש" איז א בריטישע כוונה אהויסצובאַקומען פון די יידן וויטגייענדיקע קאָנצעסיעס לטובת די אַראַבער, און דערפאַר גע־וואָרנט קעגן דער קאָנפערענץ. אָבער פיל האָבן דאַן דערוואַרט, אז די פירער פון דער אַגענץ וועלן איינלאַדן זשאַבאָטינסקין צו א באַראַטונג. די דאָזיקע דערוואַרטונג איז געווען פארשטענדלעך. נישט נאָר צוליב זיין פערזענלעכקייט, זיינע פעאיקייטן און פארדינסטן פארן ציוניזם, נאָר אויך ווייל ער איז געשטאַנען אין שפּיץ פון א ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס האָט געציילט הונדערטער טויזנטער יידן אין דער וועלט, און די צוקונפט פון ארץ־ישראל איז אויך זיי לעבעדיק אָנגעגאַנגען. אויך דאַן — אין די קריטישסטע טעג פאר אונדזער נאַציאָנאַלער ווערק, ווען אין לאָנדאָן זע־נען געווען פארזאמלט אַלע פירער פון דער אַגענץ און פון די ציוניסטישע פּאַרטייען פון רעכטס ביז לינקס —, ווען זשאַבאָטינסקיס א עצה האָט געקענט ברענגען א גרויסן נוצן און ס'איז געווען מן היושר, אז לכל הפחות אינערווייניק זאָל אויסגעהערט ווערן אויך די מיינונג פון א פּרע־זידענט פון א גרויסער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע — אויך דאַן האָט זיך קיינער צו אים נישט געווענדעט. רוטענבערג איז געווען אַן אויפגעקאָכ־

טער. ער איז געווען בייז פאַר וואָס ווייצמאַן און בן־גוריון האָבן זיך איינ־געעקשנט און ווילן נישט איינלאַדן דעם פּרעזידענט פו דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. רוטענבערג האָט זיך געבייזערט אויף דער קליינ־לעכער אייפערזוכט אפילו אין אַזאַ טראַגישן מאָמענט. ער האָט געשריגן: „ווי שעמט איר זיך נישט? אפילו דעם מופטים עמיסאַרן האָבן מסכים געווען צו זיצן אין איין דעלעגאַציע מיט דער געהאַסטער נאַשאַשיבי־פּאַר־טיי און איר אַלע, אפילו דער „מזרחי" און די אַלגעמיינע ציוניסטן, ווענ־דעט זיך נישט צו זשאַבאָטינסקין. איר געפינט נישט פאַר נויטיק אים אי־בערצוגעבן אינפאָרמאַציעס און נוצט נישט אויס די טראַגישע געלעגנהייט פאַר א צוזאַמענאַרבעט אין אַלע רייען פון ציוניזם".

די פאַרהאַנדלונגען און די זיצונגען פון דער ציוניסטישער דעלע־גאַציע זענען געווען געהיימע און ס'איז געווען שטרענג פאַרבאָטן עפּעס פון דאָרטן אַרויסצוטראָגן. אָבער רוטענבערג האָט געבראָכן דעם פאַרבאָט. ער פלעגט טעלעפאָנירן זשאַבאָטינסקין עטלעכע מאָל אין טאָג; יעדן טאָג האָבן זיי זיך געטראָפן און ער האָט דערציילט וועגן גאַנג פון „רונדן־טיש"־קאָנפערענץ.

א האַלב יאָר פאַר דער מלחמה איז רוטענבערג ווידער געווען אין לאָנדאָן. דאַן האָבן געוווילט אין דער ענגלישער הויפּט־שטאָט די אָפי־ציעלע מנהיגים פון ישוב. רוטענבערג האָט באַשטעלט ביי זיך אין האָטעל א טרעפונג צווישן זיי מיט זשאַבאָטינסקי און זיינע חברים. ווידער אַמאָל האָט מען זיך נישט דערערדט. רוטענבערג, וואָס האָט געלייגט פיל האָפ־נונג אויף דעם צוזאַמענטרעף, איז געווען אויפגערעגט, זעענדיק, אז ס'גייט נישט ווי ער וואָלט געוואָלט. ער האָט געקלאַפּט אין טיש מיט כעס, אריין אין די רייד פון די פאַרהענדלער און האָט פאַרלוירן זיין גלייכגע־וויכט. א גלאָז טיי וואָס ס'האָט זיך אים אויסגעגאָסן אויף די בגדים צו־ליב זיין ברויזענדער זשעסטיקולאַציע און דער געלעכטער פון אַלע אַנ־וועזנדע — האָבן אָפּגעקילט זיין צאָרן. אויך דאַסמאָל זענען זיינע באַ־מיאונגען דורכגעפאַלן.

דעם זעלבן אָוונט, ווען די זיצונג האָט זיך געענדיקט, האָט רוטענ־בערג פאַרהאַלטן זשאַבאָטינסקין און זיין סעקרעטאַר ביי דער טיר און זיי געבעטן בלייבן. ראש בית"ר האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל, און אָנגעהויבן שפּאַצירן אַהין און צוריק איבער דעם לאַנגן האָטעל צימער. (ווען ער האָט זיך געפונען צווישן נאָנטע, האָט ער ליב געהאַט צו שמועסן גייענדיק הין און צוריק איבערן צימער). רוטענבערג האָט אים אָפּגעגעבן א גרוס פון זיין בן־יחיד, ערי, וועלכער האָט פאַרלאָזן זיין אינזשיניער־פּאָסטן אין דער

עלעקטרישער סטאַציע אין נהרים, און איז אַריבער זיך ווידמען נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אַרבעט. ערי זשאַבאָטינסקי איז דאַן געווען אין עכו'ר טורמע און פּעטער מאַיסעיעוויטש רוטענבערג, אַ פאַמיליע־פריינט, האָט זיך משתדל געווען פאַר זיין באַפרייאונג. דער שמועס האָט זיך געפירט וועגן דער דערציאונג פון יונגן דור אין ארץ־ישראל און וועגן קינדער וועלכע גייען נישט אין די דרכים פון זייערע ציוניסטישע עלטערן. רוטענבערג האָט אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע צוויי בריוו, זיי דערלאַנגט זשאַבאָטינסקין און געזאָגט: „דו מוזט לייענען! דאָס איז אַ בריוו וואָס כ'האָב באַקומען פון מיין פּלימעניק, מיין ברודערס זון אין חיפה (לויטן סטיל און האַנטשריפט איז דער שרייבער געווען אַ דרייצן־יעריק יינגל!) ער פאָדערט פון מיר, כ'זאָל אים ענטפערן בלויז אין העברעאיש. אָט זע מיין תשובה: כ'האָב אים געשריבן אַ העברעאישן בריוו. מיר האָבן געלאַכט לייענענדיק די תשובה. פנחס רוטענבערג וואָלט נישט געקענט רעפלעקטירן אויף אַ פּאָסטן פון אַ לערער פון העברעאישער גראַמאַטיק, אָבער ער איז געווען זייער גערירט. דאָס איז מן הסתם געווען דער ערשטער בריוו וואָס ער האָט אין זיין לעבן געשריבן אין העבראַיש.

זשאַבאָטינסקי האָט אים אַרומגענומען: פּיעטר מאַיסעיעוויטש! שיין, זייער שיין. כ'הויב אָן צו האָבן פון דיר נחת!

צען יאָר נאָך דער באַגעגעניש, ווען ביידע זענען שוין נישט געווען ביים לעבן, איז אָט דער דאָזיקער יונגער פּלימעניק פון פנחס רוטענבערג, געפאַלן אויפן שלאַכט־פעלד פאַר דער באַפרייאונג פון דער יידישער מדינה.

איידער ער האָט פאַרלאָזן לאָנדאָן, איז פנחס רוטענבערג געקומען באַזוכן די זשאַבאָטינסקי־פאַמיליע אין זייער וווינונג, אין איינציקן צימער וואָס זיי האָבן געהאַט אין האָטעל. זיי האָבן געגעסן צוזאַמען אָוונט־ברויט; וועגן פּאָליטיק האָט מען מער נישט גערעדט. מ'האָט געשמועסט אין רוסיש, אַביסל דערמאָנט די קאָמישע לאַגע אין לאַנד, אָבער באַזונדערס האָבן זיי זיך געטיילט מיט ערינערונגען וועגן זייערע רוסישע באַקאַנטע פון דער יוגנט. גערעדט וועגן קערענסקין, פּרעמיער־מיניסטער פון רוסלאַנד נאָך דער אַבדיקאַציע פון צאַר. קערענסקי האָט אויך אין דער תקופה געלעבט אין לאָנדאָן און דער מענטש, וואָס האָט געקענט ראַטעווען די וועלט פון קאָמוניזם, ווען ער וואָלט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקערע האַנט, האָט געוווינט איצט אין אַן אַרים שטיבל אין דער בריטישער מעטראָפּאָליע. זיי האָבן געשמועסט וועגן פּראָפעסאָר מילוקאָוון און וועגן אַלטן בורצעוו, דער וואָס האָט אויפגעדעקט אַזעפס פּראָוואָקאַציעס, און לעבט אין פּאַריז אין שווערע באַדינגונגען. זיי האָבן אַרויפגעבראַכט זכרונות און

זיך האַרציק געזעגנט. דער לעצטער האַנט־דרוק פון צוויי פריינט, וואָס אַזוי פאַרשידן איז געווען זייער גורל, אָבער איינע איז געווען זייער שטרע־בונג: צו געבן זייער פאָלק זיין פרייע פאָטערלאַנד!

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז זשאַבאָטינסקי אוועקגעפאָרן אויף זיין לעצטער נאַציאָנאַלער שליחות קיין אַמעריקע, און רוטענבערג — צו מאַכן אַ פּרוּוו און לייטן די ענינים פון ישוב, ביים אויסברוך פון קריג. מער האָבן זיי זיך נישט געזען.

פּריציייטיק האָבן זיי זיך געטראָפן אויפן עולם־האמת.

---

# מיכאל האַסקעל

זשאַבאָטינסקי פלעגט דערמאָנען זיין נאָמען מיט סימפּאַטיע נאָך אין באַקאַנטן זומער 1933, אין דער תקופה פון בלוט־בלבול נאָך אַרלאַ־זאָראָווס דערמאָרדונג. אָבער האַסקעלן האָט נאָך קיינער פון אונדז אין אייראָפּע נישט געקענט. לעגענדעס זענען אַרומגעגאַנגען וועגן האַסקעלן אין אונדזער באַוועגונג. אין די יידישע שטעטלעך אין פּוילן, צווישן דער גרויסער מחנה פון זשאַבאָטינסקיס תלמידים, האָבן זיך אַרומגעטראָגן קלאַנגען וועגן אַ גרויסן עושר, וועלכער לעבט ערגעץ ווייט איבער די אָקעאַנען, אַ מענטש אַ גאָלד־גרעבער, וואָס האָט געשטעלט זיינע „גאָלד־גרובן" צו דער דיספּאָזיציע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. מ'האָט וועגן אים גערעדט ווי וועגן נייען מאַנטעפיאָרי, אַ ייד פאַר וועמען די טירן פון אַלע מיניסטעריומס זענען ברייט אָפן און ער איז טעטיק לטובת ישראל. שפּע־טער איז באַקאַנט געוואָרן, אַז האַסקעל איז באַשטימט געוואָרן אַלס די־פּלאָמאַטישער פאַרטרעטער פון דער דרום - אַפריקאַנישער רעגירונג ביי דער מאַנדאַט - מאַכט אין ארץ־ישראל.

זשאַבאָטינסקי האָט דורכגעמאַכט פיל ביטערע טעג. אָבער די בי - טערסטע פון זיי זענען אפשר געווען אין זומער 1933, ווען ס'איז אויפגע־הויבן געוואָרן אַ האַק אויף דער הערצליאַנישער באַוועגונג. אַ נייער „קרייצצוג" איז פּראָקלאַמירט געוואָרן קעגן דער רעוויזיאָניסטישער פאַר־

טיי און זי איז אין יענע פינסטערע טעג געשטאנען איינזאם אין פראָנט. איינער אליין איז געשטאנען זשאַבאָטינסקי און געקעמפט מיט די כוחות פון שטן. ווי א פעלז אין מיטן ים איז ער געווען. הינטער אים איז גע־שטאנען א גרויסע מחנה פון שילער, וועלכע זענען געווען גרייט מקריב צו זיין אלץ. אָבער קיין געלד האָבן זיי נישט געהאט. און כדי צו ראטע־ווען די דריי אומשולדיקע חברים האָט זיך זשאַבאָטינסקי גענויטיקט אין א גרויסע סומע געלט. די רייכע יידן האָבן געהערט צו די אגענץ־קרייזן. דאָן האָט זיך פּלוצלינג באוויזן אַ ייד פון דרום־אפריקע און געגעבן דאָס געלט, וואָס ס'איז נויטיק געווען צו אָרגאניזירן די פארטיידיקונג.

אָבער ווער דער מיסטעריעזער ייד איז, און ווי אזוי ער איז געקומען צו אונדז — האָבן מיר נישט געוווּסט.

אין יאנואר 1935 איז זשאַבאָטינסקי ארויסגעפאָרן אויף א פּראָפּאַ־גאנדע ־ רייזע אין צפון־אמעריקע. אין אפּריל איז ער צוריקגעקומען קיין פּאריז. אייניקע טעג פאר פּסח זענען מיר געשטאנען אויפן וואקזאל אין פּאריז און אים אָפּגעווארט. א קליינע גרופּע זענען מיר דאָן געווען, אפשר 15 מאָן. פינף מינוטן פארן אָנקומען פון צוג איז אָנגעקומע אויפן וואק־זאל א מאָן אין די פריע פּופּציקער־יארן, א מאגערער מיט ברילן. קיינער פון אונדז האָט אים נישט געקענט. ער האָט זיך ארומגעדרייט הינטער אונדז, און ס'איז אונדז אפילו נישט איינגעפאלן אז אויך ער איז געקומען אָפּוואַרטן דעם ראש־בית״ר. ווען ס'איז אָנגעקומען דער צוג און אין פענ־סטער האָט זיך באוויזן זשאַבאָטינסקי, האָבן מיר זיך אלע געאיילט צו דער וואגאָן־טיר. דער פרעמדער איז געבליבן שטיין הינטן. זשאַבאָטינסקי דאָט זיך פארהאלטן א קורצע ווײַלע אין טיר, ארומגענומען מיטן בליק אלע וועלכע זענען אים געקומען באגריסן, און פּלוצלינג איז זיין אויג גע־פאלן אויפן מאגערן מאָן וואָס איז געשטאנען הינטער אונדז. ווארשיינ־לעך איז ער אויך איבעראשט געוואָרן אים צו טרעפן דאָ, אויפן פּאריזער וואקזאל און א מאך געטאָן מיט דער האנט, און געזאָגט „האללאָ, הער האסקעל!".

איז דאָס דער מאָן, וועגן וועלכן מיר האָבן אזויפיל געהערט? ער האָט נישט געמאכט קיין איינדרוק פון א מיליאָנער. ער איז געווען אָנ־געטאָן זייער באשיידן, און אויסגעזען ווי א ישיבה-בחור.

***

אין יענער תקופה איז נאָך א פּלעביסציט, אין וועלכן ס'האָבן זיך

באטייליקט 713.000 פערזאָן, באשלאָסן געוואָרן צו גרינדן די נייע ציוניסטישע ארגאניזאציע, כדי צו דערמעגלעכן דער הערצליאַנישער באוועגונג פירן זעלבסשטענדיקע אויסערלעכע פּאָליטיק און באווייזן די הערשענדע פאקטאָרן אין ענגלאנד און אין דער גאנצער וועלט, אז די מאסן פון יידישן פּאָלק באגנוגנען זיך נישט מיטן מינימאליסטישן ציוניזם, וועלכער איז געווען רעפּרעזענטירט דורך ד"ר ווייצמאן און דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אגענץ.

דער גרינדונגס־קאָנגרעס פון דער נייער ציוניסטישער ארגאניזאציע איז באשטימט געוואָרן אויף הערבסט 1935 אין ווין. דעם זעלבן סעזאָן האָט געדארפט פּאָרקומען אין לוצערן דער ניינצנטער ציוניסטישער קאָנגרעס. אייניקע מיטגלידער פון דער הצה"ר־עקזעקוטיווע האָבן זיך געזאָרגט, אז דער אויסערלעכער גלאַנץ פון יענעם קאָנגרעס וועט פארטונקלען דעם גרינדונגס־קאָנגרעס. זיי האָבן געהאט פיל געלט, און אן אפּאראט מיט א לאַנגיעריקער טראדיציע, און דאָ שטייען נישט־געניטע אָנפאנגער אויף דעם געביט. די דאָזיקע באזאָרגנישן האָט מען פארגעבראכט אויף א זיצונג. אין דער באראטונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין זשאבאָטינסקיס ארבעטס־צימער, אויפן דריטן שטאָק פון רי דע־פּאָנטואַז אין פּאריז, איז אויך אָנוועזנד געווען מיכאל האסקעל. גראד יענעם טאָג איז ער אָנגעקומען פון יאהאנעסבורג. ער איז געזעסן אויף דער זיצונג צוויי שעה, זיך צוגעהערט און דאָס מויל נישט געעפנט. מ'האָט באהאנדלט די הכנות צום גרינדונגס ־ קאָנגרעס, זיין טאָג־אָרדנונג און די נויטיקע שריט אז דער קאָנגרעס זאָל געפינען אן אָפּקלאַנג אין דער ברייטער וועלט. אייניקע באטייליקטע האָבן אויסגעדריקט פּעסימיסטישע מיינונגען. זיי האָבן געזאָגט: „במעט די גאנצע יידישע פּרעסע געפינט זיך אונטער דער השפּעה פון דער אגענץ. די פּרעסע־קאָרעספּאָנדענטן וועלן שרייבן נאָר וועגן לוצערנער קאָנגרעס און אונדז וועלן זיי פארשווייגן. וואָס פאר א ווערט וועלן האָבן אלע באמיאונגען, אויב די אונטערנעמונג וועט נישט געפינען קיין עכאָ אין דער יידישער און אויסערלעכער וועלט? און די הויפּטזאך — האָבן די פּעסימיסטן ארגומענטירט — מיר האָבן נישט קיין גרויסע מיטלען איינצואָרדנען א קאָנגרעס מיט גרויס פּאראד. ווען מיר וואָלטן געקענט דינגען א ריזן־זאל פאר דער קאָנגרעס־עפנונג, ווען מיר וואָלטן זיך געקענט דערלויבן מאכן א ברייטע פּראָפּאגאנדע, און ווען מיר וואָלטן געהאָט א מעגלעכקייט צו ברענגען וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, וועלכע ווילן זיך באטייליקן אין קאָנגרעס, און איינלאדן אויך אויסלענדישע זשורנאליסטן — וואָלטן אונדזערע פארהאנדלונגען געהאט א ווייטן אָפּקלאַנג.

אָבער איצט, ווען כמעט אַלע קוועלן פון אונדזערע הכנסות האָבן זיך אויסגעשעפּט — וועט זיך וואַרפן אין די אויגן דער אונטערשיד צווישן דער רייכקייט און פּראַכט פון לוצערנער קאָנגרעס און דעם דלות פון גרינ־דונגס־קאָנגרעס פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע"!

די אַרגומענטן האָבן דעפּרימירט די אָנוועזנדע. האַסקעל איז די גאַנצע צייט געזעסן שטיל און נישט געזאָגט קיין וואָרט. ווען די דעבאַטע האָט זיך געענדיקט, האָט זשאַבאָטינסקי גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט: „איך קען גוט די מענטשלעכע שוואַכקייטן. אָרימעלייט און קבצנים, וועל־כע קענען נישט אָנזעטיקן זייער הונגער און שטילן זייער דורשט אין זיי־ערער א שמחה, זענען געוווינט צו שטיין נעבן די רייכע הייזער, ווו ס'קור־מען פּאָר חתונות. זיי האָבן ליב אַריינצוקוקן דורך די פענסטער, באַ־לויכטענע מיט פאַרבלענדערטער ליכט. די שנאָרער שלינגען דאָס שפּיי־עכץ פון קנאה און קענען נישט אָפּרייסן זייערע בליקן פון דער רייכער חתונה, פון דער כלה'ס שיינע קליידער און פון די גוטע מאכלים. איך ווייס אַז די חתונה פון די אַגענץ־לייט איז א רייכע. זיי קאַרגן נישט קיין הוצאות, ווייל מיט פיל געלט ווילן זיי פאַרדעקן די חסרונות פון דער כלה, וועלכע זיי פירן צו דער חופּה. איר ווייסט דאָך וואָס פאַר א ציוניזם דאָרט איז דאָ. אָבער איר דאַרפט נישט אַראָפּפאַלן פון מוט. אַזוי ווי ס'איז אונדז געלונגען צו פאַרשפּרייטן די אידייע פון דערהויבענעם ציוניזם צווישן צענדליקער טויזנטער יידן, אַזוי וועט זיך אונדז איינגעבן צוצוציען זייער אויפמערקזאַמקייט צו אונדזער קאָנגרעס. מיר זענען אָרימעלייט, א באַוועגונג פון אביונים זענען מיר, און אונדזער חתונה וועט נישט זיין אַזוי רייך מיטן אויסערלעכן גלאַנץ. אָבער כ'בין זיכער, אַז מיר וועלן צושמידן די יידישע מאַסן צו אונדז, צו אונדזערע פענסטער, וועלכע זענען וואָס אָן אמת נישט אַזוי באַלויכטן מיט גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן, אָבער דאָס ליכט וואָס גייט אַרויס פון הארצן איז גרויס"!

ווען זשאַבאָטינסקי האָט געענדיקט זיינע רייד, האָט האַסקעל אויפ־געהויבן דעם פינגער, א צייכן אַז ער וויל עפּעס זאָגן. אין א נידריקער שטימע, ווי ער וואָלט זיך געשעמט פאַר זיין דרייסטקייט זיך אַריינצומישן אין זאַכן, אין וועלכע ער איז נישט קיין בקי, האָט ער אַרויסגעזאָגט איין קורצן זאַץ: „איך וועל זאָרגן, איר זאָלט האָבן א שיינע חתונה"!

ס'איז ווערט צו באַמערקן, אַז אין יענע יאָרן — אין 1933 און 1935 — איז נאָך מיכאל האַסקעל נישט געווען קיין אָפיציעלער מיטגליד פון דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי. ער איז דאַן געווען בלויז א פריינדלעכער אָבסערוואַטאָר, וואָס האָט זיך באַצויגן מיט סימפּאַטיע צו דער פּאָליטישער

באוועגונג אין וועמענס שפּיץ ס'איז געשטאַנען זשאַבאָטינסקי. אָבער ער איז געווען פון ד"ר ווייצמאַנס גוטע באַקאַנטע און שטענדיק געגעבן גרויסע סומען פאַר קרן היסוד. ער איז געווען איינער פון אוסישקינס פריינט און געשפּענדעט באַדייטנדע סומען פאַרן קרן קימת. ער האָט אויך נישט פאַרגעסן די אוניווערזיטעט אין ירושלים און אפילו פאַרן „הבימה"-הויז האָט ער געזאָרגט. און ער האָט געווירקט נישט נאָר מיט זיינע ברייטהאַרציקע נדבות, נאָר אויך מיט זיין דיפּלאָמאַטישער טעטיקייט. אַלס רעפּרעזענטאַנט פון דרום-אַפריקע אין ארץ-ישראל האָט ער געהאַט וויכטיקע פּאָליטישע באַציאונגען אין דעם דאָמיניאָן. און ער האָט זיי געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון אַלע ציוניסטישע פליגלען, נישט אַריינגייענדיק אין די אינערלעכע קאָנפליקטן פון דער ציוניסטישער מחנה.

ווען זשאַבאָטינסקי איז געקומען צום ערשטן מאָל אין דרום-אַפריקע האָט זיך מיכאל האַסקעל געשטעלט אין שפּיץ פון דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע. אין משך פון איניקע יאָרן איז די באַוועגונג פון מלוכה'שן ציוניזם אין דרום-אַפריקע געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן אויף דער יידישער גאַס, אַזוי אַז זשאַבאָטינסקי האָט געפונען פאַר נויטיק צו באַזוכן דעם גלענצענדן קיבוץ, וואָס באַשטייט מערסטנס פון ליטווישע יידן, מיט אַ וואַרעם יידיש האַרץ, צוויי מאָל נאָכאַנאַנד, אַ יאָר נאָך אַ יאָר.

אַ קורצע צייט נאָך זשאַבאָטינסקיס טויט, איז געקומען דער מלאך-המות רופן אויך האַסקלען. דער טויט איז אָנגעקומען צו אים פּלוצלינג ווען ער האָט זיך גאָרנישט געריכט אויף אים. ער איז בכלל נישט געווען קראַנק. דורכגייענדיק אין אַ רעגנדיקן הערבסט - אָוונט אין אַ גאַס אין יאָהאַנעסבורג, אין דער שטאָט אין וועלכער ער האָט געלעבט מער ווי דרייסיק יאָר און וווּ ער האָט געקענט יעדן שטיין, האָט ער געפונען זיין טויט אונטער די רעדער פון אַן אויטאָמאָביל. האַסקעל האָט נישט ליב געהאַט צו פאָרן איבער דער וועלט נישט מיט אַ שיף און נישט מיט אַ אויטאָ. ווען דער לופט פליִוועזן איז נאָך געווען אין זיין אָנהויב און די צאָל פלי-קאַטאַסטראָפעס איז געווען אונגעהויער גרויס, פלעגט ער זיך שווין באַנוצן מיט עראָפּלאַנען. טראָץ דעם איז ער אַרוים גאַנץ פון אַלע זיינע פליען, נאָר אַ געוויינלעכער אויטאָ אין אַ געסל פון זיין שטאָט, האָט געמאַכט אַ סוף צום לעבן פון דעם הייסן ייד. ר'איז געשטאָרבן איינזאַם און נישט איבערגעלאָזט קיין פרוי און קינדער. בלויז אַ צוואה איז געבליבן נאָך אים, וואָס איז אַ פּרעכטיקער נאַציאָנאַלער דאָקומענט. בלויז פּנחס רוטענבערגס צוואה קען זיך מיט זיינער פאַרגלייכן. פון דער

צוואה זעט מען זיין גרויסע ציוניסטישע אמונה און זיין איבערגעגעבנ-קייט צו זשאבאָטינסקין. זי איז געשריבן געוואָרן אין 1934, ווען האס־קעלס פארמעגן איז געווען גרויס. דאָס איז איר אינהאלט:

„איך מיכאל האסקעל פון יאהאנעסבורג אין דרום־אפריקע, דעקלאַ־ריר דאָ מיין לעצטן ווילן:

איך בין געווען א ציוניסט פון מיין פריסטער יוגנט און כ׳האָב שטענדיק געזען אין ציוניזם א פולע און ענטגילטיקע לעזונג פון דער יידישער טראגעדיע.

„לויט מיינע מעגלעכקייטן האָב איך געהאָלפן דעם אויפבוי פון לאנד און דער אמתער ציל פון מיין עקזיסטענץ־קאַמף איז געווען צו דערגיין צו עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיקייט און צו שאפן די באדינגונגען, וועלכע זאָלן מיר דערלויבן צו ווידמען פולשטענדיק מיינע איבערגעבליבענע יארן פאר אקטיווער באטייליקונג אין דער ציוניסטישער באוועגונג. אויב דער טויט וועט דאָס פארמיידן פון מיר, וויל איך העלפן אנדערע זיי זאָלן טאָן וואָס ס׳איז מיר נישט מעגלעך געווען. דעריבער באגרענעץ איך די גרויס פון מיינע באשטימונגען פאר צוועקן פון ריינער פילאנטראָפּיע און לאָז איבער א גרעסערן טייל פון מיין פארמעגן פאר א זאך וואָס איז מער ווי צדקה — צו שטיצן די טעטיקייטן, וועלכע ווערן געפירט דורכן וועלט־פארבאנד פון די ציוניסטן ־ רעוויזיאָניסטן.

איך עצה די פירער פון דעם פארבאנד זיי זאָלן גיין נישט זיך צוריק־ציענדיק אין די וועגן, וועלכע כ׳האָב זיי פארגעשלאָגן אין מיין לעבן.

„זיי זאָלן שטענדיק גרייט זיין אויף קאָאָפּעראַציע אין פרידן מיט אַלע אנדערע פליגלען אין ציוניזם און נאציאָנאַלן יידנטום, אָבער זיי זאָלן קיינמאָל נישט דערלויבן אָוועקצורויבן פון ציוניזם זיין הויפּט שוואונג, דעם נאציאנאלן מלוכה׳שן געדאנק; זיי זאָלן זיין טריי דער שותפות מיט דעם מאנדאַט־פאָלק, און צוזאמען מיט דעם זאָלן זיי זיין פעסט און ענער־גיש אין זייער פאָדערונג פאר אן אויפריכטיקע דערפילונג פון מאנדאט; זיי זאָלן זיין טריי דער תורה פון אונדזערע נביאים וועגן סאָציאלער גע־רעכטיקייט, אָבער זיי זאָלן אונטערוואַרפן די קלאסן־אינטערעסן דעם ציו־ניסטישן אידעאל.

נאָך דעם „אני מאמין״ באשטימט די צוואה, אז צוויי טויזנט פונט זאָלן איבערגעגעבן ווערן זאב זשאבאָטינסקין אין פאריז און דער גאנצער פארמעגן זאָל צעטיילט ווערן אויף צען גלייכע טיילן פאר צדקה־צוועקן אין יאָהאנעסבורג, פאר פילאנטראָפּישע פארבאנדן, און דריי צענטל — פארן רעוויזיאָניסטישן וועלט ־ פארבאנד.

„צוליב דער געאָגראַפישער צושפּרייטונג פון יידישע וועלטלעכע אָר־גאַניזאַציעס, וועלכע טיילן זיך אין פאַרבאַנדן לויט די לענדער און אַרבעטן לויט די לאַנד־געזעצן, קענען זיך דערוועקן ספקות וועגן גע־נויען באַגריף פון „וועלט פאַרבאַנד פון די ציוניסטן ־ רעוויזיאָניסטן". איך וויל דעריבער מיינע רייד זאָלן זיין קלאָר: איך מיין די אָרגאַניזאַציע, וואָס דער זיץ פון איר וועלט־עקזעקוטיווע איז אין פּאַריז רי דע־פּאָנטאָ־אַז נומער 7. און אין וועמענס שפּיץ עס שטייט איצט מיין פריינט זאב זשאַבאָטינסקי.

אין פאַל ווען דער נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע, דער זיץ ־ אָרט פון דער לייטנדער קערפּערשאַפט און פּערסאָנעלער צוזאַמענשטעל וועלן זיך ענדערן, אָדער אין פאַל ווען זי וועט זיך פאַרבינדן אָרגאַניש מיט אַן אַנ־דער אָרגאַניזאַציע, זאָל די דאָזיקע ירושה גיין אין די אַלע פאַלן צו דער אָרגאַניזאַציע, וועמענס ציוניסטיש ־ פּראָגראַם וועט זיין פאַרבונדן אין וועלכער ס'איז פאָרם מיט דער פּערזענלעכקייט פון זאב זשאַבאָטינסקי".

די צווייטע העלפט זאָל געווידמעט ווערן טיילוויז פאַר ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן נישט יידן אין ענגלאַנד און אַנדערע ערטער, פאַר קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, פאַר פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס אין ארץ־ישראל, צו שאַפן אַ שולע פאַר רעגירונגס ־ באַאַמטע (סיוויל סערוויס) און אַ פלי־שולע אין ארץ־ישראל".

ס'איז אַ ביטערע איראָניע פון גורל, אַז האַסקעלס פאַרמעגן, וואָס ער האָט געהאַט אין אַקציעס, האָט גראַד בשעת זיין פּלוצלונגען טויט פאַר־לוירן כמעט דעם גרעסטן טייל פון זיין ווערט און נאָכן פאַרקויפן די אַק־ציעס האָט עס קוים געניגט אויף צו דעקן זיינע חובות. ערשט אייניקע יאָרן שפּעטער זענען זיי ווידער געשטיגן און באַקומען ווערט פון אַ גרוי־סע סומע, אָבער די אַקציעס זענען שוין געווען אין פרעמדן רשות.

---

# מיט די „יידנשטאַטלער"

דער קאַפּיטל פון זיינע געוועזענע פריינט פון דער „יידנשטאַטס-פּאַרטיי" איז געווען איינער פון די דראַמאַטישסטע אין זשאַבאָטינסקיס לעבן. אין מערץ 1933 האָט ער זיך צעשיידט פון אייניקע פון זיינע בעסטע חברים, וועלכע האָבן מיט אים מיטגעאַרבעט צענדליקער יאָרן, צוזאַמען מיט זיי האָט ער געשאַפן די רעוויזיאָניסטישע פּאַרטיי און איינער פון זיי, מאיר גראָסמאַן, איז געווען פון די איינציקע אין דער יידישער וועלט, וועלכע זענען געשטאַנען ביי זיין זייט אין די טראַגישע יאָרן פון געראַנגל פאַר דער שאַפונג פון די יידישע לעגיאָנען אין ערשטן וועלט־קריג. זשאַבאָטינסקי האָט ליב געהאַט זיינע פינף חברים אין דער וועלט־עקזעקוטיווע פון הצה"ר, וועלכע זענען נאָכהער אַוועק פון אים און געשאַפן אַן אַנדער פּאַרטיי: מאיר גראָסמאַן, יונה מאַכאָווער, ד"ר סאָסקין, ריכאַרד ליכטהיים און ראָבערט שטריקער. ער איז געווען צוגעבונדן צו זיי און זייערע פאַמיליעס. ער האָט באַדויערט וואָס דער גורל האָט זיי צעשיידט און זייערע ציוניסטישע וועגן זענען זיך צעגאַנגען. אָבער ער האָט נישט געוואָלט אַז צוליב דעם זאָל אויך איבערגעריסן ווערן דער פּערזענלעכער קאָנטאַקט צווישן זיי.

אין זיין אויטאָביאָגראַפיע זאָגט ער אויף זיך עדות, אַז ער האָט געהאַט אַ טאָפּלט לעבן: דאָס לעבן פון אַ שרייבער און אַ עסקן, און דאָס פּריוואַטע לעבן. „די צוויי לעבנס־געביטן — האָט זשאַבאָטינסקי געשריבן — זענען ביי מיר אָפּגעטיילט מיט זייער אַ הויכן צוים; ווי ווייט מעגלעך, האָב איך שטענדיק אויסגעמיטן צו פאַרמישן די גרענעצן צווישן דעם און דעם אַנדערן; אַלס מענטש האָב איך געהאַט און כ'האָב פריינט, באַציאונגען, נסיונות, זכרונות, טראַדיציעס, וועמענס איינפלוס האָט קיינמאָל נישט אָנגערירט און וועט נישט אָנרירן דעם געביט פון מיין עפנטלעכער טעטיקייט".

אויך נאָך דער שפּאַלטונג אין קאַטאָוויץ האָט ער געשטרעבט, אַז די פּערזענלעכע פריינטשאַפט צווישן אים און זיינע חברים זאָל נישט פאַרטונקלט ווערן צוליב די פּאָליטישע מיינונגס־פאַרשידענהייטן און ער האָט אויפריכטיק באַדויערט וואָס זיין אַלטער פריינט מאיר גראָסמאַן האָט אים אָנגעגריפן אין דער פּרעסע פּערזענלעך. ער איז נישט געווען אין כעס אויף זיין חבר. נאָר זיין האַרץ האָט אים וויי געטאָן וואָס צוליב בייזקייט האָט „מאיר איליטש" (ווי ער האָט גראָסמאַנען גערופן) פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט און געשריבן אין וואַרשעווער „היינט" אַרטיקלען מיט באַ־

לײדיקנדע אױסדרוקן אױפן חשבון פון לעגיאָן־גרינדער. זשאַבאָטינסקי האָט נישט געקענט פאַרשטײן װי אַזױ קען אַ פּאָליטישער סכסוך פאַרשאַפן בײַ אַ מענטש אַזױפיל בײז בלוט. אָבער װאָס מער זשאַבאָטינסקי האָט זיך באַמיט אַרױסצװײַזן צײכנס פון אמתער פרײַנדשאַפט, האָט זיך גראָסמאַן אַלץ מער געבײזערט, און געגעבן יעדעס מאָל אַ נײַעם אױסדרוק פון זײַן כּעס.

זשאַבאָטינסקי האָט זיך אינטערעסירט די גאַנצע צײַט מיטן פערזענלעכן לעבן פון זײַן אַלטן פרײַנט, מיטן צושטאַנד פון זײַן פאַמיליע און זײַנע פּריװאַטע געשעפטן. פיל מאָל האָט ער טעלעפאָנירט צו גראָסמאַנען װען זײ האָבן זיך פער־צופאַל געפונען אין אײן שטאָט, כּדי צו פרעגן װעגן דער פאַמיליע זײַנער. אָבער גראָסמאַן איז געבליבן „ברוגז". ער איז געװען דער אײנציקער פון דער גרופּע, װעלכער האָט זײַענדיק אין לאָנדאָן קײנמאָל נישט געװאָלט באַזוכן זשאַבאָטינסקין אין ביוראָ. אין הערבסט 1937, ס'ערשטע מאָל נאָך פינף יאָר זינט זײ זענען זיך צעגאַנגען פּאָליטיש, איז גראָסמאַן געקומען צו זשאַבאָטינסקין אין ביוראָ. „איך האָב זיך נישט גערעכט — האָט זשאַבאָטינסקי געזאָגט צו זײַן סעקרעטאַר, נאָך דעם װי ער האָט אָװעקגעלײגט דעם טעלעפאָן־טרײבל בײַם סוף פון געשפּרעך מיט גראָסמאַנען, װאָס האָט אים טעלעפאָנירט קומענדיק קײן לאָנדאָן — אַז ער װעט מסכּים זײַן צו קומען אין אונדזער ביוראָ. ביז איצט האָט ער זיך נישט געװאָלט באַגעגנען מיט מיר אין דעם אָרט. איצט האָט ער אונדז אָנערקענט „דע יורע!"

אַ גאַנץ אַנדערע איז געװען די שטעלונג פון גראָסמאַנס חברים, װעלכע זענען אַװעק צוזאַמען מיט אים. זײ אַלע פיר האָבן װײַטער פאָרגעזעצט זײער פרײַנטשאַפט - באַציאונג מיט זשאַבאָטינסקין. פיל, װעלכע האָבן זיך צוגעקוקט פון דער נאָענט צו די באַציאונגען, האָבן געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז דאָס צעשײדן זיך האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט זײער ליבע צו אים. ס'דאַכט זיך, אַז דער נאָענטסטער צו אים איז געװען אינזשעניער ראָבערט שטריקער. דער דאָזיקער װוּנדערבאַרער הערצליאַנער ציוניסט, דער אומגעקרױנטער קעניג פון עסטרײַכישן יידנטום, האָט אַלע יאָרן געשטרעבט צו פאַרנײען דעם ריס, װאָס איז אַנשטאַנען בײַ דער שפּאַלטונג אין קאַטאָװיץ. בלױז צװײ װאָכן פאַר היטלערס אינװאַזיע אױף עסטרײַך איז שטריקער געקומען צו זשאַבאָטינסקין אין פּאַריז און ס'איז געשאַפן געװאָרן אַ קאָנטאַקט צװישן דער נײַער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און די „יידנשטאַטלער". יעדעס מאָל װען זשאַבאָטינסקי פלעגט קומען קײן װין אָדער דורכפאָרן אױפן װעג אין די מזרח אײראָפּעאישע

לענדער, פלעגט ער באזוכן שטריקערן אין דערהיים און זיי האָבן צוזאַ־מען פאַרבראַכט. שטריקער פלעגט אויך שטענדיק באַגלייטן זיין גאַסט צום וואָקזאַל. איין מאָל, ווען ער איז געקומען קיין ווין, האָט זיך שטרי־קער נישט באוויזן. דאָס איז געווען פאַר זשאַבאָטינסקין אַן אומגעוויינ־לעכע זאַך. ס'האָט אים ווײ געטאָן. ווען ער איז נאכהער צוריקגעקומען קיין לאָנדאָן האָט ער אויסגעדריקט פאַר די עקזעקוטיוו־חברים זיין וווּנ־דער, וואָס ער האָט דאסמאָל שטריקערן נישט געקענט זען. דורכפאַרנדיק די הויפּט־שטאָט פון עסטרייך. ווען שטריקער איז אַרעסטירט געוואָרן דורך די נאַציס און אַוועקגעשיקט געוואָרן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, האָט זשאַבאָטינסקי געקערט וועלטן פאַר דער באַפרייאונג פון זיין איינ־טימען פריינד. ער איז געווען איינציקע מאָל ביים אַמעריקאַנער אַמבאַסאַ־דאָר אין לאָנדאָן און זיך געטראָפן מיט בריטישע שטאַאַטסמענער, כדי אים אַרויסצורייסן פון די נאַציישע נעגל.

ד"ר יונה מאַכאָווער וואָס האָט געוווינט אין לאָנדאָן איז געבליבן אַ פּערזענלעכער פריינט. זיי האָבן געשמועסט וועגן אַלץ, אויסער וועגן ציוניזם. צייטנווייז האָט עס אויסגעזען משונה'דיק, אַז מאַכאָווער, וועל־כער האָט זיך געטראָפן מיט זשאַבאָטינסקין איינציקע מאָל אין דער וואָך — פלעגט דערפאַרן וועגן פאַרהאַנדלונגען צווישן הצה"ר און די יידן־שטאַטלער פון שטריקערס בריוו.

ד"ר סאַסקין און ריכארד ליכטהיים, וועלכע האָבן געלעבט אין ארץ־ישראל, האָבן נישט פאַרגעסן אָבצושטאַטן זייער ערשטן וויזיט, קומענ־דיק קיין לאָנדאָן, ביי זשאַבאָטינסקין אין ביוראָ און אין דערהיים. אָבער אויך מיט זיי האָט ער אויסגעמיטן צו רעדן וועגן די אינערלעכע פּראָב־לעמען. סאַסקין איז אין אַ געוויסער תקופה געוואָרן אַן אָנהענגער פון דער פאַרטיילונג פון ארץ־ישראל. און ער איז געקומען קיין לאָנדאָן זיך באַמיען, אַז „נהריה", וועלכע ער האָט געגרינדעט אין צפון טייל פון ארץ־ישראל און וועלכע האָט געדאַרפט לויטן חלוקה־פּלאַן געהערן צו דער אַראַ־בישער מדינה, זאָל בלייבן אין יידישן טייל. אָבער אפילו דאַן פלעגט סאַס־קין קומען אין נ.צ.א.־ביוראָ פיל מאָל, כאָטש ער האָט געוווּסט אַז זשאַבאָ־טינסקי איז דער הויפּט־קעמפער קעגן דער שטרעבונג אָפּצורייסן פון ארץ־ישראל דעם גרעסטן טייל פון איר טעריטאָריע.

ריכארד ליכטהיים פלעגט נישט קומען אָפט קיין ענגלאַנד. אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה, האָבן מיר אים געזען נאָר איינמאָל, ווען ער איז געפאָרן אין שליחות פון קרן־היסוד קיין רומעניע. דורכפאָרנדיק לאָנדאָן, איז ער געקומען צו זשאַבאָטינסקין און לאַנג געזעסן ביי אים.

ביי דעם געשפּרעך זענען זיי געווען אליין. די חברים פון רומענישן הצה"ר, וועלכע האָבן אין זייער לאַנד געהערט ליכטהיימס רעדעס פול מיט די שאַרפסטע אָנגריפן קעגן הצה"ר און בית"ר, האָבן נישט געקענט פאַרשטיין ווי האָט געקענט אַריינטרעטן אַזאַ ענדערונג אין אַ מענטשן, וועלכער איז אַמאָל געווען פון די גרינדער און הויפּט־זיילן פון שטאַטס־ציוניזם.

די קאָרעספּאָנדענץ צווישן זשאַבאָטינסקין און ליכטהיימען איז געווען אַ אָפטע און געשריבן אין אַ פאַמיליע־טאָן. דער אינהאַלט פון די בריוו האָט עדות געזאָגט וועגן אַן אַלטער אינטימער פריינדשאַפט צווישן זיי. ליכטהיים האָט אין איין בריוו געזאָגט, אַז „זייער שיידונג פון דער געמיינזאַמער ציוניסטישער אַרבעט איז געווען דער שמערצלעכסטער קלאַפּ וואָס ער האָט באַקומען אין לעבן". ראש־בית"ר פון זיין זייט האָט געשעצט ליכטהיימען און באַדויערט וואָס דער גלענצענדער אינטעלעקטועלער און אָרגאַניזאַציאָנעלער כוח איז פאַרלוירן געגאַנגען (ליכטהיים איז נאָך אין 1921 געווען אַ מיטגליד פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע). זייט ער האָט פאַרלאָזן די רעוויזיאָניסטישע באַוועגונג, האָט ער „געוואַנדערט" פון איין פּאַרטיי אין דער צווייטער. ער איז נישט פאַרבליבן ביי די „יידנשטאַטלער", נאָר אַוועק צו די אַלגעמיינע ציוניסטן־גרופּע א', נאָכהער — צו „עליה חדשה", ביזן אָנקומען צו די פּראָגרעסיווע ציוניסטן.

---

## מיט פּראָפ. חיים ווייצמאַן

אַמאָל, איידער ס'איז געקומען צום גרויסן קאָנפליקט אין ציוניזם, זענען די פּערזענלעכע באַציאונגען צווישן די פאַמיליעס פון ווייצמאַן און זשאַבאָטינסקי געווען זייער פריינטלעכע. נאָר זייט ס'האָט זיך געעפנט אַ תהום אין דער פּאָליטיק פון ביידע שטאַטסמענער, זענען זיך זייערע וועגן אויך פּערזענלעך צעגאַנגען. אין די לעצטע יאָרן, טראָץ דעם וואָס זיי ביידע האָבן געוווינט אין איין שטאָט, אין לאָנדאָן, האָבן זיי אויפגעהערט

זיך צו באַגעגנען. זעלטן האָט מען זיך געטראָפן, די וועלכע זענען אָנוועזנד געווען ביי זשאַבאָטינסקיס אויפטריט פאַר דער קעניגלעכער קאָמיסיע פון פיל אין לאָרדן־הויז אין פעברואַר 1937 און האָבן דאָרט געטראָפן אויך מאַדאַם וויערא ווייצמאַן, (די פרוי פון פרעזידענט פון ישראל) האָבן זיך זייער געוווּנדערט. נאָך גרעסער איז געווען די פאַרוווּנדערונג ווען מ'האָט זיך צוגעקוקט צו דער וואַרימקייט ביי דער באַגעגניש צווישן מאַדאַם ווייצמאַן מיט זשאַבאָטינסקין און זיין פרוי. א סענסאַציע פאַר די רעפּאָר־טערן איז געווען וואָס מאַדאַם ווייצמאַן האָט שפּאַצירט מיט זשאַבאָטינ־סקין אין קאָרידאָר פון לאָרדן־הויז פאַרן אָנהויב פון דער זיצונג און האָט אים געהאַלטן געאָרעמט. דאָס איז פאַר זיי געווען א גרעסערע סענסאַציע ווי זיין רעדע אין וועסטמינסטער־פּאַלאַץ.

די לעזער, וועלכע ווילן זיך דערמאָנען אין זשאַבאָטינסקיס ווערטער אין „דער געשיכטע פון יידישן לעגיאָן", ווו ער דערמאָנט ווייצמאַנען מיט פריינטשאַפט און דאַנקבאַרקייט, ווייל פון אַלע מנהיגים פון דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע איז ד"ר ווייצמאַן געווען דער איינציקער וואָס האָט אין 1916־1917 נישט באַקעמפט דעם לעגיאָן-פּראָיעקט און אפילו אים געהאָלפן אין א געוויסער מאָס — וועלן זיך זיכער וווּנדערן וואָס ס'איז געקומען צו פולשטענדיקן איבעררייס פון די באַציאונגען צווישן די ביי־דע פּערזענלעכקייטן. אָבער די טיפע פּאָליטישע חילוקי־דעות האָבן גע־בראַכט צו א פּערזענלעכע פאַרפרעמדקייט. ד"ר ווייצמאַן, וועלכער איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, האָט גע־זען מיט זאָרג דעם וווּקס פון די אָפּאָזיציאָנעלע שטרעבונגען צו זיין פּאָ־ליטיק און האָט מיט רעכט געזען אין זשאַבאָטינסקין דעם הויפּט־שולדיקן. ווען ד"ר לעאָ מאָצקין, דער פּרעזידענט פון די ציוניסטישע קאָנגרעסן, איז געשטאָרבן, האָט זשאַבאָטינסקי דערציילט אן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד, וועלכער שילדערט דעם אָנפאַנג פון ווייצמאַנס קאַמף קעגן דעם פירער פון דער אָפּאָזיציע. אויפן ווינער ציוניסטישן קאָנגרעס אין 1925 האָט ד"ר ווייצמאַן געזאָגט אין אַ רעדע די ווערטער, וועלכע זענען נאָכהער אַזויפיל קאָמענטירט געוואָרן" «The political situation is satisfactory» (דאָס הייסט: „די פּאָליטישע לאַגע איז צופרידנשטעלנד").

דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע האָט גע-נומען אין שוץ הערבערט סעמואלס אדמיניסטראַציע און איר געטיילט שבחים. איין דעלעגאַט איז אויפגעשטאַנען אויף יענעם קאָנגרעס און גע־געבן א צעשמעטערנדיקן קריטיק קעגן לויב־געזאַנג פאַרן הויך־קאָמיסאַר פון יידישער אָפּשטאַמונג, וועלכע האָט פאַרזייט די קערנער פון דער אַנטי־

יידישע מאנדאט־רעגירונג. ד״ר וויצמאַן האָט זיך זייער אויפגערעגט און האָט אין מיטן פון זשאַבאָטינסקיס רעדע א פרעג געטאָן אויפן קול דעם קאָנגרעס־פּרעזידענט, דעם פאַרשטאָרבענעם ד״ר מאָצקין: וועמען רעפּ־רעזענטירט דער דעלעגאַט? מאָצקין האָט זיך זאָפאָרט אויפגעשטעלט און געענטפערט די שטאָלצע תשובה, וואָס איז פון דאַן געוואָרן א סימבאָל: „דער דעלעגאַט, ה׳ זשאַבאָטינסקי, רעפּרעזענטירט ארץ־ישראל״.

דאָס איז געווען דער אָנהויב, און פון דאַנען — אין די שפּעטערדיקע 15 יאָר — איז דער קאַמף געוואָרן אַלץ העפטיקער און העפטיקער.

זייט 1935 האָבן זיי זיך געטראָפן פּערזענלעך נאָר צוויי-דריי מאָל. ביי די באַגעגנישן האָבן זיי געשמועסט וועגן פאַראייניקן אַלע נאַציאָ־נאַלע כוחות פאַר א געמיינזאַמער אָנשטרענגונג זיך קעגנצושטעלן דער אַנטי יידישער פּאָליטיק פון דער בריטישער רעגירונג. אין א רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין 1939, האָט זשאַבאָטינסקי דערציילט: „אין יוני 1936, אין די ערשטע חדשים פון אראבישן טעראָר אין לאַנד, האָב איך זיך געווענדעט צו ד״ר וויצמאַנען מיט א בריוו אין וועלכן כ׳האָב אים אויסגעדריקט די מיינונג, אַז אין דער איצטיקער צייט איז ווינטשנס־ווערט, און אפשר איז עס א פליכט, צו פּרוון שאַפן א געמיינזאַמען פראָנט פון יידנטום. אַלס רעזולטאַט פון דעם בריוו האָבן מיר זיך געטראָפן, פאַר־בראַכט צוזאַמען אייניקע שעה אין פריינטלעכקייט און פון פאָרשלאַג איז גאָרנישט ארויסגעקומען!״.

**
*

אין דער תקופה איז אפילו זייער בריוו־אויסטויש געווען א זעלטענער. בלויז צוויי מאָל זענען אָנגעקומען בריוו פון ד״ר וויצמאַנען.

ס׳ערשטע מאָל האָט ער איבערגעשיקט זשאַבאָטינסקין — דאָס איז געווען אין 1937—א זייער גרויסן בריוו (10 זייטן) געשריבן אין א שלעכטן רוסיש, וועלכן דער דאַמאָלסטיקער פּרעזידענט פון דער יידישער אַגענץ האָט באַקומען אריינגייענדיק אין חיפה׳ר פּאָרט אויף זיין צוריקוועגס פון ארץ־ישראל קיין לאָנדאָן. ווי ד״ר וויצמאַן האָט דערקלערט אין באַגלייט־בריוו, האָט אים אימיצער דערלאַנגט דעם בריוו איידער ער איז ארויף אויף דער שיף. אין דאָזיקן בריוו האָט דער שרייבער אין א פּרימיטיוון פאָרם, דורכ־געפירט א קריטישע אַנאַליזע פון דער פּאָליטישער טעטיקייט פון אַגענץ־פּרעזידענט. אים באַשולדיקט, אַז ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די דורכ־פאַלן פון ציוניזם און אייניקע שורות פון בריוו האָבן געקלונגען ווי א

פערזענלעכע דראָאונג. האָט ווייצמאַן איבערגעשיקט זשאַבאָטינסקין דעם בריוו, און צוגעשריבן: „זיי אַזוי גוט, לייען דעם אינהאַלט פון בריוו וואָס כ'האָב באַקומען. זע ווי מ'דראָט מיר"! אין רוסישן בריוו פון אַנאָנים איז נישט געווען קיין ווונק פון אַנדייטונג, אַז דער שרייבער איז אַ מיטגליד פון דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי. אָבער ווער קען עס קריטיקירן די פּאָלי-טישע טעטיקייט פון פּרעזידענט פון דער יידישער אַגענץ, אויב נישט קיין רעוויזיאָניסט?

זשאַבאָטינסקי האָט צוריקגעשיקט דעם בריוו און צוגעשריבן אַ פּאָר ווערטער בזה הלשון: „איך באַקום צענדליקער בריוו, וואָס זענען פול מיט דראָאונגען קעגן מיר און כ'ליג נישט אויף זיי קיין אכט. כ'האָב אפילו נעגעבן אַן אינסטרוקציע מיין סעקרעטאַר ער זאָל מיר גאָרנישט דערציילן וועגן דראָאונגס-בריוו, וועלכע קומען אָן אויף מיין אַדרעס זייער אָפט פון פאַרשידענע זייטן".

און ווירקלעך, מ'האָט זשאַבאָטינסקין פיל מאָל געדראָט נישט נאָר מיט בריוו, נאָר אויך מיט די הענט. ביי זיינע אָפטע באַזוכן אין די מזרח-אייראָפּעאישע לענדער זענען געמאַכט געוואָרן פיל פּרוון אָנצופאַלן אויף אים. בשעת דעם אַרלאָזאָראָוו פּראָצעס האָבן מיטגלידער פון די לינקע פּאַרטייען אין פּוילן איינמאָל געשאָסן אויף אים. צום גליק, נישט גע-טראָפן. און וואָס איז נוגע בריוו, ווען קען אויסרעכענען זייער צאָל. אַ גאַנ-צע אויסשטעלונג פון דראָאונגס-בריוו, שוין נישט רעדנדיק וועגן זידלע-רייען און באַשמוצונגען פון ערגסטן סאָרט, וואָלט מען געקענט מאַכן. אָבער ער האָט זיך דערפון קיינמאָל גאָרנישט געמאַכט און זיי נישט גע-ווידמעט די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט. ווייל ער האָט נישט מורא גע-האַט פאַר קיין אַטענטאַט און קיינמאָל זיך נישט געהיטן. ווען זיינע מיט-אַרבעטער האָבן טיילמאָל אויסגעדריקט פאַר אים זייער זאָרג און געוואָלט אָננעמען וועלכע ס'איז פּאָרזיכטיקייטס-מיטלען, האָט ער געלאַכט פון זיי-ער פּחד. איינער אַליין פלעגט ער אַרומגיין אין די גאַסן פון לאָנדאָן און פּאַריז און אפילו אין וואַרשע ווו ער האָט געהאַט פיל פיינט, וועמענס מוחות זענען פאַרסמט געוואָרן מיט שנאה צו אים, האָט ער זיך קעגנ-געשטעלט דעם ווילן אים צו געבן אַ שומר. ווען ער האָט געהאַט אַ גע-לעגנהייט, האָט ער אויך אין וואַרשע שפּאַצירט איינער אַליין איבער די גאַסן.

צוויי מאָל איז מען אים באַפאַלן און מ'האָט אים געוואָלט שלאָגן. אין 1929 ביי אַ סעסיע פון אסיפת-הנבחרים אין תל-אביב, און אין 1933 — אין קאָרידאָר פון ציוניסטישן קאָנגרעס-בנין אין פּראַג, ווען ער איז

ארויס פון קאָנגרעס־זאַל אין זיין פּרויס באַגלייטונג, האָבן אים ארומ־געריננלט „דזשענטעלמענער", אים געשטויסן און אויפגעהויבן הענט אויף אים. ער האָט זיך נישט צוריקגעצויגן, ווייל ער איז שטענדיק געווען אומ־דערשטראָקן.

⁂

א צווייט מאָל איז געקומען פון ד"ר ווייצמאַנען א בריוו, אין פּעב־רואַר 1937, דריי טעג נאָך זשאַבאָטינסקיס עדות פאַר דער קעניגלעכער קאָ־מיסיע אין לאָרדן־הויז, ווו די פאַרשטייער פון ענגלישן פאָלק האָבן גע־הערט די שטאָלצע שטימע פון יידישן געווים. אין יענע טעג איז געראַד אויסגעפאַלן דער 20־טער יאָר־טאָג פון דער שאַפונג פון יידישן לעגיאָן. א ספּעציעלער קאָמיטעט, פון יידן און ענגלישע שטאַטסמענער, וועלכע האָבן געהאָלפן אין דער גרינדונג פון לעגיאָן, האָט ארגאַניזירט א באַנ־קעט לכבוד דעם יובילייַ אין „טראָקאַדעראָ" רעסטאָראַן. טעאָרעטיש איז דער באַנקעט נישט געווען לכבוד זשאַבאָטינסקין, נאָר לכבוד דעם יידישן לעגיאָן, און די רעוויזיאָניסטישע פּאַרטיי האָט זיך בכלל נישט באַשעפ־טיקט מיטן אָרגאַניזירן דעם אָוונט. אין אָרגאַניזיר־קאָמיטעט זענען גע־ווען צווישן אַנדערע דער יידן־פריינט, פּאַלאַמענט־מיטגליד יאשיה וועדזשוואוד און קאָלאָנעל פּעטערסאָן, און מיט רעדעס זענען דאָרט אויפ־געטרעטן מיניסטער לעאָפּאָלד עמערי און פעלדמאַרשאַל סער פיליפּ טשעט־וווד.

צו דעם עלעגאַנטן באַנקעט זענען איינגעלאַדן געוואָרן אייניקע הונ־דערט פּערזאָן, די „סמעטענע" פון ענגלישן נאַציאָנאַלן יידנטום און ענג־לענדער, פריינט פון ציוניזם. זעלבסטפאַרשטענדלעך האָט דער קאָמיטעט אויך איינגעלאַדן ד"ר און מאַדאַם ווייצמאַן. דער פּרעזידענט פון דער יידי־שער אגענץ איז איינגעלאַדן געוואָרן קודם כל, ווייל דאָס איז געווען אַן אַלגעמיין ציוניסטישע פירערונג — וועלכער מענטש וועט עס פאַרלייקע־נען די ציוניסטישע באַדייטונג פון דער לעגיאָן שאַפונג? און צווייטנס ווייל, ווי אויבן געזאָגט, ד"ר ווייצמאַן איז געווען פון די ווייניקע וועלכע האָבן געהאָלפן זשאַבאָטינסקין אין דאָזיקן ווערק. אָבער ווייצמאַן האָט פאַרשטאַנען, אַז די פירערונג וועט ממילא פאַרוואַנדלט ווערן אין א מאַ־ניפעסטאַציע לכבוד דעם שעפער פון לעגיאָן, דעריבער האָט ער אין פרי־מאָרגן פון באַנקעט־טאָג געשיקט זשאַבאָטינסקין א פּערזענלעכן בריוו, א זייער פריינטלעכן, אין וועלכן ער האָט געבעטן אנטשולדיקונג אין זיין

פרוים און אין זיין נאָמען, וואָס ער קען נישט קומען היינט צום באַנקעט, ווייל „ער מוז דרינגענד נאָך היינט אַרויספאָרן אין אַ וויכטיקער אַנגע־געלעגנהייט קיין פאַריז".

נאָך דעם זעלבן טאָג האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז אויף אַן אמת געווען אַ „דיפּלאָמאַטישע רייזע". אויסערדעם, 4 שעה פאַרן אָנפאַנג פון באַנקעט, ווען זשאַבאָטינסקי איז נאָך געזעסן אין ביוראָ און געאַרבעט, האָט אים טעלעפאָנירט לײדי דאַגדייל, לאָרד באַלפורס פּלימעניצע. אין טעלעפאָנישן געשפּרעך האָט זי איבערגעגעבן זשאַבאָטינסקין, אַז זי האָט באַקומען אַן איינלאַדונג צום היינטיקן באַנקעט לכבוד דעם יאָר־טאָג פון די יידישע לעגיאָנען און זי וואָלט זייער געוואָלט זיין אָנוועזנד. נאָר צו איר באַדויערן קען זי נישט קומען, ווייל אָט נאָר וואָס האָבן איר אירע פריינט פון גרייט־ראסל סטריט דערציילט וועגן אַ „פאַלקאַר" טעלעגראַמע פון ארץ־ישראל, אַז נאַציאָנאַלע אַרבעטער, וועלכע געהערן צו זשאַבאָ־טינסקיס פראַקציע, האָבן געבראָכן אַן עקאָנאָמישן שטרייק אין אַ געווי־סער בוי־אַרבעט און ווען די מיטגלידער פון דער „הסתדרות" זענען גע־קומען „אויפקלערן די שטרייק - ברעכער און זיי אויפמערקזאַם געמאַכט אויף זייער אומאַנשטענדיקער שטעלונג", זענען די בית"רים זיי באַפאַלן מיט שטיינער און שטעקנס און שווער פאַרוואונדעט אייניקע אַרבעטער און איין „הסתדרות"־מיטגליד ראַנגלט זיך מיטן טויט".

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און לײדי דאַגדייל האָט זיך איבער־צייגט אַז די גאַנצע „טעלעגראַמע" איז אויסגעזויגן פון פינגער. נאָר כדי זי זאָל נישט קומען צום באַנקעט, האָבן איר די פריינט אין דער ציוניסטי־שער עקזעקוטיווע דערציילט אַ מעשה וועגן „זשאַבאָטינסקיס מענטשן, די שטרייק־ברעכער און מערדערס" און דעריבער דאַרף זי מיט אים נישט זיצן אין איין געזעלשאַפט, און באַזונדערס אים נישט אָפּגעבן קיין כבוד.

לײדי דאַגדייל איז געקומען, און פיל ענגלישע און יידישע פּערזענ־לעכקייטן און מיטגלידער פון דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס, אָבער די ציוניס־טישע פירערשאַפט האָט באָיקאָטירט. בלויז דער לאָנדאָנער קאָרעספּאָנ־דענט פון „פאַלקאָר" איז געקומען.

ד"ר ווייצמאַן איז „געווען אין פאַריז" דעם אָוונט.

ווען זשאַבאָטינסקי איז געשטאָרבן, האָט אים ד"ר ווייצמאַן מספיד געווען אין אַ ספּעציעל צענויפגערופענער זיצונג פון דער עקזעקוטיווע אין לאָנדאָן; אין יענער רעדע האָט ד"ר ווייצמאַן געזאָגט צווישן אַנדערש:

„מיר זענען זיך דאָ צוזאַמענגעקומען צו טרויערן אויפן טויט פון איי־נעם פון די גרעסטע יידן און באַגייסטערטע ציוניסטן. זשאַבאָטינסקי איז

געווען פּאַרטאַן אין אַ וויכטיקער אַרבעט אין אַמעריקע און קאַנאַדע. און ווי זיין שטייגער, קיינמאָל האָט ער זיך נישט געשוינט. אונדזער מיטגע־פיל פאַר זיין פרוי און זון. זיין פרוי האָט געטראָגן מיט שטאָלץ די לאַסט פון זיין קאָמפּליצירטן און פיל־פאַרביקן לעבן.

פון ערשטן מאָמענט זייט ער איז דערשינען איז קלאָר געווען, אַז אַ מעכטיקע פּערזענלעכקייט און אַן אויסגעצייכנטער מענטש איז צוגע־טרעטן צו אונדז. איך האָב נישט בדעה אויסצורעכענען די פיל טאַלענטן און אייגנשאַפטן פון וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי. כ׳וועל זיך בלויז באַגרע־נעצן מיטן זאָגן, אַז ער איז געווען באַשאָנקען מיט פעאיקייטן פיל הע־כערע פון אַ געוויינלעכן בשר־ודם.

ס׳איז באַזונדערס נויטיק צו רעדן וועגן זשאַבאָטינסקיס ציוניסטי־שע טעטיקייטן. כ׳האָב נישט קיין צווייפל, אַז אים האָט באַהויכט איין גרויסער אידעאַל: דער ווילן צו זען די לייזונג פון יידן־פּראָבלעם וואָס פריער, אפשר אפילו אין זיינע טעג. און אין דער פראַגע פון טעמפּאָ און שנעלקייט פון רעאַליזירן די דאָזיקע שטרעבונג, זענען זיינע מיינונגען ראַ־דיקאַל אַנדערע פון די מיינונגען פון די אַלע מענטשן, וועלכע האָבן אים נישט געקענט נאָכגיין אין זיינע באַמיאונגען צו דריקן אין דער ריכטונג פון אַ יידישער מדינה פון ביידע זייטן ירדן.

„ווען ס׳איז געקומען די תקופה פון רעאַליזאַציע איז זשאַבאָטינסקי געוואָרן אומגעדולדיק וועגן דער שנעלקייט, מיט וועלכע ס׳האָט זיך באַ־וועגט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. ער איז אויפגעגעסן געוואָרן דורך אַ הייליקן פייער. לויט זיין מיינונג, האָט דאָס פאָלק געהאַט נאָר אַ קורצע צייט, אין וועלכער מ׳קען פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן. אפשר איז די זאַך אַזוי און אפשר נישט. די געשיכטע וועט אַרויסגעבן דעם אורטייל, ווער פון אונדז ביידע איז גערעכט געווען. צי ער מיט זיין אומגעדולד, צי מיר — מיט אונדזער לאַנגזאַמען וועג״.

די ווערטער האָט דער דאַמאָלסטיקער פּרעזידענט פון דער יידישער אַגענץ געלאָזט פאַלן אין אויגוסט 1940. דאָס איז געווען דער ערשטער יאָר פון דער שרעקליכער וועלט־מלחמה. די היסטאָריע האָט נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן אויף איר אורטייל. די פאַרטיליקונג פון זעקס מיליאָנען יידן און די אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה אין בלוט און שווערד האָבן באַוויזן, אַז דער אומגעדולדיקער זשאַבאָטינסקי, וועלכער האָט גע־איילט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין סך צייט, איז גערעכט געווען. און וואָלט מען געגאַנגען אויפן וועג פון ד״ר ווייצמאַן — ווי ער האָט אַליין געזאָגט אין אויבנדערמאָנטן הספד — אויפן לאַנגזאַמען וועג פון בויען הייזער, ברענ־

גען קיה, און אריינפירן עולים אין ארץ־ישראל טראָפּנווייז, וואָלט ער נישט געהאַט די גרויסע זכיה צו זיין דער ערשטער פּרעזידענט פון דער אומאָפּהענגיקער ישראל־רעפּובליק.

---

# מיט בן-גוריון

זשאַבאָטינסקי האָט געהאַט א „שוואכקייט" פאר די סאָלדאטן פון יידישן לעגיאָן. ער האָט זיי אלע ליב געהאַט, אפילו די וועלכע זענען אין משך פון יארן געוואָרן זיינע פארביסנסטע קעגנער. ער האָט פאר זיי געזאָרגט און גרייט געווען אלץ פאָר זיי צו טאָן. פאר זייער גונסטן האָט ער נישט געשוינט נישט זיין צייט און נישט זיין כבוד. זאָגאָר אויף די, וועלכע זענען געוואָרן זיינע פּערזענלעכע שונאים, האָט ער נישט געטראָגן קיין שפּור פון שנאה אין הארצן. אויף אלע זייערע פעלערן האָט צוגעדעקט זיין ליבע צו די עטלעכע טויזנט, וועלכע זענען געשטאַנען הינטער אים אין די גורל'דיקע טעג און זיך צוזאמען מיט אים מאָביליזירט אין לעגיאָן.

דאָ שטעקט דער שליסל צו זיין באציאונג צו בן־גוריונען, וואָס האָט אויך געדינט אלס סאָלדאַט אין יידישן לעגיאָן. כ'דערמאָן מיך א פאַל. אין ראש בית"רס הויז אין פאריז איז געזעסן א גרופּע יונגע מענטשן (דאָס איז געווען אין 1935), און זיי האָבן געשמועסט וועגן באציאונג פון די אגענץ - פירער צום בית"ר. אין שמועס האָט זיך איינער ארויסגעכאַפּט מיט א באליידיקנדן וואָרט אויפן חשבון פון מפא"י־פירער. זשאַבאָטינסקי האָט זאָפאָרט איבערגעריסן זיין יונגן פריינט מיט א באמערקונג „איך בעט נישט צו באליידיקן ה' בן־גוריון. ער האָט דאָך געדינט אין לעגיאָן"!

אין בן־גוריונס באציאונג צו זשאַבאָטינסקי איז נישט געווען קיין סטאביליטעט. דאָס האָט שליסלעך אַנטשפּראָכן זיין כאראקטער. ס'איז געווען א געמיש פון ליבע און שנאה. צייטנווייז האָט ער זשאַבאָטינסקין

פיינט געהאט, אים געשאָלטן און געזידלט עפנטלעך און אויסגערעדט אויף אים כל דבר אסור. און מאנכעמאָל האָט ער באַהאַנדלט דעם גרינ־דער פון לעגיאָן מיט טיפן רעספּעקט און פיל סימפּאַטיע.

אין דער תקופה פון שנאה און כעס האָט בן־גוריון אין א רעדע, אויף א מאסן־פאַרזאַמלונג, אָנגערופן זשאַבאָטינסקין מיטן נאָמען „וולאַ־דימיר היטלער". דאָס איז געווען אין די יאָרן 1932 ־ 1931, ווען די באַ־ציאונגען צווישן די פּאַרטייען אין ציוניזם זענען געווען זייער אָנגעצויגן. אין נאָוועמבער 1932 האָט דער פירער פון מפא"י צעטויפגערופן א פּרעס־קאָנפערענץ, וועלכע איז איינגאַנצן געווען געווידמעט דער פּערזענלעכ־קייט פון זשאַבאָטינסקין. ביי דער געלעגנהייט האָט בן־גוריון געהאַלטן א רעדע אין וועלכער ער האָט מבטל־געמאַכט כעפרא דאַרעא די גאַנצע גרויסקייט פון עבר־ארעסטאַנט פון 1920.

ערשטנס האָט ער געפּרוווט צו צעשטערן די „לעגענדע" וועגן זשאַ־באָטינסקין אלס שעפער פון לעגיאָן. לויט זיין דעקלאַראַציע, האָט נישט זשאַבאָטינסקי געשאַפן דעם לעגיאָן אין ערשטן וועלט-קריג און ער האָט אויך נישט געהאַט קיין שייכות צו דער „הגנה", וואָס האָט פּאַרטיידיקט ירושלים אין 1920, צוליב וועלכער ער איז פאַראורטיילט געוואָרן צו 15 יאָר טורמע. דעם היסטאָרישן סקאַנדאַל אין 1929 אין אספּת־הנבחרים, ווען 100 דעלעגאַטן זענען אויפגעשטאַנען קעגן 12 זיי צו שלאָגן האָט בן־גוריון דערקלערט, אז דאָס איז געווען א רעזולטאַט פון זשאַבאָטינסקיס פּראָוואָקאַציע. נאָכהער האָט ער „באַוויזן", אז זשאַבאָטינסקי איז בכלל נישט קיין פּאָליטיקער, און צום סוף, אז ער איז געווען „פאַרבונדן מיט פּעטלורען".

אָבער עס זענען אויך געווען טעג ווען א כוואַליע פון ליבע און פריינדשאַפט האָט ארומגעכאַפּט בן־גוריונען און דאַן פלעגט ער, קומענ־דיק קיין לאָנדאָן, באַזוכן זשאַבאָטינסקין און אין 1934 האָט ער געשלאָסן מיט אים דעם באַקאַנטן אָפּמאַך קעגן געוואַלט־טאַטן אין ישוב.

די ערשטע זיצונגען זענען פאָרגעקומען אין דער אָנוועזנהייט פון עטלעכע פאָרשטייער פון יעדן צד. די פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך געצויגן אייניקע טעג און האָבן נישט געבראַכט קיין רעזולטאַטן. צום סוף האָבן זיך זשאַבאָטינסקי און בן־גוריון געטראָפן אליין. דאָס געשפּרעך „טעט־א־טעט" האָט געדויערט צען שעה און האָט זיך געענדיקט מיטן אונטערגע־שריבענעם אָפּמאַך.

דער הסכם איז אונטערגעשריבן געוואָרן באַלד נאָכדעם ווי די באַ־

שולדיקטע אין אַרלאָזאָראָוו-מאָרד זענען פריי-געשפּראָכן געוואָרן. אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג זענען געווען פיל אומצופרידענע מיטן אָפּ־מאַך. דער אויסגאַנג פון בלוט־בלבול האָט טיף דערשיטערט דעם פּרעס־טיזש פון די לינקע אין ישוב. אין דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי האָט געהערשט די מיינונג, אַז דורכן אָפּמאַך העלפן מיר אַליין די מפא״י זיך אויפצומונטערן פון שטאַרקן קלאַפּ וואָס זי האָט באַקומען מיטן פריי־שפּרעכן די באַשולדיקטע. אָבער דער פּרעזידענט פון הצה״ר האָט אויפ־געקלערט אין אַ בריוו צו דער קאָנפערענץ פון דער באַוועגונג אין ארץ־ישראל, אין דעצעמבער 1934, פאַרוואָס ער האָט אונטערגעשריבן דעם הסכם: „פּאַרנאַכלאַסיקט אויך נישט די אויפגאַבן פון רייניקן די מאָראַלי־שע אַטמאָספערע אין ישוב. נישט אויף געלעכטער האָב איך אונטערגע־שריבן — אין אייער אַלעמענס נאָמען האָב איך אונטערגעשריבן — דעם הסכם וועלכער פאַרבאָט עקלהאַפטע מיטלען אין פּאַרטיי־קאַמף.

„לויט דעם הסכם — האָט ער געשריבן אין בריוו — טאָר מען נישט מאַכן קיין „בלבול״ אין לעבן פון ישוב, אין פאַרזאַמלונגען און אין דער פּרעסע. איר דאַרפט אַכטונג געבן אויף דעם, אַז קודם כל זאָל אויסגע־וואָרצלט ווערן פון אונדזער לעבן יעדער זכר פון דעם בלבול, וואָס האָט עס פאַרסמט אין משך פון צוועלף חדשים. אפילו אויפן קלענסטן ווונק, וואָס רירט אָן דעם כבוד פון אונדזערע אומשולדיקע חברים, אָדער דעם כבוד פון אונדזער באַוועגונג אין צוזאַמענהאַנג מיט יענער געשעעניש, זאָלט איר רעאַגירן אָן רחמנות לויטן געזעץ וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן מיט אונטערשריפטן, וועלכע פאַרפליכטן יעדע פּאַרטיי און יעדע פראַקציע אין ישוב״.

אין יאַנואַר 1935, ווען ס'איז פאָרגעקומען אין קראָקע די וועלט־קאָנ־פערענצן פון הצה״ר און בית״ר, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אין דער יידישער פּרעסע, אַז בן־גוריון האָט געשיקט אַ באַגריסונגס - טעלעגראַמע צום פּרעזידענט פון הצה״ר,, אין וועלכער ס'שטייט: „איך ווינטש דער קאָנ־פערענץ דערפאָלג און מיינע בעסטע ברכות, אַז זי זאָל ברענגען פרוכטבאַ־רע רעזולטאַטן פאַר דער פּאָליטישער און קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט, ווי אויך צו דער פאַראייניקונג פוןביידע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס״.

דאָס איז געווען איינער פון די סענסאַציעס, ווען בן־גוריון האָט געפּלאַמט מיט ליבע און זשורנאַליסטן האָבן געהאַלטן די צייט פאַר גינסטיק צו וואַרפן זשורנאַליסטישע „קאַטשקעס״. ביי נאָרמאַלע פעלקער אין דער וועלט איז אַזאַ טעלעגראַמע פון איין פּאַרטיי צו דער צווייטער, אפילו צו אַ קעגנערי־שער, אַ געוויינלעכע דערשיינונג. אָבער אין פאַרסמטן יידישן געזעל־

שאפּטלעכן לעבן איז דאָס געווען אומגלויבלעך. אין דער ידיעה איז געווען נאָר א קערן פון אמת: דעם טאָג ווען ס'האָט זיך געעפנט די וועלט־קאָנ־פערענץ פון הצה"ר איז אָנגעקומען פון בן־גוריונען נישט קיין טעלעגראַ־מע, נאָר א בריף אין דער קאָרעספּאָנדענץ וואָס האָט זיך דאַן געפירט צווישן זיי וועגן א הסכם איבער ארבעטס־באַציאונגען. אין יענעם בריוו האָט בן־גוריון אויסגעדריקט זיין ווונטש, אז „זשאַבאָטינסקי וועט שטרעבן אין דער קאָנפערענץ צו אחדות אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, צו דער פאַראייניקונג פון אלע ארבעטער אין ארץ־ישראל און צו דער פארברייטע־רונג פון דער פּאָליטישער און קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט".

דער סוף פון דאָזיקן הסכם איז באַקאַנט. דער הצה"ר האָט, צוליבן ריזיקן פרעסטיזש וואָס זיין גרינדער האָט געהאַט אין אלע שיכטן פון דער באַוועגונג, באַשטעטיקט דעם הסכם. זשאַבאָטינסקי האָט נאָכאַמאָל באַ־וויזן, ווי גרויס איז זיין „שוואַכקייט" צו די געוועזענע לעגיאָנערן, מאַכנדיק עפנטלעך קאָמפּלימענטן בן־גוריונען, טראָץ די סעזאָנען פון זידלערייען און באַליידיקונגען. אויף דער הצה"ר ־ קאָנפערענץ אין קראָקע האָט ער געזאָגט: „איך מוז פעסטשטעלן, אַז סיי מצד ה' רוטענבערג און סיי מצד ה' בן־גוריון האָט איך געטראָפן פולשטענדיקע אויפריכטיקייט און שטאַטסמענישע פארשטענדעניש פון רעאַליטעטן. צום באַדויערן בין איך נישט זיכער, אז אלע בן־גוריונס חברים אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און אין דער מפא"י־לייטונג זענען ראוי צו דער זעלבער אָפּשאַצונג".

און ווירקלעך האָט א פּלעביסציט, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער פראַגע אין „הסתדרות", דעזאַוואוירט זייער פירער און אָפּגע־וואָרפן דעם זשאַבאָטינסקי — בן־גוריון הסכם. ווען דער מפא"י־מנהיג איז צוריקגעקומען קיין ארץ־ישראל, איז ער ארום אויף א טורנעע אי־בער די שטעט און קיבוצים און געמאַכט פּראָפּאַגאַנדע, אז זיינע חברים זאָלן באַשטעטיקן דעם אָפּמאַך. אָבער ער האָט געהאַט א דורכפאַל. די מערהייט פון דער „הסתדרות" האָט געטענה'ט צו איר פירער, אז ער אַליין האָט זיי דאָך געלערנט, אז זשאַבאָטינסקי איז א פאַשיסט, אַן אָר־בעטער־פיינט און אַ געפערלעכע סכנה פאַרן ציוניזם און פאַר סאָציאַ־ליסטישער ברידערלעכקייט. זיינע רייד האָבן זיי אָנגענומען אין פשוטן זין פון וואָרט און באַשלאָסן מיט אן איבערוועגנדע מערהייט: קיין שום הסכם קען נישט צושטאַנד קומען צווישן דער ארבעטער־אָרגאַניזאַציע און צווישן דער פאַרטיי פון די „יידישע פאַשיסטן"!

בן־גוריונס פאַרטיי־חברים האָבן אים געגעבן אַן עפנטלעכן מאָ־ראַלישן פּאַטש. טראָץ דעם, וואָס ער לעבט אין ארץ־ישראל און איז אין

פּערמאַנענטן קאָנטאַקט מיט דער סאָציאַליסטישער מחנה, האָבן זיי אים נישט געגעבן קיין קרעדיט. אָבער ער האָט נישט געצווּנגען קיין קאָנסעקווענצן פון דורכפאַל.

***

בן־גוריון איז געווען פריינדלעך ווען ער איז געקומען אין פּערזענלעכן דירעקטן קאָנטאַקט מיט זשאַבאָטינסקין. א באַווייז דערצו זענען זיינע בריוו, באַזונדערס דער גרויסער בריוו נאָכן אונטערשרייבן דעם הסכם.

ווי באַקאַנט, האָט זשאַבאָטינסקי נישט ליב געהאַט קיין „פאַמיליאַריטעט" אין באַציאונג צו מענטשן. ער האָט נישט פאַרטראָגן די פאָרם פון דוצן זיך און ווענדן צו מענטשן מיט „דו". אפילו צו א יונג יינגל אָדער מיידל, האָט ער זיך געווענדעט אין דריטער פּערזאָן. בן־גוריון האָט געוווּסט וועגן דער דאָזיקער נייגונג זיינער. אָבער וועלנדיק געבן אן אויסדרוק צו זיינע סימפּאַטיע־געפילן צו אים, האָט ער אָנגעהויבן זיין בריוו (אין העברעאיש) מיט „טייערער זשאַבאָטינסקי...!" און האָט געבעטן אַנטשולדיקונג פאַרוואָס ער ווענדעט זיך צו אים אין דער פאָרם, נישט צולייגנדיק דעם טיטל „הער" און נישט אין דער דריטער פּערזאָן. ער טוט דאָס בלויז ווייל זיינע דאַנקבאַרקייט־געפילן און די אויפריכטיקע פריינטשאַפט באַווייגן אים אָראָפּצוּוואַרפן אַלע קאָנווענציאָנעלע מחיצות. דער לאַנגער בריוו איז פול מיט שבחים און קאָמפּלימענטן פאַר זשאַבאָטינסקין. פון אָנהויב ביזן סוף אַנטהאַלט ער באַגייסטערטע אויסדרוקן פאַר זיין פּערזענלעכקייט און די ציוניסטישע אמונה, וואָס ברענט אין זיין הארצן. איין זאַץ אין בן־גוריונס בריוו זאָגט: „זיי וויסן, אז וואָס ס'זאָל אין דער צוקונפט נישט געשען אין ציוניזם, וועט מיין האַנט שטענדיק זיין אויסגעשטרעקט צו דיר אין פריינדשאַפט, איבער אַלע פּאַרטייאישע קעגנזאַצן א.א.וו. א.א.וו.".

זייער מעגלעך, אז ווען ער האָט געשריבן דעם דאָזיקן האַרציקן בריוו, איז ער געווען פולשטענדיק אויפריכטיק.

זשאַבאָטינסקי האָט אים געגלויבט, אפשר דערפאַר וואָס ער האָט שטענדיק געגלויבט יעדן מענטשן. דער איידעלער אריסטאָקראַט האָט בכלל זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אז א מענטש, באַזונדערס א מענטש מיט א הויכער שטעלונג, זאָל טראַכטן אנדערש און זאָגן אנדערש.

דאַן איז אויפגעשווומען דער פּלאַן, נאָך דעם ווי זיי האָבן אונטער־

געשריבן דעם הסכם, אַז ביידע זשאַבאָטינסקי און בן־גוריון זאָלן פליען מיט אַן אַעראָפּלאַן קיין ארץ־ישראל, כדי צו דעמאָנסטרירן פאַרן ישוב און פאַר דער גאַנצער וועלט די נייע תקופה וואָס עפנט זיך אין ציוניזם. נאָר טעכנישע סיבות, וואָס מ׳האָט זיי נישט געקענט בייקומען, האָבן פאַר־מיטן אויסצופירן דעם פּלאַן. איינע פון די סיבות פאַרוואָס זיי זענען נישט געקומען צוזאַמען אין לאַנד, איז געווען בן־גוריונס מורא פאַר דער רעאַקציע פון זיינע פּאַרטיי־חברים. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין אייגענער מוט, און ער האָט געפונען אין לעצטן מאָמענט אַ תירוץ צו אַנולירן דעם פּלאַן פון געמיינזאַמען פלי קיין ארץ־ישראל, „ווייל ער דאַרף כלו־מרשט פאָרן פון לאָנדאָן אין אַן אַנדער אייראָפּעאיש לאַנד".

***

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט בן־גוריון צונישט געמאַכט אַלע פּרוּוון פון נייע הסכמים, וועלכע זענען איניציאירט געוואָרן דורך אַנדערע. ווער ווייסט, אפשר איז עס צוליב דעם, וואָס די „הסתדרות" האָט אָפּגעוואָרפן זיין הסכם. אין סעפּטעמבער 1938, זיצנדיק אין לאָנדאָן, איז ער איבערראַשט געוואָרן ליינענדיק אַ יט"אַ - טעלעגראַמע, אַז „ביידע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס זענען געקומען צו אַ טענטאַטיוון הסכם פאַר קאָאָפּעראַציע אין דער פאַרטיידיקונג פון ישוב (דאָס איז געווען אין סאַמען מיטן פון די אַראַבישע אומרוען), און אַז דער הסכם וועט אַריינגיין אין קראַפט נאָכדעם ווי דער פּרעזידענט פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע וועט געבן זיין צושטימונג צו די זיכערקייטס־פּאַראַגראַפן".

דאָ האָט דער בעל־חוב געפונען אַ געלעגנהייט אָפּצונעמען זיין אַלטן חוב. זיין הסכם מיט זשאַבאָטינסקין פאַר פיר יאָר האָט מען נישט באַשטעטיקט. צי וועט ער דערלויבן אַז אַן אַנדערער זאָל אים אונטערשרייבן? ער האָט דאַן טעלעגראַפירט צו אליהו גאָלאָמבן, דער לייטער פון דער „הגנה": „איך בין קאַטעגאָריש קעגן פאַרהאַנדלונגען און דעם פאָרשלאָג פון הסכם". און אין אַ צווייטער טעלעגראַמע: „איך באַהאַנדל עס אַלס שווערן דיסציפּלין־ברוך און וועל ציען די קאָנסעקווענצן. דער דאָזיקער אַקט איז אַ מעסער אין אונדזער פּאָליטישער טעטיקייט".

גאָלאָמב האָט אים געענטפערט: „אויב דו ווילסט פאַרמיידן, מוזטו קומען. אויב ס׳וועט קומען צו ציען קאָנסעקווענצן, וועל איך אַנולירן מיין אונטערשריפט און וועל דעמיסיאַנירן!". בן־גוריונען איז דאָסמאָל געלונגען. דער הסכם איז אַנולירט געוואָרן. אָבער גאָלאָמב האָט זיך נישט

אָנגעגעבן אין דעמיסיע אזוי ווי זיין חבר האָט נישט דעמיסיאָנירט ביי זיין פריערדיקן דורכפאַל.

דער פאקט וואָס דווקא בן־גוריון, דער מאַן וואָס האָט אונטערגע־שריבן אַן אָפּמאַך מיט זשאבאָטינסקין אין דער תקופה ווען ס׳האָט גע־הערשט די גרעסטע שפאנונג אין די באציאונגען אין ציוניזם, ווען דער תהום צווישן די פארטייען איז געווען טיפער פון ים, אַז גראד ער האָט נישט דערלאָזן צו א הסכם אויף פיל ענגערן געביט, האָט אַרויסגערופן פארוואונדערונג און קאָמענטארן אין ברייטע קרייזן. זשאבאָטינסקי האָט גוט געקענט די פירער ־גרופע פון מפא״י. ער האָט זיי געקענט נאָך פון דער צייט, ווען אויך זיי האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף דער שענסטער געשטאַלט פון יידישן פאָלק און זיי פלעגן קומען צו אים פרעגן אַן עצה. זיינע אויערן האָבן אין יענע יאָרן געהערט זייער פיל זידל־ווערטער קעגן איינעם פון די חשובסטע פירער פון „הפועל הצעיר״. ער האָט געוווסט, אז פערזענלעכע קנאה הערשט צווישן זיי. דער סוף פון אָפּמאַך וואָס גאָ־לאָמב האָט אונטערגעשריבן, איז געווען א וויטערדיקער באווייז, אז אין די 15 יאָר האָבן זיך די באציאונגען אויף דעם געביט נישט פיל געענ־דערט.

אָבער דאָס אינטערעסאנטסטע איז געווען אז טראָץ דעם אלעמען האָט בן־גוריון, ווען ער איז געקומען אויך שפעטער קיין לאָנדאָן, טעלע־פאָנירט צו זשאבאָטינסקין און זיי פלעגן זיך יעדעס מאָל טרעפן. זשאבאָ־טינסקי האָט אים קיינמאָל נישט פאָרגעוואָרפן זיין מאנגל פון קאָנסעק־ווענץ און זיינע פיינטלעכע ארויסטריטן פון צייט צו צייט. אין איינעם פון זיינע בריוו האָט בן־גוריון אים צוגעזאָגט, אז וואָס ס׳זאָל נישט גע־שען אין ציוניזם, וועט די יידישע אגענץ נישט מער שליסן די טויערן פון ארץ־ישראל פאר די בית״רים און וועט נישט צורויבן זייער עליה־רעכט מיט סערטיפיקאטן. די דאָזיקע פייערלעכע הבטחה האָט דאָך נישט אָפּ־געהאלטן בן־גוריונען א צייט שפעטער צוצורויבן פון בית״ר די עליה־רעכט. ווען מיר האָבן אויפמערקזאם געמאכט דעם ראש־בית״ר אויף דער דאָזיקער סתירה צווישן פייערלעכן שריפטלעכן צוזאָג און דעם באשלוס פון דער אגענץ און מיר האָבן פאָרגעשלאָגן צו ברענגען פאר דער עפנט־לעכקייט דעם טעקסט פון בן־גוריונס בריוו, האָט ער געענטפערט: „איך וויל עס נישט טאָן! בן־גוריונס בריוו איז א פריוואטער בריוו צו מיר און איך וויל נישט מאכן פון אים קיין געברויך. און וואָס איז נוגע בן־גור־יונען — צום באדויערן קען מען זיך אויף אים נישט פארלאָזן״.

אין מאי 1939 איז אין דער רעוויזיאָניסטישער פרעסע פארעפנט-

לעבט געוואָרן א ציקל פון „פּאָרטרעטן", אונטערגעשריבן ביי „אחד רשע". קיינער האָט נישט געוווסט, אז הינטער דעם פסעוודאָנים פון „איינער א רשע" באהאלט זיך זאב זשאבאָטינסקי. איינער פון די פעליטאָנען הייסט „בן בוליאן". ס'איז כדאי צו ציטירן א פראגמענט פון דאָזיקן פּאָרטרעט:

— „מ'דערציילט א וויץ — שרייבט „אחד רשע" — אז א באלקא־נישער גענעראל איז געשטאנען פאר א רוסישן אָפיציר, זיך געקלאַפּט מיטן פויסט אויפן ברוסט און געשריען: „מיר ווען קעמפן ביזן לעצטן טראָפּן זשיזשע".

„זשיזשע" אין רוסיש הייסט א פליסיקייט. דעריבער האָט דער רוסי־שער אָפיציר געמיינט, אז דעם באלקאנישן גענעראלס כוונה איז דער לעצטער טראָפּן בלוט. און קלאַפּנדיק זיך ווייזט ער אָן אויפן ברוסט און אויפן הארץ. נאכהער איז אים קלאָר געוואָרן, אז ער האָט געהאט א טעות. דער באלקאַנישער גענעראל איז געווען א ניכטערער רעאַליסט. ער האָט זיך געקלאַפּט נישט אין ברוסט, נאָר אין מאָגן. און זשיזשע אין זיין לשון הייסט זופּ.

„אויף יעדן טריט און שריט קען מען אָנטרעפן מענטשן, וואָס ווען זיי האלטן פּאטריאָטישע רעדעס, הערט זיך יעדער צווייטער וואָרט אין דער רעדע ווי א דונער־קנאל, מיט שווערד און בלוט. דער אלגעמיינער איינדרוק פון אזא רעדע איז ממש דער פסוק „שופך דם האדם באדם דמו יישפך" (ווער ס'פארגיסט מענטשנס בלוט, וועט זיין בלוט פארגאָסן ווערן). מ'הערט זיך צו צו דער רעדע און מ'ציטערט. אין א צייט ארום, ווען דער מענטש באפרייט זיך כדי זיך צוצוקוקן פון דער נאָנט צום אינהאלט, ווערט אים קלאָר דער טעות זיינער. דאָס איז נישט מער ווי אן אויסערלע־כער איינדרוק, א מין אויסדרוק אזא, עכסטנס א פראזעאָלאָגישע דעפי־ניציע. אין די אויערן קלינגט דער קלאנג „בלוט", אָבער די כוונה איז „בוליאן".

„פון דאן שטאמט דער נאָמען בן־בוליאן. מ'טאר נישט מיינען אז דאָס איז בלויז אן אינדיווידועלער נאָמען. גראד פארקערט: דאָס איז א טיפּ, בפרט אין דער לעצטער צייט, ווען ס'איז אריין אין דער מאָדע דער מנהג צו פארטיידיקן די יידישע רעכט אין ארץ־ישראל און טרעטן מיט די פיס דעם ענגלישן ווייס - בוך, האָט זיך דער דאָזיקער טיפּ באדייטנד פאר־מערט. זיי פרוכפּערן זיך און פילן אָן די גאנצע ערד. אויף יעדער טריבו־נע שטייען זיי. אין יעדער צייטונג פארעפנטלעכן זיי זייערע רייד. און די מעלאָדיע איז שטענדיק די זעלבע: ביזן לעצטן טראָפּן! מיר ווען נישט לאָזן! מיר גייען צו דער עקדה! אויף קיין איין שפּאן ווען מיר נישט אָפּ־

טרעטן! די עליה וועט פֿאַרגעזעצט ווערן און ווי וועט זיין צו דעם, וועל־ כער וועט וואַגן אונדז צו שטערן! ער שפּיט מיט פֿלאַמען פֿייער, און דער עכאָ ענטפֿערט „בלוט, בלוט!... און דאַן ווייזט זיך פּלוצלינג אַרויס, אַז דער גאַנצער ענין איז נישט מער ווי אַ מיספֿאַרשטענדניש. ווער האָט דאָ גערעדט וועגן „בלוט"? ער? זאָל אים דער אויבערשטער אָפּהיטן!

„בן־בוליאָן איז מער ווי אַ טיפּ. בן־בוליאָן איז אפשר אַ ראַסע. עס זענען דאָ מענטשן (ביי די גויים זענען זיי די מערהייט), אין וועמענס אָדערן עס פֿליסט וואַרעם אָדער הייס בלוט. און ס'זענען אויך פֿאַראַן מענטשן, אין וועמענס אָדערן עס פֿליסט בוליאָן. ס'קען זיין אַז דער בול־ יאָן איז זייער קאָכעדיק. נישט אַ טעמפּעראַטור פֿון 37 גראַד, נאָר פֿון 100 גראַד. ביי אונדז איז בן־בוליאָן די הערשנדע קאַסטע"!

דעם דאָזיקן פֿעליעטאָן האָט דער „רשע" זשאַבאָטינסקי אָנגעשריבן נאָך פֿאַרן אויסברוך פֿון דער מלחמה. אַלע געדענקען גוט די שטעלונג פֿון דער יידישער אַגענץ, אין וועמענס שפּיץ ה' בן־גוריון איז געשטאַנען, אין פֿאַרלויף פֿון די קריטישסטע יאָרן ביז דער באַפֿרייאונג. דער פֿעלי־ טאָן האָט פֿיל יאָרן שפּעטער נישט פֿאַרלוירן קיין טראָפּן פֿון זיין אַקטו־ אַליטעט.

***

אין געוויסע תקופות האָט בן־גוריון ביי פֿאַרשידענע געלעגנהייטן מכבד געווען זשאַבאָטינסקין מיט עפּיטעטן ווי „דער אַרבעטער-שונא נו־ מער 1!", „דער צעשטערער פֿון ציוניזם"! און נאָך ענלעכע. אייניקע טעג נאָך זשאַבאָטינסקיס טויט האָט אים בן־גוריון מספּיד געווען און געזאָגט וועגן גרויסן נפֿטר „מיין פֿריינט".

איצט, ווען די דאָזיקע שורות ווערן געשריבן, טרעטן מיר שוין אַריין אין דריטן יאָר פֿון אונדזער באַפֿרייאונג. בן־גוריון האָט זוכה געווען צו זיין דער ערשטער פּרעמיער־מיניסטער פֿון מדינת ישראל. זיין „פֿריינט" זשאַבאָטינסקי האָט איבערגעלאָזט אַ צוואה, אַז מ'זאָל ברענגען זיינע ביי־ נער צו אייביקע רו אין דער באַפֿרייטער יידישער מדינה בלויז לויטן באַ־ פֿעל פֿון דער יידישער רעגירונג. שוין לאַנג האָט דער פּרעמיער - מיניס־ טער געהאַט די געלעגנהייט מקיים צו זיין די צוואה פֿון פּאַטריאָט, וועל־ כער האָט אוועקגעגעבן זיין גאַנץ לעבן פֿאַר יידישער זעלבסטשטענדיקייט און האָט מער ווי יעדער אַנדערער מאַן אין אונדזער דור בייגעשטייערט פֿאַר דער באַפֿרייאונג. די צוואה איז נישט אויסגעפֿירט געוואָרן, און זאב

זשאַבאָטינסקי, דער שעפער פון ידישן לעגיאָן, דער פּאַרטיידיקער פון ירו־שלים און ערשטער אַרעסטאַנט פון עכו, דער באַגרינדער פון שטאַטס־ציוניזם און לערער פון דור — ליגט נאָך אין א פרעמדער ערד. די בריטישע אַדמיניסטראַציע האָט אים נישט אַריינגעלאָזט לעבעדיקערהייט. די ידישע רעגירונג, מיט בן־גוריונען אין דער שפּיץ, ברענגט אים אפילו טויטערהייט נישט אַריין אין לאַנד פון די אבות.

א רעטעניש איז פאַר אונדז שטענדיק געווען בן־גוריונס אויפפירונג כלפּי זשאַבאָטינסקין.

*
**

אויסער בן־גוריונען איז דער פאַרשטאָרבענער שעף פון דער „הגנה" געווען דער צווייטער פון די אַרבעטער־פירער, וועלכע האָבן זיך באַגעגנט מיט זשאַבאָטינסקין איינציקע מאָל אין די לעצטע יאָרן פאַר זיין טויט. אליהו גאָלאָמב ע"ה איז געווען „נאָכגיביקער": בן־גוריון איז נישט געקומען אין ביוראָ פון הצה"ר. ער פלעגט זיך טרעפן מיט זשאַבאָטינסקין בלויז אין פּריוואַטע הייזער אָדער אין רעסטאָראַנס. אליהו גאָלאָמב דאַקעגן איז געקומען דירעקט אין ביוראָ אין לאָנדאָן, און דאָרט פלעגט ער זיצן און שמועסן מיט זשאַבאָטינסקין לאַנגע שעה'ן.

איינמאָל איז ער געקומען און געהאַט א בקשה: נאָך היטלערס אויפשטייג צו דער מאַכט, זענען אין דייטשלאַנד פאַרבליבן איינציקע שליחים פון מפא"י. איינער פון זיי איז אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ. גאָלאָמב האָט געבעטן זשאַבאָטינסקין ער זאָל אים געבן א רעקאָמענדאַציע־בריוו צו ד"ר געאָרג קאַרעסקי אין בערלין, דעם פּרעזיצער פון דער ציוניסטישער־רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד, און פּרעזידענט פון דער ידישער קהילה, אז קאַרעסקי זאָל העלפן באַפרייען דעם מפא"י־שליח פון געפענגניש. ד"ר קאַרעסקיס נאָמען איז דאַן געווען זייער באַקאַנט צוליב דער וויסטער העצע, וואָס מפא"י און אירע אָפּצווייגונגען אין גלות האָבן געפירט קעגן אים, א העצע וואָס האָט געצילט צו באַשמוצן זיין נאָמען אין דער ידישער געזעלשאַפט (דאָס איז געווען א בלבול און פאַבריצירט געוואָרן צוליב איין סיבה: ער איז געווען א רעוויזיאָניסט!) דאָס האָט דאָך נישט אָפּגעהאַלטן גאָלאָמבן פון צו קומען צו זשאַבאָטינסקין (אין דער העצע איז אויך געווען אַריינגעמישט דער נאָמען פון גרינדער פון הצה"ר, ווייל די אמתע כוונה איז דאָך געווען צו קאָמפּראָמיטירן דורכדעם זשאַבאָטינסקין!) און בעטן א רעקאָמענדאַציע צום פּאַר־

זיצער פון דער יידישער בערלינער קהלה. גאָלאָמב האָט דעם בריוו באַ־
קומען. וואָס אַן אמת, האָבן מיר הערנדיק וועגן ענין, אויסגעדריקט
אונדזער פארוואונדערונג פארוואָס ער האָט געגעבן דעם בריוו צו קארעס־
קין. מיר האָבן אַרויסגעבראַכט אונדזער פארדאַכט, אז דער בריוו קען אַמאָל
דינען אלס מאַטעריאַל פאר פראָוואָקאציע קעגן דער הצה"ר־פּארטיי. אָבער
זשאַבאָטינסקי, וועלכער האָט קיינמאָל נישט פארלוירן זיין סענטימענט
פאר די געוועזענע לעגיאָנערן, האָט אויך גאָלאָמבן נישט אָפּגעזאָגט זיין
בקשה. אויסער דעם האָט ער בכלל געגלויבט אז יעדער מענטש איז אַנ־
שטענדיק. "איר האָט אויף יעדן איינעם א פארדאַכט"! האָט ער אונדז
געזאָגט, מבטל מאַכנדיק מיט א שמייכל אונדזערע באַפירכטונגען.

# אין דער „זיבעטער גרויסמאכט"

„איך בין א זשורנאליסט" — פלעגט זשאבאָטינסקי זאָגן. ער האָט ווירקלעך ליב געהאט דעם פאַך. ער איז געווען א מאַן פון פעדער אין יעדן טראָפּן פון זיין בלוט, און זיין סימפּאַטיע פאַר זשורנאַליסטן איז געווען א באַקאַנטע זאַך. צו יעדן מענטש האָט ער זיך געווענדעט מיט „הער" (אדון), נאָר א זשורנאַליסט — אפילו א שיק יינגל אין א רעדאַקציע — האָט ער טיטולירט „קאָלעגע". ער האָט זיך געפילט היימיש אין געזעלשאַפט פון ציַיטונגס־מענטשן. זיין מיינונג איז געווען, אַז זשורנאַליסטן זענען דער גע־לונגענסטער שבט אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אַלץ ווייסן זיי. „אַ זשורנאַליסט דאַרף מען נישט אריינשטעקן א פינגער אין מויל אריין". ער פאַרשטייט פון קלענסטן ווונק, פון דער מינדעסטער באַוועגונג. א זשור־נאַליסט האָט א אָפּענעם מוח, ער האָט א שנעלע תפיסה און פלינקן שכל. אין דער גאַנצער וועלט געפינט א זשורנאַליסט זיין אָרט אין יעדער געזעל־שאַפט, צווישן מלכים און אין דער „אונטערוועלט", צווישן פּרינצעסינס און דינסט־מיידלעך. ער האָט געהאַט אין זינען דעם גרויסן אייראָפּעאישן און אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, דעם אינטעליגענטן און אָנגעשטאָפּטן מיט וויסן, דער וואָס האָט אינטואיציע און טאַלענט זיך צו פילן אין יעדן ווינקל אין דער וועלט ווי ביי זיך אין דערהיים. דעם זשורנאַליסט, וועלכער איז באַשאָנקען פון גאָט מיט דער אייגנשאַפט פון איידעלן אוואַנטוריזם, וואָס האָט נישט מורא פאַר קיין געפאַר, וואָס שפּרינגט אריין אין די לעבנס־כוואַליעס פון א נייגונג צו „ספּאָרט", וואָס האָט ליב דאָס לעבן און טרינקט פון זיין בעכער מיט הרחבה און ברייטהאַרציקייט.

ער האָט זיך געזען אַלס איינער פון זיי. אויף קאָנגרעסן און קאָנפע־רענצן האָט ער גערן אויפגענומען זשורנאַליסטן אויף געשפּרעכן, גע־ווויצלט זיך מיט זיי און פלעגט פּעפּערן זיינע רייד, אַפילו די ערנסטע, מיט וויצן. ווען ער פלעגט אויפנעמען אויף וועלט־קאָנפערענצן אָדער ביי א באַזוך אין אַ לאַנד די פּאַרשטייער פון דער וועלט־פּרעסע און די טע־לעגראַפן ־ אַגענטורן, פלעגט ער ענטפערן יעדן זשורנאַליסט אין זיין שפּראַך. ער האָט באַהערשט פיל שפּראַכן, און גוט זיי באַהערשט אין שריפט און וואָרט, מיט די סובטילסטע ניואַנסן. ער האָט געקענט די ליַ־טעראַטור פון די פעלקער אין זייערע אָריגינעלע שפּראַכן. ווען ער האָט זיך באַנוצט מיט איינמאָל מיט פיל שפּראַכן, האָט ער עס נישט געטאָן פון קאָקעטעריע. ער האָט עס נישט באַדאַרפט. אָבער מיט צייטונגס ־ מענטשן האָט ער גערעדט מיט זייערע ספּעציפישע אויסדרוקן אין זשור־נאַליסטן שפּראַך, וואָס איז אַ געמיש פון אוניווערזיטעט־אַבסאָלווענטן־שפּראַך מיט אַ זשאַרגאָן פון „ציגיינערישע קינסטלער".

די זשורנאַליסטן פון זייער זייט האָבן געפילט אַז ער איז אַ זייערי־קער. זיי האָבן אים גערן געהאַט און זיך באַצויגן צו אים מיט כבוד און באַגייסטערונג. מיט זייער געזונטן חוש האָבן זיי געכאַפּט פון ערשטן קאָנטאַקט אַז זיי האָבן פאַר זיך אַ זייער גרויסע פּערזענלעכקייט. אַ מענטש וואָס איז אויף אַן אמת גרויס, דאַרף נישט מאַכן קיין אָנשטעל פון גדלות. זיין גרויסקייט וואַרפט זיך אין די אויגן. זי שפּראַצט אַרויס פון זיין בליק, באַוועגונגען, רייד און זאָגאַר פון זיינע וויצן. אַפילו די אַמעריקאַנער זשורנאַליסטן, וואָס זענען די אַמערסטן דעמאָראַליזירטע אין אין דער „זיבעטער גרויסמאַכט" צוליבן פרייען דעמאָקראַטישן רע־זשים אין די פאַרייניקטע שטאַטן, פאַר וועלכע דער פּרעזידענט איז נישט מער ווי „מיסטער טרומאַן", וואָס שמועסט מיט זיי כמעט יעדן טאָג פאַ־מיליאַריש און היימיש, אַזוי ווי חברים, — אויך זיי זענען באַצויבערט געוועןְ פון זשאַבאָטינסקין.

אַ ניו־יאָרקער זשורנאַליסט, אַרטור מ. ברענדעל, האָט נאָכן טויט פון מנהיג אָפּגעדרוקט אין אַן אַמעריקאַנער וואָכנשריפט אַן אַרטיקל „זשאַבאָטינסקי צווישן אַמעריקאַנער זשורנאַליסטן". זיינע ווערטער דעקן אויף אין אַ פּולקאָמער פאָרם די באַציאונגען צווישן אים און דער שריי־בער־וועלט:

„ניו־יאַרקער זשורנאַליסטן — הויבט אָן ברענדעל — זענען שווערע מענטשן, און נאָר אַ גרויסע פּערזענלעכקייט איז מסוגל צו מאַכן אויף זיי אַן איינדרוק.



זשאַבאָטינסקי ביים שרייב־טיש.

דאָס געשעט און איבערחזרט זיך נישט איינמאָל. האָכשטאַפּלער, טרוקענע און אָן א פונק פון הומאָר, מענער וועמענס שטעלונג און פונקציע פאַרפליכטעט זיי צו מאכן אן איינדרוק, פאַלן דורך. אין דעם דורכפאַל זענען די זשורנאַליסטן נישט שולדיק, נאָר די שטאַטסמענער און עסקנים וועלכע פאַרשטייען נישט די ציַיטונגס־נשמה. פון אַלע קלאַסן צו וועלכע מען קען זיי פאַרגלייכן, זענען די זשורנאַליסטן די פאַרשטענדיקסטע און אמערסטן באַהאַוונטע אין אַלע לעבנס־צווייגן. פונדעסטוועגן באַציען זיך צו זיי מיט ביטול דווקא די באַרימטסטע מענטשן, וועלכע דאַרפן זיי אמערסטן האָבן.

רוזוועלט און ווילקי האָבן זיך דערוואָרבן די סימפּאַטיע פון די זשורנאַליסטן מיט זייער יושר, און באַזונדערס ווייל זיי האָבן אָפּגעשאַצט דעם פאַרנונפט פון זשורנאַליסט אלס אינדיווידואום.

ס׳איז ווערט צו באַצייכענען, אז די ציוניסטן און די יידישע מנהיגים האָבן נישט קיין גוטע באַציאונגען מיט דער קריסטלעכער פּרעסע.

דער שרייבער איז געווען פאראינטערעסירט צו זען די רעאַקציע פון דער פרעסע צו וולאדימיר זשאבאָטינסקי, דעם פירער פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, ווען ער איז אָנגעקומען קיין אמעריקע. אזוי ווי ער האָט נאָך פריער קיינמאָל נישט געהאַט די געלעגנהייט צו באגעג־נען זשאבאָטינסקין און האָט אים געקענט בלויז מן השמועה, האָט ער נישט געקענט וויסן ווי ס'וועט רעאגירן אויף אים די אמעריקאנער אומ־פארטייאישע פרעסע, וואָס האָט נאָר אן אינטערעס פאר א גוטער „סטאָ־רי" פאר אירע לעזער.

כדי צו פארשטיין דעם הינטערגרונד פון באזוך, דארף מען א קוק טאָן א מאָמענט הינטער די קוליסן. דעם 10־טן מערץ 1940 איז אָנגעקו־מען די שיף אין פּאָרט. דאָס איז געווען א קורצע צייט נאָך פינלאנדס־קאפּיטולאציע צום ברוטאלן כוח, און די גאנצע וועלט האָט אין יענע טעג גערעדט נאָר וועגן העלדן־קאמף פון דער מוטיקער נאציע קעגן איר מעכטיקען פיינט. אזוי ווי די שיף איז געווען א בריטישע, האָבן אירע רייזענדע נישט געקענט באקומען קיין ידיעות פון וואָס ס'איז געשען אויף דער וועלט אין די 12 טעג פון דער ים־רייזע. די רייזענדע זענען געווען אינגאנצן אָפּגעריסן פון דער וועלט. א שיפל איז ארויסגעפאָרן אנטקעגן די אָנקומער, און אין אים איז געווען א גרופּע זשורנאליסטן, מענער, וועלכע פארברענגען זייער לעבן זוכנדיק אינטערעסאנטע פערזענלעכ־קייטן אין אָנקומענדע שיפן, און פרעגן זייער מיינונג וועגן דאָס און יענץ פון די אקטועלע געשעענישן.

גראָבהויטיקע, שווערע און מיאוסע זענען זיי. זיי זענען פאראינטערע־סירט נאָר אין א גוטער „סטאָרי".

זאב זשאבאָטינסקי איז געווען א ציוניסטישער מנהיג, דעריבער האָבן זיי דערוואַרטעט אז ס'וועט שטיין פאר זיי א מאן וועלכער וועט זיי פאָרלעזן א קורצן קאָמוניקאט און נאכהער צוריק גיין לייענען דעם תלמוד, אָדער אן אנדערן אַלטן ספר.

יאָ, זיי האָבן געוווסט, אז ער האָט געשאפן דעם יידישן לעגיאָן. זיי האָבן געהערט פון דעם. יאָ! זיי האָבן געוווסט אז אמאָל איז ער געווען א זשורנאליסט. זיי האָבן באקומען גענויע אינפארמאציעס איבער אים. אָבער זיי האָבן זיך מיט אים פריער נישט געטראָפן. איצט האָבן זיי אים געזען און זענען באצויבערט געוואָרן. דאָ איז געשטאנען א מענטש וואָס האָט זיי געפרעגט וואָס ס'הערט זיך. ס'איז געשטאנען א מענטש וואָס האָט גערעדט מיט מוט און אָן וואקלעניש איבער א טעמע וואָס איז אים נאָענט צום הארצן. זשאבאָטינסקי האָט זיי געמאכט פאר זיינע פארטרוי־

אונגסמענער. נישט פארגעסנדיק קיין איין דעטייל, האָט ער זיי דערציילט נאָכוואָס ער איז געקומען קיין אמעריקע. ער האָט זיי געזאָגט פאר וואָס ער קעמפט פאר א יידישע מדינה. די זאַך איז זיי געפעלן געוואָרן און זיי האָבן אים געגלויבט.

דער שרייבער פון די שורות האָט נאָכהער גערעדט מיט אייניקע פון די זשורנאַליסטן: אַלע האָבן איינגעשטימט מיט דער מיינונג אַז ס'שטייט פאַר זיי א מאַן. זיי האָבן אים פארגליכט מיט יעדן גרויסן מנהיג אין דער וועלט. ער איז זיי געפעלן געוואָרן. אַלע זשורנאַליסטן — און פאַר־געסט נישט, אַז ס'זענען געווען צווישן זיי אויך יידן — האָבן באַשטע-טיקט די מיינונג אַז די צאָל פון זיינע אָנהענגער אין אמעריקע וועט שנעל וואַקסן. זשאַבאָטינסקי לעבט אין א פרעמדער וועלט. ער איז א ייד. אָבער זיי האָבן אים אויפגענומען ווי איינעם פון זייערע, ווייל ער האָט גע־האַט די נאַטירלעכע שטאָלץ און איידלקייט, וועלכע זענען אָן ספק גע־ווען אַן איינגעשאַפט פון די יידן, ווען זיי זענען נאָך געווען א גרויסע נאַ־ציע.

די ענגלענדער שעצן אָפּ יעדן מענטש לויטן אופן, ווי ער טוט אָן דעם זשאַקעט צום אָוונט־ברויט. זשאַבאָטינסקי האָט שטענדיק אויסגע־האַלטן דעם עגזאַמען.

צוויי טעג נאָך זיין אָנקומען איז ער איינגעלאַדן געוואָרן אַלס ערן־גאַסט צו אַן אויפנאַמע אין הויז פון הער און פרוי גונטער (דער באַרימ־טער אמעריקאַנער ליטעראַט־זשורנאַליסט, דער אויטאָר פון די ביכער „אין אייראָפּע", „אין אזיע" און „אין לאַטיין אמעריקע"). אין דער אויפ־נאַמע האָבן זיך באַטייליקט די גרעסטע לייט פון דער פרעסע־וועלט. על-מער דייוויס, ערנסט מאַירס, האַרי עלמער בערנס, קווינסי האַו און ל. פ. פערטאַן זענען געווען צווישן די איינגעלאַדענע. אַלע אינטעלעקטועלע. אַלע זענען דורכגעגאַנגען די שבעת מדורים פון לעבן און אַלע זענען שטייף ווי שטעקנס. און ווידער זענען די געסט פון גונטערס הויז גע־ווען גרייט אַלץ צו טאָן, כדי צו העלפן זשאַבאָטינסקין. לעמועל פערטאַן (פון די גרעסטע זשורנאַליסטן אין אמעריקע) האָט אויך געמאַכט אַן אויפנאַמע פאַר אים.. ער האָט איינגעלאַדן אַנדערע געסט. די מענטשן, ליבעראַלן, פאַרנינפטיקע, וועלכע קענען גוט די דרכים פון לעבן, האָבן זיך צוגעהערט און זענען באַצויבערט געוואָרן. זיי זענען באַצויבערט גע־וואָרן דורך א מעכטיקער פערזענלעכקייט, א גרויסע געשטאַלט. אפשר איז אין אונדזער תקופה נישטאָ קיינער, וואָס קען פאַרנעמען זיין פּלאַץ. זשאַבאָטינסקי איז געווען א איינציקאַרטיקע דערשיינונג!

פיל יארן איז ער אַרומגעפאָרן פון לאַנד צו לאַנד, געגעסן אין פרעמ־דע ערטער און געשלאָפן אין פרעמדע בעטן. ער האָט געדאַרפט אָפּהיטן אַ דיעטע. אָבער ער איז געווען מענטשלעך. ביי איין אויפנאַמע האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן מענטשן, ביי וועמען פלווידערייַ איז געווען זייער לעבנס־אינהאַלט, און זיי האָבן געפונען אין זשאַבאָ־טינסקין אַ מאַן, וואָס איז מער באַהאַרצט פון זיי. ער האָט געהאַט אַ מענטשלעכן געפיל און אַ חוש פון הומאָר.

דעם ערשטן טאָג נאָך זיין אָנקומען האָט ער געמיינט אַז אַזוי ווי ער איז נישט באַקאַנט אין אַמעריקע, וועט זיך די פרעסע צו אים באַציען פיינטלעך. מיר האָבן געבעטן זשורנאַליסטן אַרויסצוזאָגן אָפּהערציק זייער מיינונג וועגן זשאַבאָטינסקין. אייניקע מענטשן, וועלכע זענען איינ־געלאַדן געוואָרן צו טיי, האָבן זיך געוווּנדערט אויף דער העזה. איין זשור־נאַליסט האָט זיך גאָרנישט צעמישט און ער האָט אָפן געזאָגט אַז זאב זשאַבאָטינסקי איז אַ גוטער מאַטעריאַל פאַר ידיעות, און מ׳קען שרייבן איבער אים אַ גוט אַרטיקל.

און איבער אַלץ: ער האָט זיך באַצויגן צו זשורנאַליסטן ווי צו פאַר־שטענדיקע מענטשן, דעריבער האָבן זיי אים גערן געהאַט. מיט אַנדערע ווערטער — האָט דער זשורנאַליסט געזאָגט — ער האָט זיך באַצויגן צו אונדז ווי צו מענטשן און נישט ווי צו מייז. אַלע האָבן געלאַכט, און פון דאַן אין אַוועק זשאַבאָטינסקים פּחד זיך צו טרעפן מיט דער אַמעריקאַ־נער פרעסע. אפילו די יידישע פרעסע, וואָס האָט זיך מערסטנטייל באַצויגן פיינטלעך צו אים און צו זיין באַוועגונג, האָט נישט געקענט שעדיקן זיי־נע גוטע באַציאונגען מיט דער פרעסע.

אַ געוויסע צייט פאַר זיין טויט האָט ער זיך באַגעגנט מיט אַ באַ־רימטן קריסטלעכן אויטאָר, אַ שרייבער פון אַרטיקלען, וועלכע דרוקן זיך טעגלעך אין דער פרעסע. דער מאַן האָט געוואָלט אַז זשאַבאָטינסקי זאָל אויפטרעטן מיט אַ רעפעראַט פאַרן זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד און די אַרבעטער פון דער אַמעריקאַנער פרעסע. ער האָט אונטערגעשטראָכן אַז דער פאַרבאַנד וועט זיך מיט אים זייער פאַראינטערעסירן און אים פיל העלפן פאַרן ציוניזם. דער אַמעריקאַנער ליטעראַט האָט אויסגעאַרבעט אַ ליסטע פון ביכער, וועלכע ער האָט אים פאָרגעשלאָגן צו לייענען און איז אַוועקגעפאָרן קיין וואַשינגטאָן, כדי צו אָרגאַניזירן פאַר זשאַבאָטינסקין אוידיענצן ביי פאַרשידענע שטאַטסמענער. דאָס אַלץ האָט דער שרייבער געטאָן לויט זיין אייגענער איניציאַטיוו, אפילו די אויסגאַבן האָט ער געדעקט פון זיין קעשענע. אַזוי איז זאב זשאַבאָטינסקי אויפגענומען גע־

וואָרן דורך דער קריסטלעכער וועלט. די זשורנאַליסטן פון וואַשינגטאָן און פון אַנדערע אַמעריקאַנער שטעט זענען אַלע געווען ביי איין מיינונג: וואָלט זשאַבאָטינסקי געווען אַן ענגלענדער, וואָלט ער געווען גרויס ווי טשערטשיל. וואָלט ער געווען אַ טשעך, וואָלט ער דערגאַנגען צו דער מדרגה פון מאַסאַריק; וואָלט ער געווען אַן אַמעריקאַנער, וואָלט ער גע־ווען אַ צווייטער רוזוועלט. זייענדיק אַ ייד, איז ער געווען נאָר אַ מנהיג אין אַ פאָלק, וועלכע איז צעקריגט און צעריסן צווישן זיך".

אזוי האָבן זשאַבאָטינסקין געזען די גויים.

⁂

צו דער יידישער פּרעסע האָט ער זיך באַצויגן מיט פיל רעספּעקט. אין פעברואַר 1935, נאָך דער וועלט־קאָנפערענץ פון הצה"ר און בית"ר אין קראָקע, ווײַלנדיק אין אַמעריקע, האָט דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־זשורנאַל", די יידישע טאָג־צייטונג אין וועלכער ער האָט מיטגעאַרבעט,איינגעאָרדנט פאַר אים אַ גרויסן מאָלצייט. ס'האָבן אים באַגריסט דער רעדאַקטאָר פּרץ ווירניק, יעקב פישמאַן, פּראָפעסאָר חנוך גליצענשטיין (דער באַרימטער סקולפּטאָר, וועלכער איז געהרגעט געוואָרן אין 1943 אין אַ אויטאָ־קאַטאַסטראָפע אין ניו־יאָרק), אב. גאָלדבערג, ד"ר מוקדוני און אַנדערע. זיי אַלע האָבן אים באַגריסט אַלס שרייבער און פעדער־קינסטלער. אין זיין ענטפער־רעדע אויפן באַנקעט האָט זשאַבאָטינסקי דערקלערט, אַז ער וועט דאָסמאָל רעדן נאָר אַלס זשורנאַליסט. די אַמעריקאַנער צייטונגען האָבן פאַרעפנטלעכט זיין גלענצענדע רעדע. ער האָט זיך, באַזונדערס, אָפּגעשטעלט אויף דער ראָלע פון דער יידישער פּרעסע אַלס דערציערישער פאַקטאָר און האָט אָנגעוויזן אויפן פאַקט, אַז ווייל דעם יידישן פאָלק פעלן שולן און אוניווערזיטעטן אין ברייטן זין פון וואָרט, דאַרף די פּרע־סע דערפילן די אויפגאַבע פון אַ הויכן דערציערישן אינסטיטוט. די יידי־שע פּרעסע — האָט ער געזאָגט — פאַרשטייט איר ראָל און שטייט אין דעם זין אויף אַ העכערער מדרגה ווי די פּרעסע פון אַנדערע פעלקער".

זיין קאָלאָסאַלע ציוניסטישע אויפקלערונגס טעטיקייט האָט ער אין זיינע לעצטע צען לעבנס־יאָר געפירט ע"פי רוב אין דער פּרעסע אין דער יידישער שפּראַך, אין װאַרשע און אין ניו־יאָרק. אין װאַרשע — פריער אין היינט און שפּעטער אין „מאָמענט"; אין ניו־יאָרק — אין „מאָרגן זשורנאַל". ס'איז אַלעמען באַקאַנט, אַז זיינע אַרטיקלען פלעגן זיך דרוקן אין צענדליקער שפּראַכן אויפן גאַנצן ערד־קוגל, אָבער ער האָט זיי גע־

שריבן אין יידיש, ווייל פון דער זשורנאַליסטישער אַרבעט האָט ער גע-צויגן זיין חיונה.

פון דער רעוויזיאָניסטישער פּרעסע האָט ער פינאַנציעל נישט גע־נאָסן. ווען ער האָט געהאַט פרייע צייט, פלעגט ער שרייבן פאַרן אָרגאַן פון דער פּאַרטיי אין ארץ־ישראל, אַרטיקלען אין העברעאיש, אָבער ער איז געווען זייער באַשעפטיקט, און נישט געהאַט פיל פרייע צייט צו שרייבן ספּעציעל בלויז פאַרן ארץ־ישראלדיקן פּאַרטיי־אָרגאַן, און ער פלעגט שיקן דער רעדאַקציע אַ יידישע קאָפּיע פון זיינע אַרטיקלען.

ווען ער איז געפאָרן אויף זיין לעצטן וועג קיין אַמעריקע, האָט ער אויף דער שיף געשריבן ספּעציעלע אַרטיקלען פאַרן „המשקיף" אין העב־רעאיש. עטלעכע טעג נאָכן אָנקומען אין אַמעריקע האָט ער געשריבן נאָך איינציקע אַרטיקלען.

איינמאָל, זיצנדיק אין לאָנדאָן, און נאָכדעם ווי ער האָט נישט גע־ענטפערט אויף דער ביטע פון דער „המשקיף"־רעדאַקציע איר צו שיקן אַ ספּעציעלן אַרטיקל, האָט ער געזאָגט צו זיין סעקרעטאַר:

„איך בין אַ פאַרברעכער. איך שטעל מיך פאַר זייערע לײדן און שוועריקייטן, און כ'העלף זיי נישט אין דער אַרבעט. היינט אין אָוונט וועל איך שרייבן דעם אַרטיקל. איך בעט אייך, שליסט מיך אָפּ אין צי־מער. קיין באַזוך, קיין געשפּרעך, אפילו נישט קיין טעלעפאָן. מ'זאָל מיר נישט שטערן אין אָוונט. און אַזוי האָט ער געטאָן.

ווען דער אַרטיקל איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער זיך דערפילט ערלייכ־טערט און געזאָגט אַז דער אַרטיקל זאָל אַרויסגעשיקט ווערן נאָך דעם זעלבן אָוונט מיט לופט־פּאָסט.

די גאַנצע רעוויזיאָניסטישע פּרעסע איז דערשינען מיט זיין סטאַ־בילער מיטאַרבעט. דאָס איז נישט געווען סתם אַ קאַפּל, וואָס האָט באַ־פּוצט די צייטונג. ער האָט געזאָרגט, אַז זיינע אַרטיקלען זאָלן שטענדיק פאַרעפנטלעכט ווערן אין דער פּאַרטיי־פּרעסע. און מען דאַרף נישט צו־געבן, אַז ס'איז נישט געווען קיין איין רעוויזיאָניסטישע צייטונג אין דער גאַנצער וועלט, וואָס האָט אים געצאָלט האָנאָראַר. ווען זיין סעקרעטאַר האָט אים אַמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אַ רעוויזיאָניסטישע וואָכנ־שריפט אין אַ לאַנד איז גענוג פאַרמעגלעך און קען באַצאָלן האָנאָראַר, און ער האָט געבעטן זיין דערלויבניש צו פאָדערן האָנאָראַר פאַר זיינע אַרטיקלען — האָט זשאַבאָטינסקי געענטפערט: מ'דאַרף נישט! אויב זיי

האָבן אַ ביסל געלט, זאָלן זיי עס האַלטן פאַר דער פינאַנסיעלער פאַרפעס־טיקונג פון דער צייטונג!

ס'איז אַ ביסל אויסטערליש, וואָס ער האָט געפונען זיין ברויט אר־בעטנדיק אין אַ שפּראַך, וואָס איז אים גייסטיק געווען ווייניקער נאָנט פון אַנדערע שפּראַכן, וועלכע ער האָט באַהערשט. ער האָט נישט פיינט גע־האַט יידיש. אין דער אמתן האָט ער נישט געהאַלטן יידיש פאַר אַ קאָנ־קורענץ פון העברעאיש. פיל מאָל האָט ער באַצייכנט די פענאָמענאַלע דערשיינונג, אַז אין דער זעלבער צייט ווען יידיש ווערט פאַרגעסן און די יידישע יוגנט אין די גלות־לענדער רעדן די לאַנד־שפּראַכן, ווערט גראַד העברעאיש — אָט די שפּראַך וואָס איז געווען טויט אין משך פון לאַנגע דורות — געבוירן פלוצלונג פון דאָס ניי אויך אין ערטער, ווו קיינער האָט זיך אפילו נישט געריכט. דער יידישער יונגער דור אין ניו־יאָרק און לאָנדאָן קען נישט קיין יידיש, די שפּראַך אויף וועלכער זיינע עלטערן רעדן נאָך. דאַקעגן איז אפילו אין די אַסימילאַטאָרישע לענדער אויפ־געשטאַנען אַ דור, אין וועמען עס האָט פלוצלונג אויפגעשפּראָצט דאָס בענקען נאָך העברעאיש.

אָבער זשאַבאָטינסקי האָט אָפּגעשאַצט די פאַרדינסטן פון יידיש אין דער פאַרגאַנגענהייט — פאַרשטייט זיך נישט דער קעמפנדער און פאַנאַ־טישער יידיש, נאָר די שפּראַך אין וועלכער ס'האָבן גערעדט די בית־המדרש יידן, אַלס פאַנצער קעגן אַסימילאַציע אין משך פון דורות.

ווען ער איז געקומען אין קאָנטאַקט מיט די יידישע מאַסן, האָט ער געפונען פאַר נויטיק צו לערנען יידיש, זיך גוט אויסלערנען, כדי זיך קע־נען באַנוצן אין דער שפּראַך ווי ס'דאַרף צו זיין. ווען ער האָט אָנגע־הויבן לערנען יידיש, האָט ער געטראָגן אין זיך אַ געדאַנק אַרויסצוגעבן אַ לערן־בוך אין דער שפּראַך. ער האָט שטענדיק פיינט געהאַט די גלות־דיקע אָפּגעלאָזנקייט אויף אַלע געביטן: איר האָט אַ שפּראַך, אַ גוטע אָדער אַ שלעכטע, און איר רעדט איר. היט אָפּ איר פאָרם, איר קלאַנג און איר גוטן געשמאַק! ער פלעגט זיך וויצלען אויפן „דער, די, דאָס", וואָס יעדער איינער באַנוצט זיך מיט זיי ווי זיין האַרץ גלוסט, אָן רעגלען, סתם. יעדער איינער רעדט ווי ס'פאַלט אים איין.

שפּעטער האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון געדאַנק זיך צו פאַרנעמען מיט דער פאַרפּאָלקאָמונג פון יידיש, באַזונדערס אַז די שונאי־ציון פאַרוואַנד־לען די שפּראַך אין אַ געווער קעגן דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונגס־באַוועגונג. אָבער ער אַליין האָט געזאָרגט פאַר דער ריינקייט פון זיין יידישן

סטיל, אזוי ווי די אלע אנדערע שפּראַכן אין וועלכע ער האָט גערעדט און געשריבן; געזאָרגט פאַר ריינקייט אין רעדן און פּעלערלאָזיקייט אין שריפט. זיין טאַלענט צו שפּראַכן איז אויך דאָ אים צו הילף געקומען. כמעט ווי ר׳ עקיבא, וואָס האָט נישט געקענט לייענען און שרייבן ביזן 40־טן לעבנס יאָר, האָט זשאַבאָטינסקי נישט געקענט קיין יידיש ביז ער איז געווען א דערוואקסענער מענטש. צו דער יידישער פּיל מיליאָניקער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד האָט ער גערעדט רוסיש, און די יידיש־רעדנ־דע מאַסן האָט ער געפונען ערשט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. צו־ליבן רעספּעקט וואָס ער האָט געהאַט צו זיך און צום פּובליקום, האָט ער פאַרשטאַנען אז ער וועט באַליידיקן זיינע צוהערער אויב ער וועט רעדן צו זיי אין א געבראָכענער שפּראַך און האָט אָנגעהויבן זיך צו לער־נען יידיש. „לערנען יידיש?״. ס׳רוב לעזער, וועלכע האָבן זיכער זיך אויסגעלערנט יידיש אין דערהיים און מן הסתם קיינמאָל נישט גענומען אין האַנט קיין יידישע גראַמאַטיק, וועלן זיך וווּנדערן הערנדיק, אַז ער האָט זיך געלערנט יידיש. ער האָט אָבער נישט אָנערקענט קיין האַלבע אומפּאָלקאָמע זאַכן. א שפּראַך כאַפּט מען נישט בלויז פון דער לופט. א שפּראַך דאַרף מען לערנען כדי צו קענען. און ער האָט זי געלערנט. דער פּירקאַנטיקער אשורישער שריפט איז אים נישט געווען זייער נאָנט צום האַרצן. ווייל צענדליקער יאָרן איז ער געווען געוווינט מיטן לאַטיינישן און קירילישן שריפט, און דאָס לייענען די פּירקאַנטיקע אותיות איז אים אָנגעקומען א ביסל שווערלעך. אויפן 18־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין פּראַג איז געשען אן אינצידענט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם. פאַרן קאָנ־גרעס־געריכט איז פאָרגעקומען א משפּט פון הצה״ר־פראַקציע קעגן בן־גוריונען פאַר באַליידיקונג און העצן. זשאַבאָטינסקי וועלכער איז דערשי־נען אין דעם משפּט אַלס עדות, האָט פאָרגעלייענט אַן אויסצוג פון א יידישער צייטונג פון בן־גוריונס אן ארטיקל וועגן הצה״ר. אזוי ווי ער איז נישט געווען געוווינט צו לייענען יידיש — כאָטש געשריבן האָט ער זייער גוט — האָט ער געלייענט דעם אויסצוג לאַנגזאַם. דאַן איז אויפ־געשפּרונגען איינער פון די לינקע מנהיגים, וועלכער איז געזעסן אין זאַל פון קאָנגרעס־געריכט צווישן פּובליקום (אויב דער זכרון פאַרפירט נישט, איז עס געווען בערל רעפּעטאָר), און מיינענדיק אַז זשאַבאָטינסקי לייענט לאַנגזאַם מיט א ספּעציעלער כוונה, האָט ער א געשריי געטאָן אין דער ריכטונג פון הצה״ר־פּרעזידענט: „קאָמעדיאַנט״!

נישט וועגן די „מאַניערן״ פון א מנהיג פון די לינקע לגבי דעם שעפער פון לעגיאָן און פאַרטיידיקער פון ירושלים ווילן מיר דאָ דער־

ציילן; נאָר וועגן זיין אופן פון לייענען יידיש. פונדעסטוועגן האָט ער געד לייענט יידישע ביכער אין אָריגינאַל, באַזונדערס מענדעלען און שלום־עליכמען. ער האָט ליב געהאַט זייער פאָלקס־טימלעכן סטיל, און אין זיין אייגענעם שרייבן און רעדן האָט ער ליבער געהאַט דעם פאָלקסטימלעכן סטיל איידער דעם מאָדערנעם „אינטעליגענטישן" יידיש. שנעל האָט ער באַהערשט אויך יידיש גלענצנד. ער האָט געקענט די שפּראַך מיט אַלע אירע פּיטשעווקעס, און פון איר גרונד פלעגט ער אַרויסשעפּן אירע פּערד לען. ווער געדענקט נישט זיין וווּנדערבאַרן אַרטיקל, וואָס ער האָט אָנ־געשריבן אין יידיש, וועגן ביאַליקן נאָכן דיכטערס טויט? אין אַרטיקל האָט ער געשילדערט די רייכקייט פון ביאַליקס העברעאישער שפּראַך. דאָס איז געווען אַ קונסט־ווערק, אַ שעדעווור! די געשווירענע יידישיסטן אין וואַרשע זענען נאַכהער אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן שטאָלצע און זיך באַרימט און זיך פאַרופן אויף זשאַבאָטינסקין אין זייער יידישיסטישן קאַמף: אַזאַ שפּראַך — האָבן זיי געזאָגט און ציטירט די זאַצן אין זשאַ־באָטינסקיס אַרטיקל — אַזאַ פּראַכטפולע שפּראַך! און ווי קענען נאָך די העברעאיסטן מיינען, אַז זי וועט אונטערגיין? פאַר די יידישיסטישע שריי־בער איז דער אַרטיקל אַ יום־טוב.

אַזוי איז ער אויך געווען אין רעדן. אַ קלאָרער געשליפענער סטיל. טיילמאָל — און דאָס איז געשען על פּי רוב אין די ערשטע יאָרן פון זיינע אויפטריטן אין פּוילן — פלעגט אים פאַרפעלן אַ פּאַסנדער יידישער אויסדרוק, דאַן פלעגט ער זיך אָפּשטעלן אין מיטן דער רעדע און דאָס פּובליקום האָט אים אונטערגעהאָלפן. דאָס פּובליקום פלעגט רעגנען מיט ווערטער און אויסדרוקן. — „אַנשטאָט איין וואָרט, וואָס כ'האָב נישט געוווּסט, האָב איך איצט זיך אויסגעלערנט צענדליקער נייע ווערטער" — פלעגט ער זאָגט נאָך דער רעדע.

אָבער וואָס אַן אמת איז, קיין טיפע ליבע פאַר יידיש האָט ער נישט פאַרמאָגט. אין זיין פּריוואַטן לעבן פלעגט ער זיך ווייניק מיט איר באַנוצן. זיין פּריוואַט־סעקרעטאַר, וואָס האָט געאַרבעט ביי אים לאַנגע יאָרן, דער־מאָנט זיך נישט אַז ער זאָל האָבן געזען אַ יידישן בריף, געשריבן דורך זשאַבאָטינסקין מיט זיין אייגענער האַנט, אויסער אין זעלטענע פאַלן (צווישן זיי, דער בריוו צו פרוי טאַבאַטשניק אין לוצק, די מוטער פון שלמה בן־יוסף ז"ל נאָך זיין תליה), כאָטש ער האָט געשריבן זייער פיל בריוו אין פאַרשידענע שפּראַכן. ווי באַקאַנט איז ער געווען געוווינט צו ענטפערן אייגנהאַנטיק אויף בריוו וואָס ער פלעגט באַקומען, און ער האָט געענטפערט יעדן מענטש אין זיין שפּראַך. אָבער יידיש האָט ער זעלטן

געשריבן מיט דער האנט. די אַרטיקלען האָט ער געשריבן אויף זיין קליי־נער שרייב־מאַשין.

אין זיין שרייבן האָט מען געקענט זען וואָס פאַר א שטאַרקע נערוון ער האָט געהאַט. זיין וועכנטלעכן אַרטיקל פאַר דער פּרעסע פלעגט ער שרייבן אין ביורא. ער האָט זיך אָבער קיינמאָל נישט פאַרשלאָסן ביי דער אַרבעט און נישט פאַרבאָטן אַריינצוקומען צו אים. צענדליקער מאָל האָט ער געמוזט איבעררייסן זיין שרייבן צוליב טעלעפאָן־קלינגען אָדער צוליב די ביוראָ מיטאַרבעטער, וועלכע פלעגן יעדעס מאָל אַריינגיין אים עפּעס פרעגן אָדער איבערגעבן אַן אינפאָרמאַציע. די אַלע שטערונגען זענען אים נישט אָנגעגאַנגען.

ער האָט אויסערגעוויינלעך געשעצט זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט. „מיט א הייליקן ציטער — האָט ער אַמאָל געזאָגט אין אַן עפנטלעכער רעדע — בין איך אַריין אין פּאַלאַץ פון דער יידישער פּרעסע”. דעריבער האָט ער געזאָרגט אַז א פּולקאָמע זאַך זאָל אַרויסקומען פון אונטער זיינע הענט. סתם אָפּפטרן מיטן אָנשרייבן אַן אַרטיקל — האָט ער קיינמאָל נישט געוואָלט. אַזא זאַך איז געווען פרעמד זיין גייסט און זיין כאַראַק־טער. דאָס וואָלט געווען זעלבסטאָפּנאַרעריי. אַזוי ווי ער האָט נישט גע־קענט אָפּנאַרן אַנדערע, האָט ער זיך אַליין קיינמאָל אויך נישט געוואָלט אָפּנאַרן. דעריבער פלעגט ער שלייפן זיין סטיל.

ער האָט נישט געשריבן זיינע אַרטיקלען „אויף איין פוס”. איידער ער האָט געשריבן, האָט ער געטראַכט. זיצנדיק ביי זיין קליינער שרייב־מאַשין, פלעגט ער זיך יעדעס מאָל אָפּשטעלן כדי צו דענקען. אָבער זיינע פּובליציסטישע וועכנטלעכע אַרטיקלען פאַר די טאָג־צייטונגען פלעגט ער שרייבן אין דריי — מאַקסימום פיר שעה. זיין שאַפנדע אַרבעט איז נישט געמאַכט געוואָרן מעכאַניש ; ער האָט זיך קיינמאָל פון פאָרויס נישט באַשטימט קיין שעהן, ווי לאַנג אַן אַרטיקל דאַרף דויערן. טיילמאָל פלעגט עס דויערן לענגער און טיילמאָל קירצער. דאָס איז געווען אָפּהענגיק אין א גרויסער מאָס פון דער שטימונג און פון דער טעמע וואָס ער האָט אויסגעוויילט פאַר דער וואָך.

ער האָט געשריבן נישט נאָר אויף יידישע פּאָליטישע טעמען, נאָר אויך וועגן אויסערלעכע וועלט־פּראָבלעמען, וועגן ליטעראַטור און סאָ־ציאַלע פראַגן און ס'איז בכלל נישט געווען קיין טעמע פרעמד פאַר אים.

ער פלעגט שרייבן אויך זיצנדיק אין וועג. אים איז נישט שווער געווען צו שרייבן אין באַן, ווען זי איז געווען אין באַוועגונג. זאָגאַר ווען אין וואַגאָן אַנטקעגן אים זענען געזעסן מענטשן און געשמועסט צווישן זיך

פלעגט ער, ווען ער האָט באַדאַרפט, אַרויסנעמען זיין קליינע שרייב־מאַשין, וואָס איז געווען זיין טרייע באַגלייטערין אין זיינע וואַנדערונגען, און שרייבן. פאַרנדיק האָט ער נישט געהאַט די נויטיקע באַקוועמלעכקייטן פאַר זשורנאַליסטישער אַרבעט, אָבער ער איז געווען פּינקטלעך אין דערפילן זיין קאָנטראַקט מיט די צייטונגס־לייטונגען. אויסער דעם האָט ער אויך געוווסט אַז צענער און הונדערטער טויזנטער יידן אין דער גאַנצער וועלט וואַרטן אויף זיינע רייד. דעריבער איז ער נישט געווען הינטערשטעליק אין דערפילן זיין זשורנאַליסטישע פליכט. נישט איינמאָל נאָך שלאָפלאָזע נעכט אויף זיצונגען און קאָנפערענצן, באַנקעטן אָדער באַנרייזעס, פלעגט ער אויפשטיין פרי אַריינכאַפנדיק נאָר אַ צוויי שעה שלאָף, זיך וואַשן און לויפן צו דער שרייב־מאַשין, ווייל ער האָט געדאַרפט דעם אַרטיקל צום טערמין.

לויטן קאָנטראַקט האָט ער געדאַרפט צושטעלן איין אַרטיקל אַ וואָך. אַ מאָל איז ער קראַנק געוואָרן און געלעגן אין בעט מיט אַ הויכער טעמפּעראַטור. ווי דערשטוינט איז געווען זיין סעקרעטאַר אַריינקומענדיק צו אים און אים געטראָפן ווי ער טוט זיך אָן.

— וואָס איז געשען, הער ראש בית״ר?

— איך דאַרף אָנשרייבן מיין וואָכן־אַרטיקל פאַר דער פּרעסע — האָט ער געענטפערט.

נאָך לאַנגע בקשות, האָט ער מוותר געווען אויפן שרייבן און זיך אַריינגעלייגט צוריק אין בעט. ער האָט אָבער געהאַט פיל צער, וואָס ער קען נישט אָפּהיטן דאָסמאָל דעם קאָנטראַקט.

נאָך דער דערמאָרדונג פון ד״ר אַרלאָזאָראָוו ז״ל—זשאַבאָטינסקי האָט דאַן געווײלט אין וואַרשע און די העצע קעגן אים און זיין באַוועגונג מצד מפא״י איז שוין געווען אין פולן גאַנג — זענען עטלעכע מיטגלידער פון פּוילישן רעוויזיאָניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט, צווישן זיי יוסף שאָפּמאַן, דוד מאַושאָוויטש, אהרן פּראָפּעס, יוסף קלאַרמאַן, און דער שרייבער פון די שורות, געזעסן אין זיין צימער אין „האָטעל קראַקאָווסקי" אויף ביעלאַנסקאַ גאַס אין וואַרשע, און האָבן זיך באַראַטן מיט אים ווי צו רעאַגירן אויפן בלוט־בלבול. אינמיטן דער באַראַטונג האָט זשאַבאָטינסקי געבעטן אַנטשולדיקונג פון זיינע געסט, איז אַרויס אין אַנדערן צימער און אָנגעהויבן קלאַפּן אויף דער שרייב־מאַשין. די חברים האָבן, פאַרשטענדלעך, נישט געוואַגט אים צו שטערן און האָבן געוואַרט ביז ער איז צוריק אַריינגעקומען. דערווייל האָבן זיי פאַרגעזעצט זייער שמועס, און בכלל נישט באַמערקט אַז ס'זענען אַריבער קרוב דריי שעה ווען ער איז

אריין אין צימער, און האָט געהאַלטן אין זיין האנט דעם וואונדערבארן ארטיקל וואָס האָט געבראַכט צו א פּאָלשטענדיקער ווענדונג אין דער באַציאונג פון דער גאנצער יידישער וועלט צום אָרלאָזאָראָוו־פּראָצעס. דאָס איז דער בארימטער ארטיקל „קאַלט און פעסט".

***

אויסער ארטיקלען און ביכער פלעגט ער שרייבן אויך פיל פּאָליטישע מעמאָראנדומס און בריוו.

ער האָט ליב געהאַט די פעדער. אַלע וועלכע האָבן אים געזען אויף זיצונגען און קאָנפערענצן, געדענקען אים זיצנדיק, מיטן קאָפּ לייכט ארונטערגעבויגן איבער א בויגן פּאַפּיר, שרייבט, נאָטירט און צייכנט. אומצייליקע מעמאָראנדומס אין פיל שפּראַכן — באזונדערס אין ענגליש און פראנצויזיש — האָט ער געשריבן מיט דער אייגענער האנט. (אין זשאַבאָטינסקי-אינסטיטוט אין תל־אביב זענען פאַראַן פיל מאַנוסקריפּטן פון אַזעלכע מעמאָראנדומס). קלאָר אז שרייבנדיק האָט ער געמעקט, אָבער ער האָט געשריבן אָן שוועריקייטן. זיין מוח האָט געארבעט מיט גרויס אינטענסיוויטעט, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט „געשוויצט".

אזוי איז ער אויך געווען אין זיינע פּערזענלעכע בריוו, וואָס ער האָט געשריבן טויזנטער אין לעבן. יעדער בריוו איז א קונסט־ווערק פון סטיל, לאָגיק פון א רעאַליסט און הארץ פון א דיכטער. זיינע אידייען פלעגט ער ארויפברענגען אויפן פּאַפּיר מיט פּרילינגדיקער שפּילענדיקייט און לייכטקייט. אין זיין גאנצן שרייבן איז נישטאָ קיין שטערן־קנייטשן. ער איז געווען א סטיל־קינסטלער, געדאנקען־רייך און געשפּרודלט מיט אידייען. דעם בארימטן ליד זיינעם, „אלהים, לשלטון בחרתנו", וועמענס פּערזן זענען נביאותדיקע רייד, וועלכע זענען פארווירקלעכט געוואָרן בשעת דעם באפרייאונגס־קאַמף ("עמק, את נפשות בניך ניטול — מיר וועלן צונעמען די נשמות פון דיינע קינדער, דו עמק"), האָט ער פאַרפאַסט באַגינען, פאַרן שלום פון דריטן וועלט כינוס פון בית"ר אין וואַרשע. די זיצונג האָט זיך געצויגן א גאַנצע נאַכט. יעדן מאָמענט זענען אריין צו אים אין צימער אין אקאדעמישן הויז, זיינע תלמידים, די שלטון־מיטגלידער און די פּערמאַנענץ־קאָמיסיע, זיך מיט אים צו באַראַטן. דאָס שטיקל פּאַפּיר אויף וועלכער ער האָט געצייכנט זיינע פּערזן, איז געלעגן אויפן טיש, און יעדעס מאָל האָט ער צוגעשריבן א שורה. אין מיטן האָט ער געהאָלפן פאָרמולירן רעזאָלוציעס, פאַרגעשלאָגן קאָנ־

דידאַטן פֿאַר דער וועלט־ליטעראַטור און פֿאַרהאַנדלט מיט די בית״רים און אַזוי, נישט שלאָפֿנדיק, נישט רועענדיק אין לאַרם און געפּילדער, האָט ער אָנגעשריבן די וווּנדערבאַרע פּערזן, וואָס יעדער נאַציאָנאַלער יונגערמאַן זינגט זיי.

אין זיין באַציאונג אַלס זשורנאַליסט צו זיינע רעדאַקטאָרן, און זיי־נע מיטאַרבעטער, האָט ער געקענט דינען אַלס מוסטער פֿאַר אַלע פּרעסע־מענטשן אין דער וועלט. ער האָט קיינמאָל נישט געשטעלט קיין פֿאָדערונג, אַז זיינע אַרטיקלען זאָלן פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן אַזוי ווי זיי זענען אַרויס פֿון אונטער זיין פֿעדער, אָן ענדערונגען און אויסבעסערונגען. מענטשן וועלכע זיצן אין צייטונגס־רעדאַקציעס, קענען זייערע „קליענטן״ און זייע־רע קאַפּריזנדע פֿאָדערונגען, וועלכע ברענגען צייטנווייז אַרויס פֿון געדולט דעם רואיקסטן רעדאַקטאָר. אָט ברענגען זיי זייער מאַנוסקריפּט אין רע־דאַקציע און זאָגן שטענדיק די סטערעאָטיפּישע הקדמה: „נישט צושרייבן און נישט אויסמעקן קיין איין אות!״

זשאַבאָטינסקי האָט קיינמאָל נישט געשטעלט ספּעציעלע פֿאָדערונגען די רעדאַקציעס. ס׳האָט אים נישט געאַרט אויף וואָס פֿאַר אַ זייט און אויף וועלכן אָרט ס׳איז אָפּגעדרוקט געוואָרן זיין אַרטיקל. ער האָט שטענדיק געגעבן פֿון פֿאַרויס יעדן רעדאַקטאָר דאָס רעכט צו מאַכן מיט זיינע אַרטיקלען אַזוי ווי ס׳געפֿעלט אים: מעקט, שניידט אויס, ענדערט! נאָכדעם ווי זיין אַרטיקל איז געווען אָנגעשריבן — האָט ער זיך שוין מער נישט באַמיט אים איבערצולייענען און זיך נישט פֿאַראינטערעסירט צי ער איז געדרוקט געוואָרן אָדער נישט. און נישט נאָר דאָס. ס׳איז גע־ווען וווּנדערלעך צו זען, ווי ער פֿאָלגט די עצה פֿון זיינע מיטאַרבעטער. זיין סעקרעטאַר, וועלכער פֿלעגט לייענען זיינע אַרטיקלען אין מאַנו־סקריפּט, האָט ער געבעטן צו מאַכן באַמערקונגען. און ווען זיין מיטאַר־בעטער האָט געפֿונען אַז מ׳דאַרף עפּעס אויסמעקן אָדער ענדערן — האָט ער שטענדיק געפֿאָלגט די עצה: ביטע, טוט וואָס איר געפֿינט פֿאַר נויטיק! — פֿלעגט ער זאָגן.

אין אַ לוסטיקער אונטערהאַלטונג האָט ער אַמאָל געגעבן איינעם פֿון זיינע יונגע פֿריינט, אַ זשורנאַליסט, אַ לעקציע ווי צו שרייבן: „פֿיר זאַכן זענען נויטיק, כדי דער אַרטיקל זאָל זיין גוט — האָט ער געזאָגט. ערשטנס: דער טיטל. דאָס דאַרף זיין קורץ און טרעפֿלעך. פֿון טיטל הענגט אַמאָל אָפּ דער גורל פֿון גאַנצן אַרטיקל. צווייטנס — אַ גוטער און צו־ציענדער אָנהויב. זאָל גלאַט אָפּהיטן דעם שרייבער פֿון אָנצוהויבן זיין אַר־

טיקל, צום ביישפיל, מיט די ווערטער: „ווי ס'איז שוין דעם לעזער באַקאַנט"! אַזאַ זאַץ הרגעט אוועק דעם גאַנצן אַרטיקל. אויב ס'איז שוין דעם לעזער באַקאַנט, דאַרף ער דאָך שוין נישט לייענען. דריטנס — א גוטער סוף. אויב דער לעצטער זאַץ איז נישט געלונגען, קען ער אָפּפּטרן מיט איינמאָל דעם גוטן רושם פון גאַנצן אַרטיקל. א שלעכטע פאַרענדיקונג מאַכט קאַליע א גוטן אַרטיקל. און פערטנס — האָט זשאַבאָטינסקי צוגעגעבן מיט א וויץ — אַמאָל איז אויך געווונטשן אַז דער אַרטיקל זאָל האָבן אַן אינהאַלט".

ד"ר א. מוקדוני, פון די באַקאַנטסטע יידישע זשורנאַליסטן און קריטיקער אין אַמעריקע, וועלכער האָט האָט אים שטענדיק באַקעמפט פון די שפּאַלטן פון ניו־יאָרקער „מאָרגן זשורנאַל" און איז געווען איינער פון זיינע שאַרפסטע קעגנער, האָט געשריבן וועגן זשאַבאָטינסקין:

„ער איז געווען א קינסטלער־פּובליציסט. ער האָט נישט געשריבן זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען. ער האָט זיי אויסגעזונגען אַזוי ווי א דיכטער זינגט אויס א ליד. צוזאַמען מיט דעם איז ער געווען באַשאָנקען מיטן צויבער פון א ווונדערלעכער קלאָרקייט, מיט א כישוף פון אָנציענדער לאָגיק און מיטן קאָלאָסאַלן טאַלענט צו איבערצייגן".

„יעדע פּובליציסטישע פראַגע איז ביי אים פול געוואָרן מיט לעבן, אַזוי ווי דאָס ווונדערלעכן פון א זומערפייגעלע. די גרויעסטע און געוויינלעכסטע פּובליציסטישע פראַגע איז דורך זיין באַצויבערנדער פעדער פאַוואַנדלט געוואָרן אין א ווונדערלעכן פּובליציסטישן שמעטערלינג. — אפילו די קאַלטע, ערנסטע און בייזע לאָגיק איז געוואָרן פול מיט חן און האָט געשמייכלט ליבלעך אונטער זיין פעדער. ער האָט נישט געמאַכט קיין פשרות. ער איז געבליבן ערנסט, אָבער באַצויבערנט. ערנסט אָבער פול מיט חן, ערנסט אָבער שמייכלדיק.

„זשאַבאָטינסקיס פּובליציסטישע אַרטיקלען זענען שטענדיק געווען יונגע און ערנסטע. קאַפּריזנדע און זאַכלעכע. זשאַבאָטינסקי האָט געקענט פיל, ווייל אַלץ איז אים אָנגעקומען מיט ווונדערלעכער לייכטקייט. די שווערסטע וויסנשאַפטן האָט ער זיך דערוואָרבן אָן שוועריקייטן. אָבער זיין למדנות איז נישט געווען ווי בליי אין זיינע אַרטיקלען. זיין ערודיציע האָט נישט געהאַט קיין לאַנגע און גרויע באָרד, געדיכטע ברעמען און א שטערן מיט טיפע קנייטשן. זיין למדנות האָט אויך געבויגן איר קאָפּ פאַרן צויבער פון זיין פעדער. ער האָט געקענט זיין שאַרף, ער האָט אויך געקענט זיין בייז, ער האָט אפילו

געקענט זיין בייסיק און שטעכעדיק, אָבער קיינמאָל איז ער נישט געווען גראָב. איידלקייט און פיינקייט, וואָס זענען איינגעפלאַנצט געווען אין אים פון געבורט, האָבן אים אָפּגעהיטן פון די מידות. ער האָט ארויסגעפירט די יידישע פובליציסטיק פון דער ענגער יידישער גאַס אין דער ברייטער וועלט, ער האָט איר געגעבן שווונג, ער האָט איר געגעבן גרויסע השגות".

דאָס איז אַ אָפּשאַצונג פון אַ שאַרפן קענער.

***

זיין פעדער האָט ער געווידמעט הויפּטזעכלעך פאַר ציוניסטישע פּובליציסטיק. אָבער אַזוי ווי ער איז געווען פיל זייטיק אין דער ליטעראַטור, אַזוי איז ער געווען פיל-פאַרביק אין זשורנאַליסטיק. יעדער טעמע וואָס ער האָט באַהאַנדלט האָט געשפּראָצט מיט חן. ער האָט געשריבן וועגן דער פילם-ארטיסטין מערי פיקפאַרד, וועגן הינד, וועגן אַ דעטעקטיוו-ראָמאַן, וועגן זון-אונטערגאַנג און וועגן נייעסטן פילאָזאָפישן ווערק מיט דער זעלבער באַוואונדערנדער ערודיציע און מיט דער באַצויבערנדער לייכטקייט, אַז אפילו אַ פּראָסטער בעל-עגלה האָט לייענענדיק געהאַט הנאה.

ער האָט קיינמאָל נישט געזאַמלט די בלעטער און צייטשריפטן, אין וועלכע זיינע אַרטיקלען זענען געדרוקט געוואָרן. אויף אַלע געביטן איז אים פרעמד געווען קליינלעכקייט. ער האָט געהאַסט דקדוקי-עניות.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז מערסטנטייל האָט ער געאַרבעט אין צייטונגען וועלכע האָבן נישט געהערט צו זיין באַוועגונג — און ע"פי רוב גראַד אין צייטונגען, וועלכע האָבן באַקעמפט זיינע אידייען. דער פאַרשטאָרבענער רעדאַקטאָר פון „מאָרגן זשורנאַל", יעקב פישמאַן, אַ פאַרטיידיקער פון אַלטן סיסטעם אין ציוניזם, האָט זיך נוהג געווען, נאָכן אָפּדרוקן זשאַבאָטינסקים אַן ארטיקל איבער אַ ציוניסטישן פּראָבלעם, תיכף צו געבן זיין תשובה. און די יידישע צייטונגען — און צווישן זיי, די אין וועלכע זשאַבאָטינסקי האָט מיטגעאַרבעט — זענען נישט געווען זייער פּאַרזיכטיק אין אידעאָלאָגישן קאַמף. אויך דאָרט האָט מען דערצויגן דעם לעזער אין משך פון לאַנגע יאָרן, אַז הצה"ר און בית"ר זענען פאַשיסטישע באַוועגונגען און אַז זשאַבאָטינסקי שטאַמט פון אַ שבט פון קאַניבאַלן. דעריבער האָט די פּאָלעמיק מיט אים באַקומען צייטנווייז אַ פאָרם וואָס איז געווען ווייט פון אַנשטענדיקייט. זשאַבאָטינסקי איז נישט געווען קעגן צו פירן מיט אים דיסקוסיעס. פון זיין זייט האָט ער נישט געשטעלט קיינע פאָדערונגען די רעדאַקטאָרן פון דער צייטונג אין וועלכער ער האָט מיטגעאַרבעט. אדרבא, זאָל יעדער שרייבן וואָס ס'געפעלט אים. אָבער איין

זאָך האָט ער נישט געקענט מוחל זיין: זידלערייען און באַליידיקונגען. אויב א קעגנער האָט עפּעס צו טענהן, זאָל ער טענה'ן און זאָגן, אָבער ער זאָל נישט שפּייען מיט שמוץ.

די שמוץ וואָס מען האָט געוואָרפן אויף זיין באַוועגונג האָט נישט בלויז באַליידיקט זיין עסטעטישן און מאָראַלישן געשמאַק, נאָר האָט אים טיף געטראָפן. דעריבער האָט ער נישט געקענט צוזאַמענאַרבעטן אין א צייטונג מיט אָנהענגערס פון אַ נישט־ריינעם און נישט־אַנשטענדיקן קאַמף. און כאָטש ער האָט גוט געוווסט, אז ער האַקט אָפּ דורכדעם דעם איינציקן צווייג פון זיין פּרנסה, האָט ער זיך נישט צוריקגעצויגן פון איבעררייסן זיינע פאַרבינדונגען מיט יענער צייטונג. אזוי איז עס געשען מיטן ווארשעווער „היינט" און ניו־יאָרקער „מאָרגן זשורנאַל", און אזוי האָט ער געמאַכט א מאָל מיטן „מאָמענט" און „נאַש פּשעגלאָנד" אין ווארשע.

פיל יאָרן האָט ער מיטגעאַרבעט אין ווארשעווער „היינט". ער איז איינגעלאַדן געוואָרן צו ארבעטן אין יענער צייטונג דורך ש.י. יאצקאן ז"ל. דער ערשטער פּיאָניער פון דער מאָדערנער פּרעסע אין יידיש, וועלכער האָט זשאַבאָטינסקין גוט געקענט, האָט פאַרשטאַנען אז דער נאָמען פון באַרימטן זשורנאַליסט און פּאָליטיקער אין זיין צייטונג קען פאַרשאַפן דעם „היינט" פיל פּאָפּולאַריטעט, הויבן זיין ניוואָ און זיך פאַרזיכערן א גרויסן לעזער־קרייז ביים פּוילישן יידנטום. אָבער יאצקאן האָט געבראַכט זשאַבאָטינסקין אין „היינט" נישט בלויז צוליב א סוחרישן חשבון. יאצקאן אליין איז ביז זיין לעצטן לעבנס־טאָג געווען א הערצליאַנישער ציוניסט און א געוויסע צייט איז ער אויך געווען א מיטגליד פון רעוויזיאָניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט אין פּוילן. ווען ער האָט געלעבט אין פּאַריז, פלעגט זיך זשאַבאָטינסקי פון צייט צו צייט טרעפן מיטן אַלטן יאַצקאַנען, אַזוי ווי פריינד. זשאַבאָטינסקי איז געווען פול מיט באַגייסטערונג פאַר דער ריזיקער ענערגיע, וואָס האָט געשפּראָצט פון דעם מענטש און ער האָט זייער געשעצט זיינע חידושים אין דער יידישער פּרעסע. די פּסיידאָ־פיינשמעקער אין דער פּרעסע האָבן געמאַכט אויף יאַצקאַנען א בלבול, אַז ער האָט אריינגעפירט דעם „שונד" אין דער טעגלעכער פּרעסע. אין דער אמתן האָט יאצקאן גרויסע פאַרדינסטן. ער האָט אייראָפּעאיזירט די יידישע פּרעסע. לויט זיינע חידושים און רעפאָרמען עקזיסטירט די יידישע פּרעסע אין דער וועלט ביזן היינטיקן טאָג.

ביז אָנפאַנג 1933 האָט זשאַבאָטינסקי געשריבן אין „היינט". זיין גאַנצן פּאָליטישן קאַמף און די גרויסע דערציערישע טעטיקייט האָט ער געפירט פון די שפּאַלטן פון דער צייטונג; דעם פּראָגראַם פון הצה"ר און

די יסודות פון נייעם ציוניזם האָט ער אויפגעקלערט אין „היינט", און מילאָנען — אָן איבערטרייבונג — מיליאָנען יידן אין פוילן און אין אלע אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער, אין אלע קיבוצים פון יידישן גלות, האָבן געטרונקען מיט דורשט זיינע רייד. אין „היינט" האָט זיך אויך געדרוקט אין פאָרזעצונגען זיין גרויסער בוך „די געשיכטע פון יידישן לעגיאָן". אין די ערב־שבתן, די טעג ווען זשאַבאָטינסקיס אַרטיקלען פלעגן זיך דרוקן, איז די ציטונג ממש צעכאַפּט געוואָרן. אין די שטעט און שטעטלעך אין פוילן און רומעניען, אין קאַרפּאַטן־רוסלאַנד און ליטא, האָט מען נישט נאָר געליינט, נאָר שטודירט די לערע פון ציוניזם, וואָס ער האָט געפּריי־דיקט; מ'האָט הנאה געהאַט און זיך געקוויקט מיט די וואונדערבאַרע פעליע־טאָנען, און מיטגלידער פון די פאַרשידענע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פלעגן דיסקוטירן צווישן זיך און דעבאַטירן וועגן ציוניזם אויפן סמך פון זיינע אַרטיקלען.

אַ לאַנגע צייט האָט דער „היינט" פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן דעם גרויסן זכות זיינעם, וואָס זשאַבאָטינסקי האָט אויסגעקליבן די ציטונג פאַר זיין אכסניא. זיין האָנאָראַר איז געווען אַן אַנשטענדיקער. העכער פון האָנאָ־ראַר פון די אַנדערע ציטונגס־מיטאַרבעטער. אָבער קיינער האָט נישט גע־האַט קיין פּרעטענסיע. אַלע האָבן געוווסט און אַנערקענט אַז זשאַבאָטינ־סקי איז נישט אַזוי ווי אַ געוויינלעכער זשורנאַליסט.

אין „היינט" איז אַנטשטאַנען אַן ענדערונג; דאָס איז נישט געווען קיין פּלוצלינגע רעוואָלוציע, וואָס האָט געבראַכט צו דער ענדערונג פון דער ליניע, נאָר אַ רעזולטאַט פון אַ לענגלעכן פּראָצעס. י. גרינבוים האָט אויך אַלע יאָרן מיטגעאַרבעט אין דער ציטונג. אָבער ער האָט זיך קאָנ־צענטרירט אויף קעגנוואַרטס־פּאָליטיק, און זיך באַשעפטיקט איבערהויפּט מיטן יידן־פּראָבלעם אין פוילן און דעם קאַמף אין סיים. אָבער אַזוי לאַנג ווי דער „היינט" איז געווען די פּריוואַטע ציטונג פון ש. י. יאַצקאַן און די ברידער פינקעלשטיין — האָבן זיינע בעלי־בתים נישט דערלויבט ער זאָל ווערן אַן אָרגאַן פון איין פראַקציע אין פוילישן ציוניזם. די אַנשטענ־דיקע אייגנטימער פון דער ציטונג איז עס געלונגען צו זאַמלען אין זייער אכסניה די פאָרשטייער פון אַלע שטרעמונגען אין ציוניזם, אויסער זשאַ־באָטינסקין און גרינבוימען, האָבן דאָרט אויך געאַרבעט ד"ר יהושע טאָן, און ד"ר גאָטליב, פון די אידעאָלאָגן פון די אַלגעמיינע ציוניסטן־גרופּע ב' (אין פוילן האָבן זיי דאַן געהייסן „עת לבנות"). אָבער פאַר דער ציטונג זענען געקומען שווערע פינאַנסיעלע צייטן. דער ריזיקער קריזיס אין פוילן, וואָס האָט קודם כל געטראָפן די יידן (די טרויעריק־באַקאַנטע גראַבסקי־

תקופה) האָט אויך נישט אויסגעמיטן די יידישע פּרעסע. דער „היינט" איז געוואָרן א קאָאָפּעראַטיוו פון פּערסאָנאַל. פון דאַן אָן, און דאָס איז גראד געשען אין דער צייט, ווען די אַלגעמיינע ציוניסטן א' (דאָרטן האָבן זיי געהייסן „על המשמר") האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייער אָפּאָזיציאָנעלער שטעלונג צו דער פאַרברייטערטער אַגענץ, צו וויצמאַנען און דער אָפּי־ציעלער ציוניסטישער פּאָליטיק און האָבן זיך דערנענטערט צו די לינקע — האָט אָנגעהויבן בלאָזן א נייער ווינט אין „היינט". דער פענאָמענאַלער וווקס פון הצה"ר און בית"ר נאָך די געשעענישן פון 1929 אין ארץ־ישׂ־ראל, ווען די יידישע מאַפּן אין גלות האָבן געעפנט די אויגן און געזען אז זשאַבאָטינסקי איז גערעכט, האָט באַאומרואיקט די „על המשמר"־גרו־פּע און די לינקע, און זיי האָבן אָנגעהויבן א ביטערן קאַמף קעגן רעוויזיאָניזם.

אָבער אויך אין משך פון די יאָרן, פון 1929 ביז 1933, האָט זשאַבאָ־טינסקי פאָרגעזעצט זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין „היינט". קומענ־דיק קיין וואַרשע, פלעגט די רעדאַקציע איינאָרדענען פאַר אים קבלת פּנים און אָוונטן און דאָס רעדאַקציע־קאָלעגיום האָט געהאַלטן לכבוד אים רעדעס מיט שבחים (אַזוי איז דאָס געווען: די זעלבע פעדער, וועלכע האָבן אים געהויבן ביזן הימל, אַזוי לאַנג ווי ער האָט געאַרבעט אין דער צייטונג, זענען איבער נאַכט — ווען ער האָט זיי פאַרלאָזן — פאַרוואַנדלט געוואָרן אין זידלער און באַליידיקער, און זיי האָבן זיך איבערגעשטיגן איי־נער דעם אַנדערן מיטן וואַרפן אויף אים שמוץ). נאָר די אַטמאָספער איז דאָרט געוואָרן אומדערטרעגלעך. אויף די זעלבע זייטן, אויף וועלכע זיי האָבן געדרוקט זיינע אַרטיקלען, האָבן די „היינט"־רעדאַקטאָרן בכוונה פאַר „גלייכגעוויכט", געדרוקט קעגנערישע אַרטיקלען, אָבער נישט סתם פּאָ־לעמיק, נאָר מאַטעריאַל וואָס האָט אין זיך געהאַט די שווערסטע באַליידי־קונגען קעגן הצה"ר און בית"ר. „איך ווער דערשטיקט אין דער אַטמאָס־פער" — האָט ער געזאָגט. „עס פעלט מיר דאָרט לופט צו אָטעמען".

ביז ער האָט ענדלעך באַשלאָסן איבערצורייסן זיין פאַרבינדונג מיטן „היינט" און ער איז איינגעלאַדן געוואָרן אין „מאָמענט".

פאַר דער ענדערונג איז נויטיק געווען צו ברעכן פּרעיודיצירטע מיי־נונגען. צענדליקער יאָרן האָט זיך דער „היינט" גערעכנט אַלס דער ציוני־סטישער אָרגאַן. און דער „מאָמענט", כאָטש ס'האָבן אין אים געאַרבעט ציוניסטישע זשורנאַליסטן — האָט זיך גערעכנט פאַרן אָרגאַן פון די פאָל־קיסטן. און פיל האָבן געצווייפלט: ווי איז עס מעגלעך? זשאַבאָטינסקי

וועט ארבעטן אין א צייטונג וואָס איז נישט קיין ציוניסטישע און אין וועלכער עס הערשן פּאָלקיסטן?

און ווירקלעך. ער אליין האָט אין זיין אריבערגיין צום „מאָמענט" געזען א ווענדונגס-פּונקט אין לעבן. אין ערשטן ארטיקל אין זיין נייער אכסניה אונטערן נאָמען „וואָס דערציילט די שרייב-מאשין", אין וועלכן ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר זיין פרישן לעזער-פּובליקום, דעקט ער נאָר אויף צווישן די שורות די סיבה פון זיין בייטן די אכסניה. „ווען עס קומט א ווענדע-פּונקט אין דיין לעבן — זאָגט ער אין אָנהויב פון ארטיקל — דארפסטו זיך אָפּשטעלן אויף אַ מינוט און מאַכן, לכל הפּחות, א קורצן חשבון-הנפש: זיך אָפּגעבן אַליין א דין וחשבון פאַר אלץ וואָס דו האָסט געזינדיקט. און אויב דו קענסט צוזאָגן גאָט און זיך אליין, אז דו וועסט זיך באמיען אין דער צוקונפט צו פארמיידן די חטאים. און אָט ביים אונטן אונטערגעצייכנטן איז דאָ אזא ווענדע-פּונקט, אפשר א דאָפּלטער. ער דערשיינט היינט פאַר א נייען לעזער-קרייז; געוויס זענען פאַראַן צווישן זיי אויך אלטע לעזער, אפשר אויך אלטע פריינט, און ער וויל זיי אָפּגעבן אַ הארציקן גרוס. אָבער זיכער זענען אויך דאָ נייע לעזער, און די מצוה פון דרך-ארץ פאָדערט, ער זאָל זיך פאַר זיי פאָרשטעלן. די מצוה איז וויכטיק באזונדערס צוליב דער „טאָפּלטקייט" פון ווענדע-פּונקט: דאָס איבערטרעטן פאַר א נייען לעזער-קרייז קומט אין איין צייט מיט א געפער-לעכן שטורם אין אונדזער יידישער וואסער-גלאָז, א קליין גלאָז פול מיט וואסער, וואָס איז ביטערער פון אלע וואסערן פון דער וועלט. אויך דער שטורם איז א ביטערער. יידישע יונגעלייט שלאָגן איינער דעם אנדערן מיט שטעקנס און פויסטן און מיט שטיינער אין ירושלים, אין ווארשע, אין פאריז — ווער ווייסט ווו נאָך ס'קומט פאָר דער חילול השם. און בשעת דעם שיינעם טאַט פון דעמאָנסטרירן אונדזער נאציאָנאלער אחדות דערמאָנט מען אויך דעם נאָמען פון אונטערגעצייכנטן — בעיקר אלס זידל-וואָרט. ווען א מענטש שטייט פאַר א נייען קרייז פון צוהערער און ברענגט מיט זיך אזא נדן פון שנאה — בעט זיך דער חשבון-הנפש פון זיך אַליין. ס'דאכט זיך אפילו אַז יעדער ייד אין נייען הערער-קרייז קוקט אויף דיר, און די פראגע שטייט אים אין די אויגן: דו ביזט דאָך א חוטא ופושע — וואָס זענען, אלזאָ, דיינע חטאים, און טאָמער וועסטו זיי לכל הפּחות פארמיידן אין דער צוקונפט".

און ער ענדיקט דעם ארטיקל:

„וואָס איז נוגע האס — אויך דאָס איז א עצה: פּראָביר זיך צו אי-בערצוגיין, אַז שנאה איז נישט מער ווי די ערשטע שטופע פון פריינט-

שאַפט און דאַנקבאַרקייט. איך קען דיר נישט שווערן, אַז דאָס איז אמת; אפשר, איז עס ליגן. אָבער זאָלסט זיך איבערציינגן, אַז אַזוי איז עס, און ווען דו קומסט פאַר אַנייען קרייז פון לעזער, דווקא אין מאָמענט, ווען דו ביזט באַלאָדן מיט אַ שווערע לאַסט פון דיין ביטערן נדן — פאַרגעס, פאַר־בויג זיך העפלעך און מיט דרך־ארץ פאַרן פּובליקום, און זאָג: שלום עליכם, מיינע ברידער!"

אין באַשלוס אריינצוגיין אין „מאָמענט", וועלכן פיל פּאַרטיי־חברים האָבן זיך קעגנגעשטעלט, האָט זשאַבאָטינסקי געטאָן אַ גרויסע זאַך: ער האָט פאַרוואַנדלט דעם „מאָמענט" אין אַ ציוניסטישער צייטונג. זייט ער איז אַריינגעגאַנגען דאָרט — אין מערץ 1933 — האָט זיך אַלץ געענדערט אין דער צייטונג: אַלע שונאי־ציון, וועלכע האָבן אַמאָל דאָרט געשפּילט די ערשטע פידל, האָבן זיך פאַרשטעקט אין די לעכער און אַ ציוניסטישער ווינט האָט אָנגעהויבן בלאָזן פון יעדער זייט פון דער צייטונג, פון יעדן אַרטיקל, פון יעדער רעפּאָרטאַזש און פון יעדער שורה־כראָניק.

ס'איז אוממעגלעך צו שילדערן די ראָלע וואָס דער „מאָמענט" האָט געשפּילט אין דער רייניקונג פון דער אַטמאָספערע ביים גלות־יידנטום און אין אַרויסהעבנגען די פאָן פון הערצליאַנישן ציוניזם אין טראַגישן יאָר 1933. דער „מאָמענט" האָט געראַטעוועט דעם כבוד פון יידישן פאָלק. אין דעם זין האָט ער געשפּילט ממש די ראָלע וואָס ס'האָט געשפּילט די צייר־טונג פון קלעמאַנסאָ און עמיל זאָלאַ ביים דרייפוס פּראָצעס. ס'איז שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס ס'וואָלט געווען דער גורל פון ארץ־ישראלדיקן ישוב און פון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג — ווען דער „מאָ־מענט" וואָלט נישט געעפנט אין יענע טעג זיינע שפּאַלטן פאַר זשאַבאָטינ־סקין און זיין קאַמף. מ'דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז די צייטונג האָט נישט געהאַט קיין ציוניסטישע טראַדיציע. דאָס מאָל איז דער „מאָמענט" — וואָס איז שטענדיק געשווומען מיטן שטראָם —געשווומען קעגן שטראָם, די איינציקע צייטונג קעגן די אַגענץ־זשורנאַלן וואָס האָבן פאַרגיפ־טעט די ברונעמס. און געהאָלפן האָט איר אין פּוילן אורי צבי גרינבערגס „וועלט". די צוויי צייטונגען, דער טאָג־אָרגאַן און די וואָכנשריפט, האָבן געטראָגן אויף זייערע פּלייצעס אונטער דער דיריגירונג פון זשאַבאָטינסקין דעם יאָך פון דער גרויסער מלחמה, וואָס האָט געטאָן אַן אומגעהויערן נאַציאָנאַלן דינסט.

מער ווי פיר יאָר, פון אָנהויב מערץ 1933,האָט זשאַבאָטינסקי גע־אַרבעט אין „מאָמענט". זיין פריערדיקע אכסניה, דער „היינט", איז פון גרויס קנאה און כעס, געוואָרן דער האַס־אַרסענאַל קעגן אים און זיין באַ־

ווענונג. ס'איז נישט געווען אין לעקסיקאָן קיין איין זידל־וואָרט וואָס האָט נישט „באַפּוצט" די זייטן פון „היינט", ווען מ'האָט דערמאָנט דעם וועל־בער איז אין לאַנגע יאָרן געווען זיין מיטאַרבעטער. די מענטשן, וועלכע האָבן געזידלט און באַשמוצט זשאַבאָטינסקין צוליב זיינע ציוניסטישע אַנשויאונגען, האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז די דאָזיקע אַנשויאונגען זענען דאָך באַקאַנט געוואָרן אין דער וועלט גראָד א דאַנק זיי: אַז דער „היינט" האָט דאָך געפּריידיקט זיין תורה, דורכן פאַרעפנטלעכן זיינע אַרטיקלען, און פאַרשפּרייט איבעראַל זיינע אידייען.

זשאַבאָטינסקי האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף די שמוץ און זידלערייען. עס האָט אים געעקלט אַריינצוגיין אין א ויכוח מיט די העצער און אויסער דאָס וואָס זיינע פריינט האָבן אים אַמאָל דערציילט וועגן די זידלערייען אין „היינט", האָט ער נישט געלייענט וואָס מ'האָט געשריבן וועגן אים.

אין די יאָרן פון זיין מיטאַרבעט איז ער געווען צופרידן פון „מאָמענט". די צייטונגס־רעדאַקטאָרן האָבן אָפּגעהיטן די זשורנאַליסטישע אָנשטענדיקייט, און כאָטש זיי האָבן נישט געשלאָסן זייערע זייטן פאַר קריטיק קעגן הצה"ר און ס'איז אים קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו פאָדערן פון זיי צו פסלען מיינונגען פון זיינע אידעאָלאָגישע קעגנער, האָט געהערשט אין „מאָמענט" אַן אַטמאָספערע וואָס האָט אים דערמעגלעכט רויק פאָרצוזעצן זיין שרייבן.

נאָר אין 1937 איז פּלוצלינג אויסגעבראָכן דער קריזיס — צוליב זיין עוואַקואַציע־פּלאַן, דער פּלאַן פון ליקווידירן דעם גלות, און ער איז געווען געצוווּנגען זיך צו שיידן אויך פון דער צייטונג, וואָס איז אים געווען טריי קרוב פינף יאָר. כמעט אויף צוויי יאָר איז ווידער פאַרשטומט געוואָרן די שטימע פון פאָלקס־טריבון, צום טיפן ווייטאָג פון זיינע צענדליקער טויזנטער תלמידים און הונדערטער טויזנטער אָנהענגער, וועלכע זענען געווען דורשטיק צו לייענען זיין וואָרט.

ער האָט איבערגעריסן זיין מיטאַרבעט אין „מאָמענט" און אין „נאַש פּשעגלאָנד".

אין דער תקופה, אַנדערהאַלבן יאָר, האָט ער שוין נישט געהאַט קיין טעגלעכע טריבונע אין יידישן גלות. איינער פון זיינע קעגנער האָט נאָכהער געשריבן: „פאַר דעם שרייבער זשאַבאָטינסקי זענען געשלאָסן געוואָרן די טירן פון א סך יידישע רעדאַקציעס; ער, דער גלענצענדער זשורנאַליסט; ער, דער פּיקאַנטער זשורנאַליסט, דער שאַרפזיניקער און טאַלאַנטירסטער איז געצוווּנגען געווען צו שרייבן אָפּט אין אָרימע פּאַרטיי־צייט-

טונגען — און אָפּט ווען די פּאַרטיי־קאַסע איז געווען ליידיק, איז נישט געווען אפילו קיין מאָגער בלעטל, ווו זשאַבאָטינסקי וואָלט געקאָנט פאַר־עפנטלעכן זיינע רייד. און ער איז געווען זייער ערלעך. ערלעך ביז זעלבסט פּייניקונג. ער האָט פאַר קיינעם נישט איינגעבויגן זיין רוקן, אפילו נישט פאַר נויט, וואָס איז געווען אן אָפּטער גאַסט אין זיין שטוב.

דער גרעסטער יידישער פּובליציסט איז יאָרן אויף יאָרן געווען אַר־בעטסלאָז, פּשוט אַרבעטסלאָז".

ער האָט אביסל איבערגעטריבן, דער קענער. אַרבעטסלאָז איז ער נישט געווען.

# וואכזאמע טעג און שלאפלאזע נעכט

ווען די לעזער וועלן ווידער אַמאָל בלעטערן זשאַבאָטינסקיס אויטאָביאָגראַפיע, וועלכע זיי האָבן שוין זיכער פיל מאָל געלייענט, וועלן זיי שטיין ערשיטערט איבער א נבואה וואָס איז אַרויס פון מויל אייניקע פופציק יאָר צוריק, ווען ער איז נאָך געווען א יונגער בחור. די נבואה איז—צו אונדזער טיפן ווייטיק — מקויים געוואָרן אין פולן. די אויטאָ־ביאָגראַפיע איז דערשינען דריי יאר פארן אויסברוך פון דער ערשטער מלחמה. דאַן, ווען די לעזער האָבן געזעטיקט זייער נשמה מיט די פּרעכטיקע שילדערונגען אין דער אויטאָביאָגראַפיע, האָבן זיי אפשר נישט געלייגט קיין באַזונדער אַכט אויף איין פראַגמענט אין בוך. אָבער איצט, ווען זיי וועלן עס איבערלייענען, וועלן זיי פארשטיין די טראַגישע באדייטונג פון די ווערטער.

אָט אזוי דערציילט זשאַבאָטינסקי: „זיבצן יאָר בין איך אַלט געווען, ווען כ׳בין געקומען קיין בערן אין דער שווייץ. דאָרט האָב איך אויך געהאַלטן ס׳ערשטע מאָל אין מיין לעבן א רעדע, און דווקא א „ציוניסטישע" רעדע. כ׳האָבן גערעדט רוסיש, אין דעם נוסח: „איך ווייס נישט, צי כ׳בין א סאָציאַליסט, ווייל כ׳האָב זיך נאָך נישט באקענט ווי געהעריק מיט דער תורה. אָבער א ציוניסט בין איך, אָן צווייפל, ווייל דאָס יידישע פאָלק איז זייער א שלעכטעס, זיינע שכנים האָבן אים פיינט און זיי זענען גערעכט. דער סוף פון יידישן פאָלק אין גלות איז אַן אַלגעמיינע באַרטלאָמיי־נאַכט און זיין איינציקע רעטונג איז אלגעמיינע עליה קיין ארץ־ישראל".

מיט זיין זאפטיקן הומאָר זעצט ער פאָר און דערציילט: „ דער פאָר-

זיצער פון דער פארזאמלונג האָט איבערגעזעצט מיין רעדע אויף דייטש זייער קורץ, נעמלעך: דער רעדנער איז נישט קיין סאָציאַליסט, אָבער א פּאָלשטענדיקער אנטיסעמיט און עצה'ט אונדז זיך צו באַהאַלטן אין ארץ־ישראל, טאָמער וועט מען וועלן אונדז אַלע אויסשעכטן". נאָך דער פאַר־זאַמלונג איז צו מיר צוגעגאַנגען חיים ראַפּאַפּאָרט (שפּעטער, שאַרל ראַ־פּאַפּאָרט, איינער פון די פירער פון די פראַנצויזישע קאָמוניסטן) און גע־זאָגט מיט א פאַרגיבנדן שמייכל: „כ'האָב זיך נישט גערעכט אז אין דער רוסישער יוגנט איז נאָך פאַראַן אָט דער זאָאָלאָגישער טיפּ פון אנטיסע־מיט".

„אָבער איך בין נישט קיין רוס, האָב איך געענטפערט, און ער האָט נישט געוואָלט גלויבן".

איצט, ווען מיר שטייען אויף איין גרויסן קבר, וואָס איז צעשפּרייט איבער גאַנץ איירצפּע, זעען מיר מיט אונדזערע אויגן די רעזולטאַטן פון דער באַרטלאָמייער־נאַכט פון יידישן גלות. זשאַבאָטינסקי האָט זי געזען, ווען ער איז נאָך געווען א יונגער בחור, אָבער די יידישע מנהיגים, די שרייבער און וועגווייזער, האָבן זי נישט געזען, און דעם גרויסן ווארנער און וועקער האָבן זיי באַשמוצט און געזידלט.

די דאָזיקע געשפּענסט־וויזיע האָט נאָכגעיאָגט זשאַבאָטינסקין זיין גאַנץ לעבן און ער האָט זיך פאַרמאָסטן אויף איר מיט אַלע זיינע כוחות, כדי צו ראַטעווען זיין פאָלק.

ב.

ווען ער האָט סוף 1935 פאַרלאָזן פאַריז און איז אריבער קיין לאָנדאָן, האָט ער צום אָנהויב געמיינט אז מינדעסטנס אויף א לענגערער תקופה וועט קומען א סוף צו זיינע וואַנדערונגען און ער האָט געוואָלט בלייבן אין ענגלאַנד א יאָר־צוויי, כדי צו אַנטוויקלען זיין פּאָליטישע טעטיקייט צווישן די ענגלישע רעגירונגס־מענער און עפנטלעכער מיינונג.

אָבער דער גורל האָט אים נישט געלאָזט רוען. מיט זיין נביאישן חוש האָט ער דערפילט, אז ס'דערנענטערט זיך א שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע, וואָס וועט אויסקערן דעם גלות־יידנטום.

צוזאַמען מיט די סימנים אז עס דערנענטערט זיך א תקופה פון אומרוען אין ארץ־ישראל, האָבן זיך מיט איינמאָל באַוויזן — ווי א צייכן

פון הימל — פון די גלות־לענדער, סימנים, וועלכע האָבן ארויסגערופן זאָרג.

די אנטיסעמיטן אין פוילן האָבן אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אריינגעטראָגן אין „סיים" א פאָרשלאָג צו פארבאָטן די יידישע שחיטה. אין ווארשעווער אוניווערזיטעט זענען די קריסטלעכע סטודענטן אָנגעפאלן אויף די יידישע אקאדעמיקער, זיי געשלאָגן, אראָפּגעוואָרפן פון די טרעפּ און פארוואונדעט פיל יידן. די רעגירונג איז געווען געצוווּנגען צו שליסן די אוניווערזיטעטן, כדי צו פארמיידן די פארשפרייטונג פון די אומרוען. אין פשיטיק, א יידיש שטעטל אין פוילן, איז פאָרגעקומען א פּאָגראָם.

שוין נישט רעדנדיק וואס ס'איז געשען מיט די יידן אין דייטשלאנד אונטער היטלערס הערשאפט, האָט דער יידן־האס פארפלייצט אלע גלות־ישובים. אפילו אין טשעכאָסלאָוואקיע, וווּ די יידן האָבן געלעבט ווי אין א „גן־עדן" אין פארגלייך מיט די אנדערע לענדער, זענען פאָרגעקומען אָנפאלן קעגן יידן אין א שטעטל אין דרום פון באָהעמיען.

זשאבאָטינסקי האָט געזען מיט זיין וווייטזעענדיקן בליק דעם אָנקומענדן שטורם. ער האָט געפילט אז מ'קען מער נישט בלייבן אין לאָנדאָן און זיך באגנוגנען מיט פּאָליטישער טעטיקייט. „די טריט ברענען אונטער די פיס" — האָט ער געזאָגט, און אין פרילינג 1936 האָט ער פארלאָזן ענגלאנדס הויפּט־שטאָט און איז ארויס אויף א לאנגער ערמידנדער רייזע.

איידער ער איז ארויס אין וועג, אין אפּריל 1936, האָט ער געשריבן זיין רירנדן ארטיקל „ממעמקים" (פון דער טיפעניש), אין וועלכן ער האָט געשטעלט אָפן דעם פּראָבלעם פון עוואקואציע פון גלות. דערשיטערנדע זענען די ווערטער, וועלכע זענען ארויס פון זיין מויל: „וואָס וועט זיין דער גורל פון די יידן? איך האָב אפילו נישט בדעה צו „שילדערן" זייער לאגע אין אלע גלות־לענדער, ווייל דאָס איז דאָך „לאנגווייליק". דער יידישער לעזער רעאגירט שוין נישט אויף די גרויזאמקייטן וועלכע געשעען דאָרט אָפּט. איז דען נישט אלץ איינס, ווו דאָס איז געשען? דער שטריק פארציט זיך אלץ ענגער ארום אונדזער האלז. אונדזער פאָלק שטייט פארן פּראָבלעם פון אויסוואנדערונג. ס'איז זיכער, אז מיר וועלן מוזן ארויספירן אין גיכן פון גלות פיל מיליאָנען און ס'איז נישטאָ קיין ממשותדיקע מעגלעכקייטן דערצו אויסער די גרענעצן פון ארץ־ישראל. און דאָס איז ציוניזם. די לעזונג פון פּראָבלעם פאר אַלע וועלכע קענען נישט שלום מאכן מיטן גלות. היינט זענען אָט די אלע עטלעכע מיליאָנען און מאָרגן וועט זייער צאָל זיין נאָך גרעסער. דער קאמף פאר אזא צוועק מוז טראָגן אן אנדערן כאראק־

טער. א פאָלק אין א גרויסן פּיין מוז אויסאַרבעטן א גרויסן פּלאַן און קעמפן פאַר זיין דורכפירונג".

און ער האָט אויסגעאַרבעט דעם גרויסן רעטונגס־פּלאַן, דעם „נאָרדוי־פּלאַן".

ער איז אַוועק צו זיינע ברידער, כדי זיי וועקן אַוועקצופאָרן, און צו די רעגירונגען און מיניסטאָרן — זיי זאָלן דערלייכטערן די יידן דעם אַרויספאָר. זייט דאַן האָט ער באַזוכט פיל מאָל פּוילן, וווּ ס'איז געווען דער גרעסטער און פרוכטבאַרסטער יידישער קיבוץ. געווען אין אַלע באַלטישע לענדער, אין ליטע, לעטלאַנד, עסטאָניע און פינלאַנד. געווייזט אין עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע. געפאָרן קיין רומעניע, יוגאָסלאַוויע, בולגאַריע, און גריכנלאַנד. באַזוכט בעלגיע, האָלאַנד און פראַנקרייך. און צוויי מאָל האָט ער געמאַכט זיין לאַנגע רייזע אין דרום־אַפריקע.

ער איז אָפּגעשטיגן אין עגיפּטן, כדי זיך צו באַגעגנען מיט די פאַר־שטייער פון דער ארץ־ישראלדיקער באַוועגונג („נאָר פון דער ווייטן וועסטו זען דאָס לאַנד, און דאָרט וועסטו נישט אַריינקומען!"), און ווען ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה און די טויערן צו די יידישע קיבוצים אין אייראָ־פּע זענען געשלאָסן געוואָרן — איז ער אַוועק קיין אַמעריקע, צום גרעסטן יידישן קיבוץ, וואָס איז געבליבן אין דער וועלט.

ער האָט אין זיינע נעזלעכער געשפּירט דעם ריח פון דינאַמיט, וואָס האָט ביים אויפרייסן און אָפּמעקן פון דער ערד גרויסער יידישער קיבו־צים. טראָץ זיין מידקייט פון רייזעס, פון רעדעס און פאַרזאַמלונגען, פון שרייבן ביכער און אַרטיקלען, האָט ער געמאַכט א וועט־לויף מיטן שטן. ער האָט נישט געוואָלט רוען, נישט געקענט רוען. אפשר וועט ער פאַרלויפן דעם אומגליק, וואָס לויפט מיט שנעלע טריט אין דער ריכטונג פון די יידי־שע צענטערן. ער האָט זיך נישט דערלויבט אַרויסצופאָרן אויף א לענגערן אורלאָב. אָט, אָט די כוואַליעס לויפן און פאַרפלייצן יעדעס מאָל א נייען שטח! שווין באַלד וועט נישט זיין ווו צו אַנטלויפן פאַרן מבול. שנעל, שנעל! מיט זיינע לעצטע כוחות איז ער געלאָפן — מיט אַן אַעראָפּלאַן, מיטן באַן, מיטן וואָגן און צופוס. אפשר וועט ער קומען פריער צו ציל, און זיינע ברידער יידן וועלן געראַטעוועט ווערן.

ער האָט זיי סיגנאַליזירט און געוואָרנט קעגן דער דערנענטערנדער זיך סכנה. אָבער זיי האָבן נישט געלייגט קיין אכט אויף זיינע אַלאַרם־סיגנאַלן.

ער איז געקומען קיין פּוילן און האָט פאָרגעשלאָגן איר אויי סערן־מיניסטער, פּולקאָווניק בעק, א רעטונגס־פּראָגראַם פאַר זיינע ברידער, דעם באַקאַנטן „עוואַקואַציע ־ פּלאַן".



זשאַבאָטינסקי קומט אָן אויפֿן פלי־פעלד.
עם שטייען (פון רעכטס אויף לינקס): ד״ר י. דאַם, א. רעמבאַ,
ז. זשאַבאָטינסקי און א. קאפעלאָוויטש.

דאן האָט זשאבאָטינסקי געארבעט אין צוויי צייטונגען אין פוילן, אין „מאָמענט" אויף יידיש און אין „נאש פשעגלאָנד" אין דער פוילישער שפראך. ווי געוויינלעך, איז ער אויך דאָסמאָל אויפגענומען געוואָרן מיט גוואלטיקער באגייסטערונג. אויך דאָסמאָל האָבן זיך ווידערהאָלט די רירנ־דע סצענעס פון קבלת־פנים פארן „מלך פון די יידן" (דער זשידאָווסקי

קרול", ווי די פּאַלאַקן האָבן אים גערופן). טויזנטער מענטשן האָבן אים אָפּגעוואַרט ביים וואַקזאַל, און אויף די וואַרשעווער גאַסן — אָוואַציעס און התלהבות.

דעם טאָג ווען ער איז אָנגעקומען זענען די יידישע צייטונגען אַרויס־מיט לויב־אַרטיקלען פאַר אים, אויסער פאַרשטענדלעך, דער יידישער אַגענץ־אַפּיציאָז „היינט" און די בונדישע „פאָלקסצייטונג". פון די ביידע האָט מען נישט געקענט דערוואַרטן קיין אַנדער באַציאונג. וואָס אַן אמת, האָבן זיי נישט געשוויגן, ווייל ס'איז אוממעגלעך געווען אַריבערצוגיין שווייגנדיק איבער אַזאַ געשעעניש ווי זשאַבאָטינסקיס אַ באַזוך אין צענטער פון יידישן גלות. די האָבן געזידלט, דאַקעגן דער „מאָמענט" און „נאַש פּשעגלאָנד" האָבן אים געלויבט.

כדי צו אָרגאַניזירן די פּראָפּאַגאַנדע פאַר זיין פּלאַן נישט נאָר צווישן יידן, נאָר אויך אין דער עפנטלעכער מיינונג פון הערשנדן פאָלק, האָבן די לייטער פון הצה"ר איינגעאָרדנט, אַז אין איינער פון די איינפלוסרייכסטע פּוילישע צייטונגען זאָל געגעבן ווערן אַ ספּעציעלע ביילאַגע געווידמעט פאַר אויפקלערונג פון יידישן פּראָבלעם אין גייסט פון זשאַבאָטינסקיס פּראָ־גראַם.

אויף צו מאָרגנס נאָך זיין אָנקומען איז דערשינען אין דער קאָנסער־וואַטיווער פּוילישער צייטונג „טשאַס" אין קראָקע (אַרום דער צייטונג האָבן זיך געזאַמלט די „לוויתנים" פון דער פּוילישער אינדוסטריע, וועלכע האָבן געהערשט אין פּוילן הינטערן די קוליסן) אַ ספּעציעלע ביילאַגע געווידמעט דעם פּלאַן פון דער „בינדנים־פּאָליטיק" און דער ליקווידאַציע פון גלות. דער יסוד פון דער „בינדנים־פּאָליטיק" איז באַשטאַנען אין דעם, אַז אין דער ארץ־ישראל פראַגע איז ענגלאַנד נישט דער איינציקער פּאַרטנער, און אַז אַלע פעלקער וווּ ס'געפינען זיך יידישע קיבוצים, האָבן דאָס רעכט אויס־צו איבן זייער איינפלוס, ווייל ענגלאַנד איז נישט קיין בעל־הבית איבערן לאַנד, נאָר האָט באַקומען דעם מאַנדאַט פון 54 פעלקער.

אין דער ביילאַגע איז אָפּגעדרוקט געוואָרן זשאַבאָטינסקיס באַרימטער אַרטיקל „ אַ גינסטיקער שטורם". אין דעם אַרטיקל האָט ער אַנטוויקלט דעם געדאַנק פון צוויי סאָרטן אַנטיסעמיטיזם: „אַנטיסעמיטיזם פון מענטשן, וואָס איז אַ סוביעקטיווער — און אַנטיסעמיטיזם פון זאַכן, וואָס איז אַ אָביעקטיווער". אין דער זעלבער ביילאַגע זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָך צוויי אַרטיקלען, פון ד"ר יוסף שעכטמאַן און ד"ר יוחנן באַדער.

דעמזעלבן טאָג האָט זשאַבאָטינסקי צענויפגערופן אין האָטעל „איירא־פּעיסקי" אין וואַרשע אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, צו וועלכער ס'זענען געקומען

די קאָרעספּאָנדענטן פון אַלע אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנער צייטונגען און די טעלעגראַפן אַגענטורן. אויך די פאָרשטייער פון דער פּוילישער פּרעסע זענען געקומען, און פאַרשטענדלעך די רעפּרעזענטאַנטן פון דער יידישער פּרעסע אין לאַנד.

צווישן די יידישע זשורנאַליסטן האָט געהערשט אַ שפּאַנונג. זיי האָבן זיך געבייזערט פאַר וואָס „מ'טראָגט אַרויס אונדזערע ענינים אין דרויסן" און אַז אין אַ פּוילישער צייטונג איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן זשאַבאָטינסקיס רעטונגס־פּלאַן.ער האָט נישט געקענט באַגרייפן וואָס איז די בהלה. זיין כוונה איז דאָך געווען צו לערנען די גויים אַ קאַפּיטל ציוניזם, און זיי לייענען דאָך נישט די יידישע צייטונגען. אויסער דעם איז דער יידן־פּראָבלעם נישט קיין אינערלעכע זאַך נאָר אַ וועלט־אינטערעס, און דאָס איז דאָך געווען די הויפּט־אידייע פון טעאָדאָר הערצל. אָן ספק, האָט דאָ געווירקט צווישן די יידישע זשורנאַליסטן דער גלות'דיקער געטאָ־אינסטינקט, און זיי האָבן געהאַלטן ממש פאַר אַ פאַרברעכן דאָס פאַרעפנטלעכן אַרטיקלען וועגן ציוניזם אין אַ קריסטלעכער צייטונג.

אין דער פּרעסע-קאָנפערענץ האָט זשאַבאָטינסקי אַנטוויקלט זיין פּלאַן און אים דעפינירט ס'ערשטע מאָל מיטן באַגריף פרייוויליקע עוואַקואַציע. אָבער אין די מוחות פון די יידישע זשורנאַליסטן אין פּוילן האָט זיך דאָס וואָרט „עוואַקואַציע" אידענטיפיצירט מיט די באַגריפן, וועלכע זענען זיי געווען באַקאַנט פון די אַלטע יאָרן, באַזונדערס פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען גאַנצע יידישע געמיינדעס זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן דורכן רוסישן צאַריסטישן מיליטער פון זייערע וווין־ערטער. די אַרויסטרייבונגען האָבן געהייסן אין דער יידישער פּרעסע „עוואַקואַציע". אַלזאָ, ס'איז דאָך „קלאָר": זשאַבאָטינסקי שלאָגט פאָר אַרויסצוטרייבן די יידן פון פּוילן". האָט איר שוין געזען אַזאַ אַנטיסעמיט?

ס'ווייזט אויס, אַז די „באַרטלאָמיי־נאַכט" איז נגזר געוואָרן פון הימל, ווייל גאָט האָט געשטראָפט מיט בלינדקייט כמעט אַלע יידן, ציוניסטן און שונאי־ציון, ער האָט האַרט געמאַכט זייערע הערצער. אין העצע־צוג קעגן זשאַבאָטינסקין, וואָס האָט זיך געעפנט באַלד נאָך דעם פאַרעפנטלעכן פון זיין פּלאַן, האָבן אַנטייל גענומען אַלע: דער גרעסטער טייל פּאַרטייען אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אַגודה'ניקעס, בונדיסטן, פּאָלקיסטן און סתם אַסימילאַטאָרן. און דער קלאַנג פון דער העצע איז דערגאַנגען צו די אויערן פון די יעווסעקעס אין מאָסקווע און זיי זענען, נאַטירלעך, צוגעטרעטן צום שאַקאַלן־געיאָמער. גראָד יענעם יאָר איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ קאָמוניקאַט פון דער סאָוויעטישער רעגירונג וועגן

דער פאַרברייטערונג פון דער קאָלאָניזאַציע אין ביראָבידזשאַנישן אויטאָ־נאָמען ראיאָן אין א סאָוויעטישער „יידישער מדינה". די יידישע קאָמור־ניסטישע צייטונג, דער „עמעס", וואָס איז ארויס קלאַפּן מיט פּויקן לכבוד דער סאָוויעטישער פּראָקלאַמאַציע, האָט דאָ געפונען א גינסטיקע געלעגנ־הייט זיך צו סאָלידאַריזירן מיט „כלל־ישראל". אזוי האָט דער „עמעס" גע־שריבן: „אין דער צייט ווען אין נירנבערג קומט פאָר דער קאָנגרעס פון די דייטשע פאַשיסטן, ייען היטלער האָט אָנגעהויבן א נייע אקציע צו רודפן די יידן; אין דער צייט ווען דער יידישער פאשיסט זאב זשאַבאָטינסקי זעצט פאָר די פאַרהאַנדלונגען מיט די אַנטיסעמיטן אין פּוילן וועגן „עקזאָדוס" פון מיליאָנען יידן פון פּוילן — האָט די מעלדונג וועגן ביראָ־בידזשאַן א באַזונדערע באַדייטונג. ווייל אויסער די גרעניצן פון סאָוויעט־רוסלאַנד גייט אָן דער פּראָצעס פון אכזריות'דיקער עקאָנאָמישער פאַרניכטונג פון די יידי־שע מאסן מיט דער הילף פון די פאַשיסטן פון זשאַבאָטינסקים לאַגער".

אָבער די יעווסעקציע איז געווען דאַן נאָר א קליינער אינסטרומענט אין אָרקעסטער. דער הויפּט-מוזיקאַנט איז געווען דער כלומרשט ציוניס־טישער „היינט" אין ווארשע, אונטער דער רעדאקציע פון ד"ר משה סנה־קליינבוים. און גאָט האָט זיי צוגעשיקט אַן אויסגעצייכנטן דיריגענט, דעם יידישן שרייבער שלום אַש.

ס'איז געווען הערבסט 1936. היטלער איז שוין געזעסן ווי געהעריק אויפן זאָטל. און איבער גאַנץ אייראָפּע האָט געבושעוועט דער אַנטיסע־מיטיזם.

אין דער זעלבער צייט איז שלום אַש געקומען אויף א באַזוך קיין ווארשע. ער איז געקומען פון זיין ווילע אין ניץ, אויף דער פראנצויזישער ריוויערע, א זאַטער, א רייכער מיט א גרויסן פאַרמעגן. דער „היינט", וואָס האָט אזוי ביטער באַקעמפט דעם יידישן פּאַטריאָט זאב זשאַבאָטינסקי, האָט זיך דאַקעגן „פאַרכלינעט" פון התלהבות פארן שרייבער, וועלכער האָט זיך פאַרבענקט נאָך כריסטוסן, און אזוי שילדערט די ציוניסטישע צייר־טונג שלום אַש'ם אויסזען, ווען ער איז אַראָפּ פון צוג: „דער טעמפּעראַ־מענט און די פרישקייט פון חשובען גאַסט רופן ארויס התלהבות. אין זיין פּנים איז נישט צו דערקענען קיין סימן פון מידקייט. טראָץ זיינע גרויע האָר דאָ און דאָרט זעט ער אויס יונג. מיט שטאַרקע און פעסטע טריט שפּרייזט ער אין זיין צימער אין האָטעל „אייראָפּעיסקי".

דער „היינט"־קאָרעספּאָנדענט האָט זיך געאיילט צו באַקומען אַן אינ־טערוויו מיט אים. דער זשורנאַליסט הויבט אָן מיט א פראַגע וועגן גע־זונט־צושטאַנד און די ליטעראַרישע פּלענער פון שרייבער. אָבער ער האָט

נישט קיין חשק זיך אָפּצושטעלן לאַנג וועגן דעם. איש זאָגט: — לאָמיר בעסער רעדן וועגן „ענינים וועלכע זענען נוגע די פּוילישע יידן".

דעם „היינט"-רעפּאָרטער דאַרף מען נישט ציען פאַר דער צונג. ער קען זיין מלאכה. ער הויבט אָן מיט א פראַגע: „וואָס איז אייער מיינונג וועגן זשאַבאָטינסקיס שליחות אין פּוילן, וועגן זיינע אַרטיקלען און זיין מעלדונג פאַר דער אויסלענדישער פּרעסע?

ער האָט געטראָפן אין פּינטל. אָט אַזוי שילדערט ער שלום אַש'ס רעאַקציע: — „ווען ער רעדט וועגן זשאַבאָטינסקין, קען זיך דער גרויסער דיכטער קוים באַרויקן. זיין שטימע און זיינע הענט ציטערן. און דאָס זענען שלום אַש'ס ווערטער:

„וואָס זשאַבאָטינסקי טוט איצט אין פּוילן, גייט איבער יעדער גרעניץ. אין זשאַבאָטינסקין זע איך א גוי. ער האָט נישט קיין באַציאונג צום לעבעדיקן ייד, נאָר צו דער אידעע. זשאַבאָטינסקיס דערקלערונג פאַר דער פּוילישער עפנטלעכער מיינונג, אַז מ'דאַרף אַרויספירן די יידן פון פּוילן, ברענגט שאָדן דעם ציוניזם און די לעבעדיקסטע אינטערעסן פון אונדזער פאָלק. אַזא „ציוניזם", וואָס אידענטיפיצירט זיך מיט עוואַקואַציע פון יידן, וועט אַרויסרופן אין דער גאַנצער וועלט דעם ביטערסטן אָפּוועהר-קאַמף, ווייל אַזא ציוניזם ווערט דער געפערלעכסטער כלי-זין אין די הענט פון אונדזערע שונאים און גראָבט אונטער די יסודות פון אונדזער עקזיסטענץ. מ'דאַרף זיין א מענטש מיט אַ שטיינערנע האַרץ, אָן שום הומאַנישן געפיל פאַר מענטשלעכע ליידן — שרייט אוים אַש מיט פּאַטאָס — כדי אַרויסצולאָזן פון מויל א זעלכע ווערטער, כדי צו האָבן דעם אומפאַרשעמטן מוט צו קומען אין אַזא שרעקלעכער תקופה מיט אַזא פאָרשלאָג קיין פּוילן".

„קיינע רעוויזיאָניסטישע מאַנטלען, אין וועלכע זשאַבאָטינסקי און זיינע חברים וויקלען זיך איין, קענען נישט פאַרדעקן די חרפּה און דעם גאווה'דיקן און נידערטרעכטיקן וואַנזין פון פאַרבלענדנדער גרויסקייט, וואָס האָט אַראָפּגעגליטשט די דאָזיקע מנהיגים בארג אַראָפּ און פירט זיי צו די רייען פון אונדזערע שונאים בנפש. ווי איז צו א פאָלק, וואָס האָט אַזעלכע מנהיגים! דער טאַט פון די דאָזיקע הערן איז אַ פאַרברעכן, איז אַ מעסער פון א שונא אין יידישן האַרץ!"

„דערווייל איז נאָך נישטאָ קיין ווינקל פאַר אונדז. עס זענען נאָך פאַר אונדז פאַרשלאָסן אַלע טויערן און ביי דער איינציקער קליינער טיר, וואָס איז נאָך געבליבן אָפן פאַר אונדז אין ארץ-ישראל, האָט זיך אַוועקגעשטעלט ה' זשאַבאָטינסקי, דער דאָזיקער פּעאיקער פאַרשוין וואָס קען די פּיסק-מלאכה, כדי צו פאַרשליסן די דאָזיקע טיר פאַר אונדז. איצט העלפן די דאָ-

זיקע הערן מיט זייערע פּוסטע און גאווה׳דיקע רייד אַרויסצוואַרפן די יידן פון די ערטער ווו זיי לעבן, אין וועלכער ערד זיי זענען פאַרוואָרצלט מיט הונדערטער וואָרצלען, אַלס רעזולטאַט פון אַ טויזנט־יעריקן פּראָצעס".

„ה׳ זשאַבאָטינסקי! — זעצט שלום אַש פאָר מיט התלהבות און רוגזה — די יידן זענען נישט אַראָפּגעפאַלן אין פּוילן פון דער לבנה נעכטן אָדער איבערנעכטן, אַז מ׳זאָל זיי דאַרפן עוואַקואירן פון פּוילן. זיי זענען נישט אַראָפּ אויף פּוילן ווי אַ היישעריק, אַז זשאַבאָטינסקי זאָל דאַרפן קומען פון פּאַריז און לאָנדאָן, כדי צו העלפן מיט ווערטער־גאַזן צו פּאַרטיליקן דעם היישעריק. מיר האָבן נישט געמאַכט קיין אינוואַזיע, אַז מ׳זאָל אונדז דאַרפן עוואַקואירן.

„איצט, ווען אַלע טויערן זענען פאַר אונדז פאַרשלאָסן און די לאַגע פון די פּוילישע יידן רופט אַרויס זאָרג צווישן די בעסטע מענטשן אין דער וועלט — צו קומען איצט און העלפן אַריינטרייבן די יידישע מאַסן אין אַ פאַרצווייפלטער סיטואַציע, דערצו דאַרף מען זיין אַן אַ מענטשלעכן געפיל".

שלום אַשס אינטערוויו איז געווען די אַוואַנטורע פאַר אַ ברייט פאַר־צווייגטער העצע און זידלערייען, פאַר שקרים און רכילות וואָס אפילו זשאַ־באָטינסקי, וועלכער איז געווען געוווינט צו קעמפן דאָס גאַנצע לעבן אין אַן אַטמאָספער פון שנאה — איז איבעראַשט געוואָרן זעענדיק די פאַרברע־כערישע איינייקייט אין קעגנערשאַפט צום רעטונגס־פּלאַן.

אַ שווערע מלחמה האָט זיך אָפּגעשפּילט אין זיין נשמה. ער האָט גע־האַט שלאָפלאָזע נעכט, ווען ער האָט געטראַכט וועגן אכזריות׳דיקן גורל פון זיין פאָלק, וואָס מאַרשירט מיט אָפענע אויגן צום אָפּגרונד. אין די מאָ־מענטן פון ספקות, האָט ער געטראַכט איינצופּאַקן די זאַכן און צוריקפאָרן קיין לאָנדאָן, אַוועקוואַרפן די פּאָליטישע אַרבעט און זיך ווידמען אינגאַנצן יוגנט־דערציאונג און ליטעראַטור. אָבער זיין געוויסן האָט אים נישט גע־לאָזט צורו. ניין, ער קען נישט פאַרלאָזן זיינע ברידער אויף גאָטס באַראָט. אפשר וועלן זיי זיך אויסניכטערן פון זייער שכרות, אפשר וועלן זיי זיך אָפּ־קערן פון זייערע פאַרפירענדע מנהיגים און שרייבערס און זיי וועלן זיך ראַטעווען. ער האָט נישט רעאַגירט אויף שלום אַש׳ס רייד, אויף אַן אָנפאַל פון אַ מענטש וועלכער האָט אין זיין לעבן נישט געטאָן קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער פאַרן ציוניזם און וואָס האָט שוין געדינט אַ סך געטער. זשאַבאָ־טינסקי האָט אפילו נישט אָפּגעלייקנט די בייזוויליקע שקרים פו אַשן און פון דער „היינט"־העצע. ער האָט זיי נישט געזאָגט מוסר, נאָר אין אַן איינ־געהאַלטענעם טאָן האָט ער אויפגעקלערט די יידן זיין שטעלונג, אפשר וועלן זיי דאָך צו זיך קומען.

אָבער דער שאַקאַלן־יאַמער האָט נישט אויפגעהערט און אַזוי איז ער ווידער געשטאַנען, אַזוי ווי 1917 ביים לעגיאָן, כמעט דער איינציקער מיט אָפענע אויגן קעגן כלל פון פאַרבלענדעטע.

עטלעכע טעג נאָך אַש'ס באַליידיקנדע דערקלערונג אין „היינט", האָט טעלעפאָנירט צו זשאַבאָטינסקין אין האָטעל אַריין אַ פאָרשטייער פון „מאָמענט". אויך די צייטונג, אין וועלכער ער האָט מיטגעאַרבעט און וואָס האָט געהאַט אַ זעלבע פאַרדינסטן פאַר רייניקן די אַטמאָספער אויף דער יידישער גאַס ביים אַרלאָזאָראָוו־פּראָצעס, איז איצט צוגעטרעטן צו זיינע באַקעמפער. די אַנטי־ציוניסטישע עלעמענטן אין דער צייטונג, נח פּרילוצקי און סטופּניצקי, פאָלקיסטן, וועלכע האָבן אַ לענגערע צייט נישט געוואַגט אויפצוהייבן דעם קאָפּ, האָבן איצט ווידער גענומען שווימען אויף די שמוציקע כוואַליעס. זיי האָבן געשיקט אַ רעפּאָרטער צו האָבן אַן אינטערוויו מיט זשאַבאָטינסקין, אָבער נישט מיט דער כוונה צו וויסן און אינפאָרמירן דעם אמת, נאָר אויסצושפּרייטן אַ נעץ פאַר זיינע פיס, ער זאָל אַריינפאַלן. די רעדאַקציע האָט בלויז געגעבן אַ דירעקטיוו דאָס צו מאַכן אין אַן אַנשטענדיקער פאָרם. זשאַבאָטינסקי איז דאָך געווען זייט יאָרן זייער מיטאַרבעטער.

אַזאַ דיאַלאָג האָט זיך געפירט צווישן זשאַבאָטינסקי און דעם „מאָמענט" - רעפּאָרטער:

דער זשורנאַליסט: „צי איז אייך באַקאַנט די אויפרודערונג וואָס די פראַגע פון דער מאַסן־אויסוואַנדערונג האָט אַרויסגערופן"?

זשאַבאָטינסקי: יאָ. זי איז מיר באַקאַנט. און איך מיין, אַז די סיבה פון דער אויפרודערונג שטעקט אין וואָרט „עוואַקואַציע". ס'איז ווייזט אויס נישט קיין געלונגענער וואָרט, וואָס רופט אַרויס מיספאַרשטענדענישן. איך באַנוץ זיך מיט דעם וואָרט, ווייל דאָס איז דער טערמין פון הערצלען. ער האָט דאָך געשריבן, אַז דער גלות באַשטייט אויף אַ העלפט פון אַזעלכע „פּאָזיציעס" אַז מיר יידן ווילן זיך פרייען זיי צו עוואַקואירן, אוועקציִען פון זיי".

דער זשורנאַליסט איז נישט געווען צופרידן, וואָס ס'איז אים נישט געלונגען אויסצוגליטשן זיין אינטערוויואירטן, האָט ער ווייטער געפרעגט:

— „צי האָט איר געלייענט אַז איין אַנטיסעמיטישע צייטונג, קאָמענטירנדיק דעם צען־יאָר פּלאַן פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט דערקלערט אַז דער פּלאַן דאַרף נאָך דערגענצט ווערן, נעמלעך: אַוועקנעמען פון די יידן זייערע פּאָליטישע רעכט, און דורכדעם וועט זיך שטאַרקער לאָזן פילן דער עמיגראַציע־הונגער?"

מיט דער זעלבער רואיקייט, מיט אומגעוויינלעכן געדולד און מיטן רעספּעקט וואָס ער האָט געהאַט פאַר יעדן פאַר־קאָלעגע, האָט זשאַבאָטינ־סקי געענטפערט:

— „ניין. כ׳האָב נישט געלעזן. ס׳איז נישט כדאי. נאָך פאַרן „צען־יאָר־פּלאַן״ האָבן די אַנטיסעמיטן געזאָגט דאָס זעלבע לגבי דעם געוויינלעכן ציוניזם. נאָר אויב מ׳וואָלט געדאַרפט געבן אַ ערנסטע תשובה צו דער טענה, איז זי שוין געגעבן געוואָרן אין פּאַלעסטינע־מאַנדאַט. זעט אין פּרעאַמבל פון מאַנדאַט, פּאַראַגראַף 30, אַ תנאי געשריבן שוואַרץ אויף ווייס, אַז מ׳טאָר נישט איינפירן קיין ענדערונג אין סטאַטוס פון די יידישע בירגער אין יעדן לאַנד אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רעאַליזאַציע פון דער „נאַציאָנאַלער היים״ פאַרן יידישן פאָלק. דעריבער, אויב וועלכע ס׳איז אַנטיסעמיטישע רעגירונג וואָלט געהאַנדלט לויט דער עצה פון דער אַנטי־סעמיטישער צייטונג, וואָלט דעם צוגענומען געוואָרן פון איר דאָס רעכט צו האָבן אַ וועלכע ס׳איז דעה אין די ארץ־ישראל פראַגן, און דורכ־דעם וואָלט דאָס לאַנד פאַרלוירן פאַר אונדז איר פּאָליטישע באַדייטונג פון שטאַנדפּונקט פון פּאָליטישער הילף פאַרן ציוניזם״.

דער זשורנאַליסט האָט נעבעך נישט געהאַט קיין גליק צו ברענגען צו זיינע בעל־בתים „סחורה״ לויט זייער געשמאַק, אָבער די פּאָלקיסטישע רע־דאַקטאָרן פון דער צייטונג און זייערע בונדיסטישע מיטאַרבעטער האָבן נישט אָפּגעשטעלט די העצע.

דער עכאָ פון דער פּאָלעמיק איז אַריבער די גרעניצן פון פּוילן און איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל. צום אָנהויב האָבן מיר געמיינט, אַז די פּרע־סע אין דעם פאַטערלאַנד וועט טאַדלען די העצע און אפילו די קעגנערישע פּרעסע וועט שטיצן זשאַבאָטינסקיס פּלאַן, וואָס צילט צו דערמעגלעכן אַ גרויסע יידישע עליה קיין ארץ־ישראל. אָבער די פּאַרטייאישע שנאה האָט פאַרבלענדט אויך די ארץ־ישראלדיקע. זיי זענען נישט געבליבן הינטער־שטעליק אין זידלערייען. דעם 19־טן אָקטאָבער 1936 איז אין דער אָוונט־צייטונג פון מפא״י ־אָרגאַן „דבר״ אָפּגעדרוקט געוואָרן פאָלגענדע נאָטיץ:

„דער מנהיג (זשאַבאָטינסקי), וועלכער באַשעפטיקט זיך אַלע יאָרן מיט פאַרקרימען יעדן געזונטן געדאַנק אין ציוניזם, וואָס שפּרינגט אומעטום אַרויס בראש און ברענגט יעדע זאַך צו שגעון — האָט אויך איצט געטאָן דעם יידישן פאָלק און דעם ציוניסטישן אידעאַל אַ בערישע טובה, וואָס נאָר אַזאַ צעלאָזענער אַוואַנטוריסט ווי ער איז פעאיק דערצו״.

און נאָכדעם ווי די מפא״ישע צייטונג האָט „פאַרגעשטעלט זשאַבאָטינסקין פאַר אירע לעזער, דערקלערט זי אין אַ לאַנגן אַרטיקל, אַז

„מיר ווילן נישט און קענען נישט ארויסגעטריבן ווערן קיין ארץ־ישראל מיט דער הילף פון פוילישע אנטיסעמיטן, וועלכע רודפן אונדז און ווילן זען אונדזער חורבן. אויפן רעכט צו לעבן אויף דער וועלט וועלן מיר נישט מוותר זיין" און דער סוף: „זשאבאָטינסקי, וועלכער איז געגאַנגען שליסן אָפּמאַכן מיט דער פוילישער רעגירונג ארויסצושיקן יידן פון פוילן אין אַ באשטימטער יערלעכער קוואָטע — האָט מיטן דאָזיקן טאַט זיינעם גע־האָלפן די פוילישע ענדעקישע פּאָגראָמטשיקעס".

אין זעלבן סטיל קעגן דעם „הפקרדיקן אוואַנטוריסט" האָט אויך גע־שריבן דער „הארץ".

און זעט אַ וואונדער: אפילו די דייטשע ציוניסטן, וועלכע האָבן שוין דערפילט אויף זייער אייגענער הויט די באַרבאַרישע פויסט פון דער געס־טאַפּאָ, האָבן זיך געבייזערט אויף זשאַבאָטינסקין. דער „יידישער רונדשוי" פון ראָבערט וועלטש, דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע אין בערלין, האָט פּאָלעמיזירט מיט זשאבאָטינסקין. דער לייט־אַרטיקל אין „יידישן רונדשוי" רעדט וועגן זשאבאָטינסקיס „שווערן טעות" און זאָגט: „מיר מוזן אונטערשטרייכן, אַז די יידן־נויט וועט קענען געפינען איר לעזונג נאָר אין די זעלבע לענדער אין וועלכע די יידן לעבן היינט (אזוי האָט געשריבן אַ ציוניסטישע צייטונג, אין היטלער־דייטשלאַנד!). און ווייַ־טער: „זשאבאָטינסקיס פּלענער וועגן אַריינברענגען אין ארץ־ישראל אַנדערט־האַלבן מיליאָן יידן אין צען יאָר איז זייער אַ געפערלעכע אילוזיע. אַ זעלכע דערקלערונגען ווי די וואָס זשאבאָטינסקי האָט איצט אָפּגעגעבן אין פוילן, קענען שטאַרקן דעם פּחד פון די אַראַבער אַז יידן ווילן פאַרפלייצן ארץ־יש־ראל און זיי אונטערדריקן, און אויך ווירקן שלעכט אויף דער ענגלישער עפנטלעכער מיינונג".

זשאבאָטינסקי האָט געלעזן די גאַליקע אַרטיקלען פון אַלע עקן וועלט. ווי זאָל ער זיך נוהג זיין לגבי דער קעגנערשאַפט פון אַלע יידישע קיבוצים? ער האָט זיך דערמאָנט, אַז עטלעכע חדשים פאַר דער פאַרעפנטלעכונג פון „עוואַקואַציע־פּלאַן" — נאָך איידער ער האָט געוווּסט, וואָס פאַר אַ קבלת־פּנים מ'וועט אים מאַכן — האָט ער געשריבן דעם צווייטן טייל פון זיין אויטאָביאָגראַפיע, אין וועלכן ער באַהאַנדלט זיין קאַמף פאַר לעגיאָן, ווען ער איז געווען איינזאַם און אַלע קעגן אים. דאָרט האָט ער זיך געשטעלט די זעלבע פראַגע און געענטפערט: „הייסט עס אַלע האָבן אַ טעות, נאָר דו אַליין ביזט גערעכט? — איך בין זיכער, אַז פון זיך אַליין וועט אַ ציטער טאָן דעם לעזערס ליב פון דער איראָנישער פראַגע. ווי געוויינלעך אין אַזעל־כע פאַלן האָב איך געקענט ענטפערן מיט פאַרשידענע תירוצים פון פאַרענט־

פערונג, אז פאַרקערט, איך פאַרשטיי צו שעצן די עפנטלעכע מיינונג, אז איך בין גרייט זיך צו רעכנען מיט איר — אָבער די אלע תירוצים זענען א ליגן. און מ'דאַרף זיי נישט. אויב דו ווערסט נאָר איינמאָל אָננעמען אז אפשר ביזטו נישט גערעכט, נאָר דיין קעגנער, דאַן איז נישטאָ קיין אמונה אין דער וועלט. נישטאָ קיין זיכערקייט, און ס'איז נישטאָ קיין וועג. ניין און ניין! דער אמת איז איינער. און ער איז איינגעאנצן ביי דיר אין הארצן, און קיין אנדער אמת איז נישטאָ. אויב דו ביזט נישט זיכער מיט דעם, זייַ און ריר זיך נישט. ביזטו זיכער — טו!"

אויך איצט אזוי ווי אין יענער תקופה. אליין, אלע קעגן אים. אָבער אלע זענען בלינד, און ער איז גערעכט. ער וועט טאָן. טראָץ אלעמען!

***

זעקס וואָכן האָט געדויערט דער שטורם וואָס איז אויסגעבראָכן צוליבן שטיין וואָס ער האָט אריינגעוואָרפן אין דער יידישער בלאָטע אין פוילן. אין די זעקס וואָכן (פון העלפט סעפטעמבער ביז אָנהויב נאָוועמבער) האָט ער זיך נישט פארטיידיקט קעגן די העצעס. נאָר איידער ער האָט פארלאָזן דאָס לאַנד, האָט ער געפונען פאר נויטיק צו זאָגן אייניקע ווערטער דעם יידישן ישוב אין פוילן. קיין טעגלעכע טריבונע צו פארעפנטלעכן זיינע רייד האָט ער נישט געהאט. אין „מאָמענט" און „נאש פשעגלאָנד" האָט ער איבער־געריסן זיין מיטארבעט. ס'איז אים געבליבן בלויז די וועכנטלעכע טריבו־נע פון דער פארטיי, „אונדזער וועלט", און פון אירע שפאלטן האָט ער זיך געזעגנט מיט זיינע ברידער. אָן כעס, נאָר מיט א טאָן פון מעלאנכאָליע אויפן ביטערן גורל פון די יידישע מאסן, וואָס האָבן אזאַ שלעכטן מזל און אין זייער שפיץ האָבן זיך אוועקגעשטעלט קורצזיכטיקע מנהיגים. ער האָט זיי געזאָגט: „איצט דראָט די סכנה (דאָס איז געווען סוף 1936, אין סאמען מיטן פון די אומרוען אין ארץ־ישראל!) אז מ'וועט אָפּהאַקן די פליגלען פון אייער האָפנונג. אָט גייט אייער שליח זוכן אדוואָקאַטן פארבינדעטע, אזוי ווי איר האָט אים געהייסן, און צוליב דעם ברעכט אויס אווילדע און שמוציקע העצע, פול מיט שקרים און רכילות. דער פאראט איז געווענדעט קודם כל קעגן אייך און קעגן אזעלכע אביונים ווי איר, וועלכע שמאכטן אין אנדערע לענדער אזוי ווי איר אין אייערע שטעטלעך. אויב די שונאי ציון אין ענגלאנד און אין די אראבישע לענדער האָבן געהערט וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן אין פוילן אין די לעצטע זעקס וואָכן, וועט דאָס זיין א טויט־קלאָפּ פאר די ציוניסטישע פאָזיציעס. א קליינינקייט! דאָס פוילישע יידנטום,

דווקא דאָס פּוילישע, דערלויבט צו דערקלערן אין איר נאָמען, אז אפילו פּאַר איר איז ציון נישט קיין מאַסן־נויטבאַדערפעניש".

איין ארגומענט פון זיינע קעגנער, וואָס האָט אים זייער איבערראַשט, איז געווען די פראַגע: ווער האָט אייך, א ייד פון דער פרעמד, באַפולמעכטיקט צו רעדן אין נאָמען פון פּוילישן יידנטום? איר זעט דאָך אַז אַלע יידישע צייטונגען אין פּוילן, אָן אונטערשיד פון ריכטונג, זענען קעגן אייך!"

די ארגומענטאַציע האָט אים איבערראַשט. אז נאַציאָנאַלע יידן, הערצלס תּלמידים כּלומרשט, זאָלן זיך באַנוצן מיט דער טענה פון „פרעמדע יידן", אזוי ווי די אסימילאַטאָרן אַמאָל, — דאָס איז געווען אוממעגלעך תּופס צו זיין. אַ גרויסן טייל פון זיין לעבן האָט ער געווידמעט דעם קאַמף מיט דער אסימילאַציע און ס'האָט זיך אויסגעדאַכט אַז אין פּוילישן נאַציאָנאַלן יידנטום איז די אסימילאַציע געשטאָרבן און וועט שוין קיינמאָל איר קאָפּ נישט אויפהויבן. און דאָ הערט זיך די אסימילאַטאָרישע דיאַלעקטיק אין ציוניסטישע מיילער.

אין געזעגנונגס־ארטיקל האָט ער דעריבער געמוזט אויפקלערן די יידן, אַז ער פּראָקלאַמירט נישט זיינע פּלענער אין „נאָמען פון פּוילישן יידנטום. ווייל דאָס איז נישט קיין לאָקאַלער פּוילישער ענין, נאָר אַן אינטערנאַציאָנאַלע אונטערנעמונג". ער האָט פאַרענדיקט זיין ווענדונג מיט אַן ערנסטער וואָרנונג, וואָס וועט דינען ווי אַ קין־צייכן אויפן שטערן פון די אָפיציעלע ציוניסטישע מנהיגים אין פּוילן, וועלכע האָבן זייער אייגענע הויט געראַטעוועט און מיליאָנען יידן זיי האָבן מפקיר געווען צום טויט. זשאַבאָטינסקי האָט געזאָגט: „מיין אינטערעס און באַפולמעכטיקונג זענען קאָנצענטרירט אַרום שיבת־ציון; אויפן אַנדערן געביט, אויפן געביט פון לעבן אין גלות, פון יידישע רעכט אין די גלות־לענדער אַליין, האָב איך שוין פון לאַנג אויפגעהערט צו זיין אַ געזעלשאַפטלעכער עסקן; דאָ בין איך מער נישט ווי אַן אָבסערוואַטאָר. אויך דאָ אין פּוילן נישט מער ווי אַ אָבסערוואַטאָר. און איך קוק זיך טאַקי צו און זע וואָס ס'טוט זיך. און אויב מ'קומט שוין צו מיר מיט טענות וועגן „שאָדן" וואָס מיין פּלאַן קען כּלומרשט ברענגען דעם יורידישן און עקאָנאָמישן מצב פון די יידן אין פּוילן, צווינגט מען מיר צו וואָרנען: פּוילישע יידן, אויב איר וועט נישט מאַכן קיין סוף צו דער הערשאַפט פון די בטלנים, וועלכע שרייען אין אייער נאָמען, טאָ וועלן זיי, זיי און נישט אַנדערע, אייך אריינפירן אין לעצטן חורבן, עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, און אויך פיזיש"!

די דאָזיקע וואָרנונג און אַלאַרם־רוף האָט ער געגעבן אין נאָוועמבער

1936, דריי פולע יאָר פאַר היטלערס אינוואַזיע אויף פּוילן. וויפל יידן האָט מען געקענט אין די דריי טייערע יאָרן ראַטעווען פון די חיה'שע נעגל? וויפל טרערן האָט מען געקענט פאַרמיידן? וויפל יידיש בלוט האָט מען געקענט איינשפּאָרן, ווען מ'וואָלט זיך צוגעהערט צו דער וואָרנונג פון „פרעמדן ייד", וועלכער איז געקומען צו זיינע ברידער קעמפן מיטן שטן און ארויסרייסן פון זיינע הענט באַצייטנס לעבעדיקע נפשות פון יידישן פאָלק, אויסצולייזן זיי און ברענגען זיי צו א זיכערן ברעג אין דער היסטאָרישער היימלאַנד.

צוויי טאָג פאַרן אָפּפאָרן האָט ער זיך געזעגנט אויך מיט די גויים. דאָס אויסערן־מיניסטעריום האָט איינגעאָרדנט פאַר אים א באַנקעט אין האָטעל אייראָפּעיסקי. אויפן אָוונט־ברויט זענען אָנוועזנט געווען די דעפּאַרטאַמענט־לייטער פון פּרעמיער־מיניסטער, אינערן, קריגס און האַנדלס־מיניסטעריומס. אַלע סאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער פּוילישער פּאָליטיק אין די פאַרשידענע סעקטאָרן זענען געקומען הערן פון אים א מיינונג ווי צו לעזן דאָס פּראָבלעם פון די דריי און א האַלבן מיליאָן יידן, וואָס דער וואַקסנדער אַנטיסעמיטיזם האָט זיי פאַרביטערט דאָס לעבן. זשאַבאָטינסקי האָט פאַר זיי געהאַלטן אַן אויספירלעכן רעפעראַט און זיי אויפגעקלערט די אַנשויאונג פון הערצליאַנישן ציוניזם.

לויט זייער בקשה איז ער אויפגעטרעטן פאַרן אַוועקפאָרן מיט א פאַרטראַג פאַר די פּוילישע אינטעלעקטועלע קרייזן אין וואַרשע אין פאָרשונגס־אינסטיטוט פון די נאַציאָנאַליטעטן־פּראָבלעמען. צו דעם פאָרטראַג איז געקומען די שמנה וסלתה פון קריסטלעכן פּוילן: מיניסטאָרן, די לייטער פון די מיניסטעריומס, אוניווערזיטעטס־פּראָפעסאָרן, באַרימטע שרייבער, זשורנאַליסטן און פירער פון פאַרשידענע פּאַרטייען. ער האָט געהאַלטן זיין רעדע אין פּויליש. פאַר זיי, פאַר די הערשער פון לאַנד, האָט ער גערעדט קלאָרע דיבורים און צעטריבן יעדע אילוזיע פון די אַנטיסעמיטן, אז דער עוואַקואַציע־פּלאַן גיט א רעכט דער רעגירונג צו צווינגען די יידן צו פאַרלאָזן זייערע וווין־ערטער. ער האָט אָנגעהויבן מיט פאָלגענדע ווערטער: איך געהער צו א דור פון נאַאיווע מענטשן, וועלכע גלויבן אז אפילו איצט קען מען געפינען מענער, וועלכער באַציען זיך צום ציוניסטישן אידעאַל מיט סימפּאַטיע פאַר די לײַדן פון מיין פאָלק. כ'בין זיכער, אז א זעלכע מענטשן, ווען זיי לאָזן ארויס דאָס וואָרט „ציוניזם" פון מויל, פאַרשטייען זיי דאָס אזוי ווי איך: שיבת ציון פאַר די — און נאָר פאַר די — וועלכע שטרעבן דערצו איצט אָדער וועלן שטרעבן אין דער צוקונפט. כ'בין זיכער, אַז ס'איז

אוממעגלעך אז עס זאָל איינפאלן אימיצן דער געדאנק וועגן צוואנגס עוואַ־קואַציע, אָדער וועגן צונעמען די בירגערלעכע רעכט פון די יידן אין זייערע וווין־ערטער. איך וועל זיך כלל נישט באמיען אויפצווייזן, אז ס'איז א חרפה אימיצן צו רודפן, אז ס'איז א פארברעכן ארויסצוטרייבן אימיצן מיט כוח, און אז א מדינה אין וועלכער סאיז נישטאָ קיין גלייכקייט, איז פאר־אורטיילט צום אונטערגאַנג".

נאָך דער הקדמה האָט ער געפונען פארנויטיק צו פארשטאָפּן זאָפאָרט די מיילער פון די עקסטרעמע אנטיסעמיטן, וועלכע מיינען אז די יידן וועלן פארלאָזן פוילן, אָבער וועלן זיין געצוווּנגען איבערצולאָזן זייער פארמעגן. „אָן ארויספירן פון קאַפּיטאַל, קען מען כלל נישט רעדן וועגן א גרויסער עמיגראַציע. איך צווייפל צי ס'איז נאָך פאַראַן אימיצער וועלכער גלויבט ערנסט אין דער נאַאיווער אַלטערנאַטיווע, אז פון מזרח וועט שטראָמען א מאסן־עמיגראַציע און פון מערב וועלן שטראָמען די געלטער. איך קען זאָגן רואיק און מיט דער גאנצער פעסטקייט, אז אזאַ זאַך איז פולשטענדיק אומ־מעגלעך"!

דעם לעצטן טאָג איידער ער האָט פארלאָזן פוילן, איז געשען אין וואַרשע א געוויינלעכע פאסירונג, וואָס האָט פארנומען אן אומבאדייטנדן פּלאַץ אין צייטונגס־כראָניק, אָבער האָט אָפּגעשפּיגלט די גרויזאמקייט פון דער יידישער טראַגעדיע: אן אָרימער יידישער יונגערמאַן האָט פארקויפט אין גאס בייגל, כדי צו שפּייזן דערמיט זיינע עלטערן און פאמיליע. די פּוילישע פּאָליציי האָט גערודפט די בייגל־פארקויפער, האָט זיי ארעסטירט, קאָנפיסקירט זייער „סחורה" און זיי אריינגעזעצט אין טורמע. ווען ס'האָט זיך באוויזן א פּאָליציאַנט אין אוניפאָרם אויף א יידישער גאס, פלעגן אַלע בייגל־פארקויפער, יינגלעך און מיידלעך, אָנהויבן לויפן מיט אַלע כוחות און זייער שווערער קויש אין האנט, כדי זיך צו באהאלטן פון די אויגן פון פּאָליציאַנט. דאָס יידיש יינגל איז אַנטלאָפן פון פּאָליציאַנט, וואָס האָט אים נאָכגעיאָגט. אינצווישן איז דורכגעפאָרן אין גאס א עלעקטרישער טראַמ־וויי. דאָס יינגל איז געלאָפן צעשראָקן, זיך אויסגעגליטשט און ארונטער־געפאלן אונטער די טראמוויי־רעדער, וועלכע האָבן צעקוועטשט זיין קער־פּער. אין א פּאָר מינוט ארום איז פון אומגליקלעכן יידישן יינגל נישט גע־בליבן מער ווי א קאַלוזשע בלוט און דאָס עכאָ פון רעדער־קלאַפּן פון חברה־קדישא וואָגן.

דער דאָזיקער צופאַל, וואָס האָט אילוסטרירט דעם לעבן פון גרויסן יידישן קיבוץ אין אייראָפּע, האָט זשאַבאָטינסקין נידערגעשלאָגן. ביטערער

פון טויט איז דער מצב פון די יידן, און דער הויפט־מכשול אין וועלכער דער יידישער מנהיג האָט זיך אָנגעשטויסן אין זיין ארבעט פאַר אַ יידישער מדינה איז די קעגנערשאַפט פון די יידן אַליין.

„זייט געזונט, פוילישע יידן! איך וועל נאָך צוריקקומען צו אייך און וועל נאָך קלאַפּן אין טירן פון די הערשער פון לאַנד פאַר אייערטוועגן. ווען אייערע אויגן וואָלטן זיך געעפנט צו זען וואָס ס׳דראָט אייך!



# „מיינע קינדער שרייבן בעסער"

### א.

אין ביטערן גלות האָבן זיך צעהולעט די בייזע ווינטן, און אין ארץ-ישראל שלייפן די אַראַבער, אונטער דער אָנפירונג פון מופטי, זייערע לאַנגע מעסערס. אָבער די ציוניסטישע אָפיציעלע פירער זענען בלינד. אונטער זייער נאָז גרייטן זיך די אראבער, מיט בריטישער שטילער איינשטימיקייט, אויף אומרוען, און די מנהיגים פון דער יידישער אגענץ שפילן אן אידיליע מיטן ענגלישן הויך־קאָמיסאר, סער ארטור וואקופּ.

בלויז איין מענטש, וועלכער לעבט פון דער ווייטן און איז נישט געווען אין לאנד פון 1929, האָט געזען מיט זיינע גייסטיקע אויגן דעם אומגליק וואָס דערנענטערט זיך. אין יאַנואַר 1936, פיר חדשים פאַרן אויסברוך פון די אומרוען, פאַרעפנטלעכט זשאַבאָטינסקי אין א יידישער צייטונג אן ארטיקל, וועלכער אַנטהאַלט נבואה־רייד מיט א וואָרנונג צוגלייך: „עס זענען פאראן נאָך פינסטערערע וואָלקנס אויף אונדזער האָריזאָנט. אויך דאָ בין איך געצוווונגען אָנצורירן א סטרונע, וואָס ס'איז נישטאָ קיין חשק אָנצורירן, קורץ און אָן פירושים" יידן, א ריח פון אויגוסט 1929 הויבט אָן שמעקן, און אונדזערע כוחות זענען נישט גענוגנדע און די עקזיסטירנדע כוחות זענען נישט פאַראייניקט. אין אַזאַ מצב איז אונדז פאַרבליבן נאָר איין זאך: צו וואָרנען די יידישע באפעלקערונג טאָג און נאכט און פאָדערן פון איר, זי זאָל עפּעס אָנהויבן צו טאָן פאַר זעלבסט-פארטיידיקונג.

אָנפאַנג אַפּריל 1936 האָט ער שוין געפילט אין זיינע נעזלעכער דעם

דינאמיט־ריח און האָט זיך געאײַלט וואָרענען דעם קאָלאָניען־מיניסטער. דעם 5־טן אַפּריל, צוויי וואָכן פאַרן אויסברוך פון די אומרוען, האָט ער געשיקט א טעלעגראַמע צום קאָלאָניע־מיניסטער און געוואָרנט דער רעגירונג אָנצונעמען באַצײַטנס די נויטיקע מיטלען, צו פאַרמײַדן דעם אומגליק. די רעגירונג האָט אים געענטפערט, אַז זי האָט איבערגעשיקט דעם אינהאַלט פון זײַן טעלעגראַמע דעם בריטישן הויך־קאָמיסאַר אין ירושלים, אָבער זי אַליין זעט נישט קיין גרונט פאַר זאָרג און פּאַניק. דאָס קאָלאָניע־מיניסטעריום האָט אים געשריבן: „דער מיניסטער קען נישט באַשטעטיקן אייער מיינונג, אַז דער כוח וואָס שטייט צו דער דיספּאָזיציע פון הויך־קאָמיסאַר איז נישט גענוגנד און אַז די פּאָליצײַ איז נישט אַקטיוו".

פיר טעג פאַרן אָנהויב פון די אומרוען, דעם 16־טן אַפּריל, האָט זשאַבאָטינסקי געשיקט א דירעקטע טעלעגראַמע צום הויך־קאָמיסאַר אין ירושלים, זאָגנדיק אַז ס'זענען אָנגעקומען צו אים באַזאָרגנדע ידיעות פון ארץ־ישראל וועגן א ברייט פאַרצווייגטע אַראַבישע העצע קעגן די יידן און וועגן דער שטעלונג פון דער אדמיניסטראַציע, וואָס דערמוטיקט די אַראַבישע העצער. אַזעלכע אַנטוויקלונגען — ענדיקט די טעלעגראַמע — ברענגען צו בלוט־פאַרגיסונג, באַזונדער ווען די אימפּעריאַלע אַרמיי אין לאַנד איז א קליינע, די רעגירונג איז נישט גרייט צו איר אויפגאַבע און פון דער צווייטער זייט עקזיסטירט נישט קיין לעגאַלער יידישער פּאַרטיידיקונגס־כוח".

די וואָרנונגען האָבן נישט געהאָלפן. דעם 19־טן אַפּריל זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין יפו 16 יידן און פון דאַן האָבן זיך אָנגעפאַנגען יעדן מאָרגן די מאַסן־לויות פון די הרוגים.

אין דער ענערגישער אַקציע וואָס ער האָט באַלד אונטערגענומען איז צווישן אַנדערע געווען זײַנע אָפענטלעכע פעסטשטעלונג, געשיקט צו דער בריטישער פּרעסע, אַז דער הויך־קאָמיסאַר, סער אַרטור וואַקופּ, איז פאַראַנטוואָרטלעך דירעקט פאַרן יידישן פאַרגאָסענעם בלוט אין ארץ־ישראל, און געפאָדערט זײַן דעמיסיע.

אין דער אָפיציעלער ציוניסטישער וועלט איז מען געווען אין כעס אויף זשאַבאָטינסקין צוליב אָט דער פאָדערונג זײַנער. ענגלענדער האָבן אים געפרעגט פון אַלע זייטן: „ווי אַזוי טענה'סטו, אַז דער הויך־קאָמיסאַר איז שולדיק אין אַלץ, בשעת אין דער גאַנצער צײַט פון זײַן קאַדענץ האָבן די יידישע פּאַרטייען נישט אויף אים צומאַכן קאָמפּלימענטן און לויבן אים ביזן הימל? אָט האָבן די גויים דערמאָנט, אַז אויף דער זיצונג פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט אין אויגוסט 1932 האָט פּראָפ. בראָדעצקי,

דער לייטער פון פּאָליטישן דעפּאַרטאַמענט פון דער אַגענץ אין לאָנדאָן, אין זיין פּאָליטישן באַריכט, געזאָגט פאָלגענדעס: „ס'איז דאָ אַ קליינער ליכט־שטראַל, וואָס רייסט זיך דורך די פינסטערע וואָלקנס. די מאַנדאַט־רעגירונג וויל צוגעבן אַ גרעסערע באַדייטונג ירושלים און איר הויך־קאָ־מיסאַר. פון איצט און ווייטער וועט די פּאָליטישע איניציאַטיווע זיך געפי־נען אין די הענט פון ירושלים. דורך דעם באַקומט סער אַרטור וואָקאָפּס פּערזענלעכקייט אַ באַזונדערע באַדייטונג, און סער אַרטור ווייזט אַרויס אמתע פאַראינטערעסירונג מיט ארץ־ישראל און האָט אַ טיפע פאַרשטענ־דעניש פאַר די יידישע באַדערפענישן און פאָדערונגען".

אויך האָט מען נישט פאַרגעסן די קאָמפּלימענטן וואָס ד"ר אַרלאָזאָ־ראָוו ז"ל, דער לייטער פון פּאָליטישן דעפּאַרטאַמענט פון דער אַגענץ אין ירושלים, האָט געמאַכט דעם הויך־קאָמיסאַר. ער איז נאָך ווייטער געגאַנ־גען: „סער אַרטור וואָקאָפּ — האָט געזאָגט דער פאַרשטאָרבענער פּאָליטי־קער — איז פאַר אונדז אַ גרויסע שאַנס אין אונדזער איצטיקער פּאָליטי־שער סיטואַציע. ער איז אַ געלונגענע סינטעזע פון אַ מיליטער־מאַן, קול־טור־מענטש און שטאַטסמאַן. ער איז דער ערשטער דיפּלאָמאַט, וועלכן בריטאַניע האָט געשיקט קיין ארץ־ישראל. שוין אין זיין ערשטן אַמטי־רונגס יאָר, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פאַרן ישוב אַלס פּאָזיטיווע דערשיי־נונג. אַ דאַנק דעם נייען נציב שפּירט מען שוין אַ נייען ווינט, וואָס בלאָזט אין דער ארץ־ישראלדיקער אַדמיניסטראַציע און ס'איז אויך געשאַפן גע־וואָרן אַן אַטמאָספערע פון קעגנזייטיקן פאַרטרויען צווישן דעם הויך־קאָ־מיסאַר און די פאָרשטייער פון דער יידישער אַגענץ. דאָס עפנט אונדז אַ טויער פאַר אומגעהויערע מעגלעכקייטן".

זשאַבאָטינסקי איז נישט געווען אַזוי באַגייסטערט ווי די פירער פון דער אַגענץ, און ווי שטענדיק האָט ער אויך אין דעם פאַל געמוזט גיסן קאַלט וואַסער אויף די צעהיצטע קעפּ. פיל חדשים פאַרן אויסברוך פון די אומרוען האָט ער געשריבן אַז „פון סער אַרטור וואָקאָפּ שטייען אונדז פּאָר צרות, אפשר פיל מער ווי ס'האָבן אונדז גורם געווען אַלע פריערדיקע הויך־קאָמיסאַרן צוזאַמען; אָבער — האָט ער צוגעגעבן — קיינער לייקנט נישט, אַז אין פאַרגלייך מיטן פריערדיקן סיסטעם „דער טשענסעלאָר־סיס־טעם" איז וואָקאָפּס סיסטעם געווען אַ באַדייטנדער פּראָגרעס, וואָס ס'איז נישט געווען קיין צופעליקייט, נאָר אַ רעזולטאַט פון דער אייניציקער פּראָ־טעסט־דעמאָנסטראַציע, וואָס אַ ציוניסטישער קאָנגרעס (דער 17-טער אין באַזעל) האָט מאַניפעסטירט פון זייט בריטאַניע הערשט אין ארץ־ישראל: דעם נישט־אויסוויילן ווייצמאַנען!

די שריט פון דער רעגירונג אין 1935; די באַגרענצונג פון דער עליה און די איינשרענקונגען אין פאַרקויפן אַראַבישן באָדן צו יידן, זענען גע־ווען רעקאָמענדאַציעס פון סער אַרטור וואַקאָפּ. און זשאַבאָטינסקי איז, צום באַדויערן, געבליבן דער איינציקער וואָס האָט געמוזט אַראָפּנעמען די גוטסקייט־מאַסקע פון הערשער.

קרוב א יאָר פאַר די אומרוען האָט זיך זשאַבאָטינסקי געטראָפן אין לאָנדאָן מיט וואַקאָפּן, און זיי האָבן געהאַט צווישן זיך א געשפּרעך פון אייניקע שעה. הערבסט 1935, ווען זשאַבאָטינסקי איז געקומען אין בריי־טאַניעס הויפּט־שטאָט אָנצוהייבן זיין פּאָליטישע טעטיקייט, האָט אים איינמאָל טעלעפאָנירט דער לאָרד מעלטשעט און אים געזאָגט: „כ'וועל זיך פרייען, אויב איר וועט מיר באַערן צו קומען צו מיר מאָרגן צו מיטאָג. ס'וועלן ביי מיר זיין אייניקע מענטשן, און איך האָף אַז איר וועט געפיי־נען אין זיי אַן אינטערעס". ס'איז קלאָר געווען, אַז נישט סתם כדי צו עסן איז ער איינגעלאַדן, נאָר זיכער שטעקט הינטער דעם מיטאָג א פּאָ־ליטישע באַגעגניש, און לאָרד מעלטשעט איז דער שדכן.

דער גרינדער פון לעגיאָן איז נישט געווען פון לאָרד־מעלטשעטס הויז־פריינט.

ער איז נישט געווען אויסגעמישט צווישן דער יידישער אַריסטאָ־קראַטיע אין ענגלאַנד. זשאַבאָטינסקיס מענטאַליטעט איז זיי געווען פרעמד. די וועלכע האָבן אים נישט געקענט פון דער נאָענט און האָבן נאָר פון אים געהערט — האָבן אים געהאַלטן כמעט ווי פאַר א „געפערלעכן מענטש". די אינפאָרמאַציעס איבער אים און זיין באַוועגונג האָט די יידי־שע אַריסטאָקראַטיע אין ענגלאַנד געשעפּט פון די באַקאַנטע קוועלן, וועל־כע זענען געווען פאַראינטערעסירט אים צו קאָמפּראָמיטירן. ס'איז נישט נויטיק פיל ווענגן דעם צו רעדן. הערבערט סעמואל, דער געוועזענער ערש־טער בריטישער הויך־קאָמיסאַר אין ארץ־ישראל, האָט געקענט פּערזענ־לעך דעם מנהיג פון דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג, אָבער די באַקאַנט־שאַפט איז געמאַכט געוואָרן אין אַזעלכע אומשטענדן, אַז ס'האָבן זיך נישט פאַרוועבט צווישן זיי קיין האַרציקע פריינטשאַפטס - באַציאונגען. דזשעמס ראָטשילד („דזשימי" ווי ער האָט געהייסן ביי זיינע באַקאַנטע), איז אַמאָל געווען פון זשאַבאָטינסקיס פריינט, וויילביידע האָבן געדינט אין לעגיאָן. נאָר אין פאַרלויף פון די יאָרן האָבן זיך די באַציאונגען אָפּ־געקילט. אין הויפּט־שטאָב פון גרייט־ראַסל סטריט האָט מען שוין געזאָרגט פאַרצושטעלן דעם „רעוואָלוציאָנער" אומעטום ווו ס'איז נאָר מעגלעך גע־ווען אין דער „ריכטיקער ליכט". אויך דזשימי ראָטשילד האָט אין ביוראָ

פון דער אגענץ־עקזעקוטיווע באקומען „א דערציאונג". ער האָט זיך וואָס און אמת באַמיט אייניקע מאָל צוריקצושטעלן די אחדות אין ציוניזם און האָט פּרובירט איינצואָרדנען אין זיין הויז באַגעגענישן צווישן ווייצמאַנען און זשאַבאָטינסקי. אָבער אזוי ווי דאַטשילדס „רביים" אין רעוויזיאָניזם זענען געווען ד"ר ווייצמאַן און פּראָפעסאָר בראָדעצקי, איז זיך לייכט פאָר־צושטעלן, וואָס איז געווען זיין שטעלונג צו זשאַבאָטינסקין. דעריבער האָבן זיי זיך אין די לעצטע יאָרן וויניק געטראָפן.

לאָרד מעלטשעט (דער זון פון פאַרשטאָרבענעם סער אַלפרעד מאָנד), וואָס איז געווען א „יונגער" ציוניסט, האָט זיך תחילות באַמיט צו לער־נען ציוניזם פון ערשטן קוואַל און ער האָט זיך אייניקע מאָל באַגעגנט מיט זשאַבאָטינסקין. אָבער אין דעם אריסטאָקראַטן־קרייז איז ד"ר ווייצמאַן געווען א בן־בית, און ער איז געווען אויך דער „הויפּט־אינסטרוקטאָר" פון לאָרד מעלטשעט.

דאָ איז דער אָרט צו שילדערן אין געציילטע ווערטער די סביבה פון דער יידישער אריסטאָקראַטיע אין דער בריטישער מעטראָפּאָליע. פּראָפ. ווייצמאַן איז אויך, ווי באַקאַנט, א געבוירענער אין רוסלאַנד (אין די פּע־סער פון אָט די נאַטוראַליזירטע ענגלישע בירגער, איז נאַטירט: א בריטי־שער בירגער, פריער א רוסישער). די דאָזיקע באַמערקונג שטעלט דעם פּאַס־אינהאַבער פּסיכאָלאָגיש אין א מינדערווערטיקייטס־צושטאַנד. אָבער ד"ר ווייצמאַן האָט לאַנגע יאָרן געהאַט א נאָמען צווישן דער יידישער אריסטאָקראַטיע אין ענגלאַנד סיי צוליב זיינע כעמישע אנטדעקונגען און סיי א דאַנק זיין געזעלשאַפטלעכן קרייז. ער איז א פאַרמעגלעכער מענטש, האָט א פאַרמעגן און שיינע הייזער, און צווישן זיינע אינטימע פריינט אין ענגלאַנד האָט זיך גערעכנט די זיוו־פאַמיליע (די אייגנטימער פון די באַרימטע וואַרן־הייזער „מאַרקס און ספּענסער"), גרויסע עשירים מיט ברייטע באַציאונגען. ד"ר ווייצמאַן איז געווען אן ענגלישער בירגער מיט זיין פּאַס, זיין סביבה און זיין זעלבסט־געפיל. זשאַבאָטינסקי דאַקעגן איז זיין גאַנץ לעבן געווען אן „עמיגראַנט". ער איז געווען א נאַנסעניסט, מיט א פּאַס פון א מאַן אָן בירגערשאַפט. אויסער דעם איז ער קיינמאָל פינאַנסיעל נישט געווען גוט סיטואירט. פאַרשטייט זיך, אַז אין די סנאָ־ביסטישע קרייזן פון דער יידישער אריסטאָקראַטיע, האָט א מאַן ווי זשאַ־באָטינסקי, אן עמיגראַנט, אָן פאַרמעגן און נאָך דערצו אזא „אומגעצוימ־טער" — נישט געקענט זיין צו זיי זעעליש נאָענט. ער האָט נישט געפּאַסט פאַר זייער ראַמען. זיי זענען געווען „קאַטוילישער פון פּויפּסט" אין זייער בריטישן פּאַטריאָטיזם, און זיי האָבן געקוקט מיט א קרום אויג אויף די

„עקסטרעמע" פֿאָדערונגען פֿון ציוניסטישן מנהיג פֿון דער צענטראַלער רעגירונג און דער פּאַלעסטינער אַדמיניסטראַציע.

אין סאַמע מיטן פֿון די אומרוען אין ארץ־ישׂראל איז פֿאָרגעקומען אַמאָל אַן אָוונט־ברויט אין הויז פֿון ליידי וואַיאָלעט באָנהיים־קאַר־טער, די טאָכטער פֿון געוועזענעם ענגלישן פּרעמיער־מיניסטער, אַסקוויט. אין דער אויפֿנאַמע זענען אָנוועזנט געווען מיטגלידער פֿון ענגלישן פּאַר־לאַמענט און לאָרדן, בריטישע זשורנאַליסטן, זשאַבאָטינסקי און אייניקע פֿון די ענגליש־יידישע פּערזענלעכקייטן. איינער פֿון די יידישע געסט האָט דאָרט אויסגענוצט די געלעגנהייט אָנצוגרייפֿן זשאַבאָטינסקין פֿאַר זיין נישט־מעסיקער שטעלונג. ווי גרויס איז געווען די קאָנסטערנאַציע פֿון די „יאַהודים", הערנדיק פֿון דער בעל־הבית'טע אַליין, פֿון דער טאָכטער פֿון אַ ענגלישן פּרעמיער, די פֿאָלגענדע ווערטער: „איך געפֿין נישט קיין שלעכטס אין ה' זשאַבאָטינסקיס שטעלונג. איך אַליין בין אַמאָל געשטאַ־נען אין שפּיץ פֿון דער באַוועגונג פֿון די בריטישע סופֿראַזשיסטינס און כ'האָב געקעמפֿט פֿאַר פֿרויען־עמאַנציפּאַציע. אויך מיר האָבן נישט שטענ־דיק געקעמפֿט מיט זיידענע הענטשקעס, און איך בין זיכער, אַז ווען נישט אונדזער מוטיקע און ענערגישע שטעלונג — וואָלטן מיר, פֿרויען, נישט דערגרייכט וואָס מיר האָבן דערגרייכט"! ליידי וואַיאָלעטס רייד האָבן צע־מישט די „יאַהודים".

אין אַזאַ „יידישער" סביבה איז זשאַבאָטינסקי, פֿאַרשטענדלעך, נישט געווען קיין בן־בית. די איינלאַדונג פֿון לאָרד מעלטשעט, וועלכן ער פֿלעגט נישט טרעפֿן לאַנגע חדשים, האָט געגעבן אַ גרונט צו דער השערה, אַז אויך דאָ שטעקט אַ „גויישע" האַנט. ווען ער איז געקומען אין מעלטשעטס הויז, האָט ער דאָרט געטראָפֿן דעם ארץ־ישׂראלדיקן הויך־קאָמיסאַר. סער אַרטור וואַקאָפּ איז געקומען קיין לאָנדאָן אויף אַ חודש צייט. אָפֿיציעל — אויף אורלאָב, נאָר פּאַקטיש — אָפּצוגעבן אַ באַריכט דעם קאָלאָניע־מיניסטעריום. קיין אַנדערע געסט, אויסער די צוויי און דער בעל־הבית, זענען נישט געווען ביים מיטאָג. ביים טיש האָט מען געשמועסט איבער קונסט, ליטעראַטור און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען, נאָר ווען דער מאָל־צייט האָט זיך געענדיקט, האָט לאָרד מעלטשעט אַריינגעפֿירט ביידע געסט אין אַ באַזונדערן צימער און זיי איבערגעלאָזן אַליין אויף אַ געשפּרעך, וואָס האָט געדויערט צוויי שעה.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט מעלטשעט דערציילט זשאַבאָטינסקין: „ווען סער אַרטור וואַקאָפּ איז געקומען קיין לאָנדאָן, האָב איך זיך מיט אים באַגעגנט און מיר האָבן געשמועסט וועגן ארץ־ישׂראל און וועגן דער

פּאָליטיק פון דער בריטישער אדמיניסטראַציע. מיר האָבן באַרירט פאַרשידענע פּראָבלעמען, און דער הויך־קאָמיסאַר האָט דערמאָנט אייניקע נעמען פון די קעפּ פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. צווישן אַנדערס האָט ער געזאָגט: „אפשר קענסטו מיר מאַכן אַ טרעפונג מיט זשאַבאָטינסקין?" איך האָב אים נאָך נישט געזען און כ'האָב נישט געהאַט די געלעגנהייט צו רעדן מיט אים. אָבער איך פיל דעם גרויסן איינפלוס פון דעם מאַן אויף דער יידישער באַפעלקערונג, און באַזונדערס אויף דער ארץ־ישראלדיקער יוגנט. אין יידישן ישוב האָט זיין נאָמען אַ צויבער־קלאַנג, און די צאָל פון זיינע תלמידים און אָנהענגער — איז גרויס. די יוגנט וואָס פאַרגעטערט אים איז דער פּערמענטירנדער טייל אין דער יידישער געזעלשאַפט. איך וואָלט אים געוואָלט באַקענען!".

לאָרד מעלטשעט האָט גערן איינגעשטימט צום פאָרשלאָג, און איינגעאָרדנט דעם מיטאָג אין זיין וווינונג. נאָכהער האָט ער צוגעגעבן: „כ'האָב געטראָפן נאָכאַמאָל וואַקאָפּן. ער האָט מיר געדאַנקט פאַר דער באַגעגניש מיט אייך און מיר געזאָגט: איך בין שוין אַלט זיבציק יאָר, און כ'האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געהאַט אַזאַ אינטערעסאַנטן און צוציענדן געשפּרעך!

זשאַבאָטינסקי האָט קיינעם נישט דערציילט די איינצלהייטן פון דעם לאַנגן און קאָנפידענציעלן געשפּרעך. נאָר איין פּרט האָט ער דערציילט. אין לויף פון שמועס האָט אים סער אַרטור וואַקאָפּ אַ פרעג געטאָן:

— ה' זשאַבאָטינסקי, פאַרוואָס קומט איר נישט קיין ארץ־ישראל?

— צי ווייסט אייער עקסצעלענץ נישט, אַז ס'איז מיר פאַרבאָטן אַריינצוקומען אין לאַנד?

— אויב איר וועט וועלן קומען, ווענדעט זיך צו מיר, און כ'וועל מיט פאַרגעניגן עס דערליידיקן. איך וועל זיך פרייען אייך צו באַגעגנען אין ירושלים.

אָבער דער הויך־קאָמיסאַר האָט נישט געהאַלטן וואָרט.

וועגן דער טעמע פון זייער געשפּרעך קען מען אַביסל לערנען פון זשאַבאָטינסקיס אַן אַרטיקל, וואָס איז געשריבן געוואָרן עטלעכע וואָכן נאָכן מיטאָג אין מעלטשעטס הויז: „די וואַקאָפּ ־ אידיליע קומט, ווייזט אויס, נישט צו קיין זייער זיסן סוף. אַ מאַן, וואָס האָט געהאַט גוטע אויסזיכטן צו שפּילן אַ גלענצענדע ראָלע אין אַ ביישפּיללאָזער היסטאָרישער געשעעניש און פאַראייביקן זיין נאָמען אין דריי היסטאָריע־ביכער — אין דער יידישער, ענגלישער און אַלוועלטלעכער — דער מאַן האָט זיך אַליין געשטרויכלט און איז דורכגעפאַלן.

*
**

די אומרועז אין ארץ־ישראל האָבן נישט אויפגעהערט. יידיש בלוט האָט זיך אונאויפהערלעך געגאָסן. אין ענגלאַנד האָט זיך געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג די מיינונג, אז מ׳מוז מאַכן די אראבער קאָנצעסיעס און אָפּ־שטעלן די יידישע עליה. דאָס איז געווען דער שכר וואָס די בריטישע רע־גירונג איז געגאַנגען באַצאָלן פאַר דער הבלגה־פּאָליטיק, וואָס די אָפיציע־לע ציוניסטישע אינסטאַנצן האָבן געפּריידיקט און פּראַקטיצירט.

דאַן איז אויפגעשוווּמען דער צווייטער זשאַבאָטינסקי, דער נאָך אומ־באַקאַנטער פאַר די ברייטע מאַסן, דער געהיימער שעף פון דער אונטער־גרונד־אָרגאַניזאַציע, דער הויפּט־קאָמענדאַנט פון ארגון צבאי לאומי, און ער האָט געגעבן א באַפעל צו מאַכן א סוף צו דער שענדלעכער הבלגה און רעאַגירן אויף די אַראַבישע אָנפאַלן.

דער באַפעל איז אויסגעפירט געוואָרן, און דער ארגון צבאי לאומי האָט געעפנט די רומפולע בלאַט אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק.

*
**

א חודש נאָכן אויסברוך פון די אומרועז אין ארץ־ישראל האָט די בריטישע רעגירונג באַשלאָסן צו שיקן א קעניגלעכע קאָמיסיע אין לאַנד. אין א קורצער דערקלערונג האָט זשאַבאָטינסקי רעאַגירט אויפן באַשלוס פאָלגענד: „קיין מאָל איז נישט געווען פיל קאָנסעקווענטקייט אין דער ענגלישער פּאָליטיק. אָבער איצט האָט די אַנאַרכיע זיך אַליין איבערגע־שטיגן. ווען כ׳וואָלט זיך געקענט דערלויבן צו וועטן אין מזומנים, וואָלט איך איינגעשטעלט הונדערט פונט, אז אויך פון דער אויספאָרשונגס־קאָ־מיסיע וועט גאָרנישט ארויסקומען”.

די אידייע אז אויך זשאַבאָטינסקי זאָל אויפטרעטן אַלס עדות פאַר דער קעניגלעכער קאָמיסיע פון לאָרד פּיל, איז געקומען פון פאַרשטאָר־בענעם פּאַרלאַמענט־מיטגליד, דער גרויסער יידן־פריינט יאשיה וועדזש־וואוד. ער האָט געמאַכט א דערקלערונג צו דער פּרעסע, און געזאָגט: „ביידע ציוניסטישע מנהיגים, וויצמאַן און זשאַבאָטינסקי, זענען מיינע פּערזענלעכע פריינט און כ׳האָב שטענדיק געשטרעבט דערצו, ס׳זאָל קו־מען צו א קאָאָפּעראַציע אין זייער טעטיקייט. אָבער אַזוי ווי די קאָמיסיע וועט באַהאַנדלען דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פּראָבלעמען און אידייען פון ציוניזם, איז זייער געוווּנשן אז זשאַבאָטינסקי זאָל אויפטרעטן פאַר איר

און איר אויפקלערן די ציוניסטישע צילן און שטרעבונגען, אזוי ווי ער האָט זיי אויפגעקלערט נישט איינמאָל פאַר די מיטגלידער פון פּאַרלאַ־מענטארישן קאָמיטעט און ס׳איז אים געלונגען צו ווערבן טרייע פריינט פאַר זיין ציוניזם. כ׳מוז אונטערשטרייכן, מיט באַדויערן — האָט וועד־זשעוואוד געזאָגט — אז נישט שטענדיק זענען מיינע פריינט, די פירער פון דער יידישער אַגענץ, געשטאַנען אויף דער נויטיקער הויך אין דער פראגע פון דער פּאַלעסטינע־אדמיניסטראציע. די שוואכע שטעלונג האָט באַשווערט די טעטיקייט פון פּאַרלאַמענטארישן קאָמיטעט פאַרן ציוניזם. אַזוי, צום ביישפּיל, ווען מיר זענען געקומען צום פריערדיקן קאָלאָניע־מיניסטער, טאמאס, מיט א רייע פאָדערונגען לטובת די יידן אין ארץ־ישראל, און אָנווייזנדיק אויף דעם, אז די רעגירונגס־באאמטע מיט וואקאפּ אין דער שפּיץ, מאַכן שטערונגען דעם יידישן אויפבוי־ווערק, האָט מי־ניסטער טאמאס אונדז געענטפערט: „ווי אזוי קענט איר, נישט־יידן, זאָגן אַזעלכעס, בשעת ד״ר ווייצמאַן און סיימאַן מארקס זענען נאָר וואָס געווען ביי מיר, און האָבן מיר געבעטן צו פאַרלענגערן די אמטירונג פון גע־נעראל וואקאפּ אויף ווייטערע פינף יאָר? ס׳וועט נויטיק זיין פיל מוט און געוואגטקייט, אז די זעלבע מענער זאָלן איצט דערשיינען פאַר דער קעניגלעכער - קאָמיסיע אַלס קעגנער פון וואקאפּס הערשאפט, וואָס זיי אַליין האָבן זי געפאָדערט. דעריבער מוז מען געפינען אַנדערע מענטשן, וועלכע זאָלן זיך אויף זיך ארויפלייגן די אומאנגענעמע ראָלע אויפצוהויבן א שטים פון באַשולדיקונג, און דערצו איז זשאַבאָטינסקי אַמבעסטן גע־אייגנט".

די קאָמיסיע איז אָנגעקומען אין ארץ־ישראל און אָנגעהויבן אויס־צוהערן עדות. עס איז דערשינען ד״ר ווייצמאַן און אנדערע מיטגלידער פון דער יידישעראגענץ־עקזעקוטיווע (אוסישקינען האָט די אַגענץ־עקז־עקוטיווע נישט דערלויבט אויפצוטרעטן, ווייל מ׳האָט זיך געשראָקן פאַר זיין „עקסטרעמיטעט"; דאקעגן ד״ר העקסטער, פון נישט־ציוניסטישן טייל אין דער אגענץ־לייטונג, איז יאָ אויפגעטרעטן). אָבער אין דער גרויסער יידישער וועלט און אין יידישן ישוב אין ארץ־ישראל בפרט האָט זיך גע־פילט, אז ס׳פעלט דער שטאַלצער אויפטריט פון הערצלס אמתן יורש. אי־מיצער האָט געשריבן אין יענע טעג: „אויך דער יידישער ישוב אין אַלע זיינע שיכטן פילט אינסטינקטיוו נאָך די עדות־אויפטריטן, אז דאָס דער־לייזנדע וואָרט איז נאָך נישט געזאָגט געוואָרן. דאָס וואָס עס פילן מיליאָ־נען, קען אויסדריקן נאָר איינער, נאָר דער אמתער מנהיג פון פאָלק. אָן שום פּראָפּאגאנדע, אָן א דרוק פון דרויסן, נאָר ווי א געשריי וואָס

רייסט זיך ארויס פון זיך אליין, הערט זיך פון צענדליקער טויזנטער די פראגע: ווען וועט אויפטרעטן זשאבאטינסקי? ווען וועט ער דערשיינען? אזוי פרעגט מען אין שטאָט און דאָרף, פון מטולה ביז רוחמה, דער אַר־בעטער און דער פויער, דער סוחר און פאבריקאנט; דער פרומער און פרייער — אזוי ווי אלע וואָלטן זיך אָפּגערעדט!"

די עקזעקוטיווע פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאניזאציע האָט באַ־פולמעכטיקט איר פרעזידענט צו געבן עדות פאר דער קאָמיסיע אין אן עפנטלעכער זיצונג אין ארץ־ישראל און האָט אין א בריוו געבעטן דער קאָמיסיע, מיטצוטיילן דעם לייטער פון אימיגראציע־דעפּארטאמענט, צו געבן זשאבאָטינסקין די נויטיקע איינרייזע ־ ערלויבניש קיין ארץ־ישראל.

דער סעקרעטאר פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע האָט מיטגעטיילט ד"ר אלטמאנען, דעם פּאָרזיצער פון דער ארץ־ישראלדיקער פּארטיי, אז די קאָ־מיסיע איז נישט גרייט זיך צו ווענדן צום דירעקטאָר פון עמיגראציע־דע־פּארטאמענט און אינטערווענירן וועגן געבן אן איינרייזע ־ דערלויב־ניש פאר זשאבאָטינסקין. ד"ר אלטמאן האָט זיך דאן געווענדעט דירעקט צום ארץ־ישראלדיקן אימיגראציע ־שעף. אויף דעם האָט ער באקומען א בריוו אונטערגעשריבן דורך עדווין סעמועלן (דער זון פון ערשטן הויך־קאָמיסאר), דער וויצע־לייטער פון אימיגראציע־אמט, אז היות ה' זשאַ־באָטינסקי איז ארויסגעשיקט געוואָרן פון ארץ־ישראל לויטן פּאראגראף 3 (1) פון עליה־געזעץ, קען מען אים נישט געבן קיין איינרייזע ־ דער־לויבניש.

דער אָפּזאָג צו דערלויבן דעם גרינדער פון יידישן לעגיאָן אריינצוקו־מען אין זיין פאָטערלאנד אפילו בלויז אויף אייניקע טעג (די דאָזיקע שמוציקע אַרבעט — צו נאָטיפיצירן וועגן פארבאָט — איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף א יידישן באאמטן, אויף עדווין סעמועלן!), האָט ארויסגע־רופן א גרויסן שטורם ביי די יידן אין דער גאנצער וועלט, און אויך צווישן די גויים. דאָס האָט געוווּנדערט און אַרויסגערופן פארדרוס באַזונ־דערס ווען נאָכן אינטימען געשפּרעך צווישן אים און דעם הויך־קאָמיסאר, האָט אים וואקאָפּ אליין איינגעלאדן צו קומען באזוכן ארץ־ישראל. אין לאָנדאָנער „דיילי סקעטש" האָט איינער פון די „צדיקים און סדום", דער ענגלישער זשורנאליסט קאנדידוס געשריבן: „צי ווייסט איר וועמען מען האָט צוגענומען די דערלויבניש אויסצודריקן זיין מיינונג? דעם זשאבאָ־טינסקין, וועלכער האָט געקעמפט העלדיש אין דער מלחמה אויף דער זייט פון גרויס־בריטאַניע".

אויך לאָרד סטראבאלדזשי און קאָלאָנעל פּעטערסאָן האָבן פּראָטעס־טירט צו דער רעגירונג. דער קאָלאָניע־מיניסטער ארמסביי גאָר האָט גע־ענטפערט אין אַ בריוו צו פּעטערסאָנען, אַז ער באַדויערט... און ער האָט באַוויזן דער קעניגלעכער קאָמיסיע פּאַרצושלאָגן זשאבאָטינסקין אויפ־צוטרעטן פאַר איר אין לאָנדאָן נאָך איר צוריקקער פון ארץ־ישראל.

דער אויפטריט איז באַשטימט געוואָרן אויפן 11 פעברואַר 1937.

ס'איז געווען אַ ווינטער־טאָג. דער לאָנדאָנער נעפּל האָט באַדעקט דעם ריזיקן כרך פון פרימאָרגן און די גאַסן זענען געווען כמעט ליידיק. אַ טיפּישער לאָנדאָנער ווינטער ־ טאָג. קעלט און נעץ ווייקן דורך די ביי־נער. אין אַזאַ טאָג איז גוט צו זיצן אין די וואַרעמע ביוראָ־צימערן און זיך נישט דרייען אין די גאַסן.

נעבן לאָרדן־הויז הערשט רו אויך אין זוניקע טעג. פון די 800 מיט־גלידער פון לאָרדן־הויז קומען צו זיצונגען געוויינלעך נישט מער ווי 40 מאַקסימום 50 מענטשן. ס'רוב זקנים, עלטערע מענער, וועלכע האָבן היג־טער זיך פיל יאָרן פון עפנטלעכן דינסט און האָבן דאָס פולע רעכט זיך אָפּצורוען פון שטורמישן לעבן און הנאה האָבן אין זייער לעבנס־הערבסט פון דער וועלט. סתם נייגעריקע, גרויע בירגער פון אַ גאַנץ יאָר, באַלאַגערן נישט די טירן פון לאָרדן־הויז. די אַלטע לאָרדן זענען נישט קיין סענסאַציע־מאַטעריאַל.

אָבער דעם נאָכמיטאָג האָט זיך פאַרמירט אַ רייע פון הונדערטער נעבן לאָרדן הויז. דעם „באַבי", דעם הויכן פּאָליציסט, האָט מען מיטגע־טיילט, אַז דריי אַ זייגער נאָכמיטאָג וועט פאָרקומען אין איינעם פון די זאַלן פון לאָרדן הויז אַ זיצונג פון אַ קאָמיסיע. איצט שטייט ער פאַרוווּנ־דערט: וואָס איז דער רעש? צי קומען דען פאַר ווייניק זיצונגען און קיי־נער לייגט גאָר נישט קיין אכט אויף זיי?

די רייע ווערט אַלץ גרעסער און די צאָל פון די פּלעצער איז זייער אַ באַגרענעצטע. סך הכל אַ 120 פּלעצער זענען פאַראַן פאַרן פּובליקום אין דעם זאַל. אַ שעה פאַרן אָנהויב איז דער זיצונגס־זאַל געווען געפּאַקט. די מערהייט פון פּובליקום זענען יידן. אָבער נישט נאָר יידן, אויך ענג־לענדער און אַראַבער געפינען זיך אין זאַל. איידער די טיר האָט זיך גע־עפנט, זענען געשטאַנען אין דער רייע ביים לאָרדן־הויז צווישן אַנדערע מיסטער חיימסאָן, דער געוועזענער שעף פון אימיגראַציע־דעפּאַרטאַמענט פון דער פּאַלעסטינער־רעגירונג, אַ ייד, אַ תלמיד פון אחד־העם, וואָס האָט זיך באַצויגן צו יידן מיט מער אכזריות ווי גויים, און מיסטער באומאַן, געוועזענער בילדונגס־מיניסטער פון דער ארץ־ישראלדיקער רעגירונג. זיי

האָבן שוין נישט געקענט אַריינגיין. אַן ארץ־ישראלדיקער סטודענט, וועל־כער האָט שוין אויך נישט געהאַט קיין מזל אַריינצוגיין, האָט עס זייער באַדויערט, אָבער זעענדיק אַז אויך חיימסאָן און באומאַן זענען געבליבן אין דרויסן, איז אים לייכטער געוואָרן. ער איז צוגעגאַנגען צו חיימסאָנען און אים געזאָגט: ה׳ חיימסאָן, ערשט איצט פאַרשטייט איר דעם טעם פון פאַרמאַכטע טויערן!

אינערוויינינק זיצן שוין לידי דאַגדייל, לאָרד באַלפורס ברודערן־טאָכ־טער; דער אַלטער מאַלקאָלם, באַלפורס סעקרעטאַר און קאָלאָנעל פּעטער־סאָן. אויך מיס ניוטאָן, די ענגלישע לידי, די פריינדין פון די אַראַבער, פון הר הכרמל, איז דאָ. די יידן, וועלכע זענען אַריין און האָבן מורא טאָמער וועלן זיי פאַרשפּעטיקן, לויפן נערוועז איבער די לאַנגע קאָרידאָרן. מיס ניוטאָן, פון די ערשטע וועלכע זענען אַריין אין זאַל, זאָגט צום סעקרע־טאַר פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע, וועלכער ווייזט די נערוועזע אַריינ־קומערס זייערע פּלעצער: קוק זיך צו, דאָס איז ארץ־ישראל!

א פופצן מינוט פאַרן אָנהויב איז זשאַבאָטינסקי געקומען מיט זיין פרוי, געדריקט די הענט פון באַקאַנטע, זיך באַגריסט אויך מיט די מענטשן פון גרייט־ראַסל סטריט, געשמועסט מיט ד״ר צעלינא סאָקאָלאָוו און גע־שפּאַצירט אין קאָרידאָר מיט פרוי וויערא וויצמאַן. נאָכהער איז ער אַריין אין זאַל און פאַרנומען פּלאַץ ביים טיש אַנטקעגן די מיטגלידער פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע.

צווישן פּובליקום אין זאַל, זעט זיך אויך דער קאָלאָניע־מיניסטער, אָרמסביי גאָר, אין וועמענס הענט עס איז דאַן געלעגן דער גורל פון ארץ־ישראל. אויך ער האָט געפונען פאַר נויטיק צו קומען הערן די טענות פון פאָרשטייער פון יידישן פאָלק. דער מיניסטער האָט זיך נישט געוואָלט באַגניגנען מיטן לייענען די סטענאָגראַמע אויף צו מאָרגנס. ער איז גע־ווען פאַראינטערעסירט צו באַקומען אַן אוממיטלבאַרן איינדרוק.

אין זאַל איז טונקל. די עלעקטרישע לאָמפּן זענען נאָך נישט אָנגע־צונדן. זשאַבאָטינסקי הויבט אָן אין א רואיקן טאָן. אָבער פון מינוט צו מינוט ווערט זיין שטימע שטאַרקער און ציטערנדיקער. ער בעט אַנטשול־דיקונג פאַרוואָס ער קען נישט רעדן די גאַנצע צייט רואיק: „איך רעד אין נאָמען פון דער נויט פון מיליאָנען, אין נאָמען פון גרויסן הונגער פון א פאָלק, וואָס פאָדערט פאַר זיך דאָס רעכט אויף ברויט. איך וואָלט גע־דאַרפט שילדערן פאַר אייך א גיהנום־סצענע פון יידישן לעבן אין גלות״. צי קען מען רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן רואיק?

אין זאַל ווערט פינצטערער. די זשורנאַליסטן פון דער גאַנצער וועלט־פּרעסע מאַכן גרויסע אָנשטרענגונגען, כדי נישט צו פאַרלירן קיין איין וואָרט פון דער היסטאָרישער רעדע. אין טונקעלן זאַל שפּילט זיך איצט אָפּ אַ גרויסע דראַמע, ווען זשאַבאָטינסקי רייסט זיך ארויס מיט אַ געשריי און קלאַפּט מיטן פויסט אין טיש:

„איר האָט צוגעזאָגט? דערפילט אייער צוזאָג! אויב נישט, גיט אָפּ צוריק דעם מאַנדאַט אויף ארץ־ישראל! גיט אָפּ צוריק דעם מאַנדאַט!

נעבן וועדזשוואודן זיצט לוידי דאַגדייל. נאָך איר — מאַדאַם ווייצמאַן, וועלכע נאָטירט אויסצוגן פון זשאַבאָטינסקיס רעדע. אַן אראַבער אויף דער זשורנאַליסטן באַנק פאָטאָגראַפירט נאָכאַנאַנד מיט אַ קליינעם אַפּאַראַט דעם רעדנער. די פאָרשטייער פון דער ענגלישער און וועלט־פּרעסע לויפן אַלעמאָל ארויס אויף די שפּיץ פינגער אין קאָרידאָר, איבערצוגעבן טעלעפאָניש זייערע רעדאקציעס אויסצוגן פון דער רעדע.

ס'איז שוין אינגאַנצן פינסטער אין זאַל, און דער דינער האָט נאָך נישט אָנגעצונדן דאָס ליכט. ס'איז שטיל און טונקל, נאָר די שטימע פון שטאָלצן ייד הערט זיך אין זאַל. פּלוצלינג, אינמיטן רעדן, האָט זשאַבאָטינסקי אומגעדרייט זיין פּנים, האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער אויפן ווינקל וווּ ס'איז געזעסן אַן אַלטער הויכער הער, דאָס איז געווען קאָלאָנעל פּעטערסאָן, און ער האָט געזאָגט: לאָרד און דזשענטעלמענער! איר האָט געשיקט קיין ארץ־ישראל 23 באַטאַליאָנען, אַ זעקסטל פון דער אימפּעריאַלער ארמיי, כדי עס זאָל זיך שאַפן אַן איינדרוק ביי די אראַבער, אַז זיי זענען ווירקלעך אַ קראַפט: און אָט האָט איר פאַר זיך אַ ספּעציאַליסט און אַ בעל־נסיון. פרעגט אים, ער וועט אייך זאָגן: מיט פינף הונדערט יונגעלייט, האָט מען געקענט דאָרט איינשטילן דעם שטורם!

אַ באַוועגונג אין זאַל. אַלע בליקן זענען געווענדעט צום ווינקל און זיי זוכן אין דער טונקלקייט.

אין זעלבן טאָג, ווען ס'איז פאָרגעקומען אָט די זיצונג, גראַד אין זעלבן טאָג, איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן סער ארטור וואַקאָפּ. און אין דער זעלבער רעדע זיינער האָט דער פאָרשטייער פון יידישן פאָלק געפאָדערט פון אים אַ דין־וחשבון: „ווו איז די קעניגלעכע קאָמיסיע וואָס זאָל אויספאָרשן ווער ס'איז שולדיק, ווייל איך טענה אַז אימיצער איז שולדיק. איך דערקלער אַז אַ גרויס קוואַנטום פון געווער איז אריינגעבראַכט געוואָרן קיין ארץ־ישראל מיט אַ דערלויבניש פאַר די אומרוען און אויך נאָכהער. איך וויל וויסן צי ס'איז אמת אַז ס'איז געווען אַ דזשענטעלמען־אַגרימענט, אַן אויפשטאַנד מיט דערלויבניש, צווישן דער רעגירונג און

די אראבער. איך וויל פארשטיין פאר וואס האט מיסטער קאאוקאדזשי באקומען די דערלויבניש פריי צו פארלאזן דאס לאנד? איך וויל שטעלן דעם „מאן אויפן פלאץ" פאר א געריכט. אימיצער, אפשר א באשיידענער מענטש ווי איך, דארף זאגן דאס ווארט „איך באשולדיק". איך בין זיכער אז דער שולדיקער דארף באקומען זיין שטראף. דאס פאדער איך!"

דעמזעלבן אוונט האט דער לאנדאנער ראדיא געגעבן א באריכט פון אויפטריט. אויף צו מארגנס האט די לאנדאנער פרעסע באריכטעט וועגן דער רעדע.

ס'איז נאך נישט געווען אין ענגלאנד א יידיש געשעעניש, וועמענס אפקלאנג זאל זיין אזוי שטארק ווי זשאבאטינסקיס עדות פאר דער קעניגלעכער קאמיסיע. אויסער אין דער שפעטערדיקער תקופה, ווען זיינע תלמידים פון אונטערגרונט האבן מיט זייערע טאטן געצוואונגען דער בריטישע פרעסע צו ווידמען ארץ־ישראל פיל אויפמערקזאמקייט, האבן די ענגלישע צייטונגען נישט אפגעגעבן פיל פלאץ דעם ארץ־ישראל פראבלעם. א פערטל מיליאן יידן האט געציילט דער יידישער ישוב אין ענגלאנד פאר דער מלחמה, און זיי זענען געווען „בטל בששים" צווישן א באפעלקערונג פון פופציק מיליאן. און באזונדערס א יידישע באפעלקערונג, פון וועלכער א גרויסער פראצענט האט זיך געוואלט אסימילירן און געשטרעבט צו באהאלטן זיין נאציאנאלן פרצוף. דאס ספעציפישע יידישע לעבן פון ענגלישן יידנטום האט נישט אינטערעסירט די אלגעמיינע באפעלקערונג. אפילו ארץ־ישראל איז נאך אין יענע צייטן — אין 1938 — געווען פאר דער ענגלישער באפעלקערונג נאר איין קליינער פונקט אין דער ריזיקער אימפעריע. ארץ־ישראל, אזוי ווי מאדראס, צום ביישפיל! פאר די געשעענישן אין ארץ-ישראל ביז דער מלחמה האבן ענגלישע צייטונגען אפגעגעבן ארץ־ישראל ווייניקער שורות ווי פאר א געשיכטע מיט א משוגענעם הונט, וואס האט א בים געטאן א קינד. אז א ציוניסטישער מנהיג, און אפילו ד"ר וויצמאן, וועלכער איז געווען גוט באקאנט די רעדאקטארן פון די לאנדאנער צייטונגען, האט געוואלט לאזן הערן זיין שטימע פאר דער ענגלישער באפעלקערונג, פלעגן זיינע רייד פארעפנטלעכט ווערן נאר ווי א „בריוו" אין דער וויכטיקסטער טאג־צייטונג, דער „טיימס". פון אויבן איז געווען אפגעדרוקט א בריוו פון דזשאן סמיט, אז דורכגייענדיק דעם סט. דזשעמספארק אין דערפרי האט ער געזען אויף א בוים א פויגל, וואס ער האט נאך אזעלכן נישט געזען אין ענגלאנד, און אונטן — ד"ר וויצמאנס בריוו וועגן גורל און תביעות פון יידישן פאלק. אפילו וועגן אויפטריט פון דאמאלסטיקן פרעזידענט פון דער יידישער אגענץ, האט דער איינפלוסרייכער „טיימס" בא־

ריכטעט אין עטלעכע שורות, און אין די אנדערע צייטונגען איז גאָרנישט דערמאָנט געוואָרן.

זשאַבאָטינסקיס עדות איז אָבער געווען אַן אויסערגעוויינלעכע דער־שיינונג אין טאָג־טעגלעכן לעבן אין ענגלאַנד. דאָס איז געווען „נייעס" פאַרן ענגלישן לעזער. דער אופן ווי ער האָט אָװעקגעשטעלט דעם ציוניסטישן פּראָבלעם, איז געווען אומבאַקאַנט ביז איצט אין דער ענגלישער וועלט.

אין די קרייזן פון נאַציאָנאַלן יידנטום האָט מען זיך זייער געפרייט מיט זשאַבאָטינסקיס דערפאָלג. אַלע האָבן געוווּסט, און קודם־כל ער אַליין, אַז מיט קיין רעדע וועט מען נישט ברענגען צו קיין ענדערונג אין דער רעגי־רונגס־פּאָליטיק. אָבער דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, זייט מאַקס נאָר־דויס רעדע אין 1918 אין לאָנדאָן, אַז די פירערס פון ענגלאַנד און די עפנט־לעכע מיינונג האָבן געהערט, ארויסגעזאָגט מיט א פולן מויל אונדזערע פאָ־דערונגען אין פולער קלאָרקייט געפאָדערט יידישע אומאָפּהענגיקייט.

די יידישע פּרעסע, וואָס איז געווען אונטערן איינפלוס פון דער יידישער אַגענץ, האָט פאַרשוויגן זשאַבאָטינסקיס אויפטריט. כדי צו פאַרשטיין די סיבה פון דאָזיקן פאַרשווייגן, איז גענוג צו ברענגען א קליינעם דיאַלאָג צווישן לאָרד פּיל, דעם פאָרזיצער פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע, און לע־אָנאַרד שטיין, דער פאַרטרעטער פון דער יידישער אַגענץ בשעת דער גביית־עדות.

לאָרד פּיל האָט געזאָגט: ס'איז דאָ א גרופּע ביי יידן, וועלכע איז ביי דער מיינונג, אַז דער ציל פון מאַנדאַט איז צו שאַפן אַ יידישע מדינה. נישט אמת?

לעאָנאַרד שטיין (אַדוואָקאַט פון דער יידישער אַגענץ): מעגלעך, אַז ס'זענען פאַראַן יידן וועלכע מיינען אַזוי. אָבער דאָס איז נישט די מיינונג פון דער יידישער אַגענץ!

לאָרד פּיל: איך האָב עס נישט געזאָגט. איך האָב נאָר געזאָגט, אַז עס זענען דאָ אַזעלכע יידן.

שטיין: איך ווייס וועגן רעוויזיאָניסטן. כ'האָב געלייענט פיל פון זייער ליטעראַטור און כ'קען נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייערע אַנשויאונ־גען. אַלנפאַלס, זיי רעפּרעזענטירן זייער א קליינע צאָל פון יידן, אין פאַר־גלייך מיט דער צאָל וואָס איז פאַרטרעטן דורך דער יידישער אַגענץ".

איצט וועט זיך קיינער נישט וווּנדערן, פאַרוואָס די אָפיציעלע ציוניס־טישע פּרעסע האָט טויט־פאַרשוויגן זשאַבאָטינסקיס אויפטריט. ער האָט דאָך געפאָדערט א יידישע מדינה!

*
**

1936, 1937, 1938 — שוין דאָס דריטע יאָר קומען פאָר די אַראַבישע אומרועו אין ארץ־ישראל. דער ארגון צבאי לאומי האָט געמאַכט אַ סוף צו דער הבלגה. די בריטישע רעגירונג נעמט אָן סאַנקציעס נישט קעגן די אַראַבישע פאַרברעכער, נאָר קעגן די רעאַגירנדע יידן. די טורמעס אין ירושלים און עכו זענען אָנגעפילט מיט רעוויזיאָניסטן און בית״רים.

ווען זשאַבאָטינסקי איז צוריקגעקומען פון אַ רייזע אין דרום־אפריקע האָט ער באַקומען אַ ידיעה, אַז די צוויי בית״רים שלמה בן־יוסף און אברהם שיין זענען פאַראורטיילט געוואָרן דורכן בריטישן מיליטערישן געריכט צום טויט פאַרן פרובירן צו באַצאָלן די אַראַבער — אויפן וועג צו ראש־פינה — פאַר די אונאויפהערלעכע בלוטיקע אָנפאַלן אויף יידן.

אין די דריי וואָכן ביז דער באַשטעטיקונג פון דעם אורטייל דורכן מיליטערישן אויבערשטן קאָמאַנדיר אין ארץ־ישראל, מאַכט זשאַבאָטינסקי גרויסע אָנשטרענגונגען אין לאָנדאָן צו אַנולירן דעם טויט־אורטייל. ער ווענדעט זיך צו האָר־בעלישאַ, דער דאַמאָלסטיקער ענגלישער קריגס־מיניסטער: „דער מיליטערישער קאָמענדאַנט אין ארץ־ישראל שטייט אונטער דיין באַפעל. דו ביזט מיניסטער און דו ביזט אַ ייד. וועסטו וועלן טראָגן אויף זיך אחריות פאַר אַזאַ טאַט?״

ס׳ווערט מאָביליזירט די הילף פון קריסטלעכע פריינט. לויט זשאַבאָטינסקיס בקשה, באַזוכט דער אירלענדישער הויך־קאָמיסאַר אין לאָנדאָן דיוראַנטי, דעם נייעם קאָלאָניע־מיניסטער, וועלכער איז נאָר וואָס נאָמינירט געוואָרן (דער פריערדיקער מיניסטער, ארמסביי גאָר, האָט פלוצלונג פאַרלאָזן זיין אַמט. זיין טאַטע, אַן אַלטער לאָרד, איז געשטאָרבן און לויטן ענגלישן מנהג ירשנט זיין זון זיין טיטל און זיין אָרט אין לאָרדן־הויז. דעריבער איז ארמסביי־גאָר פאַרשווונדן פון דער מיניסטעריאַלער באַנק אין פּאַרלאַמענט, און איז אַריבער אין לאָרדן־הויז. אַלס קאָלאָניע־מיניסטער איז באַשטימט געוואָרן מאַלקאָלם מאַקדאָנאַלד). מאַקדאָנאַלד פרובירט פריער זיך אַרויסצודרייען מיט פאָרמעלע תירוצים: „איך קען זיך נישט אַריינמישן — האָט ער געזאָגט — די זאַך ליגט נישט אין מיין קאָמפּעטענץ״. נאָר דיוראַנטי לאָזט נישט אָפּ און דריקט צו דעם מיניסטער צו דער וואַנט. מאַקדאָנאַלד ענטפערט צום סוף: „איך וועל זען וואָס מ׳קען טאָן״!

יאשיה וועדזשוואוד איז זייער טעטיק. ער לויפט אַרום און מאַכט אינטערווענצן. ער טרעפט זיך טעגלעך מיט זשאַבאָטינסקין און טעלעפאָנירט פיל מאָל. די אינטערווענצן ווערן פאָרגעזעצט ביים פרעמיער־מיניסטער, ביים

אַרציבישאָף פון קענטערבוי, אין דער פוילישער אמבאַסאדע (ביידע פּאַר־אורטיילטע זענען דאָן געווען פוילישע בירגער).

דעם 24־טן יוני 1938 איז אָנגעקומען א טעלעגראַפישע ידיעה פון ארץ־ישראל, אז דער מיליטערישער קאָמאַנדיר, גענעראַל היינינג, האָט באַשטע־טיקט דעם פּסק־דין אויף שלמה בן־יוסף. א גרויסע איבעראַשונג. אָבער די האָפנונג איז נאָך נישט פאַרלוירן. ס'זענען נאָך געבליבן פינף טעג. זשאַ־באָטינסקי און זיינע פריינט אַרבעטן טאָג און נאַכט.

דעם 28-טן יוני, דעם לעצטן טאָג — די האָפנונגען ווערן פאַרשוואונדן. א גאַנצן טאָג קומען אָן ידיעות אין ביוראָ. דער ערשטער טעלעפאָן־קלונג: דער בישאָף פון טשיטשעסטער מעלדעט, אז „צום באַדויערן וועט ער מער נישט קענען אינטערווענירן". עטלעכע מינוט שפּעטער, ווידער א בייזער טעלעפאָן קלונג: דער פעלדמאַרשאַל טשעטוואָוד באַדויערט. „ער טאָר זיך נישט אַריינמישן און וועט גאָרנישט קענען העלפן!".

ביי טאָג איז צוריקגעקומען די דעלעגאַציע, וואָס האָט באַזוכט דעם קייזערס פּערזענלעכן סעקרעטאַר: „זיין מאַיעסטעט קען זיך נישט אַריינמישן. ס'איז נישט קאָנסטיטוציאָנעל!"

צוויי א זייגער ביי טאָג זענען געגאַנגען צום קאָלאָניע־מיניסטער — לויט זשאַבאָטינסקיס ביטע — די צוויי קאָנסערוואַטיווע פּאַרלאַמענט־מיט־גלידער וויוויאַן אַדאַמס און סער דזשאָן האַסלאַם. מיט א ציטערנדיק האַרץ וואַרטן אַלע אויף די רעזולטאַטן. די דעלעגאַציע קומט צוריק מיט ליידיקע הענט.

פיר נאָכמיטאָג האָט זשאַבאָטינסקי א פּערזענלעכע טרעפונג מיט מאַק־דאָנאַלדן. א גאַנצע שעה האָבן זיך אַלע חברים פון עקזעקוטיוו און שלטון בית"ר געפּייניקט אין יסורים: צי איז נאָך דאָ א האָפנונג? מ'קען נישט איינ־זיצן אין ביוראָ. אַלע שטייען אין דרויסן. ביים טויער, מ'וואַרט אויף זשאַ־באָטינסקיס צוריקקומען. מיר לויפן אים אַנטקעגן אין א נערוועזן צו־שטאַנד. לויט זיין גאַנג דערקענען מיר, אז ס'איז נישטאָ מער קיין האָפנונג. ער איז צוריקגעקומען נידערגעשלאָגן. איין וואָרט האָבן מיר פון אים אַרויס־באַקומען: ס'איז מיר נישט געלונגען!

35 מינוט האָט זיך געפירט דער וויכוח צווישן פירער פון דער פריי־הייטס־באַוועגונג און דעם מיניסטער פון א מעכטיקער אימפּעריע. דער ייד ראַנגלט זיך כדי אַרויסצושלעפּן דעם שטריק פון תלין'ס הענט. דער מיניס־טער רעדט זייער העפלעך (די יאָרן האָבן אונדז פיל געלערנט, וואָס ס'שטעקט הינטער דער דאָזיקער העפלעכקייט!) „ער באַדויערט, אָבער ס'איז

נויטיק צו געבן א לעקציע די נישט רואיקע עלעמענטן, זיי זאָלן זיך דער־שרעקן און זיצן רואיק"! דער ייד מאַכט אים אויפמערקזאַם: ה' מיניסטער! איך קען בעסער פון אייך מיין פאָלק און כ'זאָג אייך, אַז דאָס וועט זיי נישט אָפּשרעקן, נאָר פאַרקערט, דאָס וועט נאָך פעסטער מאַכן זייער אנטשלוס!

מאַקדאָנאַלד באַמערקט דערויף: דאָס איז א פראַגע פון אינדיווידועלער אָפּשאַצונג. איך מיין אַנדערש. מעגלעך אַז כ'האָב א טעות, און אפשר בין איך גערעכט. די צוקונפט וועט באַווייזן".

זעקס א זייגער פאַרנאַכט ווערט געמאַכט נאָך אַן אָנשטרענגונג. דער אירלענדישער הויך־קאָמיסאַר איז ווידער דאָ ביי מאַקדאָנאַלדן. אויך איצט— אָן דערפאָלג. דער קאָלאָניע־מיניסטער דערציילט אים: מיט צוויי שעה צוריק איז ביי מיר געווען זשאַבאָטינסקי. נאָך זיין ארויסגיין האָב איך באַקומען א טעלעגראַמע פון גענעראַל היינינג, וועלכע פאַרפעסטיקט נאָך מער מיין באַשלוס .

ניין א זייגער אין אָוונט טעלעפאָנירט מען פון ירושלים. ס'רעדט ד"ר פיליפּ דזשאָזעף; דער פאַרטיידיקער פון פאַראורטיילטן איז מודיע: ער האָט געגישטערט און געפונען אין דער געשיכטע פון בריטישער יוסטיץ א פּרעצע־דענט־פאַל, אַז א טויט־אורטייל פון א מיליטערישן געריכט וואָס איז באַ־שטעטיקט געוואָרן ,איז אין לעצטן מאָמענט אָפּגעלייגט געוואָרן און ס'איז אריינגעטראָגן געוואָרן אַן אַפּעלאַציע צום קעניגלעכן ראַט. דאָס איז געשען אין 1901, פאַר 37 יאָר אין דרום־אַפריקע, בשעת דער מלחמה צווישן די ענגלענדער און די בורן.

נאָך צען טייערע שעהן זענען געבליבן. די צייט לויפט איצט מיט א שנעלערן טעמפּאָ ווי געוויינלעך. אפשר וואָלט מען איצט געקענט אָפּהאַלטן דעם זייגער, צעברעכן דעם זייגער, דעם רוצח, אויף פּיץ־פּיצלעך, פאַרניכטן אַלע זייגערס אויף דער וועלט. וואָס אייַלן זיי זיך אַזוי? מיט א סאַדיסטישער הנאה לויפט דער ווייזער איבערן ציפער־בלאַט: 11,10, 12, 1, 2 נאָך האַלבער נאַכט. א פאַרצווייפלטער נאַכט־געראַנגל מיטן תלין, און דער זייגער העלפט אים אויך.

פון די פענצטערס פון דאַונינג - סטריט זעט זיך ליכט א זייגער 11.30 פאַר האַלבער נאַכט. שפּעטע דורכגייער וווּנדערן זיך: וואָס איז עפּעס גע־שען היינט? פאַרוואָס זענען באַלויכטן אין אַזאַ שפּעטער שעה די פענצטערס פון מיניסטעריום און איבער וואָס באַראַט מען זיך? אין דער שפּעטער שעה האָט מען געפונען מאַקדאָנאַלדן אויף א באַנקעט און מען האָט אים ארויסגעשלעפּט. לויט דער ביטע פון דער דעלעגאַציע, האָט ער איינגעלאַדן

ביי נאכט אויף א זיצונג דעם הויפט־פּראָקוראָר פון דער אימפּעריע. דער מי־ניסטער מאכט זיך תמ'עוואטע. ער האָט אָפּגעוואשן זיינע הענט, און לאָזט די „יוסטיץ" זיין טעטיק. מ'האָט נאָך נישט געפונען אין לאָנדאָנער ארכיוו יענעם דאָקומענט פון 1901. אָבער דער הויפּט־פּראָקוראָר, דער פּוסק־אחרון אין פראגן פון יוסטיץ, פּסקנט: „וואָס דער פּרעצעדענס זאָל נישט זיין, גא־ראנטיר איך, אַז דער פאַל איז נישט ענלעך". אָפּגעזאָגט און געגאנגען רואיק שלאָפן.

ס'איז צוויי ביינאכט. אין ביוראָ פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאני־זאציע איז דאָ ליכט אין אַלע צימערן. פיל זיצן און וואַרטן אויף די רעזול־טאַטן. מ'זעצט פאָר די באמיאונגען. אין די גאַסן פון שלאָפנדן לאָנדאָן דרייען זיך איצט אַרום זאב זשאַבאָטינסקי און דער פּאַרלאַמענט־מיטגליד און אדוואָקאַט מיידזשאר נייטן; און אין דער צווייטער גרופּע — שלמה יעקובי און א. אברהמס.אין ביוראָ האָבן זיך צענויפגעזאמלט אַלע עקזע־קוטיווע מיטגלידער און די בית"ר קצינים. מ'איז ארומגעשטעלט ארום טע־לעפאָן און מ'היט אים אָפּ ווי דעם שווארצאַפּל פון אויג. מ'וואַרט אויף ידיעות. א קלונג אין דער נאכט־שטילקייט.א עלעקטרישער שטראָם גייט דורך איבערן גוף. מ'פאַלט ארויף אויפן טעלעפאָן ווי א הונגעריקע חיה. וואָס וועט ער אָנזאָגן? דער טעלעפאָן און זייגער, דער פריינט און שונא.ביידע ליגן זיי אויפן טיש און רעגן אויף מיט זייער קאַלטקייט. זיי דענערווירן מיט זייער שטאָלענער רואיקייט.

טיק־טאַק, טיק־טאַק. ס'איז 2.30 ביי נאכט.

צוויי יידן קלאַפּן אין טויער פון העכסטן געריכט אין לאָנדאָן. דער ארכיוו־דירעקטאָר וואונדערט זיך זייער. אין זיינע 30 יאָרן דינסט האָט מען אים נאָך קיינמאָל נישט איבערגעריסן זיין זיסן שלאָף אין אזא שפּעטער נאכט־שעה.

— ס'איז א אנגעלעגנהייט פון פּיקוח־נפש, ליבער הער! א יונגער מענטש, פאַר וועמענס שיקזאַל עס ציטערן מיליאָנען אין דער גאַנצער וועלט, ראַנגלט זיך איצט צווישן לעבן און טויט!

ער בייזערט זיך נישט, דער אַרכיוויסט. ער איז העפלעך, אזוי ווי זיי אַלע. ער טוט זיך אָן און צוזאַמען מיט די צוויי יידן גייט ער אַראָפּ אין די אונטער־ערדישע קעלערן, צו זוכן צווישן די פארשימלטע פּאַפּירן דעם דאָ־קומענט פון יאָר 1901, וואָס וועט אפשר קענען ראטעווען דאָס לעבן פון א יונגן יידישן פּאַטריאָט.

ס'איז 3.30 ביי נאכט. ענדלעך האָט מען געפונען דעם דאָקומענט.

מ׳לויפט צוריק צום קאַלאַניע־מיניסטער. דעם מיניסטערס פּריוואַט־סעקרע־טאַר שטעקט ארויס דעם קאָפּ. אויך ער איז נישט בייז, חלילה. „כ׳באדויער זייער, דער מיניסטער שטעלט ביי מיר נישט אָפּ זיין פּריוואַטן אדרעס. איך וויים נישט ווו ער נעכטיקט" (דער מיניסטער איז א נישט־פאַרהייראַ־טער..).

דער מאָרגנשטערן גייט אויף. פּינף א זייגער באגינען שלעפּט זיך זשאַ־באָטינסקי צוריק אין ביוראָ — נאָך א ביטערע שלאכט, וואָס האָט זיך גע־ענדיקט מיט א דורכפאַל. אין עכו, אין פעסטונג וואָס איז אים אזוי גוט באַקאַנט, ווו ער איז געווען „לאָקאַטאָר" מיט 18 יאָר צוריק — גרייט זיך זיין תלמיד, דער בית״רי שלמה בן־יוסף, צו דער עקידה.

וועגן וואָס האָט געטראַכט דער יידישער קעמפּער אין יענע צוויי שעה, פון זעקס ביז אכט אין דערפרי, זיצנדיק איינגעקורטשעט אין זיין שטול, איינער אליין אין ביוראָ־צימער, פאַרטיפט אין זיינע מחשבות? צי האָט ער נישט געטראַכט אז אויף דער פראַגע „פאַר וועמען און פאַר וואָס האָרעווע איך דאָס גאַנצע לעבן" קומט אין דער מינוט א תשובה: „נישט אומזיסט האָרעוועסטו, נישט אומזיסט"?

די תשובה איז געקומען. אכט אין דער פרי האָט א טעלעפאָן־קלונג איבערגעריסן זיינע הרהורים, די יידישע טעלעגראַפן־אַגענטור האָט אים מיט־געטיילט: שלמה בן־יוסף איז געגאַנגען צו דער תליה אין בית״רישן אוני־פאָרם, זשאַבאָטינסקיס נאָמען אויף זיינע ליפּן, און ער האָט געזונגען דעם שיר פון ראש־בית״ר: „למות או לכבוש את ההר"!

⁂

די צוקונפט האָט באוויזן, אז אין דיאַלאָג מיטן ענגלישן קאַלאַניע־מי־ניסטער האָט נישט מאַקדאָנאַלד, נאָר זשאַבאָטינסקי רעכט געהאַט. מ׳האָט נישט אָפּגעשראָקן מיטן טויט־אורטייל די יידישע יוגנט. מ׳האָט זיי נישט אָפּגעשראָקן מיט פיל תליות, און נישט מיט טורמעס און עינויים. זשאַבאָ־טינסקי האָט בעסער געקענט זיין יוגנט, די וואָס ער האָט דערצויגן.

דער ארגון צבאי לאומי אונטער דער קאָמאַנדע פון דוד רזיאל ז״ל פאַרשטאַרקט זיין טעטיקייט. עס עפענען זיך ברייט די טויערן פון אַלע טורמעס אין ארץ־ישראל פאַר רעוויזיאָניסטן און בית״רים. די יידישע אַגענץ איז בייז אויף די „אומפאַראַנטוואָרטלעכע אוואַנטוריסטן" פון זשאַ־באָטינסקיס חדר, וועלכע האָבן געבראָכן די „הייליקע הבלגה".

אָבער זייער קאָמענדאַנט איז שטאָלץ אויף זיינע תלמידים. זיי האָבן אראָפּגענומען די חרפּה פון גאַנצן פאָלק: מער וועלן מיר נישט זיין קיין שוץ־יידן, וואָס באַהאַלטן זיך הינטער בריטישע באַגנעטן. מיר וועלן אַליין פאַרטיידיקן אונדזער כבוד, פאַרמעגן און לעבן. דאָס ערשטע מאָל אין אונדזער גלות־געשיכטע, נאָך לאַנגע דורות פון פאַרשקלאַפונג, לערנט דער שונא, אַז יידן זענען מער נישט הפקר.

„מיינע קינדער שרייבן בעסער" — זאָגט אין קורצן זאַץ ראש בית"ר און דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער קעמפנדער יוגנט אין ארץ־ישראל. באַצאָלט, באַצאָלט, קינדערלעך פאַר אונדזער געטרעטענעם כבוד, פאַר אונדזער פאַרגאָסענעם בלוט, פאַר אונדזער פאַרשקלאַפונג!

און זיי האָבן באַצאָלט.

# מיט די הערשער פון דער וועלט

דער האָריזאָנט איז פאַרנעפּלט, שוואַרץ און פאַרוואָלקנט. דער שטריק פאַרציט זיך אַלץ ענגער אַרום דעם יידישן האַלז איבערן גלות. מ׳מוז דריקן אויף ענגלאַנד מיט אַלע מיטלען זי זאָל עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל פאַר יידישער מאַסן־אימיגראַציע. און די רעגירונגען אין אייראָפּע, ווו עס לעבן באַדייטנדע יידישע קיבוצים, קענען בייהילפיק זיין. מ׳מוז ווידער נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט און קלאַפּן אין די טויערן פון די גויישע הערשער.

אין יולי 1938 געלינגט זשאַבאָטינסקין צו באַקומען אַן אוידיענץ ביים רומענישן קעניג, קאַראָל, וועלכער איז געקומען אויף אַן אָפיציעלע וויזיט קיין ענגלאַנד. אין יענער צייט האָט רומעניע געהאַלטן אַ שליסל־פּאָזיציע אין אייראָפּע. זי האָט געשפּילט כמעט אַן אַנטשיידנדע ראָל אין דער נעץ פון קאָאַליציעס, וואָס האָבן דאַן געהערשט אין דרום־מזרח־אייראָפּע: רומעניע איז געווען אַ מיטגליד פון דער „קליינער אַנטאַנטע", צו וועלכער עס האָבן אויך געהערט טשעכאָסלאָוואַקיע און יוגאָסלאַוויע. אויסער דעם איז רומע־ניע געווען פאַרבונדן מיט אַן אָפּמאַך מיט פּוילן. אויך האָט זי געהערט צו דער אינער־באַלקאַנישער קאָאַליציע, צוזאַמען מיט יוגאָסלאַוויע, טערקיי און גריכנלאַנד.

קאַראָל איז געווען אויפן העכסטן שטאַפּל פון זיין גרויסקייט. ער איז געווען דער הערשער אין זיין לאַנד. פון אַלע אייראָפּעאישע מלכים וועלכע זענען געבליבן אויף זייער טראָן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז ער געווען דער איינציקער וועלכער האָטווירקלעך געהערשט איבער זיין לאַנד. מיט אַן אייזערנער האַנט האָט ער אונטערדריקט דעם אויפשטאַנד פון דער

„אייזערנער גווארדיע" און ארעסטירט אלע אירע פירער. ער האָט געפונען א שטארקן און פעאיקן מענטש, ארמאנד קאלינעסקו, וועלכער איז שפּעטער דערמאָרדעט געוואָרן דורך נאַצישע אַגענטן. קאראָל האָט אוועקגעשטעלט קאלינעסקו אין שפּיץ פון דער רעגירונג און אים איבערגעגעבן די וויכ־טיקסטע אמטן.דער איינאוויגיקער פּרעמיער (דעריבער האָט ער שטענדיק גע־טראָגן א שווארצן באנדאזש אויפן לינקן אויג) האָט איינגעפירט אָרדנונג אין דער באלקאנישער מדינה, וואָס איז פון שטענדיק אָן געווען אן ארענע פון אומרוען, אויפשטאנדן און אטענטאטן. די אַלע מעשים זענען פארשריבן געוואָרן אויף דער קאָנטע פון מלך און זיין פּרעסטיזש איז געוואקסן אין לאנד און אין אויסלאנד. דער בריטישער אויסערן־מיניסטער איז דאַן געווען באַ־שעפטיקט מיט קלאָר מאכן די שטימונג פון די אייראָפּעאישע הערשער פאַר היטלערס אויפשטורם. דעריבער האָט מען איינגעלאַדן דעם קעניג קאראָל אויף א וויזיט. ר'שטאמט פון דער האָהענצאלערן־פאמיליע, און אין זיינע אָדערן טריפט בלוט פון די פּרייסישע מלכים. מ'האָט מורא געהאט, אז „די שטים פון בלוט" וועט אים באוויגן צו ווערן א וואסאל פון היטלערן.

די אוידיענץ וואָס זשאבאָטינסקי האָט באקומען ביי קאראָלן איז גע־האלטן געוואָרן אין געהיימנים. מעגלעך אז דער קעניג האָט נישט געוואָלט ס'זאָל עפנטלעך זיין באקאנט אז ער נעמט אויף א ייד אָן אוידיענץ, באזונדערס ווען אויף זיין וועג, צוריק פון לאָנדאָן, האָט ער געדארפט אָפּ־שטיינן אין בערלין, זיך צו טרעפן מיט היטלערן. און אפשר האָט ער נישט געוואָלט באליידיקן זיינע גאסטגעבער די ענגלענדער, וועלכע זענען געווען אומצופרידן, וואָס אנדערע מלוכות ווערן ארייננעשלעפּט אין די ארץ־ישראל ענינים, וואָס ענגלאנד האָט געהאלטן פאַר אירן אויסשליסלעכן מאָנאָפּאָל און אינערלעכע אנגעלעגנהייט.

ס'איז געווען פאר זשאבאָטינסקין א גרויסע איבערראשונג צו דערפאַרן, אז מלך קאראָל איז באהאוונט אין יידישע ענינים און זאָגאר די ציוניסטישע פּראָבלעמען זענען אים נישט פרעמד. דער פּרעזידענט פון דער נייער ציו־ניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט זיך געגרייט צו געבן אין די ערשטע מינוטן פון אוידיענץ א שילדערונג פון זיין שטעלונג אין יידנטום און ציוניזם. אָבער, ווי ער איז נאָר אריינגעפירט געוואָרן פאַרן קייזער, האָט קאראָל געזאָגט: „איך ווייס וועגן אייך. כ'האָב געהערט פון מיינע מיניסטאָרן און אויך פון אנ־דערע".

און זיין אינפאָרמאציע איז געווען א פּיל גענויערע, ווי מ'האָט זיך גע־קענט פאָרשטעלן. דער פּרעמיער־מיניסטער קאלינעסקו, און דער אויסער־מיניסטער, האָבן געקענט זשאבאָטינסקין פּערזענלעך פון באגעגנישן און

געהערט וועגן אים. דעם קעניגס א פריינט, דער רומענישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַרשע, פּראַנאַסעוויטשי, האָט זיך אין וואַרשע פיל מאָל באַגעגנט מיט אים. אויך דער רומענישער אַמבאַסאַדאָר אין ענגלאַנד האָט אים געקענט און פלעגט שיקן ראַפּאָרטן צו זיין מלך וועגן דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג אין צוזאַמענהאַנג מיט דער לעזונג פון דער יידן־פראַגע.

זשאַבאָטינסקי האָט אין זיין עקספּאָזע געשילדערט די לאַגע פון יידן אין אַלגעמיין, אונטערגעשטראָכן איר שאַרפקייט אין די לעצטע יאָרן צוליבן אַנטיסעמיטישן דרוק און רעפערירט וועגן דער לעזונג פון שטאַטס־ציוניזם.

קאַראָל האָט געזאָגט: איך טראַכט שוין א לענגערע צייט וועגן דער פראַגע. די לאַגע וואָס איר האָט מיר געשילדערט איז נוגע נישט נאָר רומעניע. ס'איז דאָ א ווירקלעכקייט, פאַר וועלכער מ'קען נישט פאַרמאַכן די אויגן: אין צענטראַל און דרום־מזרח־אייראפּע איז פאַראַן א גרויסער געדראַנג פון יידן. זיי וואַרפן זיך צופיל אין די אויגן אין אַט די ראַיאָנען. פון דער צווייטער זייט — די נאַצישע מאַסן־פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער יוגנט און אין אַלע קרייזן שטרעבט אויפצוּווינגען אַן אָפיציעלן אַנטיסעמיטיזם. צווישן אַט די מדינות געפינען זיך דריי לענדער באַזונדערס — פוילן, אונגאַרן און מיין לאַנד — אונטערן שטאַרקסטן דרוק. די פאַרגיפטונג פון דער באַפעלקערונג מיט דער מיסטישער דעמאַגאָגיע איז א געפאַר נישט נאָר פאַר די יידן, נאָר פאַרן גאַנצן רעזשים, פאַר די רעגירונגען און פאַרן פּאָליטישן און סאָציאַלן סטאַטוס וואָס עקזיסטירט אין די לענדער. מיר, אין רומעניען, פילן די לאַסט פון דער לאַגע און מיין רעגירונג ראַנגלט זיך צו באַהערשן די כוחות, וועלכע שטויסן צו טאָטן אין א אומגעוווּנשענער ריכטונג. כ'מיין אַז יידן אַליין דאַרפן העלפן אין דער דאָזיקער לעזונג. זייער כוח איז דאָך גרויס אז זייער איינפלוס א באַדייטנדער".

„כ'האָב געפילט — האָט זשאַבאָטינסקי אונדז שפּעטער דערציילט וועגן דער אוידיענץ — אַז קאַראָל מיידט בכוונה אויס אָנצורופן די לעזונג ביים נאָמען. אפשר האָט ער נישט געוואָלט פאַרשאַפן אומאַנגענעמלעכקייט די ענגלענדער, זייענדיק אין לאָנדאָן אלס גאַסט פון קעניג דזשאָרדזש. כ'האָב דעריבער אויסגענוצט די געלעגנהייט און דערקלערט:

— „איך בין מודה, אייער מאַיעסטעט, אין דער סכנה וואָס דראָט צוליבן דרוק פון אַנטיסעמיטיזם. ס'איז וואָס אַן אמת א פעלער פון די רעגירונגען, וועלכע זעען נישט די היטלערס געהיימע כוונות. ריכטענדיק זיינע פיילן קעגן די יידן, מיינט ער צו פאַרניכטן די אייראפּעאישע געזעלשאַפט אין איר עקזיסטירנדער פאָרם. ער וויל פאַרניכטן די דעמאָקראַטיע און פאַרשקלאַפן די קריסטלעכע לענדער צו א טאָטאַליטאַרער דייטשלאַנד, וואָס וועט

הערשן איבער אייראָפּע מיטן כוח פון איר וואפן. די אייראָפּעאישע מלוכות העלפן נישט־ווילנדיק דעם נאַציזם, ווען זיי שלעפן זיך נאָך זיין אַנטי־יידי־שער פּראָפּאַגאַנדע. אָבער כ'האָב קיינמאָל נישט פאַרמאַכט מיינע אויגן פאַר דער ווירקלעכקייט. מ'דאַרף געפונען א לעזונג צו דער אַנגעוויטיקטער פראַגע, און איך זע זי — דורכדעם וואָס יידן וועלן פאַרלאָזן די אַנגעפילטע געביטן און אָרגאַניזירט עמיגרירן אין זייער לאַנד. אָבער די עמיגראַציע דאַרף זיין אַן אַקט פון קעגנזייטיקע הסכמה, איינגעאָרדנט און אדורכגעפירט אין א הומאַניטאַרער און אנשטענדיקער פאָרם. כדי די מענטשן זאָלן קענען פאַרלאָזן זייערע אַלטע וווין־ערטער, אין וועלכן זיי און זייערע עלטערן האָבן געלעבט לאַנגע דורות, און זיי זאָלן קענען אָרגאַניזירן זייער נייען לעבן אין מענטשלעכע באַדינגונגען — וועט נויטיק זיין די מאַטעריעלע און פּאָליטישע הילף פון די פאַראינטערעסירטע רעגירונגען.

„איר זייט פאַראינטערעסירט צו פאַרקלענערן די יידישע באַפעלקערונג, אויך מיר זענען פאַראינטערעסירט צו ליקווידירן דעם יידישן גלות. אייער מאַיעסטעט איז זיכער באַקאַנט די היסטאָרישע ראָלע פון ארץ־ישראל. די רומענישע רעגירונג און אַנדערע פאַראינטערעסירטע רעגירונגען, וועלכע זענען מיטגלידער פון פעלקער־בונד און האָבן איבערגעגעבן ענגלאַנד דעם מאַנדאַט אויף ארץ־ישראל, דאַרפן געפינען די פּאַסיקע מיטלען, צו דער־מעגלעכן די יידישע אימיגראַציע אין זייער צוגעזאָגטן לאַנד".

— מיין רעגירונג וועט זיך דערמיט באַשעפטיקן — האָט דער מלך גע־ענטפערט.

א שעה איז זשאַבאָטינסקי געזעסן אַנטקעגן רומענישן קעניג, צוגע־הערט זיך צו זיינע רייד, נאָכגעפאָלגט זיינע באַוועגונגען און נאָטירט זיינע באַמערקונגען. און אַזוי ווי נבואה־רייד, וועלכע זענען אַלע מקויים געוואָרן, זענען זיינע איינדרוקן איבערן געוועזענעם מלך פון די רומענער. ער האָט דעפינירט קאַראָלן מיט פאָלגענדע ווערטער: „דער קייזער איז אן אינטעלי־גענט, מיט א שנעלער תפיסה און מאַכט אן איינדרוק פון א פערזענלעכקייט, פּעאיק צו מוטיקע און געוואַגטע טאַטן אין אַזאַ דינאַמיש־לאַנד ווי רומע־ניע. אָבער כ'צווייפל צי דער מזל וועט אים אָפּשפּילן, און צי ער וועט האָבן די שאַנסן צו רעאַליזירן זיינע שטרעבונגען: „ס'דאַכט זיך מיר — האָט זשאַבאָטינסקי געזאָגט — אַז עפּעס א שווערער גורל ליגט אויף דעם מלך און באַשטימט זיין לעבנס־וועג. וואָס ס'וועט אים געשען — וועט עס אים קומען פון זיינע אייגענע הענט. אין זיין כאַראַקטער אין פאַראַן עפּעס וואָס צעשטערט זיינע שאַנסן מיט די אייגענע הענט; ער האָט א מעגאַלאָמאַניע, א גרויסן־וואַנזין (א גוטער באַאָבאַכטער וועט זאָפאָרט באַמערקן , אַז די

האָהענצאָלערישע ראַסע האָט אַרויפגעלייגט אויף זיין בלוט אַ טיפן שטעמפּל. מ׳האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פון איינדרוק, אַז ס׳זיצט פאַר אונדז אַ „קליינער ווילהעלם"). אויסערלעך באַמיט ער זיך צו זיין רואיק און גע־לאַסן, און זיך צו באַהערשן. אָבער עס געלינגט אים נישט צו שפּילן לאַנג די ראָלע, זיין הייס בלוט קאָכט זיך שנעל אויף. זיין שטורמישער טעמפּעראַ־מענט רייסט זיך אַרויס אויך דאָרט ווו ער וואָלט געדאַרפט זיין רואיק און גלייכגעוויכטיק. ער איז צו אימפּולסיוו. ער האָט נייגונגען פאַר אַליין־הערשאַפט. די גאַנצע צייט וואָס כ׳בין געזעסן אַנטקעגן אים האָב איך געפילט, אַזוי ווי אימיצער וואָלט מיר אונטערגעזאָגט אין דער שטיל: ער וועט לאַנג נישט זיצן אויפן טראָן. אַ שטורם וועט אים אַ כאַפּ טאָן ביים קאָפּ און אים אַ שליידער טאָן אין אָפּגרונט, ווייל ער האָט נישט קיין זעלישע כוחות אָפּצוהיטן זיין גלייכגעוויכט. ער וועט נישט קענען ביישטיין פאַר אַן אויסערגעוויינלעכן ווינד".

און וועגן זיין באַציאונג צו יידן, האָט זשאַבאָטינסקי באַמערקט: — קאַראָל איז אַ קולטורעלער אַנטיסעמיט. ער וואָלט געוואָלט פּטור ווערן פון די יידן, נאָר ער איז צו קלוג דאָס נישט צו טאָן אויף אַ ברוטאַלן שטייגער. ער קען זיך נישט דערלויבן צו שפּילן אין אַן אָפענעם אַנטי־סעמיטיזם. זיכער האָט ער נאָך און וועט נאָך האָבן יידישע פריינט, וועלכע וועלן אים העלפן אין שווערע שעהן. ער איז גרייט צו זוכן אַן אַנשטענדיקן וועג צו באַפרייען זיין לאַנד פון אַן איבערפלוס פון יידן".

אַ וואָך נאָך דער אוידיענץ, האָט יט"אַ פאַרעפנטלעכט אַ טעלע־גראַמע מיט פאָלגענדן נוסח „די רעגירונגען פון פּוילן און רומעניע האָבן זיך געווענדעט צו דער בריטישער רעגירונג וועגן יידן־פּראָבלעם אין זייערע לענדער און האָבן געמאַכט דער ענגלישער רעגירונג פּראַקטישע פאָרשלאָגן אין דער זאַך".

## ב.

אַ בלינדער צופאַל האָט צוזאַמענגעבראַכט זשאַבאָטינסקין מיטן באַ־פרייער און פּרעמיער פון אירלאַנד, דע־וואַלערא.

אַ יונגער סטודענט, אַן ארץ־ישראלדיקער בית"רי, וועלכער האָט שטודירט יורי אין לאָנדאָנער אוניווערזיטעט, איז אַמאָל אַרויס פון ברי־טישן מוזעאום, אין וועלכן ער פלעגט פאַרברענגען עטלעכע שעה אין טאָג, צוגרייטנדיק זיינע לעקציעס, אויפן וועג אהיים. דער בריטישער

מוזעאום געפינט זיך אויף גרייט־ראסל־סטריט, בשכנות פון דער גע־בײדע וואו ס׳געפינען זיך די ביוראָען פון דער יידישער אגענץ אין לאָנ־דאָן. דורכגייענדיק נעבן הויז נומער 83 פון גרייט ראסל־סטריט, האָט אים פארהאַלטן א מאַן אין עלטער פון 35 יאָר בערך, וועלכער איז געשטאַנען אויפן שוועל פון ציוניסטישן ביוראָ.

— אנטשולדיקט, מיין הער — האָט דער פרעמדער געזאָגט — איך וויל באקומען אינפאָרמאציעס וועגן דער ציוניסטישער באוועגונג. מ׳האָט מיר געשיקט אהער, אָבער די באאמטין האָט מיר געהייסן קומען אַ צווייט מאָל. איך זע איר זענט א ייד, קענט איר מיר אפשר זאָגן, וווּ וועל איך באקומען מאטעריאל וועגן ציוניזם.

דער בית״רישער סטודענט האָט אים איינגעלאדן אין אויטאָבוס און אים געבראכט אין ביוראָ פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאציע. דאָרט האָט זיך דער פרעמדער פאָרגעשטעלט: ער איז א הויכער באַ־אַמטער אין אירלענדישן אויסערן־מיניסטעריום. עטלעכע שעה איז ער געזעסן מיט א עקזעקוטיוו־מיטגליד וואָס האָט מיט אים געקנעלט א קאַ־פיטל אין די ציוניסטישע פּראָבלעמען. נאכהער האָט אים זשאַבאָטינסקי אויפגענומען.דער פרעמדער איז געווען באַגייסטערט. אדרבא, ער גלויבט אז זיין רעגירונג וועט זיין גרייט צו העלפן די יידן. דער ענין איז נאָנט צו זיין הארץ, און ער וועט זיך באַמיען אַז דע־וואלערא זאָל אויפנעמען זשאַבאָטינסקין אויף אַן אוידיענץ.

דער אירלענדער האָט געהאַלטן וואָרט. עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט ער איינגעלאדן דעם עקזעקוטיוו־מיטגליד, וואָס איז געווען זיין ער־שטער רבי אין ציוניזם, אין זיין גוט נעבן דובלין און דאָרט האָבן זיי צוגעגרייט זשאַבאָטינסקיס אויפנאַמע ביים אירלענדישן פּרעמיער־מיניס־טער.

זשאַבאָטינסקי האָט באקומען אַן אָפיציעלע איינלאַדונג צו קומען אין דער הויפּט־שטאָט פון אירלאַנד, און א זייגער 11 אין דערפרי איז ער אריינגעפירט געוואָרן אין פּרעמיער־מיניסטערס־ביוראָ. דע וואלערא איז א קורצזיכטיקער. א געוויסע צייט האָט אים געדראָט די געפאַר, צו פאַר־לירן אינגאַנצן די ראיה. ער איז געפאָרן זיך אָפּערירן אין שווייץ און אמעריקע, און זיין געזונט־צושטאַנד האָט זיך אביסל פאַרבעסערט. מען האָט אים אָפּגעראַטעוועט פון בלינדקייט, אָבער זיין ראיה איז געבליבן א שוואַכע. ער איז צוגעגאַנגען צו זשאַבאָטינסקין, אים אויסגעשטרעקט די האַנט און זיי האָבן אָנגעהויבן דעם שמועס. דער אירלענדישער פריי־הייטס־קעמפער, וואָס האָט דורגעמאַכט טורמעס און עינויים פון דער

בריטישער מאכט, האָט זיך גוט פאַרשטאַנען מיטן יידישן פּרייוואַט־קעמפּער. ס'איז אריבער שעה, און דאָס געשפּרעך איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט. אָבער מ'האָט געמוזט איבעררייסן, ווייל אין וואַרטע־צימער האָט געוואַרט אַן אַמבאַסאַדאָר פון אַ פרעמדער מדינה, וואָס איז געווען איינגעלאַדן אויף צוועלף אַ זייגער בייטאָג. דע וואַלעראַ האָט געזאָגט זשאַבאָטינסקין:

— איך וואָלט אייך געוואָלט זען היינט נאָך אַמאָל. קענט איר קומען צו מיר זעקס אין אָוונט, ווען איך וועל זיין פריי פון געסט־אויפנאַמע און מיר וועלן קענען רעדן רואיק.

דעמזעלבן אָוונט זענען זיי געזעסן אין צימער פון פרעמיער־מיניסטער. זשאַבאָטינסקי האָט געבעטן די הילף פון אירלאַנד אין דער זיצונג פון פעלקער־בונד, וואָס האָט געדאַרפט קירצלעך פאָרקומען. דע־וואַלעראַ האָט צוגעזאָגט און געהאַלטן וואָרט.

זשאַבאָטינסקי איז אין דובלין אויפגענומען געוואָרן פון פויבסטלעכן נונציוס און נאָך אַנדערע אירלענדישע שטאַטסמענער. אָבער דע־וואַלעראַ האָט אים געגעבן אויסער דער דירעקטער דיפּלאָמאַטישער הילף, נאָך אַ מתנה: ראָבערט בריסקאָ. ראָבערט בריסקאָ איז אַ ייד, אָבער דע־וואַלעראַס אינטימסטער מיטאַרבעטער. פיל יאָרן אַרבעטן זיי ביידע געמיינזאַם פאַר אַ פרייער אירלאַנד. אין ליידן און פרייד זענען זיי געווען צוזאַמען. אין דער אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע „סין פיין" איז בריסקאָ געווען פון די אַקטיווסטע מיטגלידער. אויך ער — ווי דע־וואַלעראַ — איז פאַראורטיילט געוואָרן אויף לאַנגע יאָרן טורמע פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. די גרויסע סומעס וואָס דע־וואַלעראַ האָט באַקומען פון אַמעריקע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה פון די אירלענדער אין די פאַראייניקטע שטאַטן — האָט ער געזאַמלט צוזאַמען מיט בריסקאָן.

ווען אירלאַנד איז באַפרייט געוואָרן, האָט אים דע־וואַלעראַ געדענקט די יאָרן פון געמיינזאַמען קאַמף. ער האָט אים פאָרגעשלאָגן אַ מיניסטער־פּאָסטן אין זיין רעגירונג. בריסקאָ האָט זיך אַנטזאָגט, און האָט באַגרענעצט זיין טעטיקייט נאָר אויפן פּאַרלאַמענטאַרישן געביט. ער איז דער איינציקער יידישער מיטגליד אין אירלענדישן פּאַרלאַמענט.

ווען זשאַבאָטינסקי איז איינגעלאַדן געוואָרן, האָט דע־וואַלעראַ גערופן צו דער אוידיענץ אויך בריסקאָן. „דו ביזט אַ ייד — האָט ער אים געזאָגט — די פראַגע וועט דיר זיכער אינטערעסירן".

דער ציוניזם איז פאַר בריסקאָן געווען אַ נייע זאַך. דער עלעגאַנטער און הויכער העד האָט געווידמעט זיין גאַנץ לעבן דער אירלענדישער

באפרייאונג, און קיין אנדער זאך האָט אים נישט פאראינטערעסירט. זשאבאָטינסקי האָט אים היפּנאָטיזירט. אויסער דעם האָט נאָך דע־וואַ־לערא רעקאָמענדירט בריסקאן: „דער ענין איז כדאי מ'זאָל זיך מיט אים באשעפטיקן און ווידמען צייט און כוחות".

זייט דעם באזוך איז בריסקא געוואָרן א נייער מענטש. א וועלט, וואָס ער האָט ביז איצט נישט געקענט, האָט זיך פאר אים פּלוצלונג אנטפּלעקט. און ער האָט זיך אינגאנצן געשטעלט צו זשאבאָטינסקיס דיספּאָזיציע. ס'האָט לאנג נישט געדויערט און ער איז געוואָרן איינער פון זיינע הויפּט־ראטגעבער אין פּאָליטישע פראגן. בריסקא האָט אָנגע־הויבן פלייסיק צו שטודירן ציוניזם. אפילו אחד־העמ'ן האָט ער געלייענט אין ענגליש, און געשטודירט זשאבאָטינסקיס רעדעס און שריפטן. ווען ער איז אויפגעטרעטן די ערשטע צייט אויף עפנטלעכע פארזאמלונגען אין ענגלישע שטעט (ער איז אגב א גלענצענדער רעדנער) האָט ער מורא גע־האָט צו פאָרן איינער אליין, טאָמער וועלן אים די קעגנער אָנהויבן שטעלן פראגן, וועלכע ער וועט נישט וויסן צו ענטפערן. א יונגער חבר, א בקי אין ציוניזם, האָט אים באגלייט און אונטערריכטעט.

ס'איז שוין געקומען די צייט, ווען מ'קען ארויסשיקן בריסקאן אין אויסלאנדס־מיסיעס. זיין ערשטע רייזע קיין ווארשע אין דעצעמבער 1938. פאָרן אַרויספאָרן באזוכט ער זיין ערשטן רבי'ן, דע־וואלערא. ער בעט אורלאָפּ פון אירלענדישע ענינים, ווייל ער האָט זיך איצט ארייננעוואָרפן מיטן גאנצן רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראמענט אין ציוניזם. דע־וואלערא גיט אים זיין ברכה און רעקאָמענדאציע־בריוו אויפן וועג.

דער פּוילישער אויסערן־מיניסטער, קאָלאָנעל בעק, האָט אים אויפ־גענומען אויף א געשפּרעך, וואָס האָט געדויערט מער ווי א שעה, און באהאנדלט אין גאנצן אומפאנג די פראגע פון דער יידישער עמיגראציע פון פּוילן. אין געשפּרעך האָט בריסקא אויך אינטערוועניררט פאר די יידי־שע פּליטים פון פּוילישן אָפּשטאם, וועלכע האָבן געלעבט לאנגע יאָרן אין דייטשלאנד, און היטלער האָט זיי ארויסגעטריבן נאקעט און באָרוועס פון זיין לאנד. די דאָזיקע אומגליקלעכע פּליטים האָבן זיך געפּייניקט אויף דער פּויליש־דייטשער גרעניץ אין זבאָנשין, און די פּוילישע רעגירונג האָט נישט געוואָלט אריינלאָזן די מענטשן, וועמענס פּוילישע בירגער־שאפט איז שוין געהאט אויסגעגאנגען. די פּוילישע רעגירונג האָט געטענה'ט אז אויב זי וועט שאפן א פּרעצעדענט, וועט היטלער אַרויסשיקן אַלע יידן פון דייטשלאנד און זיי וואַרפן אויף דער פּוילישער גרעניץ. נאָך בריס־

האָם אינטערוועניע דערלויבן פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען אַ טייל פון די קינ־דער פּליטים אַריינצוקומען אין לאַנד.

נאָך דער ערשטער דערפאָלגרייכער רייזע שיקט אים זשאַבאָטינסקי קיין אַמעריקע. בריסקאָ קווענקלט זיך נישט אויף איין מאָמענט, לאָזט איבער זיינע געשעפטן און פאָרט אַוועק אויף פיל חדשים. נאָר פאַר איין זאַך זאָרגט ער פאַרן אָפּפאָרן: אַז זיינע קינדער זאָלן באַקו־מען אַ ציוניסטישע דערציאונג. ער נעמט פאַר זיי אַ העברעאישן לערער. אַרויספאָרנדיק קיין אַמעריקע פירט ער מיט זיך רעקאָמענדאַציע־בריוו פון דער צענטראַלע פון דער רעגירונגס־פּאַרטיי אין אירלאַנד. אפילו דאָס געלט, וואָס איז נויטיק פאַר דער רייזע פון דער דעלעגאַציע, באַ־קומט ער אַליין. פון אַ קריסטלעכן פריינד האָט ער געקריגן טויזנט פונט אויף דעם צוועק. און ער איז אַקטיוו אין אַמעריקע פיל חדשים. אין דער דעלעגאַציע געפינט זיך אויך קאָלאָנעל פּעטערסאָן, און דער מיטגליד פון דער אצ״ל־קאָמענדע, דער ארץ־ישראלדיקער יונגער אַדוואָקאַט חיים לובינסקי. זיי האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר זשאַבאָטינסקיס לעצטן באַזוך אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

הונדערטער פאָרטראַגן האָט בריסקאָ געהאַלטן אין אַמעריקע. ער האָט פאַראינטערעסירט אין שטאַטס־ציוניזם גאַנץ נייע קרייזן, באַזונדערס נישט־יידישע. די אירלענדער אין אַמעריקע, וועמענס צאָל דערגרייכט מיל־יאָנען, העלפן אים פיל. אין וואַשינגטאָן פירט ער אויפקלערונגס־טעטיקייט צווישן די מיטגלידער פון קאָנגרעס און סענאַט, און אויף עפנטלעכע טרי־בונעס איבערן גאַנצן לאַנד הויבט ער אויף הויך די פאָן פון מלוכה׳שן ציוניזם.

קומענדיק פון דער רייזע, פאָרט בריסקאָ בלויז אויף עטלעכע טעג קיין דובלין זיך צו זען מיט זיין פאַמיליע, און קומט קיין לאָנדאָן ביים ערשטן טעלעפאָנישן רוף פון זשאַבאָטינסקין.

ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט אים זשאַבאָ־טינסקי באַשטימט אַלס הויפּט־העלפער אין די באַמיאונגען פאַר אַ יידישער אַרמיי. בריסקאָ שטעלט אין סכנה זיין גאַנצע פּאָפּולאַריטעט ביים איר־לענדישן פאָלק, וועמען ער האָט אָוועקגעגעבן צוויי דריטל פון זיין לעבן. די אירלענדער זענען נייטראַל, באַזונדערס אין אָנפאַנג ווען אַמעריקע איז נאָך נישט געווען אין קריג, און בריסקאָ — אַ מיטגליד פון אירלענדישן פּאַרלאַמענט, פּריידיקט אָפיציעל פאַר איין צד אין וועלט־קאָנפליקט.

*
* *

סוף זומער 1950 איז דער באפרייער פון אירלאנד, אעמון דע־וואלע־רא, געקומען אויף א באזוך אין מדינת ישראל. דער אלטער פרייהייטס־קעמפער מאכט די רייזע אין דער באגלייטונג פון זיין פריינד ראבערט בריסקא, וועלכער האט אין די לעצטע יארן געהאָלפן דעם ארגון צבאי לאומי אין זיין באפרייאונגס־קאמף.

ג

דריי טעג נאָכן געשפרעך מיטן רומענישן קעניג איז זשאבאָטינסקי ארויסגעפאָרן קיין זשענעווע צו דער סעסיע פון דער מאנדאט־קאָמיסיע פון פעלקער־בונד. ער האָבן אים באגלייט ד״ר י. שעכטמאן, פראָפ׳ אקציין און ד״ר הארי לעווי. צו דער סעסיע איז דאָסמאָל געקומען פארטיידיקן דעם בריטישן שטאנדפונקט דער קאָלאָניע־מיניסטער בכבודו ובעצמו. זשאָ־באָטינסקי און זיינע מיטארבעטער האָבן אומדערמידלעך געארבעט יענע טעג, אויפצוקלערן די גויים די פּראָבלעמען פון יידנטום אין ליכט פון שטאַטס־ציוניזם.

אויף דער זיצונג פון דער מאנדאט־קאָמיסיע איז געשטאנען די פרא־גע פון די אומרוען אין ארץ־ישראל. וואן־אסבאך, דער האָלענדישער פאָר־שטייער אין דער קאָמיסיע, האָט געפרעגט דעם מאנדאטאָר צי די פּאלעס־טינע־רעגירונג האָט באקומען זשאבאָטינסקיס וואָרנונגס־טעלעגראמע דעם 5־טן אפּריל 1936, צוויי וואָכן פאר די אומרוען, און ווי מ׳האָט זיך בא־צויגן צו דער וואָרנונג וואָס איז געווען אַנטהאלטן אין דער טעלעגראַמע. ה׳ האָל, ענגלאנדס רעפּרעזענטאנט אין דער קאָמיסיע, האָט געוואָלט פאר־טושן דעם ענין און געזאָגט: „די טעלעגראמע פון ה׳ זשאבאָטינסקי איז אָנגעקומען ערב דעם מוזולמאנישן יום־טוב, נעבי־מוסא, און דער יום־טוב איז אריבער רואיק״. אָבער דער פּאָרזיצער פון דער מאנדאט־קאָמיסיע, דער בעלגישער ארטס האָט נישט געלאָזט פּארטושן. ער האָט ווייטער גע־פרעגט: „די טעלעגראמע באווייזט, אז אויב די רעגירונג האָט נישט פּאָר־אויסגעזען די אומרוען, זענען אָבער געווען מענטשן — ווי דער שיקער פון דער טעלעגראַמע — וועלכע האָבן זיי יאָ פּאָראויסגעזען״. האָל האָט געדרייט מיט דער צונג. „דער הויך־קאָמיסאר האָט פארשטאנען, אז הער זשאבאָטינסקי איז באזאָרגט צוליב נעבי־מוסא, ווייל דער יום־טוב איז אָפּט אַ פרעטעקסט פאר אומרוען. די רעגירונג איז געווען ווי געהעריק צוגע־גרייט צו דעם יום־טוב, און ער איז דורך רואיק״. וואן־אסבאך פון האָלאנד



ניי. צ. א. דעלעגאציע אין זשענעווע.
ה'שטייען (פון רעכטס אויף לינקס): ד"ר האררי לעווי, ז. זשאַבאָטינסקי,
ד"ר י. שעכטמאַן, פראָפ. ב. אַקצין.

האָט ווייטער דערקלערט, אַז די אויפקלערונג פון מאנדאטאָר שטעלט אים ניט צופרידן.

זשאבאָטינסקי פאָרט פון דאָרט קיין פראג. אין דער באגלייטונג פון

ד"ר אָסקאר ראַבינאָוויטש איז ער אויפגענומען אויפן הראדטשין ביים מלוכה־פּרעזידענט פון טשעכאָסלאָוואקיע, ד"ר עדוארד בענעש. נאכהער א באגעגניש מיטן טשעכישן אויסערן־מיניסטער, קראפטא, נאָך די גע־שפּרעכן שטעלט זשאבאָטינסקי פעסט, אז אין דער שטעלונג פון דער טשע־כאָסלאָוואקישער רעגירונג איז געקומען אן ענדערונג צום גוטן אין באַצי־אונג צום ציוניזם, ווייל צייכנס פון שנאת ישראל האָבן זיך שוין אויך באוויזן אויפן האָריזאָנט פון דער מדינה, וואָס איז געווען ווי א גן־עדן פאר יידן אין פארגלייך מיט אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער. דער מיקראָב פון אנטיסעמיטיזם, וואָס האָט זיך פארשפּרייט איבער גאנץ אייראָפּע,, איז אריינגעדרונגען אויך אין טשעכאָסלאָוואקיע.

בענעש און קראפטא גיבן זייער הסכמה צוצוטרעטן צו די מלוכות, וועלכע וועלן מאכן א דרוק אויף ענגלאנד צו עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל. דער פאָרשטייער פון טשעכאָסלאָוואקיע האָט אין דער פּאָליטישער קאָמיסיע פון פעלקער־בונד גילעזן א קאָלעקטיווע דעקלאַראַציע אין נאָמען פון די דריי לענדער פון דער קליינער אנטאנטע (טשעכאָסלאָוואקיע, רו־מעניע און יוגאָסלאַוויע), וואָס איז פול מיט פארשטענדעניש און סימפּאַ־טיע פאר די יידישע פאָדערונגען.

ד

דער ארגון צבאי לאומי האָט געעפנט א ניי בלאַט אין דער געשיכטע פון דער יידישער אויפלעבונגס־באוועגונג, דעם באוואָפנטן ציוניזם. די פּאָ־ליטישע טעטיקייט—איז דער צווייטער קאפּיטל. א דאנק די באמיאונגען פון זשאבאָטינסקין אין אלע אייראָפּעאישע לענדער האָט שוין א מיניסטער פון אן אייראָפּעאיש לאנד דערקלערט אויף דער זיצונג פון פעלקער־בונד־ראַט: „איך מוז מאכן א סוף צו דער אילוזיע אז ארץ־ישראל איז א ענין, וואָס בלויז דער בריטישער שותף וועט איבער אים באשליסן אליין. ארץ־ישראל — האָט דער מיניסטער געזאָגט — ווערט געבויט דורך די מענטשן און דורכן געלט, וואָס קומען פון 16 מדינות; דער מאנדאט איז אונטערגע־שריבן געוואָרן דורך 52 מלוכות, און דער ציוניסטישער פּראָבלעם איז שוין נישט מער א געשפּרעך אין לאָנדאָן אָדער אין ארץ־ישראל צווישן א פארטרעטער פון דער יידישער אגענץ און די באאמטע פון קאָלאָניאל־אַפּיס".

ארץ־ישראל איז געוואָרן אן אינטערנאציאָנאלער פּראָבלעם.

דאן קומט א דריטער קאַפּיטל: די „אומלעגאַלע עליה" קיין ארץ־ישראל, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אונטער דער לייטונג פון זשאבאָטינסקין און ווערט געפירט אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער, מיט ווארשע אַלס צענטער. די פּוילישע רעגירונג איז בייהילפיק. דער רומענישער אמבאַסאַדאָר אין ווארשע איז אויך פריינדלעך. טויזנטער יידן פון פּוילן און טשעכאָסלאָוואַקיע, ליטע און עסטרייך, קריגן דערלויבענישן אריינצוקומען קיין רומעניע אויף טראנזיט־וויזעס. כדי אָנצוקומען צו א פּאָרט פון שווארצן ים, אויפן וועג קיין ארץ־ישראל.

די פליסיקסטע און פעאיקסטע מיטארבעטער פון ראש־בית"ר לייטן מיט דער גרויסער טעטיקייט פון דער „אומלעגאַלער" עמיגראַציע: שלמה יעקובי, יוסף קאצענעלסאָן, דער גענעראַל־סעקרעטאר פון שלטון בית"ר כ"ץ, ערי זשאַבאָטינסקי, גלעזער, סטאָווסקי, פּראַנקאָ, מייסנער און פיל ארגון־קאָמענדאנטן. ס'איז נישט קיין לייכטע ארבעט. די ענגלענדער איבן אויס אן אָנגעהויערן דרוק אויף די רעגירונגען נישט דורכצולאָזן די יידישע טראנספּאָרטן. אַגענטן פון בריטישן „אינטעליגענס סערוויס" שווימען ארום אין אַלע פּאָרטן פון אייראָפּע, נישטערן און זוכן ווו ס'געפינען זיך די „רעוויזיאָניסטישע שיפן".

אָבער זשאַבאָטינסקיס תלמידים, אונטער דער דירעקטער לייטונג פון זייער לערער, ברעכן דורך אַלע בלאָקאַדעס אין די גלות־פּאָרטן און אין די ארץ־ישראל ברעגעס. טויזנטער, פיל טויזנטער יידן, ווערן ארויסגעראַטעוועט און געפינען זייער גליקלעכע היים אין דעם היימלאנד. א רעוויזיאָניסטישער אקטיווער טוער, הערמאַן סעגאַל, פירט דער ערשטער דורך אין לעבן דעם עוואַקואַציע־פּלאַן, שלעפּט ארויס פון די נאַצישע נעגל די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון דאַנציג און ברענגט זי קיין ארץ־ישראל. און פון רומענישע און בולגאַרישע פּאָרטן גייען אָפּ יעדעס מאָל נייע טראַנספּאָרטן פון פּוילישע און סלאָוואַקישע, באַלטישע און עסטרייכישע יידן.

פון חודש צו חודש ווערט אַלץ אינטענסיווער די עליה־ארבעט. זשאַבאָטינסקי פאַרהאַנדלט פּערזענלעך מיט דער פּוילישער רעגירונג וועגן אָפּקויפן די גרויסע טראַנסאַטלאַנטישע שיף „קאָשטשושקאָ", כדי צו אָרגאַניזירן א לאַנדונג פון אייניקע טויזנט בית"רים, מיטן ראש־בית"ר אין דער שפּיץ, אין די ברעגעס פון ארץ־ישראל. דער פּלאַן איז א קאָלאָסאַלער: א גאַנצע אַרמאַדע פון שיפן מיט פיל טויזנטער מיליטער־פעאיקע יונגע לייט וועלן זיך לאָזן אין וועג און מיט דער הילף פון דער אצ"ל־קאָמענדע אין ארץ־ישראל אָנהויבן די אַנטשיידנדע פּאַרמעסטונגען מיט דער בריטי־

שער אדמיניסטראַציע אויפצובױען די פאַרהאַקטע טויערן פון פּאַטער־לאַנד. אין פּוילן בילדן זיך אויס, פאַר דער אויפגאַבע, אין קורסן הונדער־טער בית״רים, די צוקונפטיקע סאָלדאַטן פון אצ״ל און לח״י.

ה

עס ברענט די ערד אונטער די טריט. אין פּוילן וואַקסט די אַנטי־סעמיטישע שפּאַנונג. אין וואַרשאַווער סיים דעבאַטירט מען וועגן דער יידן־פראַגע. דער פּרעמיער־מיניסטער סקלאַדקאָווסקי באַמיט זיך אָפּצושוואַכן די אַנטיסעמיטישע זאַלאַגישע אויסברוכן. עס איז שוין דערגאַנגען דערצו, אַז ער מוז וואָרנען פון דער סיים־טריבונע: „די אַנטיסעמיטישע אומרועןן האָבן געשאַפן אַ מצב פון אַנאַרכיע אין גאַנצן לאַנד. זיי באַדראָען די אָרד־נונג און זיכערקייט פון אַלע בירגער אין לאַנד און קענען ברענגען דאָס גאַנצע לאַנד אין צושטאַנד פון אַנאַרכיע. די רעגירונג האָט דעריבער באַ־שלאָסן זיך נוהג צו זיין מיט דער גאַנצער שטרענגקייט כלפּי די העצער צו אומרועןן און פּאָגראָמען. די העצער וועלן צוליב זיכערקייטס טעמים אַרעס־טירט און איינגעזעצט ווערן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן״.

אָבער מען קען נישט לעשן די לאַווינע מיט פּאָליציייִשע מיטלען. היטלערס גייסט הערשט איבער גאַנץ אייראָפּע און פאַרסמט יעדן ווינקל. די סכנה איז גרויס. די פּאָגראָמען אויף די יידן אין בערלין און דער אָקופּירטער ווין האָבן געגעבן אַ פאַרגעשמאַק ווי ווערט אויסזען די יידישע לאַגע אין גלות, ווען דער נאַציזם וועט זיך צעהולען איבער דער וועלט.

זשאַבאָטינסקי איז ווידער דאָ אין וואַרשע. די יידישע מנהיגים קעמפן קעגן אים ווי פריער. אָבער ער ציט זיך נישט צוריק. אויפן שוועל פון דער קאַטאַסטראָפע לאָזט ער הערן די טראַגישע וואָרנונג „יידן, ליקווידירט דעם גלות, אויב נישט, וועט דער גלות אייך ליקווידירן!״

ער פאַרשטאַרקט זיין דיפּלאָמאַטישע טעטיקייט און באַגרענעצט זיך נישט מער מיט די פּוילישע מלוכה־קרייזן. ער און זיינע מיטאַרבעטער זע־נען טעטיק דורך אַלע מעגלעכע דיפּלאָמאַטישע רערן. אַ שטאַרקער פּאָלי־טישער דרוק ווערט געמאַכט אין אַלע אייראָפּעאישע הויפּטשטעט. אין וואַרשע געלינגט אים צו דערגרייכן פאַר די אידייען פון שטאַט־ציוניזם אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט, אַנטאָני בידל, דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין פּוילן, אַן אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט, וועמענס אַנשויאונגען אויף

דעם יידן־פּראָבלעם זענען נישט ענלעך צו די באַקאַנטע אַנשויאונגען. די חסידי־אומות העולם, די וויניקע וועלכע זענען דאָ, ווילן העלפן די יידן צוליב אַ רחמנות־געפיל. זיי זענען גערירט פון יידישן לײדן און ווילן לייכטער מאַכן זייערע יסורים. דעריבער, באַגנוגענען זיי זיך מיט פּאַליאַטיוון, מיט האַלבע לעזונגען, אַזוי ווי די באַציאונג צו אַן אָרימאַן, וואָס דער נדבן מיינט אַז ער האָט דערפילט זיין פליכט געבנדיק אים אַ קליינע נדבה. די דאָזיקע בעלי־רחמנות פאַרטראַכטן זיך גאָרנישט, אַז די צדקה וואָס זיי גיבן איז נישט קיין לעזונג פאַר דער נויט פון אָרימאַן. אַנשטענדיקע קריסטן האָבן זיך באַטייליקט אין זוכן „טעריטאָריאַליסטישע" לעזונגען. אַנטאָני בידל געהערט צום קליינעם הייפל פון די וועלט־שטאַטסמענער, וועלכע זעען אין דער יידן־פראַגע דעם ערנסטנסטן פּראָבלעם אין דער וועלט. ער האָט מורא פאַרן אַנטיסעמיטיזם, נישט נאָר צוליב זאָרג פאַר די יידן, נאָר ווייל ער ציטערט פאַר זיך אַליין און זיינע קינדער. אין זיינע געשפּרעכן מיט זשאַבאָטינסקין דעפינירט דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר זיין אַנשויאונג אין פאָלגענדער פאָרם: „דער מאָראַלישער קלימאַט אויף דער וועלט איז אַזאַ, אַז איך האָב מורא אַז מיין זון וועט אַוועקגיין אויף אַ שלעכטן וועג. דער קלימאַט אויף דער וועלט איז אַן אומאַנשטענדיקער, איז פאַרסמט מיט אַנטיסעמיטיזם. און איך, דער קריסט, דער אַמעריקאַנער, בין פאַראינטערעסירט אין דער פאַרניכטונג פון די אַנטיסעמיטישע מיקראָבן נישט ווייניקער ווי די יידן אַליין, וועלכע פילן אויף זייער הויט דעם דרוק. איך מיין, אַז ס'איז די אויפגאַבע פון אַלע אַנשטענדיקע מענטשן אין דער וועלט זיך צוזאַמענצוקומען און טאָן פאַר דער לעזונג פון יידן־פּראָבלעם, כדי ס'זאָל זיך שאַפן אין דער וועלט אַ קלימאַט, אין וועלכן אַן אָרנטלעכער מענטש זאָל קענען אָטעמען".

אַנטאָני בידל האָט געזען אין אַנטיסעמיטיזם נישט נאָר קיין פּאָליטישע נאָר אויך אַ מאָראַלישע פראַגע. ער האָט פאַראינטערעסירט אין דער זאַך זיין פרוי. און ווען זשאַבאָטינסקי האָט געוויילט אין וואַרשע, פלעגן זיי אים אָפט לאַדן אין זייער וווינונג אויף פריינטלעכער אונטערהאַלטונג. ביידע זענען איבערצייגט געוואָרן אַז נאָר אַ פולע לעזונג — די שאַפונג פון אַ יידישן טעריטאָריאַלן צענטער קען ראַטעווען די וועלט. בידל האָט זיך געגרייט פאַר דער מלחמה ארויסצופאָרן קיין אַמעריקע ספּעציעל, כדי משפּיע צו זיין אויף רוזוועלטן אין דער ריכטונג. ער האָט צוגעזאָגט צו מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען אין אַמעריקע פאַרן גרויס־ציוניזם.

בידל האָט פיל געהאָלפן זשאַבאָטינסקין אין זיין דיפּלאָמאַטישער אַרבעט. זיין געשפּרעך מיט דזשאָזעף קענעדי, דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַ־

דאָר אין לאָנדאָן, איז צושטאנד געקומען דורך בידלס פארמיטלונג. קענעדי האָט נישט געהאט קיין פארשטענדעניש פארן יידן־פּראָבלעם. ס׳איז שווער צו וויסן, צי ער איז געווען אן אַנטיסעמיט. זיין ביזנעס־חוש האָט אים באוויגן נישט ארויסצוווייזן זיין אמתן פּרצוף אין באצוג צו יידן. נאָר זיינענדיק אמבאסאדאָר אין לאָנדאָן האָט ער קיינמאָל נישט געוואָלט אויפנעמען א יידישע דעלעגאציע. אָבער בידל האָט טעלעפאָנירט זיין פאָך־קאָלעגע פון ווארשע און די וואַרעמע רעקאָמענדאציע האָט געהאָלפן. קע־נעדי האָט אויסגעהערט זשאבאָטינסקין און אים צוגעזאָגט, אז ער וועט אויפמערקזאַם מאכן דעם פּרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאַטן אויף דער לאגע פון די יידן און די וועגן פון לעזונג. ער האָט געהאַלטן זיין צוזאָג.

אין א געשפּרעך וואָס איז פאָרגעקומען צווישן זשאבאָטינסקין און פּוילישן אויסערן־מיניסטער אין די טעג, ווען ס׳איז שוין געווען באַקאַנט, אז די „האָניג חדשים" אין די פריינטלעכע באציאונגען צווישן פּוילן און דייטשלאַנד האָלטן זיך ביים ענדיקן און אז עס דערנענטערט זיך א שטורם, האָט קאָלאָנעל בעק דערקלערט אז איצט וועט לייכטער זיין פאר פּוילן צו אינטערווענירן אין דער ארץ־ישראל־פּראַגע, ווייל זיין לאַנד האָט זיך איצט דערנענטערט צו ענגלאַנד. ער האָט איניציאירט א צוזאמענטרעף צווישן זשאבאָטינסקין און לאָרד האַליפאַקס, דעם בריטישן אויסערן־מיניסטער. די באגעגעניש איז פאָרגעקומען אין זשענעווע, ביי א זיצונג פון פעלקער־בונד. דער ענגלישער אויסערן־מיניסטער איז געווען העפלעך אין געשפּרעך, אָבער ער האָט זיך ארויסגעדרייט פון צו געבן א קלאָרע תשובה.

דאַקעגן האָט פּוילן אויפגעהערט זיך צו פאראינטערעסירן מיט די טעריטאָריאַליסטישע פּלענער, פון מאַדאַגאַסקאַר, גויאַנא און נאָך ענלעכע „פאטא מארגענאס". דער „נאָרדוי־פּלאַן", וועלכן ד"ר ס. קלינגער מיט דער הילף פון ד"ר י. באַדער האָבן אויסגעארבעט אונטער זשאבאָטינסקיס אויפזיכט, האָט געפונען אן אָפּקלאַנג אין די פּוילישע רעגירונגס־קרייזן, אין דער גרויסער קריסטלעכער פּרעסע און אין דער עפנטלעכער מיינונג.

א באַזוך אין די באַלטישע לענדער. פאר דעם — א שפּרונג אין פינלאַנד. נאכהער אין עסטאָניע· אויפגענומען געוואָרן דורכן עסטאָנישן אויסער־מי־ניסטער. אין ליטע — באַגעגנישן מיטן מלוכה־פּרעזידענט סמעטאנא און פּרעמיער־מיניסטער גענעראַל טשערניוס. א רייזע אין בולגאַריע און יו־גאָסלאַוויע. און ווידער אין פּוילן. מאַי 1939. היטלער זיצט אין זיין קאַנ־צליי און לאַכט מעפיסטאָפעליש. די פּלאַנקן האָבן איצט נישט וועגן וואָס צו קלערן, נאָר וועגן.. זייערע יידן. די אָנפאַלן אויף יידן ווערן א טאָג־טעג־לעכע דערשיינונג.

מ׳ברעכט שויבן, מ׳צינדט אונטער סחורות אין יידישע געשעפטן, מ׳שלאָגט יידן אין די גאַסן און זיי האָבן מורא אַרויסצוגיין אין די אָוונטן פון שטוב. א שנעון האָט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן פּוילישן פאָלק. די פּי־רער פון דער מלוכה, די עסקנים און שרייבער, האָבן גאָרנישט געזען אוי־סער די יידן „וועלכע נעמען אַרויס פון די פאַלאַקן דעם ביסן פון מויל״. זיי האָבן נישט געזען ווי היטלער שלייפט אויך קעגן זיי זיין מעסער. זיי האָבן זיך באַשעפטיקט אין סיים בלויז מיט „ראַטעווען״ דאָס לאַנד פון די... יידן.

דאָס איז געווען זשאַבאָטינסקיס לעצטער באַזוך. זיין שיידונגס־וויזיט פון גרויסן און ווונדערבאַרן יידנטום. ער איז געווען אויפגערודערט הערנ־דיק יעדן טאָג וועגן דער אַנטי־יידן העצע, וועגן דער ביטערער נויט פון זיינע ברידער און זייערע צרות. דאָס לעבן אין רעשנדיקן װאַרשע מיט די הונדערטער באַזוכן ביי אים זענען אים געווען א לאַסט. אין וואַרשע האָבן זיך די טירן פון זיין צימער נישט צוגעמאַכט פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. ר׳איז אַרויסגעפאָרן אויף עטלעכע וואָכן קיין לאָדזש און איז איינגע־שטאַנען ביי זיינע פריינט, פאַמיליע ספּעקטאָר. טעלעפאָניש האָט ער אַרויס־גערופן זיין פּריוואַט־סעקרעטאַר פון לאָנדאָן און זיך מיט אים מתבודד געווען צוויי וואָכן, נישט וועלנדיק קיינעם זען. אין די לאַנגע און אָפטע געשפּרעכן מיט זיין סעקרעטאַר האָט ער געגעבן אויסדרוק צו זיין טיפן ווייטיק איבערן ביטערן גורל פון פּוילישן יידנטום. ער האָט שפּאַצירט אַמאָל מיט זיין סעקרעטאַר אין א לאָדזשער פאָרשטאָט און געזען ווי אן עלטערער ייד, מיט א באָרד און פאות, איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון א פאָרנדן טראַמוויי דורך חוליגאַנעס. ער האָט געזען דעם ייד, פון וועמענס צעשראָקענעם פּנים ס׳האָט גערונען בלוט, און ער איז געווען אינגאַנצן דערשיטערט. דעם טאָג האָט ער זיך קיין מקום־מנוחה נישט געקענט געפי־נען. גערירט ביז די טיפעניש פון זיין נשמה, איז ער געווען פול מיט פאַר־ביטערונג נישט בלויז אויף די קריסטלעכע כוליגאַנעס, נאָר אויך אויף די יידישע מנהיגים, וואָס צוליב קליין־קעפּלדיקייט און ענגע פּאַרטייאישע קנאה האָבן זיי געלייגט שטיינער און שטרויכלונגען אויף זיין וועג, ווען ער האָט געוואָלט העלפן די יידישע געדריקטע מאַסן אויסגעלייזט צו ווערן פון גיהנום און זיך ראַטעווען אין זייער פאָטערלאַנד. ער האָט געפּלאַנט צונויפצורופן א „ציון־סיים״ א קאָנגרעס פון יידן־נויט פון די יידישע קיבוצים אין מזרח און צענטראַל אייראָפּע. אָבער ער האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון פּלאַן. אויף די הימלען פון פּוילן האָבן זיך שוין געזאַמלט די

וואָלקנס פון דער נאַציִשער אינוואַזיע און די פוילישע רעגירונג האָט נישט געגעבן די הסכמה אָפּצוהאַלטן דעם קאָנגרעס אין פוילן.

„איך האָב שוין פיל מאָל געטראַכט — האָט ער געזאָגט צו זיין סעקרעטאַר — זיך אָנצוהייבן באַשעפטיקן מיט ליטעראַטור. אַט וויל איך איצט שרייבן א גרויסן ראָמאַן וועגן דוד המלך, אָבער ווען כ׳בין געקומען קיין פוילן און כ׳זע דעם יידישן פיין, ווערט אויפגעברויזט מיין נשמה און כ׳קען נישט געפונען קיין רו. נאָר אן אייגענע מדינה קען אונדז ראַטעווען פון אונטערגאַנג". דאַן האָט ער באַשלאָסן צו גיין צום מאַרשאַל רידז־שמיגלי, דעם הויפּט־קאָמענדאַנט פון דער פּוילישער אַרמיי און דער אָנט־שיידנדער פאַקטאָר אין לאַנד זייט פּילסודסקיס טויט. „אויב די יידן ווילן נישט אויסגעלייזט ווערן פריוויליג, וועלן מיר זיי אויסלייזן קעגן זייער ווילן. איך וועל באַנייען די פאַרהאַנדלונגען וועגן עוואַקואַציע־פּלאַן. די פוילישע רעגירונג וועט איצט קענען מאַכן א שטאַרקן דרוק אויף דער מאַנ־דאַטאָר־מאַכט".

רידז־שמיגלי פלעגט נישט אויפנעמען אויף אוידיענצן, אויסער אין מיליטערישע פראַגן. ווען זשאַבאָטינסקי האָט דערציילט זיינע פריינט אין וואַרשע, אז ער וויל אים גיין זען, האָבן פיל אויסגעדריקט א ספק צו ס׳וועט אים געלונגען צו באַקומען אן אוידיענץ. נאָר לויט א רעקאָמענ־דאַציע פון אויסערן־מיניסטער בעק, האָט דער מאַרשאַל דערקלערט זיין גרייטקייט זיך מיט אים צו טרעפן.

עטלעכע שעה פאַר זיין אָפּפאָרן צו דער אוידיענץ, האָט ער גע־שמועסט מיט די פריינט וועגן דער טעמע פון זיין שמועס מיטן פוילישן מאַרשאַל. די ערשטע מחשבה וואָס איז אריין אין מוח איז געווען זיך צו באַקלאָגן פאַרן הויפּט־שעף פון לאַנד, פאַרוואָס די רעגירונג זיצט מיט פאַרלייגטע הענט, ווען מ׳יאָגט און מ׳פּלאָגט אזוי די יידישע באַפעלקערונג. נאָר זשאַבאָטינסקי האָט נאָכגעדענקט צו ס׳איז צוועקמעסיק צו פאַרלירן די צייט פון אוידיענץ מיט א וויכוח איבערן אַנטיסעמיטיזם, וואָס וועט צו גאָרנישט פירן. מ׳דאַרף רעדן מיט אים „תכלית", אים פאַרשלאָגן א קאָנ־קרעטן פאָרשלאַג וועגן פוילנס הילף אין אן אויסוואַנדערונג פון יידן קיין ארץ־ישראל.

זשאַבאָטינסקי איז געקומען אויפן אוידיענץ מיט איינעם פון זיינע פריינט, אן אדוואָקאַט. נאָר באַלד נאָכדעם ווי זיי זענען אריינגעקומען, האָט דער מאַרשאַל אויסגעדריקט זיין ווונטש אז דאָס געשפּרעך זאָל זיך פירן „אויף פיר אויגן" און זיי זאָלן בלייבן אליין אין צימער. כדי נישט



זשאַבאָטינסקי לייגט א קראַנץ אויפן קבר אין ווילנא, וואו ס׳איז באגראָבן פּילסודסקיס האַרץ.
ס׳שטייען (פון רעכטס) ד״ר ל. וויינשטיין, אין מיטן — זשאַבאָטינסקי, מ. הערצאָג. פון דער זייט, רעכטס: א. פּראָפּעס.

צו באַלײדיקן דעם באַגלייטער, האָט שמיגלי באַפוילן זיין אדיוטאנט, וועל־כער איז תמיד געווען מיט אים, אויך אַרויסגיין.

ווען דער אוידיענץ האָט זשאַבאָטינסקי נאכהער דערציילט:

„כ׳האָב אייך געזאָגט פון פאָראויס, אז כ׳האָב באַשלאָסן נישט צו זיין סענטימענטאַל, נאָר צו רעדן וועגן פּראקטישע ענינים, איבער דער ליקווידאציע פון יידישן גלות. כ׳האָב זיך אָבער נישט געקענט איינהאַלטן. אויפן וועג פון מיין האָטעל צום מארשאַל איז מיר אריין פלוצלונג אין מוח א בילד, וואָס האָט מיך נישט אָפּגעלאָזן. איך האָב דערזען פאר מיינע אויגן הערצלען אין ווילנע, ווי ער זיצט אין דער דראָשקע— אויפן וועג, צוריק, נאָך זיין באזוך ביי די הערשער פון צארישן רוסלאנד — און די רוסישע פּאָליציי שלאָגט מכות־רצח די יידן, וועלכע האָבן זיך פאַרזאמלט אין די גאסן פון שטאָט, כדי צו זען זייער מנהיג. דאָס בילד, אין וועלכן די

גרויסע בענקשאַפט נאָך דער גאולה איז געווען אויסגעמישט מיטן גלות־געשפּענסט, דאָס בילד וואָס האָט הערצלען גערירט ביז טרערן — איז אויך געשטאַנען פאַר מיינע אויגן און כ׳האָב אים געזען, ווי איך וואָלט דערביי געווען. קרוב פערציק יאָר זענען אריבער פון יענעם טאָג, ווען ס׳האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר די אויגן פון גרויסן מנהיג אין איר גאַנצער נאַקעטער טראַגישקייט און דערשיטערנדער ווירקלעכקייט די אימה פון גלות, וואָס ביז דאַן האָט ער זי געזען בלויז מיט זיין אינטואיציע. און גאָרנישט האָט זיך געענדערט פון דאַן. די גאַנצע ביטערניש פון פּראָבלעם איז געבליבן אין איר פולער שאַרפקייט. דעם מאָמענט האָב איך געוווּסט, אַז די טעמע פון מיין געשפּרעך מיטן פּוילישן הויפּט־קאָמענדאַנט האָט זיך געענדערט.

און דאָס דאָזיקע בילד—האָט זשאַבאָטינסקי פאַרגעזעצט — האָט זיך געטוישט מיט אַ צווייט בילד, נאָך עלטער, אָבער וואָס וויייזט אויך דעם אַבּ־סורד פון יידישן וואַנדער־לעבן און די נויטיקייט צו ליקווידירן דעם גלות. כ׳האָב מיך דערמאָנט אַ בילד, וואָס האָט נאָך אין מיינע קינדער־יאָרן צע־פלאַקערט מיין פאַנטאַזיע: משה שטייט פאַר פרעהן, און פאָדערט פון אים אַרויסצולאָזן די יידן פון מצרים. ס׳האָט זיך, וואָס אמת, איבערגעדרייט דער ראָד פון דאַן. היינט האַלטן נישט ס׳רוב רעגירונגס־הערשער די יידן מיט כוח אין זייערע לענדער. אומגעקערט, זיי טרייבן זיי אַרויס. אָבער דאָס פּראָבלעם — די נויטווענדיקייט פון „יציאת מצרים" און פון אַריינ־פירן די יידן אין זייער לאַנד — איז געבליבן אַקטועל. ווען איך בין אַריין צום מאַרשאַל, זענען פאַר מיינע אויגן געשטאַנען אַלע צרות פון פאָלק ישראל. כ׳האָב נישט געקענט באַהערשן מיינע געפילן און כ׳האָב אים געזאָגט אַ פּאָר זייער ביטערע ווערטער".

רידז־שמיגלי האָט באַלד ביים אָנהויב געזאָגט: מיר דאַרפן דאָך נישט קיין דאָלמעטשער. מיר וועלן זיכער געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך.

זיי האָבן גערעדט פראַנצויזיש. רידז שמיגלי איז נישט געווען באַ־האַוונט אין דער פראַגע, און וועלכער זיין רעגירונג איז געווען אַזוי באַ־שעפטיקט. פון געשפּרעך האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, אַז צו זיינע אויע־רן זענען אפילו נישט דערגאַנגען די קלאַנגען וועגן דער כוואַליע פון אַנטי־יידישן כוליגאַניזם, וואָס האָט פאַרפלייצט זיין לאַנד. האָט ער זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק, ווייל ער האָט זיך אַ ביסל געשעמט? ער האָט געזאָגט, אַז די מיליטערישע אָנגעלעגנהייטן אַבסאָרבירן אים אינגאַנצן. דער אויסערן־מיניסטער האָט אים אין קורצן רעפערירט דעם ענין, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין צייט אַריינצודרינגען אין תוך פון פּראָבלעם.נאָר איין זאַך האָט

ער געהערט: אַז די יידן ווילן זיך נישט רירן. פון קאַמף וואָס כמעט די גאַנצע יידישע פּרעסע האָט געפירט קעגן זשאַבאָטינסקיס־עוואַקואַציע־פּלאַן, האָבן די גויישע שטאַטסמענער געצויגן א מסקנה, אַז די יידן זענען בכלל נישט אינטערעסירט אין דער לעזונג פון דער ארץ־ישראל פראגע.

זשאַבאָטינסקי האָט אים צום אָנהויב אויפמערקזאַם געמאַכט מיט בי־טערניש אַז אין פּוילן, וועלכע פּרעטענדירט צו זיין א מלוכה מיט א וועס־טלעכער ציוויליזאַציע, רודפט מען די יידישע בירגער אַזוי ווי אין צאַרישן רוסלאַנד און אין היטלעריסטישן דייטשלאַנד, וואָס איז פּוילנס שונא בנפש.

די אַטמאָספערע איז געווען אַן אָנגעצויגענע און א פּיינלעכע אין צימער. ערשט ווען זשאַבאָטינסקי איז אריבער צו זיינע פּראַקטישע פאָר־שלאָגן ווי אַזוי פּוילן וועט קענען העלפן די יידישע באַמיאונגען אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, האָט זיך די שטימונג פאַרבעסערט. דער מאַר־שאַל האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט פּרטים פון פאָרשלאַג, האָט צוגעזאָגט צו רעדן מיט בעקן און געבן די נויטיקע אינסטרוקציעס. „מיר וועלן טאָן אַלץ וואָס איז מעגלעך, כדי צו געפינען א מענטשלעכע לעזונג" — האָט ער געזאָגט צום סוף פון אוידיענץ.

⁂

אָבער דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939 האָבן היטלערס הארדעס אָנ־געהויבן זייער אַטאַק אויף פּוילן, און די וועלט האָט זיך אָנגעהויבן טונקען אין טייכן פון בלוט.

# צווישן ענגלענדער

אין דער אָפיציעלער בריטישער וועלט, אין די מיניסטאָרן־קרייזן, האָט מען געקוקט אויף זשאבאָטינסקין מיט א קרומען אויג. זיי זענען נישט געווען געוווינט מ׳זאָל זיי פארביטערן דאָס לעבן, און פאָדערן פון זיי צופיל. זשאבאָטינסקי האָט אַ מאָל געהאלטן א רעדע אין „פראָ־ארץ־ישראל״־קלוב פון די פארלאמענטאריסטן און לאָרדן אין בנין פון ענגלישן פארלאמענט (בראש פון קלוב איז געשטאנען יאשיה וועדזשוואוד) און ער האָט קריטיקירט זייער שארף די בריטישע אדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל. אין רעזולטאַט פון דער רעדע האָבן אייניקע פארלאַמענט־מיטגלידער אָנגעגריפן דעם קאָלאָניע־מיניסטער אז זיין אַנטי־יידישע פאָליטיק קען שאפן א שנאה צווישן ענגלאנד און יידישן פאָלק. דער קאָלאָניע־מיניסטער, טאָמאס, האָט אַלס תשובה אָפּגעגעבן אן אָפיציעלע דערקלערונג, אין וועלכער ער האָט געזאָגט פאָלגענדעס: ד״ר וויצמאַן האָט מיר באפולמעכטיקט צו פארזיכערן אז די באציאונגען צווישן דער רעגירונג און דער יידישער אגענץ זענען אזעלכע, אז די אגענץ האָט נישט קיין גרונד זיך צו באקלאָגן, און ער — ד״ר וויצמאן — האָט פולשטענדיקן פארטרויען אין דער מאנדאט־אדמיניסטראציע אין פאלעסטינע״.

צוליב זיין רעדע האָט זשאבאָטינסקי געהאַט באזונדערע שוועריקייטן צו באקומען אן אוידיענץ ביי דעם מיניסטער. ער האָט געווארט אַ וואָך צייט, און נישט געקריגן קיין תשובה. זשאבאָטינסקי האָט געהאַט א פאַרדאַכט, אז דער מיניסטער האָט פריער באקומען וועגן אים אינפאָרמאציעס פון קעגנערישע קוועלן. און ווירקלעך ווען ס׳איז ענדלעך אָנגעקומען די מיטיילונג, אז „זיין עקסעלענץ דער קאָלאָניען־מיניסטער וועט זיך פרייען מיט אים צו באגעגנען״, און ער איז אַוועק אין דאונינג־סטריט, האָט ער זיך איבערצייגט, אז זיין פאַרדאַכט איז נישט געווען קיין אומזיסטער. דער מיניסטער איז געווען אומהעפלעך און זייער קאַלט. ווען ער איז אריינגעגאנגען צו אים און זיך פאָרגעשטעלט, האָט דער מיניסטער באמערקט: צי זייט איר עס, מיין הער, דער וואָס האָט געשפאָלטן די ציוניסטישע אָרגאַניזאציע?

— „איך קען מיך קוים פאָרשטעלן, אַז אייער עקסעלענץ האַלט אַ שפאלטונג פאר א פארברעכן״! — האָט אים זשאבאָטינסקי געענטפערט.

דער מיניסטער האָט גוט פארשטאַנען „דעם קאפולער אנצוהערעניש״. ווייל ער אַליין האָט מיטן אלטן ראמזיי מאקדאָנאלדן געשפאָלטן די אַר־

בעטער־פּאַרטיי אין ענגלאַנד, און די ליבעראַליסטן האָבן אים געהאַלטן פּאַר א פּאַרעטער.

אויך פון גאַנג פון געשפּרעך האָט זשאַבאָטינסקי ערפאַרן, אַז א יידישער מלמד האָט דעם גוי אונטעררעכטעט און אים דערציילט וועגן זיין באַזוכער.

טראָץ דער קאַלטער באַציאונג פון די אָפיציעלע קרייזן, האָט זשאַ־באָטינסקי ערוואָרבן אין די יאָרן פון זיין טעטיקייט אין ענגלאַנד א גע־וויסע צאָל פון פריינט, באַזונדערס אין דער פּאַרלאַמענטאַרישער און פּרעסע־וועלט, וועלכע האָבן אים געהאָלפן אין זיין פּאָליטישן קאַמף.

דעם ערשטן אָרט צווישן זיי פאַרנעמט זיכער יאשיהו וועדזשוואוד, וועלכער האָט אייניקע צענדליק יאָר געפירט א העפטיקן קאַמף קעגן דער אַנטי - ציוניסטישער פּאָליטיק פון זיין רעגירונג. ער איז בלי־ספק געווען א פריינט בלב ונפש דעם יידישן פאָלק, און ער האָט עס באַוויזן קלאָר און בולט, אומערשראָקן די גאַנצע צייט.

טיפע סימפּאַטיע און פאַרערונג האָט ער געהאַט פאַר זשאַבאָטינסקין. וועדזשעוואוד איז געווען א סאָציאַליסט, א פירנדער מיטגליד פון דער ליי־באַר פּאַרטיי, און איינער פון די אינטעלעקטועלסטע כוחות אין ענגלישן פּאַרלאַמענט. זיין גויישער מוח האָט נישט געקענט תופס זיין, ווי אַזוי קען די ארץ־ישראלדיקע ארבעטער־ פּאַרטיי, דער מפא״י, זיך קעגנשטעלן זשאַבאָטינסקין, אַנשטאַט אים אונטערצושטעלן אין שפּיץ פון דער נאַציאָ־נאַלער אויפלעבונגס באַוועגונג. אין 1926 האָט דער סאָציאַליסט וועד־זשעוואוד געמאַכט א באַזוך אין ארץ־ישראל. די פירער פון דער „הסתד־רות״ האָבן אים איינגעלאַדן אויף אַן באַנקעט. ער איז געזעסן צווישן די מנהיגים פון לינקס, און ארומגעקוקט ארום זיך. ער האָט געזוכט דעם גרינדער פון יידישן לעגיאָן. פאַרוואָס איז דאָ זשאַבאָטינסקי נישטאָ? האָט ער זיי געפרעגט. ער האָט נישט געקענט באַגרייפן פאַרוואָס איז זשאַ־באָטינסקי באָיקאָטירט דורך דער ציוניסטישער לינקער מחנה. זאָגאַר פיל שפּעטער, ווען וועדזשעוואוד איז שוין געווען באַהאַוונט וואָס ס'טוט זיך אין ציוניסטישן לאַבירינט און גוט פאַרשטאַנען די סיבות פון די קאָנפּ־ליקטן אין ציוניזם, האָט ער נישט אויפגעהערט מאָנען זיינע פריינט, די סאָציאַליסטן און ד״ר וויצמאַנען, און זיי צו מאַכן פאַרווורפן פאַרוואָס זיי ניצן נישט אויס דעם ריזיקן כוח, וועלכער האָט נישט זיין גליכן אין יידנטום. ער האָט עס אי 1939 געזאָגט ד״ר וויצמאַנען, בשעת דעם „רונדן טיש״־קאָנפערענץ, ווען דער מופטי האָט נישט געוואָלט זיצן צו־זאַמען מיט די יידן: „מיט א בלוט־שונא ווילט איר זיצן ביי איין טיש, און

איר לייגט איין וועלטן, כדי ער זאָל מסכּים זיין זיך צו זעצן מיט אייך. אָבער זשאַבאָטינסקין, דעם גרויסן ציוניסטישן פּאַטריאָט, באָיקאָטירט איר!".

ווי באַקאַנט, האָבן די ענגלענדער פאַרבאָטן זשאַבאָטינסקין פון 1929, נאָך די אַראַבישע אומרועז, צוריקצופאָרן קיין ארץ־ישראל. די לייטונג פון דער יידישער אַגענץ, די אָפיציעל אנערקענטע אינסטאַנץ דורך דער רעגירונג האָט קיינמאָל נישט אָנגעווענדעט די נויטיקע שריט, צו אַנולירן די דאָזיקע סקאַנדאַליעזע גזירה, וואָס איז געווען א פּאַטש אין פּנים דעם גאַנצן יידנטום און א געפערליכער פרעצעדענס. די שנאה צו זשאַבאָטינסקין האָט פאַרבלענדט די אָפיציעלע לייטער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און זיי האָבן נישט געוואָלט פאַרשטיין, אז דאָס איז א פּרינציפּיעלער ציוניסטישער פּראָבלעם, פון ערשט ראַנגיקער באַדייטונג, פאַר וועלכער זיי דאַרפן ליפערן א שלאַכט. זיי זענען געווען צופרידן, אַז זשאַבאָטינסקי געפינט זיך אויסער די גרעניצן פון לאַנד. נאַאיווערהייד האָבן זיי געמיינט, אז פון דער ווייטן וועט ער נישט האָבן קיין איינפלוס. בלויז צוויי גוים האָבן געפירט די גאַנצע צייט דעם קאַמף קעגן דעם פאַרברעכן לגבי זשאַבאָטינסקין: קאָלאָנעל פּעטערסאָן און יאשיהו וועדזשוואוד.

זשאַבאָטינסקי פלעגט זיך מיט אים אָפט טרעפן. צענדליקער יאָרן האָט וועדזשוואוד געהאַט פאַר א מנהג צו טרינקען טיי נאָכמיטאָג אויף דער טעראַסע פון בריטישן פּאַרלאַמענט. אָט אויף דער שיינער טעראַסע, אויף די ברעגעס פון דער טעמזע, פלעגן זיי ביידע זיצן אין די פאַרנאַכטשעהן. וועדזשוואוד האָט געקענט גלענצנד די ציוניסטישע פּראָבלעמאַטיק; ער האָט פאַרשטאַנען אז זשאַבאָטינסקי איז דערווירקלעכער אויסדרוקגעבער פון דער משיחישער בענקשאַפט וואָס טליעט אין דער יידישער נשמה. דעריבער האָט ער אים שטענדיק געהאָלפן אין זיין קאַמף.

אין פעברואר 1937, אין זעלבן טאָג ווען זשאַבאָטינסקי האָט אָפּגעגעבן זיין עדות פאַר דער קעניגלעכער קאָמיסיע, האָט דאָרט אויך וועדזשוואוד גערעדט. און געשמיסן מיט זיין שאַרפע צונג דעם אַנטיסעמיטיזם פון דער פּאַלעסטינעזער באַאַמטענשאַפט און די רשעות'דיקע פּאָליטיק פון זיין אייגענער רעגירונג.

נאָך דער תליה פון שלמה בן־יוסף איז וועדזשוואוד אויפגעטרעטן אויף אַן אזכרה־פאַרזאַמלונג פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאָנדאָן. דער גוי האָט דאַן עלעקטריזירט דעם ריזן פּובליקום מיט זיי־

נע מוטיקע רייד. ער האָט גערופן די יידישע יוגנט צו גיין אין די וועגן, וועלכע זשאַבאָטינסקי האָט אָנגעצייכנט. „מ׳דאַרף קעמפן, און ס׳זאָל דאָס קאָסטן וואָס ס׳קאָסט. מ׳מוז רעאַגירן. דאָס איז די איינציקע שפּראַך, וואָס די בריטישע קאָלאָניאַלע מאַכט־אָרגאַנען פאַרשטייען!״.

ווערזשוואוד האָט געגעבן זיין ברכה דעם ארגון־צבאי־לאומי צו זיין באַפרייאונגס־קאַמף. פון זיין מויל זענען ער אַרויס די באַרימטע ווערטער „ס׳איז בעסער צו שטאַרבן שטייענדיק איידער לעבן אויף די קני״.

נאָך אין 1938, האָט ער אין א בריוו פאָרמולירט די טאַקטיק פון יידישן ווידערשטאַנד. דער פאַרלאַמענט־מיטגליד האָט נאָך דאַן גערופן די יידן אין ארץ־ישראל זיך קעגנשטעלן מיטן גאַנצן כוח דער אַנטיציוניסטישער פּאָליטיק, נישט צו צאָלן קיין שטייערן, נישט אָנערקענען בריטישע געריכטן, אָרגאַניזירן אומלעגאַלע מאַניפעסטאַציעס, פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע געהיימע ליטעראַטור און מיט אַלע וועגן דורכצוברעכן די פאַרשלאָסענע טויערן פון ארץ־ישראל.

ווערזשוואודס נאָמען איז שוין אַזוי באַקאַנט געווען אין דער יידישער וועלט, אַז יידישע יונגעלייט פון פּוילישע און ליטווישע שטעטלאַך האָבן זיך צו אים געווענדעט מיט בריוו, בעטנדיק זיין אינטערווענץ פאַר אַן עליה קיין ארץ־ישראל, און ער פלעגט זיך פאַרבינדן מיט זשאַבאָטינסקי — מונדלעך און שריפטלעך — און אים בעטן צו ברענגען די מענטשן אין לאַנד מיט דער אומלעגאַלער עליה. אַליין האָט ער אין בריוו רעקאָמענדירט די וועלכע האָבן זיך צו אים געווענדעט, נישט צו וואַרטן אויף בריטישע סערטיפיקאַטן, נאָר אָנקומען אין לאַנד קעגן בריטישן ווילן, מיט „זשאַבאָטינסקים עליה״.

אין 1939 איז ווערזשוואוד שווער קראַנק געוואָרן. ער איז געוואָרן פּאַראַליזירט און פאַרלוירן דעם לשון. דאָס איז א קלאַפּ פאַרן מלוכה׳שן ציוניזם. זשאַבאָטינסקי איז טיף באַזאָרגט און שיקט אים אויפן קראַנקן בעט טעלעגראַמען און פיל בריוו מיט ווונטשן. און ס׳איז געשען א נס. ער איז געזונט געוואָרן, און כאָטש ס׳איז אים שוין אָנגעקומען שווער צו רעדן, האָט ער נישט געשוויגן. ביז זיין לעצטן לעבנס־טאָג איז ער געבליבן א שטיצע פאַר דער יידישער אונטערגרונט. נאָך דער „סטרומא״ - טראַגעדיע האָט ווערזשוואוד געזאָגט אין וועסטמינסטער־פּאַלאַץ די אומפאַרגעסלעכע ווערטער קעגן ענגלישן הויך־קאָמיסאַר אין ארץ־ישראל, האַראַלד מאַק־מייקל. „איך האָף נאָך אַז כ׳וועל דערלעבן צו זען אָט דעם אכזר הענגען אויפן בוים אַזוי ווי המן הרשע!״.

צום באַדויערן האָט ער נישט זוכה געווען. וועדזשוואוד איז פריער געשטאָרבן.

***

צו דער זעלבער קאַטעגאָריע האָט אויך געהערט לאָרד סטראַבאָלדזשי. א מאַליגער קאָמאַנדיר קענוואַרטי. אויך ער איז געווען א מיטגליד פון דער לייבאָר־פּאַרטיי, און טראָץ דעם איז ער געווען פון די אַקטיווסטע העלפער אין זשאַבאָטינסקיס טעטיקייט. ער האָט נישט אַזאַ טיפן וויסן ווי וועדזשוואוד און נישט געקענט אַזוי אינטים די קאָמפּליצירטע פּראָבּלעמען פון ארץ־ישראל. אָבער ער איז געווען א מוטיקער און ערלעכער מענטש, און געפילט אַז העלפנדיק זשאַבאָטינסקין — העלפט ער א גערעכטע זאַך.

ער האָט זיך באַקענט מיט זשאַבאָטינסקין, נאָך אין דער צייט ווען דער יידישער פּאַטריאָט האָט אין לאָנדאָן געקלאַפּט אין אַלע טירן בשעת דעם ערשטן וועלט־קריג פאַר דער שאַפונג פון יידישן לעגיאָן. קענוואַרטי האָט געקעמפט אין בריטישן פּאַרלאַמענט קעגן אומדערהערטן אורטייל אויפן פּאַרטיידיקער פון ירושלים, און ער האָט נאָך אין 1920 געמאַטערט דער רעגירונג מיט אינטערפּעלאַציעס ווי זשאַבאָטינסקי ווערט באַהאַנדלט אין טורמע.

אין פאַרלויף פון איינציקע צענדליק יאָר איז ער געווען נאָנט באַפריינדעט מיט זשאַבאָטינסקין. ער האָט געהערט צו פּאַרלאַמענטאַרישן פּראָ־פּאַלעסטינע - קאָמיטעט און אויסגענוצט אַלע מעגלעכקייטן, אַז די תביעה פון הערצליאַנישן ציוניזם זאָל געהערט ווערן אין דער ענגלישער וועלט. שטענדיק איז ער געווען גרייט אויף זשאַבאָטינסקיס רוף. ער האָט געהאָלפן וועדזשוואודן אין די פּראָטעסטן קעגן פאַרבאָט אריינצולאָזן דעם לעגיאָן־גרינדער אין זיין פאָטערלאַנד. ער האָט געמאַכט גרויסע און אויפריכטיקע אַנשטרענגונגען אַרויסצורייסן פון תלינם הענט שלמה בן־יוסף'ן, און ער האָט ענערגיש געשטיצט זשאַבאָטינסקיס פאָדערונג פאַר א יידישן לעגיאָן באַוואָפנטן כוח אין ארץ־ישראל, זייט דער לעגיאָן איז דעמאָבילירט געוואָרן.

סטראַבאָלדזשי איז טריי געבליבן זיין פריינדשאַפט און אידייען אויך נאָך ראש־בית״רס טויט. ער איז געשטאַנען אין שפּיץ פון „קאָמיטעט פאַר דער יידישער אַרמיי״ אין ענגלאַנד, אָרגאַניזירט דורך ירמיהו האַלפּערן. און נישט ווייניק דאַרף מען פאַרשרייבן אויף סטראַבאָלדזשיס קרע־

דיט די שאַפונג פון דער יידישער בריגאַדע אין דער לעצטער וועלט־מלחמה.

***

ווען ס'איז אויפגעשוווּמען דורך דער לאָרד פּיל־קאָמיסיע דער פּאַר־טיילונגס־פּלאַן פון ארץ־ישראל און די ענגלישע רעגירונג האָט אים באַ־שטעטיקט, איז ארויפגעשוווּמען אַלס איינער פון זשאַבאָטינסקים הויי־עסטע שטיצער אין קאַמף קעגן דער צעפּליישונג פון פּאַטערלאַנד — א קאָנסערוואַטיווער דעפּוטאַט, סער דזשאַן האַסלאַם. ער איז נישט גע־ווען אַזוי פּאָפּולער ווי ווערדזשוואוד. גערעדט ווייניק, אָבער פיל געטאָן. ער פלעגט נישט אויפטרעטן אָפט אין פּאַרלאַמענט מיט רעדעס. דאָס יידי־שע פאָלק האָט כמעט נישט געהערט זיין נאָמען. אָבער אין די ציוניסטי־שע קרייזן אין ענגלאַנד איז ער געווען זייער פּאָפּולער. ביי יעדער גזירה, וואָס די בריטישע אדמיניסטראַציע האָט אַרויסגעגעבן קעגן די ארץ־יש־ראל־יידן, יעדעס מאָל ווען ס'איז געמאַכט געוואָרן אַן אַטענטאַט אויף די יידישע רעכט — האָט מען זיך דערמאָנט אין האַסלאַמען. א באַשיידענער מענטש געווען, ער האָט נישט געהערט צו די גלענצענדע מוחות צווישן די בריטישע שטאַטסמענער. ער אַליין האָט געוווּסט אז אין פּאַרלאַמענט זיצן מענער, וועלכע שטייגן אים איבער אין תורה און חכמה. אָבער ער איז געווען אַ פּראַקטישער מענטש, און פאַרמאָגט די פעאיקייט זיך צו קאָנ־צענטרירן אויף איין געביט, און זיין אין אים טעטיק. אין די עפנטלעכע אויפטריטן זיינע מיט זשאַבאָטינסקין, זענען די צוהערערס געווען איבער־ראַשט הערנדיק זיין שוואונגפולע פאַרשטענדניש פון ציוניזם.

אַ דאַנק האַסלאַמען האָבן פיל מיטגלידער פון דער רעגירונגס־פּאַרטיי — קאָנסערוואַטיווע דעפּוטאַטן — געשטימט קעגן דער חלוקה פון ארץ־ישראל און געהאָלפן דורכוואַרפן דעם פּראָיעקט.

נאָכדעם ווי היטלער האָט פאַרנומען טשעכאָסלאָוואַקיע, האָט סער דזשאַן האַסלאַם געראַטעוועט פיל ציוניסטן פון אַלע שטרעמונגען, אויף אַ וווּנדערלעכן וועג זיי ארויסגעפירט פון קלעם און געבראַכט קיין ענג־לאַנד. אין 1939 איז ער ארויסגעפאָרן קיין רומעניען אַלס מיטגליד פון דער בריטישער עקאָנאָמישער דעלעגאַציע. לויט זשאַבאָטינסקים ביטע האָט ער זיך געטראָפן מיט די פירער פון דער רעוויזיאָניסטישער באַווע־גונג אין בוקאַרעשט און זיי האָבן מיט אים באַהאַנדלט די פראַגן פון

דער אומלעגאַלער עליה, וואָס האָט זיך געפירט הויפּטזעכלעך פון רומע־נישע פּאָרטן.

סער דזשאַן האַסלאַם איז איינער פון די ווייניקע ענגלענדער, וועל־כע האָבן וועלטן איינגעלייגט כדי שלמה בן־יוסף זאָל נישט געהאָנגען ווערן.

***

הערבערט סיידבאַטהאַם, „סקרוטייטאָר", איז געווען פון די אויפ־ריכטיקסטע פריינט פון זשאַבאָטינסקין און פון יידישן פאָלק. א מאַן אָן א נאָבל־טיטל. זיצט נישט אין לאָרדן־הויז און נישט אין פּאַרלאַמענט. אָבער זיין איינפלוס אויפן ענגלישן עפנטלעכן לעבן איז געווען זייער גרויס אין פאַרלויף פון א גאַנצן דור. א זשורנאַליסט איז ער. פריער אין „מאַנטשעסטער־גאַרדיאַן", נאכהער אין „טיימס", און שפּעטער אין דער באַרימטער וואָכנשריפט „סאַנדי־טיימס".

ער האָט נישט געהערט צו קיין שום פּאַרטיי. איינער פון די יחידים אין פּאָליטישן לעבן, וועלכער האָט נישט געזוכט פאַר זיך קיין לייטער אַרויפצושטייגן מיט דער הילף פון א פּאַרטיי־אַפּאַראַט. פונדעסטוועגן האָט מען זיך צו אים צוגעהערט זייער אויפמערקזאַם. ער איז געווען אַן אָנהענגער פון פּאָליטישן ציוניזם נאָך פון לאָיד דזשאָרדזשס תקופה, זייט דער ערשטער וועלט־מלחמה, און נאָך אין 1918 האָט ער פאַרפאַסט א בוך וועגן ציוניזם אין ענגלאַנד, וואָס האָט פיל געהאָלפן דער יידישער זאַך.

סיידבאָטעם ־ סקרוטייטאָר איז געווען א נאָענטער פריינט פון ד"ר ווייצמאַן. אָבער ער האָט געקענט אינטים זשאַבאָטינסקין און אין א גע־וויסע תקופה האָט ער זיך באמת פאַר א פאַראייניקונג אין ציוניזם. אין גרויסן באַנקעט לכבוד דעם 20־יעריקן יובל פון יידישן לעגיאָן, אין פעב־רואַר 1937, אין א לאָנדאָנער זאַל ,איז אויך סיידבאַטהאַם אויפגעטרעטן מיט א רעדע, אין וועלכער ער האָט געזאָגט צווישן אַנדערס: „איך קען זשאַבאָטינסקין צוואַנציק יאָר. אין דער גאַנצער תקופה איז ער געווען דער האַרציגסטער צווישן מיינע באַקאַנטע, דער געטרייסטער פריינט, דער אַנ־שטענדיקסטער מענטש".

אין דער תקופה פון מאַקדאָנאַלדס ווייס־בוך און פון בעווינס אויפ־שטייג, ווען די גאַנצע בריטישע פּרעסע האָט געהעצט קעגן יידנטום און פאַר־סמט דאָס ענגלישע פאָלק מיט אַנטי־ציוניזם, האָט זיך סיידבאַטעם

נישט מיטגעריסן מיטן שטראָם. איבערן כאָר פון אלע העצער און באַ־לײדיקער, האָט זיך געהערט זײן אײנזאַמער קול פון אנשטענדיקײט און פאַרשטענדעניש פאַר אונדזער זאַך.

**
*

אויף יענעם לעגיאָן־באַנקעט, וווּ דער גרינדער פון די גדודים איז געוועזן דער ערן־גאַסט, האָט זשאַבאָטינסקי ביי דער פויזע ארומגענומען מיטן בליק דעם גרויסן זאַל מיט די הונדערטער געסט, האָט זיך אויפגע־שטעלט און איז צוגעגאַנגען צו א טישל, ווו ס׳איז געזעסן שטיל, אזוי ווי פאַרגעסן פון אַלעמען אַן ענגלענדער אין עלטער פון קרוב צו זעכציק. די יידישע געסט אויפן באַנקעט האָבן אים נישט געקענט, און זענען געווען נייגעריק צו וויסן ווער איז דער קריסט, וועמען זשאַבאָטינסקי באַגריסט אזוי פריינדלעך און האַלט לאַנג זיין האַנט אין זיינער.

דאָס איז געווען איינער פון זשאַבאָטינסקיס קאָמענדאַנטן אין יידישן לעגיאָן, קאָלאָנעל פיטצזשעראַלד סקאָט. ער איז נישט געווען טעטיק אין פּאָליטישן לעבן פון בריטאַניען. זשאַבאָטינסקי האָט געהאַט פאַר אים טיפע סימפּאַטיע. וועגן אים האָט אַמאָל זשאַבאָטינסקי געשריבן פאָלגענדע רירנדע שורות: „א געוויסע צייט איז געשטאַנען אין שפּיץ פון ארץ־ישראלדיקן גדוד קאָלאָנעל מ. פ. סקאָט. וויסנדיק, אז ער איז א פרעמדער צווישן זיינע סאָלדאַטן, האָט ער אפילו נישט פּרובירט צו ווירקן אויף זייער אינערלעכן לעבן, נאָר ער האָט זיך באַשטימט א באַשיידענע אויפ־גאַבע, זיי צו שיצן פון רייבונגען מיט דער מיליטערישער סביבה, וואָס איז שוין אין יענער צייט געווען אָפן פיינטלעך. פאַר איין פאַל פון אַזאַ פאַרטיידיקונג איז,לויט מיין באַשיידענער מיינונג, דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אים שולדיק א דאַנק. סוף זומער 1919, ווען דער ארץ־ישראלדיקער באַטאַליאָן איז געשטאַנען אין ראַפאַ, איז פּלוצלונג אָנגעקומען א באַפעל צו שיקן 80 מאַן קיין עגיפּטן, צו דער דיספּאָזיציע פון דער אָרטיקער קאָמענדע. דאָס איז געווען „קעגן אָפּמאַך״ — די ארץ־ישראלדיקע פריי־וויליקע האָבן זיך מאָביליזירט צו קעמפן פאַר ארץ־ישראל, און נישט צו אונטערדריקן די נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן אין מצרים. דער באַ־טאַליאָן האָט גערופן א פאַרזאַמלונג און מיטגעטיילט, אז ער וועט נישט דערלויבן צו שיקן די מענטשן קיין עגיפּטן. לויטן געשריבענעם אות פון רעגולאַמין, האָט דער קאָלאָנעל געדאַרפט ברענגען די מיליטערישע־פּאָליציי, אַרעסטירן די 80 סאָלדאַטן און די וועלכע האָבן זיי „גערעקט״,

און אין פאַל פון א ווידערשטאנד (וואָס וואָלט זיכער געקומען) — עפנען פייער. וואָלט ער דאָס געטאָן. וואָלט אין ארץ־ישראל פאָרגעקומען א זייער ערנסטע טראַגעדיע. סקאט האָט אנדערש געהאנדלט: ער האָט אַרויסגעוויזן א וואונדערלעכן טאַקט און נאָך מער באוואונדערנדע מוטיקייט, ווייל אים אַליין האָט געדראָט די געפאר פון א מיליטער־געריכט. ער האָט געשריבן צום הויפּט שטאַב, אז זיינע סאָלדאטן האַלטן דעם באפעל צו שיקן זיי קיין עגיפּטן נישט נאָר פאר אומגעזעצלעך, נאָר זיי זעען אין דעם אויך א פּרווו צו פּראָוואָצירן א קריג צווישן די יידן און אראבער; אז די 80 סאָלדאטן, וועלכע זענען פאררעגיסטרירט געוואָרן צום טראנספּאָרט, זענען גאָרנישט שולדיק, ווייל די אנדערע (מער ווי טויזנט מאן) דראָען זיי צו פארהאלטן מיט כוח. דעריבער דאַרף מען, הייסט עס, ארעסטירן דעם גאנצן באטאַליאָן, און דאָס באדייט — שטעלן צום געריכט די בעסטע יוגנט פון יידישן ארץ־ישראל. ער האָט זיך אפילו נישט אָפּגעשראָקן פון צוצוגעבן אן עצה צו זיין ראַפּאָרט: „איידער איר וועט אָננעמען שטרענגע מיטלען, שטעלט זיך אין קאָנטאַקט מיט לאָנדאָן און גיט איבער לאָנדאָן אויך מיין מיינונג. אין אַלען אנדערן — די דיסציפּלין אין באטאַליאָן איז מוסטערהאַפט. די ריינקייט, אָרדנונג און דיסציפּלין זענען פולקאָם". און במעט טעגלעך אין פארלויף פון צוויי וואָכן, האָט ער ווייטער געשיקט באריכטן: פולשטענדיקע אָרדנונג אין אַלעמען — און שיקן די חברים קיין עגיפּטן ווילן זיי נישט!". דער שטאַב איז געווען געצוווּנגען איבער־צושיקן אָט די אלע ראַפּאָרטן צום קריגס־מיניסטעריום; פון דאָרט איז אָנגעקומען א באפעל — צורו לאָזן די יידישע באטאַליאָנען און אין אַל־געמיין פארטושן דעם גאנצן אבסורדהאַלן ענין. איצט וווינט דער קאָלאָ־נעל סקאט אין א קליין פאָרשטעטל פון לאָנדאָן און פאָרט זיך צו דער אר־בעט אין באנק אָדער אין ביוראָ ערגיץ ווו אין סיטי. עטליכע מאָל זענען פאָרגעקומען ביי אונדז אין לאָנדאָן מיטאָגן פון די געוועזענע לעגיאָנערן. ער קומט צו די מיטאגן, זעצט זיך באשיידן ווו מ'זעצט אים אוועק, קיין רעדעס האַלט ער נישט, נאָר צו זיינע שכנים זאָגט ער אין דער שטיל:

— א גרויסן חסד האָט מיט מיר גאָט געטאָן, וואָס דער גורל האָט מיר געבראַכט צו דינען אין דער ארמיי צוזאמען מיט די סאָלדאטן פון יידישן פאָלק אויף דער יידישער ערד!".

אין זיין קליין הייזל אין סאאוט־קראידאָן, בעטן גאָט יעדן אָוונט לויטן קריסטלעכן ריטועל ער, זיין פרוי און זיינע צוויי זין; צווישן אנ־דערעס בעטן זיי אויך, אז גאָט זאָל צוריקברענגען דעם יידישן פאָלק אין זיין לאנד, און דאָס זאָל זיין די ערשטע כפּרה פאר דער זינד פון דער

מענטשהייט. איינמאָל אויף א ציוניסטישן קאָנגרעס — האָט זשאבאָ־טינסקי דערציילט — האָב איך ווידערהאָלט זיינע א פראזע: „דער ענגלי־שער מלוכה איז אויסגעפאלן א גרויסער כבוד; מיר האָבן ארויסגעריסן פון דער ביבל א בלעטל, אויף וועלכער ס'איז אויסגעקריצט די עלטעסטע נבואה — און אויפן גאָטס וועקסל האָבן מיר צוגעשטעלט די זשירא פון ענגלישן פאָלק. צי קען, די נאציע פארלייקענען אזא אונטערשריפט אירן?

אזוי האָט אים זשאבאָטינסקי פאָרגעשטעלט מיט פיל יאָרן צוריק. אין פעברואר 1937 איז סקאט ווידער געקומען צו א באגעגעניש מיט זיי־ע פריינט פון די לעגיאָנען און ער זיצט ווידער רואיק. ער שמייכלט און ווינטשט זשאבאָטינסקין אז א יידישע ארמיי זאָל צוריק אויפגעשטעלט ווערן אין קורצן.

אויך סקאָט האָט נישט זוכה געווען. ער איז געשטאָרבן אין 1939.

***

ענגלאנד האָט איר זשירא נישט האָנארירט. גאָטס הבטחה צום יידישן פאָלק האָט זי נישט געלאָזט מקיים זיין, און מיט טרערן און בלוט האָט ישראל באקומען זיין אומאָפהענגיקייט. טראָץ די ביטערע אנטוישונ־גען, זענען די איניקע אויפריכטיקע פריינט פון ישראל צווישן ענגלישן פאָלק ווערט דערמאָנט צו ווערן אין דאנקבארקייט און סימפאטיע. זשאָ־באָטינסקי, וועלכער האָט דער ערשטער באקעמפט דער אנטי־ציוניסטי־שער פאָליטיק פון בריטאניען און גערופן צו א גוט צווישן אונדז און איר, איז אויך געווען דאנקבאר דער דאָזיקער הייפעלע פון הערלעכע מע־נער, וועלכע האָבן אלץ געטאָן וואָס זיי האָבן געקענט, אז די פארפליכ־טונג זאָל דערפילט ווערן.

אין א גאנץ באזונדערער ליכט שטייען די באציאונגען צווישן זשאָ־באָטינסקין מיט א ענגלענדער, וועמען דער גורל האָט אים צוזאמענ־געבראכט באלד פון די ערשטע יאָרן אין ארץ־ישראל — דאָס איז סער ראנאלד סטארס, דער מיליטערישער גובערנאטאָר פון ירושלים בשעתן אראבישן פאָגראָם אין 1920.

פון סטארסן האָבן די יידן נישט געשעפט קיין נחת. ער איז געווען פאראנטוואָרטלעך פארן אראבישן פאָגראָם אין ירושלים (מ'האָט אים גע־קענט זייער ליכט דערשטיקן איידער ער האָט זיך אָנגעהויבן) און פאר זשאבאָטינסקים ארעסט און אורטייל. אויך נאָכן פארלאָזן זיין אמט האָט

ער אין זיינע אויפטריטן אין וואָרט און שריפט געברענגט אונדז שאָדן. אין יידישן זכרון בלייבט סטארס אלס דער אַנטי־יידישער, אנטיסעמיטי־שער רעגירונגס־באַאמטער.

אָבער ער נישט געווען קיין אנטיסעמיט אין געוויינלעכן זין פון וואָרט. אָט דער דאָזיקער הויכער און געזונטער מיליטער־מאַן האָט גע־האַט א שוואכקייט פאר דרימלענדן אָריענט. ער האָט פיינט געהאַט דעם ציוניסטישן ווערק, ווייל ציוניזם האָט געהייסן — לויט נאָרדויס פאָרמו־לע — „אויסברייטערן די אראָפּעאישע ציוויליזאציע ביז די ברעגעס פון פרת און חדקל". און סטארס האָט געוואָלט אז דער אָריענט זאָל בלייבן פארשלאָפן אזוי ווי ער איז געווען יאָר טויזנטער. אים איז געפעלן גע־וואָרן די ראָמאַנטיק פון אָריענט, מיט זיין פּרימיטיווקייט און שמוץ. עס איז נישט געווען קיין פּאָזע ביי אים, ווען ער האָט געמיינט אז ס'וועט זיך אים איינגעבן אָפּצושטעלן דעם ראָד פון דער געשיכטע, און ער האָט דערקלערט, אז „נאָר איבער זיין טויטן קערפּער, וועט אין ירושלים פאָרן אַן עלעקטרישער טראַמוויי".

אין 1919 און 1920, ווען זשאַבאָטינסקי, שוין א דעמאָביליזירטער האָט געוווינט אין ירושלים, איז ער געווען פון די אָפּטע אריינקומער אין סטארס סאַלאָנען, צוזאַמען מיט רוטענבערגן. זשאַבאָטינסקי פלעגט דאָרט רעפערירן וועגן דער העברעאישער ליטעראַטור און האָט פאראינטערע־סירט דעם בריטישן גובערנאַטאָר מיטן יידישן גייסטיקן שאַפן. אָבער סטארס איז געבליבן קאַלט צום ציוניזם. זיצנדיק אין לאָנדאָן, נאָך דער פאַרענדיקונג פון דער באַאמטן־קאַריערע, האָט ער זיך דערנענטערט צום „אראַבישן ביוראָ" און אין זיינע ארטיקלען אין דער ענגלישער פּרעסע האָט ער פיל מאָל אָנגעגריפן די יידן און פארטיידיקט דעם אראַבישן שטאַנדפּונקט. דאָך האָט ער נישט געוואָלט אז די יידן זאָלן זעען אין אים אַן אויסגעשפּראָכענעם פיינט, און פון צייט צו צייט פלעגט ער געבן א שטאָך אויך די אראַבער, כלומרשט פאר „גלייכגעוויכט". די דאָזיקע גלייכ־געוויכט־טעאָריע האָט ער, לויט זיין דערקלערונג, באקומען פון ענגלישן פּרעמיער־מיניסטער לאָיד דזשארדזש. סטארס האָט דערציילט, אז ווען ער איז געקומען איבערנעמען דעם אמט פון מיליטערישן גובערנאַטאָר אין ירושלים, האָט אים דער ענגלישער פּרעמיער־מיניסטער געגעבן פאָלגנדע אינסטרוקציע: „אויב די יידן וועלן פון דיר זיין אומצופרידן און די אראַ־בער צופרידן — איז דיין פּאָליטיק א שלעכטע. אויב די אראבער וועלן זיין אומצופרידן, און די יידן צופרידן — איז אויך נישט אין אָרדנונג. ערשט דאַן ווען ביידע צדדים וועלן האָבן צו דיר פּרעטענזיעס, זיך קלאָגן

אויף דיר און דיר באקעמפן — דאן איז א באוויז, אַז דו דערפילסט דיין אויפגאבע גערעכט און מיט דערפאָלג"!

ווי משונה'דיק ס'זאָל נישט אויסזען, האָט סטארס פיל מאָל געזוכט זיך מקרב צו זיין צו זשאַבאָטינסקין, אין דער תקופה ווען ביידע האָבן געלעבט אין ענגלאנד. אין זיין זכרונות־בוך „אָריענטאציעס" האָט דער געלערנטער ענגלישער באאמטער— איינער פון די וויניקע אינטעלעקטועלן אין באאמטן־אפאראט—געווידמעט אייניקע זייטן דער אָפשאצונג פון זשאַבאָטינסקין, ווו נעבן דער קריטיק פון דער „עקסטרעמיטעט" פון יידישן קעמפער, האָט ער געשילדערט מיט גרויס רעספעקט און אנערקענונג זשאַבאָטינסקיס פילזייטיקייט און באַצויבערנדע פערזענלעכקייט. פון צייט צו צייט פלעגט ער טעלעפאָנירן צו זשאַבאָטינסקין און זיי האָבן זיך געטראָפן אויף שמועסן.

דעם 12־טן פעברואר 1937, אויף צו מאָרגנס נאָכן היסטאָרישן אויפטריט פאר דער קעניגלעכער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע פון לאָרד פיל אין לאָרדן־הויז, ווען די גאנצע בריטישע פרעסע און דער לאָנדאָנער ראַדיאָ האָבן געגעבן גרויסע אויסצוגן פון זשאַבאָטינסקיס באשולדיקונגען קעגן דער בריטישער רעגירונג, האָט אים סטארס טעלעפאָנירט באלד אין דער פרי, אין ביוראָ. אים גראטולירט פאר זיין רעדע און געלאדן מיט מאדאם זשאַבאָטינסקין אויף אַ טיי. (ער האָט אויך גוט געקענט מאדאם זשאַבאָטינסקין, פון 1920, ווען נאָך זשאַבאָטינסקיס פאראורטיילונג איז ער — דער מיליטערישער גובערנאטאָר — געקומען אין ארעסטאַנטס וווינונג, אליין געבראכט די וואליזע מיט די זאכן פון ירושלימס־פארטייוויקער און געבראכט דער פרוי זיך צו געזעגנען מיט איר פאראורטיילטן מאן).

אויף דער פראגע פון זיין סעקרעטאר, האָט זשאַבאָטינסקי דאן געזאָגט: „סטארסן קען מען נישט קלאסיפיצירן אלס אנטיסעמיט פון איבערציייגונג. ער געהערט נישט צו די, וועלכע האסן דעם ייד. נאָר ער האָט שטענדיק געהאט אן אירטימלעכן מיינונג וועגן דעם כוח פון ציוניזם. ער האָט קיינמאָל נישט געגלויבט, אז מיר וועלן ווערן אַ שטארקער פאקטאָר אין מיטעלן אָריענט. דעריבער האָט ער געהאלטן מיט די אראבער, מיט די פילע און נאָכגיביקע. איבער די אראבער איז אים פיל לייכטער געווען צו הערשן ווי איבער מאָדערנע יידן. ער האָט אייגנטלעך געליטן פון דער זעלבער קראַנקהייט, פון וועלכן ס'האָבן געליטן דער גרעסטער טייל פון דער ענגלישער קאָלאָניאלער באאמטשאפט".

פיל ענגלישע הויכע באאמטע, וועלכע האָבן געדינט אמאָל אין דער

פּאַלעסטינע־אַדמיניסטראַציע, האָבן זיך ארומגעדרייט אין לאָנדאָן. מיט קיינעם פון זיי האָט זשאַבאָטינסקי נישט איינגעהאַלטן קיין קאָנטאַקט. עס איז משוגה׳דיק, אַז גראָד דער מענטש, וועלכער האָט א גרויסן טייל אין זשאַבאָטינסקיס פאַראורטיילונג, פלעגט פון צייט צו צייט — פיל יאָרן נאָך יענער תקופה — זיך טרעפן מיט זיין „קרבן". איז עס געוועזן דער־פאַר, ווייל סטארסעס געוויסן איז נישט געווען רואיק, אָדער האָט אים בלויז געלאָקט די מארקאנטע פּערזענלעכקייט פון יידישן פירער?

---

## מיט די „יידישע ענגלענדער"

אפשר דער איינציקער, וועמען זשאַבאָטינסקי האָט נישט געקענט קיינמאָל מוחל זיין זיינע חטאים לגבי דעם יידישן פאָלק — איז געווען הערבערט סעמועל, דער ערשטער הויך־קאָמיסאר אין ארץ־ישראל. ער איז געווען ווי א טיף אנטוישטע ליבע. ווען הערבערט סעמועל איז באשטימט געוואָרן אלס ערשטער ענגלישער נציב עליון אין ארץ־ישראל — און די נאָמינאציע האָט ער באקומען פון לאָיד דזשארדזשן, כדי צוצואיילן די אויפשטעלונג פון דער יידישער נאציאָנאַלער היים און די דערפילונג פון דער באלפור־דעקלאַראציע — האָט דאָס גאנצע יידישע פאָלק געלייגט אויף אים אומגעהויערע האָפנונגען. ווען סעמועל איז אָנגעקומען קיין ארץ־יש־ראל, איז זשאַבאָטינסקי געזעסן מיט זיינע חברים פון דער „הגנה" אין עכו׳ר תפיסה. פון טורמע האָט דער פּארטיידיקער פון ירושלים געשריבן א באגריסונגס־ארטיקל פאר סעמועלן און געגעבן אן אויסדריק פון קרעדיט וואָס דאָס גאנצע יידישע פאָלק גיט אים פון פאָראויס.

אייניקע טעג נאָך זשאַבאָטינסקיס באפרייאונג — (ווי באקאנט, איז ער געזעסן בלויז דריי חדשים, און נישט פופצן יאָר) — האָט אים דער יידישער הויך־קאָמיסאר אויפגענומען אויף אן אודיענץ. אין דער ער־שטער אָפיציעלער באגעגעניש האָט זשאַבאָטינסקי מיט אים גערעדט וועגן מצב אין לאנד, און דערביי אים דערקלערט אז ער נעמט נישט אָן די באג־

נעדיקונג, וואָס סעמועל האָט ערטיילט לכבוד דער התחלה פון זיין הער־שאַפט אַלע פאַראורטיילטע — זשאַבאָטינסקין צוזאַמען מיטן אַראַבישן מופטי האדזש האַמין אַל־הוסייני, נאָר פאָדערט א רעוויזיע פון פּראָצעס.

ביים היסטאָרישן באַזוך פון ייִדישן נציב־העליון אין דער „חורבת ר׳ יהודה החסיד־שול" אין ירושלים, ווו סעמועל איז געקומען צו גיין שבת צו פוס און אַלע אָנוועזנדע האָבן מיט טרערן אין די אויגן פון פרייד גע־לייענט די הפטורה דעם טאָג „על כסאו לא ישב זר"! (אויפן שטול פון דוד המלך וועט קיין פרעמדער נישט זיצן"!), איז אויך זשאַבאָטינסקי אָנוועזנד געווען אין שול.

אָבער ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און הערבערט סעמועל האָט טיף אַנטוישט. די שאַנס וואָס איז אים געגעבן געוואָרן האָט ער נישט אויסגע־ניצט. כדי מ'זאָל אים נישט חושד זיין, אַז אַלס ייד איז ער באַזונדערס פריינדלעך צו זיינע ראַסן־ברידער און כדי צו באַווייזן אַז ער זיצט אויפן הויכן אמט אַלס ענגלענדער, האָט ער „איבערגעבויגן דעם שטעקן אויף דער צווייטער זייט" און אַלץ געטאָן כדי נושא־חן צו זיין אין די אויגן פון די אַראַבער. סעמועל איז געווען דער קוואַל פון אַלע צרות, וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין אין די 30 יאָר פון דער בריטישער אדמיניס־טראַציע אין ארץ־ישראל, פון אַלע גזירות און פאַרפאָלגונגען. ער האָט דער ערשטער אָפּגעשטעלט די ייִדישע עליה קיין ארץ־ישראל. ער האָט עס געבראַכט די אידיי פון אָפּרייסן עבר־הירדן פון ארץ־ישראל, ער האָט דעם אַראַבישן פּאָגראָמטשיק האדזש האַמין באַפרייט און אים געמאַכט פאַרן הויפּט־מופטי פון אַלע אַראַבער. ער האָט איבערגעלאָזט אויף זיי־ערע אַמטן אַלע אַנטיסעמיטישע באַאַמטע אין דער ארץ־ישראל־רעגירונג און זי פאַרוואַנדלט אין א נעסט פון יידן־האַס.

זשאַבאָטינסקי האָט זיך אין זייער א קורצער צייט געכאַפּט אויפן מקח־טעות, וואָס די ציוניסטישע באַוועגונג האָט געמאַכט, און ער האָט אָנגעהויבן העפטיק צו באַקעמפן סעמועלס פּאָליטיק. דער אָנפאַנג פון זיין ריס מיט דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און מיט ד"ר ווייצמאַנען שטאַמט צוליבן אונטערשיד אין דער שטעלונג צו סעמועלן. זשאַבאָטינסקי איז גע־ווען עמפּערט פאַרוואָס ווייצמאַן האָט זיך באַמיט צו פאַרלענגערן מיט נאָך פינף יאָר סעמועלס קאַדענץ אַלס הויך־קאָמיסאַר, ווען אין דער אמתן האָט אונדז דער ייִדישער נציב פאַרשאַפט אַזויפיל צרות און ביטערניש.

הערבערט סעמועל איז אַוועק. אַלע שפּעטערדיקע יאָרן פון בריטי־שער הערשאַפט זענען געווען א רעזולטאַט פון סעמועלס אומגליקלעכע פּאָליטיק, פאַר וועלכן מיר האָבן נאָכהער באַצאָלט מיט פיל בלוט. אָבער

דער ייד האָט נישט ארויסגעוויזן קיין חרטה־געפילן. אין פּאַרלאַמענט און אין לאָרדן־הויז האָט ער נישט געהאַט קיין גוטוואָרט פאַר דער יידישער באפרייאונגס־באַוועגונג. ער האָט זיך די גאַנצע צייט באמיט ארויסצווייזן זיין בריטישקייט און זשאַבאָטינסקיס קאַמף פאַר א יידישע מדינה איז אים געווען דערווידער. זייט זיין אוועקגיין פון אַמט האָט זשאַבאָטינסקי מער נישט באמיט אים צו טרעפן, און אַלע יאָרן אין לאָנדאָן נישט געהאַט מיט אים קיין שום קאָנטאַקט.

סעמועל האָט געפילט דעם תהום צווישן זיי ביידן. ער האָט געוואוסט, אז מען קען נישט לייגן קיין בריק איבערן אָפּגרונט פון די מיינונגען. יוסף נדבה, אַן ארץ־ישראלדיקער נאַציאָנאַלער זשורנאַליסט און שרייבער, האָט צוגרייטנדיק א בוך איבער זשאַבאָטינסקיס באַציאונגען מיט די וועלט־מענער, זיך געווענדעט צווישן אנדערע אויך צו הערבערט סעמועלן, און געבעטן פון אים אַן אָפּשאַצונג וועגן גרויסן יידישן מנהיג. אויף דער אַנ־קעטע האָבן געענטפערט קריסטן און יידן צוגלייך, נאָר „לאָרד אָף כרמל", דער געוועזענער ערשטער בריטישער הויך־קאָמיסאַר אין ארץ־ישראל, האָט געגעבן א כאַראַקטעריסטישע תשובה: „כ'מיין נישט, אז כ'בין בכוח צו געבן מיין צושטייער צום באַנד וואָס איר שרייבט לכבוד זשאַבאָטינסקיס אָנדענקען, ווייל אויף קיין אופן בין איך מיט אים נישט געווען איינפאַר־שטאַנדן אין דער פּאָליטיק, וואָס ער איז געווען איר ענערגישער און אזוי גלענצענדער פּאַרטיידיקער".

זיי האָבן, ווירקלעך, ביידע גאָרנישט געהאַט געמיינזאַמעס.

***

אין דער בריטישער אדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל זענען געווען נאָך עטלעכע יידן, וועלכע האָבן געהאַנדלט אָן נאַציאָנאַלער ווירדע, און זיך באמיט צו באַווייזן דעם פּריץ, אז זיי זענען לאָיאַל. דאָס האָט זיי אויך נישט געהאָלפן. די אראַבער האָבן פּראָטעסטירט קעגן יידישע באַאמטע, און באַטש די זענען געווען „פּויפּסטלעכער פון פּויפּסט" און דער מופטי האָט געהאַט יעדן גרונד צו זיין פון זיי צופרידן — האָט מען אָט די יידן דערוויטערט פון זייערע פּאָסטנס. צו די „מאָשקעס" האָט זיך זשאַבאָטינ־סקי באַצויגן מיט עקל. ס'איז געווען א הויכער באַאַמטער אין דער פּאַלעס־טינע רעגירונג, חיימסאָן, אַן ענגלישער ייד, אמאָל „אַן אחד העמיסטי־שער" ציוניסט, וועלכער איז געווען ליטער פון עמיגראַציע־דעפּאַרטאַ־מענט פון דער רעגירונג. דער דאָזיקער כלומרשטער ציוניסט האָט אויף

זיין געווויסן פיל יידישע קרבנות. ער האָט געהאַנדלט אין זיין אמט מיט רשעות און ראַפינירטער אכזריות. אין זיין תקופה איז שווער געווען ווי קריעת ים סוף צו באַקומען אַ סערטיפיקאַט אין ארץ־ישראל, און אַ טו־ריסט האָט פאַר קיין אופן נישט געקריגן די דערלויבניש צו פאַרבלייבן אין לאַנד, אויב ער האָט געהאַט דאָס אומגליק צו זיין חיימסאָנס אַ ראַסן־ברו־דער. איין יידישער טוריסט, וועלכער האָט געוואָלט פאַרבלייבן אין ארץ־ישראל און נישט געקענט צוריקפאָרן אין אַן אַראַביש לאַנד, ווו יידן זע־נען געווען געיאָגט, האָט אויסגעוויילט גיכער צו באַגיין זעלבסטמאָרד איי־דער ארויסגעשיקט צו ווערן פון לאַנד, לויט חיימסאָנס אומברחמנות־דיקן באַפעל.

חיימסאָנען איז זיין „פליסיקייט" נישט בייגעשטאַנען. ער איז אָפּ־געזאָגט געוואָרן פון זיין אַמט. זשאַבאָטינסקי האָט זיין נאָמען נישט גע־קענט הערן. אירגענדווו האָט ער אין אַן אַרטיקל — פאַראיבערגייענד בלויז, ווייל ער האָט נישט פאַרדינט קיין לענגערע אָפּשאַצונג, אפילו נישט קיין נעגאַטיווע — אויסגעדריקט זיין באַציאונג צו אַזאַ טיפּ. אין אַ שאַרפער קריטיק וועגן אַן אַנדערן ייד פון אַזאַ קאַטעגאָריע, וועלכער איז געווען ראוי צו עקל, האָט זשאַבאָטינסקי געשריבן „ער איז, אייגנטלעך, אַ פּאָליטישער ברודער פון ה' חיימסאָן".

פון זעלבן שניט, נאָר פון אַ העכערן קאַליבער, איז געווען פּראָפע־סאָר נאָרמאַן בענטוויטש. ער איז געווען — לויט זשאַבאָטינסקיס שילדע־רונג — איינער פון די וויכטיקסטע מענטשן אין דער פּאַלעסטינע־רעגי־רונג דורך די אַלע יאָרן פון אַנטי־ציוניסטישער און אַנטיסעמיטישער פּאָ־ליטיק: קיינמאָל נישט רעזיגנירט, קיינמאָל נישט פּראָטעסטירט. להפך — אַליין זיך באַטייליקט אין דער גאַנצער „געזעצגעבונג". טראָץ אַזאַ גע־טריישאַפט, האָבן אים די ענגלענדער ארויסגעשטופּט. נישט קוקנדיק דער־רויף, איז ער ווייטער געבליבן צו זיי געטריי. ער האָט נאָכהער אָפּגעדרוקט אַ בוך וועגן ארץ־ישראל, וואָס האָט אפילו די מעסיגסטע ציוניסטן פון ד"ר וויצמאַנס חדר אויפגערעגט. אָט דער זעלבער נאָרמאַן בענטוויטש האָט געוואָלט, אַז דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים זאָל בלייבן אויף שטענדיק אַ פּאָרשונגס־אינסטיטוט. דאַקעגן האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ אידיי צו גרינדן אין אונדזער לאַנד אַן אמתן אוני־ווערזיטעט, פאַר יידן און אַראַבער צוזאַמען, אין דער ענגלישער אונטער־ריכטס־שפּראַך.

טראָץ אַזעלכע „פאַרדינסטן" זיינע, האָט גראַד נאָרמאַן בענטוויטש

באקומען א קאטעדרע פון אינטערנאציאָנאַלן רעכט אויפן ירושלימער או־ניווערזיטעט, ער זאָל קענען פון דאָרט פריידיקן, אז דער מאנדאט גיט אונדז יידן נישט מער ווי „מינדערהייטס רעכט" אין ארץ־ישראל און אז דער פעלקערבונד טאָר זיך נישט אריינמישן אין דעם, ווי ענגלענדער פאר־וואלטן ארץ־ישראל.

ווען זשאבאָטינסקי האָט זיך דערוווסט פון דער נאָמינאציע, האָט ער געשריבן אן ארטיקל, אין וועלכן ער האָט געזאָגט „ איך פרעג ביי יעדן לעזער: אויב דו וואָלסט געווען יונג, און אין ארץ־ישראל, און א סטו־דענט פון יענעם „אוניווערזיטעט" — וואָס וואָלסטו געטאָן? רואיק צו־געקוקט און צוגעהערט, ווי מען פארוואנדלט א יידישע אַנשטאַלט אין א שלאָגן־נעסט פאר סנבלטן, פאר צעשטערער פון דער נאציאָנאַלער באווע־גונג — צוגעקוקט און צוגעהערט, ווי א גוט קינד, וואָס טראכט אפילו נישט וועגן קיין „אוואנטורעס"?

עס האָט זיך דאָן געפונען אימיצער, וואָס האָט געטראכט וועגן „אוואנטורעס" און רעאגירט מיט ווירדע אויפן דאָזיקן שפיי אין פנים אונדזער כבוד. אבא אחימאיר, דער אייגענטליכער וועג־ווייזער פון יידישן ווידערשטאנד אין ארץ־ישראל, דער שעפער און דעריציער פון „ברית הבריונים" האָט דאָן אָרגאניזירט א פּראָטעסט־דעמאָנסטראציע אין ירו־שלימער אוניווערזיטעט, ווען נארמאן בענטוויטש האָט געהאלטן זיין ער־שטע לעקציע אויף זיין קאטעדרע. אחימאיר איז דערפאר, (נישט צום ערשטן מאָל און נישט צום לעצטן), אריינגעפאלן אין טורמע. ווען זשא־באָטינסקי האָט דערפון געהערט, איז ער געווען זייער צופרידן און גע־שיקט אחימאירן א באגריסונגס־בריוו.

מיט יאָרן שפעטער, האָט זיך זשאבאָטינסקי באגעגנט מיט נארמאן בענטוויטשן אין ווארשע, אין יאָר 1937. דער פירער פון דער יידישער פרייהייטס־באוועגונג האָט דאָן געוויילט איז מזרח אייראָפּע אין צוזאמענ־האנג מיטן עוואקואציע־פּלאַן, און בענטוויטש איז געקומען אין שליחות פון אן אינטערנאציאָנאלן קאָמיטעט פאר דער לעזונג פון יידישן פליטים־פּראָבלעם. זיי האָבן געשמועסט א לענגערע צייט וועגן גורל פון די יידן אין גלות און וועגן ארץ־ישראל. אָבער בענטוויטש האָט נאָך אפילו דאָן — ווען דער חלק איז שוין געלעגן אויפן האלז — נישט געוואָלט מודה זיין, אז ארץ־ישראל איז דאָס איינציקע רעטונגס־ברעט פארן יידנטום, וואָס טרינקט זיך ערב היטלערס פארפלייצונג.

נאָך יענער באגעגניש האָט זשאבאָטינסקי געפילט א בייגעשמאק. ער

האָט נאַטירלעך געשמועסט מיטן ענגליש־יידישן דזשענטעלמען זייער העפלעך. אָבער נאָכהער האָט ער זיך געטיילט מיט זיינע איינדרוקן מיט די נאָנטע: „אַ גוי קען מען נאָך מוחל זיין קאַלטקייט צו אונדזער טראַגעדיע און טעמפּקייט פון די געפילן. אָבער אַ ייד? ס'איז אַזוי שווער צו פאַרדייען אַזעלכע יידן".

אזוי האָט ער זיך באַצויגן צו דער „אַריסטאָקראַטיע" פון פאָלק.

# ביי זיינע ברידער אין גלות

זיינע יוגנט־יאָרן האָט זשאַבאָטינסקי פאַרבראַכט צווישן גויים, אין רוסלאַנד און איטאַליע. די יידישע מאַסן האָט ער נישט געטראָפן אין אָנפאַנג פון דער יוגנטלעכער תקופה. פונדעסטוועגן איז ער מיט אַלע פעדימער פון זיין נשמה געווען צוגעבונדן צו די יידישע פאָלקס־מאַסן. ער האָט זיי שטענדיק געוואָלט זען, און זיין צווישן זיי. ווען מיר האָבן געוווינט אין פאַריז און אין לאָנדאָן, פלעגט ער אונדז צייטנווייז זאָגן: „ווען ס'ווערט מיר שווער אויף דער נשמה, מוז איך אַרויספאָרן צו די יידישע מאַסן און דאָן ווער איך אויפגעמונטערט און באַקום פרישע כוחות".

ער האָט נישט געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון די יידישע פּאָליטי־קער, וועלכע זענען זיך געזעסן באַקוועם אין זייערע וווינונגען און אַראָפּ־געקוקט אויפן פאָלק פון „אָלימפּוס". אין קעגנזאַץ צום געוועזענעם פּרע־זידנט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, וועלכער האָט אין פאַר־לויף פון 25 יאָר נישט געפונען קיין איין פרייען טאָג צו באַזוכן יידישע קיבוצים אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, איז זשאַבאָטינסקי שטענ־דיק געווען „צווישן זיין פאָלק". זיינע ברידערס ליידן האָט ער געפילט אין די ביינער, ווייל ער איז געווען מיט זיי. יעדעס יאָר, טראָץ די אומבאַ־קוועמלעכקייט פון אומאויפהערלעכן וואַנדערן, איז ער אַרויסגעפאָרן צו זיינע ברידער אין פוילן און לעטלאַנד, רומעניע און בולגאַריע, עסטרייך און יוגאָסלאַוויע, בעלגיע און טשעכאָסלאָוואַקיע, אומעטום ווו יידן האָבן געלעבט. און ווו ער איז געקומען, איז זיין באַזוך געווען א גרויסער יום־טוב נישט נאָר פאַר זיינע פּאַרטיי־חברים און שילער, נאָר פאַרן גאַנצן יידישן ישוב. אזוי ווי ער האָט ליב געהאַט די יידן אין די גלות־לענדער,

אזוי האָבן זיי אים ליב געהאַט. זיינע עפנטלעכע אויפטריטן זענען שטענדיק געווען א גרויס עראייגניס פאַר די מאַסן. די גרעסטע זאַלן, אין וועלכע מ׳האָט איינגעאָרדנט זיינע רעפעראַטן, זענען שטענדיק געווען פול געפאַקט. מענטשן זענען פשוט צעטרעטן געוואָרן מיט די פיס אויף די באַן־סטאַציעס און אין די רעפעראַט־זאַלן פון דער ענגשאַפט און שטופעניש. יעדערער האָט געוואָלט זען מיט זיינע אויגן דעם אויסדערוויילטן פון פאָלק. פון צענדליקער שטעטלאַך פלעגן יונגע און אַלטע קומען, מיט וואָגן און צו פוס, כדי צו קריגן אן איינגאַנגס־בילעט צו זיין רעפעראַט און זוכה זיין צו הערן דעם וווּנדערבאַרן רעדנער.

דער ריזיקער דערפאָלג, מיט וועלכן קיין צווייטער אין יידישן פאָלק האָט זיך נישט געקאָנט פאַרגלייכן, האָט זייער פאַרדראָסן זיינע קעגנער, און זיי האָבן אומאויפהערלעך געמאַכט אינטריגעס און געזוכט מיטלען אים צו פאַרמאַכן דאָס מויל. נישט אָפט זענען די אינטריגעס געלונגען, אָבער עס זענען געשען פאַלן, ווען דורך א מסירה האָט זיך איינגעגעבן די שונאים צו מבטל מאַכן א פאָלקס־פאַרזאַמלונג אָדער א פאָרטראַג זיינעם. עס זענען געווען נאַאיווע וועלכע האָבן געגלויבט אז מיט א באָיקאָט, וואָס זיי וועלן פּראָקלאַמירן אויף זיינע רעדעס, וועלן זיי ברענגען דערצו, אז זשאַבאָטינסקי וועט רעדן פאַר „ליידיקע בענק״.

קומענדיק דאָס ערשטע מאָל קיין פּוילן, איז ער געווען א באָיקאָטירטער. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּוילן האָט אים אריינגעלייגט אין חרם. אין דער יידישער פּרעסע אין וואַרשע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן א קאָמוניקאַט פון ציוניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט, אז מיטגלידער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז קאַטעגאָריש פאַרבאָטן צו גיין אויף זשאַבאָטינסקיס פאָרלעזונגען און איינצוהאַלטן מיט אים געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען. דער הצה״ר וואָס איז נאָך געווען אין די וויקעלאַך, איז דאַן נאָך נישט געווען קיין באַזונדערע פּאַרטיי, נאָר א טייל פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

נאַלעווקי נומער 2א, סימאָנס פּאַסאַזש, דאָס גרויסע אַכט שטאָקיגע הויז, איז געווען דער צענטער פון יידישן לעבן אין פּוילן. דאָרט זענען געווען די אמטן פון ציוניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט, קרן־קימת און קרן־היסוד, די „תרבות־צענטראַלע און דער נאַציאָנאַל־ראַט פון די יידישע דעפּוטאַטן אין פּוילישן סיים. אין דעמזעלבן בנין, אויף א טיש פון א יונגן בית״רי, וועלכער האָט דאַן געאַרבעט אלס באַאַמטער אין צענטראַל־ביוראָ פון „תרבות״ — איז געווען דער גענעראַל־סעקרעטאַריאַט פון די ציוניסטן רעוויזיאָניסטן. זשאַבאָטינסקי איז געקומען קיין פּוילן צו דער לאַנד־קאָנ־

פערענץ פון הצה"ר, וואָס איז פאָרגעקומען אין גרויסן זאַל פון די אינסטיטוציעס. ער איז געווען באַיקאָטירט דורך אַלעמען. בלויז אַ הייפעלע רעוויזיאָניסטן האָט זיך געטולעט צו אים מיט ליבע און זאָרג. זייער פּחד איז געווען גרויס. צי וועלן זיי בלייבן פאַראייניזאַמט מיט זייער מנהיג אין גרויסן ציבור פון דריי און האַלבן מיליאָן נפשות?

און אָט האָט זיך איינגעקריצט אין מוח איין בילד, כאָטש לאַנגע יאָרן זענען שוין אריבער פון יענעם הערבסט־טאָג. אין לאַנגן טונקעלן קאָרידאָר, וואָס פון זײַנע ביידע זייטן זענען געווען די ביוראָס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, „תרבות" און קרן־קימת; אין קאָרידאָר אָן פענסטער וואָס נאָר אַ טונקעלע ליכט איז אריינגעדרונגען אין אים דורך די אויבערשטע פענסטערלעך פון די טירן — האָט זיך אַרומגעדרייט אַ מאַן אין מיטעלן עלטער. ער האָט שפּאַצירט פאַרטראַכט אין קאָרידאָר. לאַנגזאַם האָט ער געשלעפּט זײַנע טריט. ער האָט זיך פאַרהאַלטן אויף אַ מאָמענט נעבן די טירן, צו לייענען די שילדלעך אויף זיי, און איז ווייטער געגאַנגען, אַהין און צוריק. יעדערס מאָל האָט זיך געעפנט אַן אַנדערע טיר, אַ באַאַמטער האָט ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ, אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אויפן מאַן וואָס האָט זיך געדרייט אין קאָרידאָר, און פאַרמאַכט מיט בהלה די טיר הינטער זיך. די באַאַמטע פון די ציוניסטישע אינסטיטוציעס האָבן געוווסט, ווער ס'איז דער מאַן וואָס גייט אַרום אײנער אַליין אין קאָרידאָר. אָבער קיינער האָט נישט געוואָגט צוצוגיין צו אים. דער מאַן איז דאַך געווען אין חרם, אויסגעשלאָסן פון דער ציוניסטישער געזעלשאַפט און קיינער האָט נישט געטאָרט קומען מיט אים אין קאָנטאַקט. אָבער דער רעזולטאַט איז געווען אַ פאַרקערטער. דער חרם איז געווען די בעסטע רעקלאַמע פאַר זײַנע פאָרלעזונגען (כאָטש דער נאָמען זשאַבאָטינסקי אַליין איז געווען אַ געניגנדע צוציאונגס־קראַפט פאַר די מאַסן, און ס'איז נישט געווען נויטיק אָנצוווענדן קינסטלעכע מיטלען!), און וואָכן לאַנג פאַר דעם טערמין פון פאָרלעזונג זענען די בילעטן שוין געווען אויספאַרקויפט.

דער באָיקאָט אויף זשאַבאָטינסקין איז געווען דאָס געווער פון די גאַראַנים. די „קליגערע" האָבן אָנגעווענדעט אַנדערע מיטלען. אין ארץ־ישראל האָט אַ צעווילדעוועטע אָנגעהעצטע מאַסע פאַרשריגן זײַן שטימע, ווען ער איז געקומען אין לאַנד און געוואָלט האַלטן אַ רעדע. בלויז איין זאַץ האָט ער דאַן ארויסגעזאָגט פון מויל, נאָכדעם ווי די פּאָליציי האָט פאַרבאָטן — צוליב דער העצע — זײַן פאָרלעזונג פון באַלקאָן: שלום, תל־אביב, בלוי־ייייס! — האָט ער געזאָגט. די שנאה האָט פאַרבלענדט די

אויגן פון די נישט־טאָלעראַנטע קעגנער. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין עלעמענטאַרע זאַך פון פּסיכאָלאָגיע, אַז טיילמאָל אַנטהאַלט דאָס שווייגן זייער פיל רייד. די אינטריגע צו פאַרמאַכן מיט ברוטאַלן כוח דאָס מויל פון נאַציאָנאַלן געוויסן האָט געהאַט א פאַרקערטן רעזולטאַט. די מאַסן אין דער יידישער צעשפּרייטונג האָבן אַרויסגעצויגן א לאָגישע מסקנה: אויב זיי, די שונאים, פאַרשטילן אים מיט כוח, האָבן זיי זיכער מורא פאַר אים. און אויב, אַנשטאַט צו פירן מיט אים אן אידעאָלאָגישן קאַמף, באַנוצן זיי זיך מיט ברוטאַלע מיטלען, זענען זיי מסתמא איבערצייגט, אַז אין א אידעאָלאָגישן וויכוח וועלן זיי אים נישט בייקומען, ווייל ער טראָגט אין זיך דעם אמת. דער קורצער און האַרציקער זאַץ, וואָס זשאַבאָטינסקי האָט אַרויסגעזאָגט אין תל־אביב, ווען ס'איז אים נישט געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט מער צו זאָגן, האָט זיך געקוילערט דורך בערג און טאָלן, איז אָנגעקומען אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון יידישן גלות און גע־וואַרמט די הערצער. אין דעם קורצן זאַץ אין געווען פיל מער ווי אין א לאַנגע רעדע: דאָס האָט פיל מער דערנענטערט די הערצער פון די מאַסן צום אמתן מנהיג פון פאָלק.

אויף דעם אכצנטן קאָנגרעס אין פּראַג, האָט מען מיט אַנדערע מיט־לען פאַרזוכט אים צו פאַרמאַכן דאָס מויל. מ'האָט אים געגעבן דאָס וואָרט נאָר אויף צען מינוט — געגנוי: אויף צען מינוט — און אין מיטן רעדן, האָט זיך דער פאַרזיצער נישט געשעמט אים אָפּצושטעלן: „אייער צייט איז אַריבער"! זיי האָבן געמיינט אַז זיי האָבן געטאָן א חכמה, פאַרוואַנדלענ־דיק דעם ציוניסטישן קאָנגרעס אין א פּאַרטיי־באַראַטונג און פאַרשטאָפּנ־דיק דאָס מויל פון גרעסטן ציוניסטישן דענקער און דעם רעדנער־מייס־טער ביים יידנטום.

ב

א יאָר נאָכדעם ווי ס'איז אויף אים פּראָקלאַמירט געוואָרן דער באָי־קאָט, האָט מען אין פּוילן א צווייט מאָל געפּרוווט אים צו באַליידיקן. אין וואַרשע איז פאָרגעקומען די לאַנד־קאָנפערענץ פון „תרבות". אין פּוילן איז דער „תרבות" געווען א גרויסע און פאַרצווייגטע אָרגאַניזאַציע. זי האָט געהאַט א גרויסע נעץ פון הונדערטער פאָלקס־שולן, צענדליקער גימ־נאַזיעס, לערער און פּרעבליסטינס־סעמינאַרן, קורסן פאַר העברעאיש, ביב־ליאָטעקן און ביכער־פאַרלאַגן. אַלץ אין העברעאיש. אין די ערשטע יאָרן

פון איר אַנטשטייאונג, איז זי געווען אן אומפּאַרטייאישע געזעלשאַפט און קאָנצענטרירט ארום זיך אַלע ציוניסטישע בלאָקן, וועלכע האָבן געשטרעבט צו דער אויפלעבונג פון העברעאיש אויך אין גלות. אין „תרבות"־צענ־טראַל־קאָמיטעט זענען געזעסן: דער דיכטער ד"ר יעקב כהן, פון די גרינ־דער פון הצה"ר און זיין ערשטער פּאָרזיצער אין פּוילן; ד"ר מאיר קלו־מעל ז"ל פון די אַלגעמיינע ציוניסטן; פאָרשטייער פון דער פּאַרטיי „התאחדות", רעפּרעזענטאַנטן פון די לערער און אויך דער „השומר הצעיר", אין וועמענס קערפּער עס האָבן זיך שוין באַוויזן די סימנים פון גיפט. זשאַבאָטינסקי איז איינגעלאַדן געוואָרן צו קומען פון פּאַריז צו האַלטן די דערעפענונגס־רעדע אויף דער לאַנד־קאָנ־פערענץ. די לינקע קערפּערשאַפטן האָבן נאָך דאַן נישט באַהערשט די ציו־ניסטישע גאַס. זיי האָבן אפילו נישט געפּרוווט זיך קעגנצושטעלן דאָס ארויסשיקן די איינלאַדונג. זיי זענען שוין דאַן געווען זיינע קעגנער צוליב זיין קאַמף קעגן מינימאַלן ציוניזם. אָבער אַלע האָבן נאָך אַנערקענט די פאַרדינסטן פון מאַן, וועלכער האָט נאָך אין 1911 געקעמפט פאַר העברע־אישע שולן אין גלות און האָט פאַרשפּרייט דעם געדאַנק פון דער העברע־אישער קולטור ביים רוסישן יידנטום און אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן.

זשאַבאָטינסקים באַטייליקונג אין דער לאַנד־קאָנפערענץ איז געווען א גרויסער כבוד פאַר די דעלעגאַטן פון אַלע שטרעמונגען. די דערעפנונג איז פאָרגעקומען אין איינעם פון די רעפּרעזענטאַטיווע זאַלן אין וואַרשע. טויזנטער מענטשן האָבן אָנגעפילט דעם טעאַטער־זאַל „נאָוואָשטשי" און טויזנטער זענען געבליבן אין דרויסן פון מאַנגל אין פּלאַץ אינערוויייניק. צוויי שעה איז דער ריזיקער פּובליקום געזעסן צוגעשמידט צו די פּלעצער. קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. די רייד האָבן זיך געגאָסן פון זיין מויל ווי א צויבער־מעלאָדיע. עס האָט באַוואונדערט זיין וואונדערבאַרער און רייכער העברעאיש; ס'האָט פאַרכשופט זיין שיינע דיקציע, וואָס האָט צו־געגעבן דער נאַציאָנאַלער שפּראַך פּראַכט און שיינקייט; און ס'האָט צוגע־שמידט דער אינהאַלט פון זיינע טיפע און צוגלייך פּאָפּולערע רייד.

אויף דער צווייטער זיצונג פון דער קאָנפערענץ, אין זאַל פון יידישן אקאַדעמישן הויז, צו וועלכער דער גאַסט איז אויך געקומען מיט לאָיאַליטעט און טיפן אינטערעס אין די פּראָבלעמען פון דער העברע־אישער דערציאונג און קולטור אין פּוילן — איז אויסגעבראָכן אן אינ־צידענט, וואָס האָט באַוויזן ווי ווייט די שנאה קען ברענגען מענטשן צו פאַרגעסן די עלעמענטאַרסטע געזעצן פון העפלעכקייט, וועלכע פאַרפליכטן לגבי א גאַסט.

אויף יענער זיצונג האָט מען גערעדט וועגן דעם העברעאישן אוניווערזי־טעט אין ירושלים. זשאַבאָטינסקי האָט גענומען דאָס וואָרט אין דער דיס־קוסיע, אָנווייזנדיק די פּעלערהאַפּטיקייט אין דערציאונגס־סיסטעם פון דעם הויכן אנשטאַלט (אין יענער תקופה איז דער אוניווערזיטעט נישט געווען קיין אנשטאַלט פאַר אויסבילדונג פון אקאַדעמישער יוגנט, נאָר אַן אויס־פאָרשונגס־אינסטיטוט. טויזנטער יידישע סטודענטן, פאַר וועמען די טויערן פון די אייראָפּעאישע אוניווערזיטעטן זענען געווען געשלאָסן, האָבן געקלאַפּט אומזיסט אין די טירן פון דעם העברעאישן אוניווערזיטעט און ער האָט נישט געוואָלט זיין ווי יעדער אוניווערזיטעט אויף דער וועלט „אַ פאַבריק ארויסצוגעבן דיפּלאָמען"). ער האָט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער נעסט פון נאַציאָנאַלן פאַראַט, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן הר הצופים, אונטער דער לייטונג פון ברית־שלום'ניק, ד"ר מאגנעס, און זשאַבאָטינסקי האָט געמאַכט אייניקע פאָרשלאָגן וועגן פאָדערונגען פון גרויסן יידישן ציבור אין פּוילן צו מאַכן ענדערונגען אין אוניווער־זיטעט.

א מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פּוילישן „תרבות", ד. ה. איי־נער פון די גאַסטגעבער, וועמענס פליכט איז געווען אָפּצוהיטן די מידה פון הכנסת־אורחים מער ווי א געוויינלעכער דעלעגאַט — איז אויפגע־שטאַנען כדי צו נעמען שטעלונג צו זשאַבאָטינסקים פאָרשלאָגן. דער רעד־נער איז געווען דער פירער פון „התאחדות" (דאָס איז געווען א שוועס־טער אָרגאַניזאַציע פון ארץ־ישראלדיקן „הפועל הצעיר", וואָס איז געווען אויך א קעגנערין פון זשאַבאָטינסקים לעגיאָן!). פאַרשטענדלעך, האָט דער רעדנער געהאַט די פולע רעכט אויסצודריקן א קעגנמיינונג. אָבער די פאָרם פון זיין רעדע איז געווען א טאַקטלאָזע. אין מיטן זיין רעדע, האָט דער רעדנער אָנגעוויזן אויף זשאַבאָטינסקין, וועלכער איז געזעסן פון זיין לינקער זייט אויף דער טריבונע, און געזאָגט: „דער דאָזיקער הער האָט אייך דערקלערט" אנשטאַט צו זאָגן „הער זשאַבאָטינסקי" אָדער „מיין פאָררעדנער". די באַליידיקנדע פאָרם פון ווענדן זיך אין דער זייט פון גאַסט, וועמען דער רעדנער האָט געדאַרפט רעספּעקטירן נישט נאָר צוליב זיינע היסטאָרישע פאַרדינסטן פארן יידישן פאָלק, נאָר אויך צוליב דעם וואָס ער איז געווען א גאַסט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „תרבות", האָט אויפגעבראַכט די מערהייט קאָנפערענץ־דעלעגאַטן, נישט דווקא רעוויזיאָ־ניסטן, נאָר מיטגלידער פון אנדערע פאַרטייען און דירעקטאָרן און לערער פון שולן. ארום דער טריבונע האָט זיך ארומגעשטעלט א מאַסע פון פּראָ־טעסטירנדע, און אָנגענומענדיק א דראָענדע שטעלונג קעגן באַליידיקער,

16

האָבן זיי געשריגן: „ווער איז דאָס דער דאָזיקער הער"? וואָס פאַר א חוצפה'דיקער לשון איז עס? אין איין מינוט איז געוואָרן א צעמישונג אין זאַל. אויף דער טריבונע זענען אַרויף אויך איניקע חברים פון רעדנער אים צו שיצן, און די קאָנפערענץ האָט זיך געשפּאָלטן אויף צוויי לאַגערן: די מערהייט האָבן געפאָדערט סאַטיספאַקציע פאַרן באַליידיקטן כבוד פון זייער חשובן גאַסט, און די אנדערע — די פּאַרטיי־חברים פון רעדנער — האָבן אים געשיצט פאַר די אויפגערעגטע. זשאַבאָטינסקי איז געזעסן אויפן אָרט אָן באַוועגונג און בלויז מיט די אויגן זיך אַרומגעקוקט איבערן זאַל, דער זאַל אויפן נאָמען פון פּראָפּעסאָר איינשטיין, וועלכער איז פּלוצלונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א שלאַכט־פעלד. מענטשן האָבן אָנגעהויבן שפּרינגען אויף די שטולן. אנדערע האָבן זיי נישט געלאָזט, און ס'איז געקומען צו שלעגערייען. די געשרייען און קולות זענען געווען פאַרטויבענע. זעענדיק אַז דער אינצידענט קען אָנ־נעמען אַן ערנסטע ווענדונג וואָס וועט פאַרשווערן די פייערלעכקייט פון דער פאַרזאַמלונג — האָט זיך זשאַבאָטינסקי אויפגעשטעלט און געמאַכט אַ צייכן מיט דער האַנט צום פּובליקום אַז ער וויל עפּעס זאָגן. מיטאיינ־מאָל איז אריינגעטרעטן א טויטע שטילקייט.דאָס פּובליקום האָט געוואַרט מיט שפּאַנונג ווי דער גאַסט וועט רעאַגירן אויף דער באַליידיקונג מצד איינעם פון די גאַסטגעבער. נישט אַרויסווייזנדיק קיין צייכן פון נער־וואַזיטעט, האָט ער געזאָגט אין פולשטענדיקער רואיקייט: „איך בעט אייך, מיינע הערן, זיך צו באַרוקן. איך פיל מיך נישט געטראָפן. לאָמיר איבערגיין צום טאָג-אָרדנונג"!

דער אינצידענט האָט געדינט אַלס טעמע פאַר געשפּרעכן נאָך פיל טעג. אָבער די אָרדנונג איז זאַל איז צוריק איינגעשטעלט געוואָרן, און די קאָנפערענץ האָט פאָרגעזעצט איר ארבעט.

ג

אין פיל לענדער האָט מען זיך באַנוצט מיט נאָך אנדערע מיטלען, כדי „אָפּצוהיטן" די מאַסן פאַר זיין איינפלוס. אין איניקע פּלעצער איז די בעסטע טאַקטיק געווען — א מסירה ביי דער רעגירונג. „זשאַבאָטינס־קי איז א פאַשיסט, היטלערס אַן עמיסאַר"! — האָט מען געשושקעט אויפן אויער פון סאָציאַליסטישע פּאָליציי־קאָמיסאַרן. „זשאַבאָטינסקי איז א „קאָמוניסט"! — האָט מען „אויפגעקלערט" די קרייז־קאָמענדאַנטן אין

די שטעט, אין וועלכע די מאַכט האָט געקעמפט מיט דער קאָמוניסטישער מגיפה.

אין 1934 איז ער איינגעלאַדן געוואָרן אויף א ציקל רעפעראַטן קיין בעלגיע. ער האָט געדאַרפט אויפטרעטן אין בריסל און אַנטווערפּן. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי אין יענעם לאַנד האָט זיך באַצייטנס געווענדעט צו די בריסעלער און אַנטווערפּנער ביר־גערמייסטערס, בעטנדיק אַן אויטאָריזאַציע אויף די רעפעראַטן. נאָך אַן אויספאָרשונג פון דער פּאָליציי איז די דערלויבניש געגעבן געוואָרן. דאָס מאָל האָט זיך די קעגנער נישט איינגעגעבן. האָבן זיי פּרובירט ווויליונ־גערישע שטיקעס: זיי האָבן זיך ארויסגעלאָזט איבער אַלע גאַסן און אַראָפּגעריסן די אַפישן וועגן רעפעראַט. ווען אויך דאָס איז געווען אומ־זיסט און זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז פינף טעג פאַרן רעפעראַט איז גע־שטאַנען א לאַנגע רייע ביי דער קאַסע, זענען זיי געגאַנגען צו זייער „שבת־גויי". צוויי טעג פאַרן רעפעראַט, דאָס איז געווען א זונטיק, א רו־טאָג, ווען די באַפעלקערונג לייענט, ווי געוויינלעך, מער ווי אין דער וואָכן — איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „לע־פּעפּל", דער טאָג־אָרגאַן פון די בעל־גישע סאָציאַליסטן, א קליין אַרטיקל: „צי וועט מען דערלויבן דעם יידישן פאַשיסט פון אויסלאַנד אויפצוטרעטן אין בריסל?" דאָס איז געווען דער טיטל, און דער אינהאַלט פון דער נאָטיץ איז געווען פאָלגענדער: „מ'טיילט מיט, אַז דער פירער פון די יידישע פאַשיסטן, זשאַבאָטינסקי, וועט אויפ־טרעטן דינסטיק אין בריסל. ער איז אַן ארץ־ישראלדיקער בירגער. א מיט־גליד פון זיין פּאַרטיי האָט מיט א צייט צוריק דערמאָרדעט דעם סאָציאַ־ליסטישן פירער אַרלאָזאָראָוו. זשאַבאָטינסקי איז נישט קיין פּנים־חדשות אין בריסל. נישט לאַנג צוריק האָט ער אויפגענומען די פאָרשטייער פון דער פּרעסע, זיינענדיק אַרומגערינגלט מיט זיינע פאַשיסטישע תלמידים אין אוניפאָרמען. ס'דראָט א סכנה, אַז דער כוס פון אויפרעגונג וועט אי־בערגיין איבער די ברעגעס, אויב מ'וועט דערלויבן דינסטיק זשאַבאָטינס־קין אויפצוטרעטן אין בריסל".

דאָס איז געווען אַן אומצווייידייטיקער רמז. פונדעסטוועגן איז די פאַרזאַמלט פאָרגעקומען און איז דורכגעגאַנגען אין מוסטערהאַפטער אָרדנונג און רואיקייט. דער טויזנטער קעפּיקער עולם האָט אויפגענומען מיט גרויס התלהבות דעם מנהיג פון דער ציוניסטישער שטאַטס־באַווע־גונג. ווען דאָס פּובליקום איז אַרויס פון רעפעראַט, האָט מען אים מכבד געווען מיט פּאַמפלעטן, אין וועלכע דער גאַסט איז געשילדערט אַלס דער יידישער היטלער, און נאָך באַליידיקנדע שאַרפע עפּיטעטן.

אין בריסל האָבן די סאָציאַליסטן נישט בעלי־הביתעוועט. עפּעס אַנ־דערש איז דאָן געווען אין אַנטווערפּן (קאַמיל הויזמאַנס, פון די פירער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, איז געווען בירגערמייסטער) אין דער דיאַ־מענטן־שטאָט האָט מען געאַרבעט מיטן פולן רויך, מ׳האָט צעריסן די אַפישן, וועלכע האָבן מיטגעטיילט וועגן זשאַבאָטינסקיס רעפעראַט און אַרויפגעקלעפּט אַנשטאָט זיי גיפטיקע פּאַמפלעטן. אין בחורים פון „השומר הצעיר" האָבן פאַרטיילט צווישן דער קריסטלעכער באַפעלקערונג פלוג־בלעטלעך, אין וועלכע ס׳איז געווען געשריבן, אַז זשאַבאָטינסקי, היט־לערס שליח, איז געקומען קיין בעלגיע.

אין טאָג פון רעפעראַט, פינף אַ זייגער נאָכמיטאָג, איז אָנגעקומען אַ בריוו פון אַנטווערפּנער בירגערמייסטער, אַז זשאַבאָטינסקיס רעפעראַט איז פאַרבאָטן. און דער שטאָט־ראַט האָט זיך דאָסמאָל געאיילט מיטצו־טיילן דורך פּלאַקאַטן אין די גאַסן וועגן פאַרבאָט.

די גאַס,וווּ ס׳געפינט זיך דער זאַל פון הצה"ר, איז דעם אָוונט פול געווען מיט קריסטן ־ קאָמוניסטן, סתם אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס און מיטגלידער פון „השומר הצעיר" (די לעצטע האָבן קאָמאַנדירט!). דער דאָזיקער פאַרייניקטער פראָנט האָט זיך אַרומגעשטעלט אַרום דער גע־ביידע פון הצה"ר און געשריגן: „גיט אונדז אַרויס זשאַבאָטינסקין, מיר וועלן אים באַצאָלן! פיל בית"רים זענען צעשלאָגן געוואָרן אין גאַס. די פּאָליציי האָט נישט צעטריבן די מאַסן, ווייל זי האָט נישט באַקומען קיין דערלויבניש דערצו. נאָכהער איז פאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע אין די יידישע גאַסן מיטן געזאַנג פון אינטערנאַציאָנאַל. די דעמאָנסטראַנטן האָבן געמאַכט אויסרופן קעגן זשאַבאָטינסקין און צעריסן אַלע געבליבע־נע פּלאַקאַטן אין שטאָט.

פונדעסטוועגן האָט זיך פאַרזאַמלט אַ ריזיקער המון ניין אַ זייגער אין אָוונט אין זאַל, ווו ס׳האָט געדאַרפט פאָרקומען דער רעפעראַט. זיי זענען זיך נישט צעגאַנגען אויך נאָכן דערוויסן זיך פון פאַרבאָט. שעהן זענען זיי געשטאַנען פאַרן זאַל און געוואַרט. ווי קען עס מעגלעך זיין, אַז זשאַבאָטינסקי זאָל זיין אין יידישן אַנטווערפּן און נישט אויפטרעטן מיט אַ רעדע?

דאָסמאָל האָבן די לינקע „געזיגט" מיטן כוח פון גוי.

ד

אין קארפאטן־רוסלאנד האָט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז זשאבאָ־טינסקי דארף אָנקומען אין לאנד. צו דער צענטראלע פון דער רעוויזיאָ־ניסטישער פארטיי אין טשעכאָסלאָוואקיע ווערן געשיקט טעלעגראמעס און בריוו, ס'פירן זיך טעלעפאָנישע געשפרעכן, עס קומען ספּעציעלע דעלע־גאַציעס פון א מרחק פון 19 שעה רייזע מיט דער באַן. זשאבאָטינסקי מוז קומען צו אונדז! — מיר האָבן א גרויסע יידישע באַפעלקערונג, און פון אַלע שטעטלעך אַרום וועט מען קומען! — טענהן די רעוויזיאָניסטן אין מונקאַטש. און אזוי האָט געפאָדערט קאשיצע. אויך אוזשהאראד איז נישט אָפּגעשטאַנען. און אויב אוזשהאראד איז דאָ — פארוואָס זאָל מען בע־רעהאווא באַליידיקן? פיל זענען צוריקגעקומען מיט אָפּזאָג. בייז און ברוגז וואָס זיי האָט זיך נישט איינגעגעבן זייער מיסיע. זשאבאָטינסקי קומט אויף ווייניקע טעג. ער וועט נישט באַוויין אומעטום צו באַזוכן. בלויז אין עטלעכע שטעט קען ער זיין!

אייניקע וואָכן פארן אָנקומען פון גאַסט זענען אַלע בילעטן אויף זיינע פּאָרטראַגן געווען פארקויפט. פון אַלע ראַיאָן־שטעטלעך גרייטן זיך טראַנספּאָרטן אָנצוקומען. מ'האָט געדונגען דעם גרעסטן זאַל אין שטאָט. אויך אַלע שטיי־פּלעצער זענען פארקויפט. אָט איז געקומען דער גליקלע־כער טאָג. זשאבאָטינסקי איז דאָ. ס'איז נישט צו שילדערן דעם ענ־טוזיאַזם פון די מאַסן, וועלכע האָבן געוואַרט טעג און וואָכן אויף זיין אָנקומען. אויף דער באַן־סטאַציע גייט אַרום די פּאָליציי צעמישט און הילפלאָז. דער ריזיקער המון וועט דורכרייסן די באַריערע, און ס'איז נישטאָ קיין כוח אים צו פארהאַלטן.

צוויי שעה פארן אָנהויב פון רעפעראַט, אין אָוונט, דער זאַל איז שוין פול. אויך די קאַרטן־באַזיצער האָבן זיך געאיילט. ווער ווייסט וואָס ס'קען נאָך געשען? ס'וועט אָנקומען א גרויסער עולם און מ'וועט נאכהער נישט קענען אריינגיין אפילו מיט א בילעט אין האַנט. ס'איז בעסער צו פאַר־נעמען א פּלאַץ באַצייטנס. אַלע דורכגענג זענען פארנומען. אין די קאָרי־דאָרן און אויף די גאַלעריעס. א פייערלעכע שטימונג. מ'איז געקומען יום־טובדיק געקליידעט.

אַכט א זייגער קומט אָן זשאבאָטינסקי אין דער באַגלייטונג פון דער הצה"ר-לייטונג צום טעאַטער. מ'פירט אים אריין אין א זייטיקן צימער, ביז ס'וועט זיך איינשטילן דער רעש אויפן פּלאַץ פאַרן זאַל. הונדערטער שטייען און וואַרטן אויף א נס. אפשר וועט מען קענען אריינגיין. און

פּלוצלונג: דער פּאָליציי־קאָמיסאַר איז אָנגעקומען. ער זוכט דעם פאַר־אַנטוואָרטלעכן פאַר דעם מיטינג. נישט קיין גוטער סימן. —

— אַנטשולדיקט, מיינע הערן, די פאַרזאַמלונג וועט נישט קענען פאָרקומען. א פאַרבאָט פון די מאַכט־אָרגאַנען!

— וואָס איז פּלוצלונג געשען?

— מיר וועלן נישט דערלויבן אָפּצוהאַלטן קאָמוניסטישע פאַרזאַמ־לונגען. מיר האָבן באַקומען אַן אינפאָרמאַציע, אַז דער רעדנער איז אַ באַקאַנטער קאָמוניסט פון אויסלאַנד. דער פּאָליציי-קאָמיסאַר האָט אַרויס־געגעבן א דרינגענדן פאַרבאָט.

אַלע אויפקלערונגען וועגן אַבסורד פון דער מסירה זענען געווען אומ־זיסט. דער לאָקאַלער פּאָליציי־קאָמיסאַר אָריענטירט זיך נישט אין לאַבי־רינט פון יידישע פּאַרטייען. ס'איז גענוג פאַר אים די מעלדונג וואָס ער האָט באַקומען, אַז אונטערן דעקמאַנטל פון א ציוניסטישער פאַרזאַמלונג, וועט מען האַלטן א קאָמוניסטישע רעדע.

ס'איז שפּעט. ס'איז שוין נישטאָ קיין צייט זיך צו פאַרבינדן מיט דער צענטראַלער מאַכט אין דער הויפּט־שטאָט. דאָרט וויסן זיי ווער דער גאַסט איז. אָבער איצט קען מען גאָרנישט אויפטאָן. די מינוטן לויפן שנעל. מ'פירט נאָך אַן אונטערהאַנדלונג מיט דער אָרטיקער פּאָליציי, אָבער אָן רעזולטאַטן.

אינערוויייניק, אין זאַל הערשט אַן אומגעוויינלעכע שפּאַנונג. קיינער קען נישט דערקלערן, וואָס איז די סיבה פון דער פאַרשפּעטיקונג. אַלע וויסן אַז זשאַבאָטינסקי איז אין שטאָט. זיי אַליין האָבן דאָך אים אין דער פרי אויפגענומען אויפן וואָקזאַל. פאַרוואָס זאַמט ער זיך איצט?

דער פאַרזיצער פון הצה"ר אין שטאָט טיילט מיט זשאַבאָטינסקין וועגן פּאָליציי־פאַרבאָט און די סיבה. דער גאַסט שמייכלט א ביטערן שמייכל. ער א קאָמוניסט? אָבער ער בלייבט רואיק. אויפן פּנים איז נישט צו דערקענען זיין פאַרביטערונג איבער די קאַמפּס־מעטאָדן פון כלומרשט ציוניסטישע פּאַרטייען.

—צו קען איך באַקומען א דערלויבניש אַרויפצוגיין אויף א וויי־ל אויף דער טריבונע. נאָר אויף איין מאָמענט, אַרויפגיין און א קוק טאָן אויפן פּובליקום, און נישט רעדן?

א פאַרהאַנדלונג מיטן פּאָליציי־סערזשאַנט. צום אָנהויב איז ער נישט מסכים. ער פאַרשטייט נישט דעם זין פון אזא ביטע. אויב נישט רעדן, טאָ צו וואָס אַרויפגיין? נאָכהער גיט ער די הסכמה: „אָבער געדענקט, איך וואָרן אייך, נישט רעדן"!

זשאַבאָטינסקי גייט אַרויף אויף דער טריבונע. איין מינוט שטייט ער, און זיינע אויגן — צום ריזיקן פּובליקום, וואָס קוקט אויף אים מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם. ער זעט דעם גרויסן ציבור פון טרייע יידן, וועלכע זענען געקומען הערן פון אים דאָס ציוניסטישע וואָרט. ער קוקט זיך איין אין זיי גאָרנישט זאָגנדיק און פילט דעם טיפן זעלישן בונד, וואָס פאַרבינדעט אים מיט זיי. אַן אומזעבאַרער פאָדעם, אָבער זייער אַ שטאַרקער, פאַרבינדט אים מיט זיי. ער און זיי — צוזאַמען בענקען זיי נאָך גאולת ישראל. צו דען דאַרף מען רעדן פאַר זיי, פאַר די יידן, וועלכע גייען אויס אין בענקשאַפט נאָך ציון? צי דאַרף מען פאַר זיי פּריידיקן? ער האָט געפילט, אַז זיי ווייסן און פאַרשטייען אַלץ.

דער עולם איז עלעקטריזירט. קיינער קען נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט פון מויל. זיי קוקן אויף אים מיט אויגן פון גרענעצלאָזער ליבע. און פּלוצלונג — אָן שום רמז און אָן אַ באַפעל — שטייען זיי אַלע אויף אויף די פיס, און אַ מעכטיקער שטורם רייסט דורך די לופט: יחי זשאַבאָטינסקי!.

נאָך איין מינוט שטייט ער פאַר זיי. און זיי הערן זיינע רייד פון זיינע פאַרשלאָסענע ליפּן: איך בין מיט אייך; צוזאַמען מיט אייך וועל איך קעמפן פאַר ישראל'ס אויפלעבונג ביז מיין לעצטן אָטעם־צוג!

ווען ער איז אַרויס פון זאַל און צוריק אַריין אין זייטיקן צימער, איז ער געווען גערירט. ער האָט זיך געווענדעט צום הייפל מענטשן, וועלכע זענען געשטאַנען אַרום אים און זיי געזאָגט: „כ'שפּיר, אַז פיל מער ווי איך וואָלט זיי געזאָגט אין אַ לאַנגע רעדע, האָב איך זיי געזאָגט מיט מיין שווייגן. און פיל מער וואָס איך וואָלט געהערט אויף פיל קאָנפערענצן — האָב איך געהערט פון זיי אין דער מינוט פון שווייגן. זייער גאַנצע פאַרשלאָסענע האַרץ האָבן זיי געעפנט.

**
*

פיל מאָל האָט ער באַזוכט די לענדער פון אייראָפּע; ער פלעגט קומען צו קאָנפערענצן און צוזאַמענפליען פון הצה"ר און בית"ר, און אויף פּראָפּאַגאַנדע־טורנייען צום יידנטום. יעדער באַזוך זיינער האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער געזעלשאַפט און פּרעסע פון אַלע שטרעמונגען.

פון די אַלע תקופות שיינען אַרויס ספּעציעל צוויי, וועלכע האָבן אויסגעשטעלט דעם מנהיג אין צענטער פון יידישן לעבן, און דאָס זענען:

די מעג פון בלוט־בלבול נאָכן מארד פון ד״ר ארלאזאראָוו ז״ל, און זיין עוואקואציע־פּלאַן, ווען פון אַלע זייטן, פון ציוניסטן און שונאי־ציון, האָט זיך געשאָטן אויף אים א האָגל פון שנאה און האַס. אין די ביידע תקופות איז געווען קעגן אים א קאָנצענטרירטע אַטאַקע פון אַלע ריכטונגען. אן אָרגאניזירטער כעס איז געווענדעט געוואָרן קעגן אים. אָבער ווי אין זיין גאנצן לעבן, האָט ער אויך אין די פאַלן אויפגענומען אַלע אָנגריפן קאַלט און פעסט. זיין אינערלעכע רואיקייט, זיין וואונדערלעכע גלייכגע־וויכט און זיין שטאָלצע שטעלונג צוליב דער פולער זיכערקייט אין דער ריכטיקייט פון זיינע טאַטן—דאָס אַלץ האָט אים פארפאנצערט קעגן די יידלערייען, העצעס און באלײדיקונגען, וועלכע זענען פון אייביק אָן דאָס ברויט פון א גרויסן וועג־ווייזער.

# דער לערער און דערציער

צווישן זיינע ברידער אין גלות האָט ער געהאַט נישט נאָר אנטוישונגען און יסורים. ער האָט אויך געהאַט פיל, זייער פיל נחת. און אממערסטן נחת האָט אים פאַרשאַפן בית״ר, די נאַציאָנאַלע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וועלכער ער האָט געגעבן אירע אידעאָלאָגישע יסודות און פולן פּראָגראַם, און אין וועמענס טאָג־טעגלעכער אַרבעט ער האָט אַקטיוו אַנטיילגענומען.

די דאָזיקע וווּנדער־פּלאַנצונג, וואָס האָט זיך באַוויזן ווי אַ קליין צווייגעלע ערגיץ וואו אין אַ קעלער אין דער לעטלענדישער הויפּט־שטאָט, אין דעצעמבער 1923, איז אין משך פון איינציקע יאָר אויסגע־וואַקסן אין דער גאַנצער יידישער וועלט אין אַ ריזן־בוים, און איז גע־וואָרן דער אַנטשיידענסטער יוגנט פאַקטאָר אויף דער יידישער גאַס. די יידישע יוגנט, אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלאַך פון גלות וואָס האָט געלעבט אין יאוש און פּחד, אָן האָפנונג און אָן אַ וויזיע, האָט דורך זשאַבאָטינסקין באַקומען אַ גרויסן, ליכטיקן אידעאַל, פאַר וועלכן ס׳איז כדאַי צו לעבן און אויך ווערט צו שטאַרבן. אַ ריזן־שטראָם פון ליכט איז אַריינגעגאָסן געוואָרן אין די יונגע הערצער פון הונדערטער טויזנ־טער בחורים און מיידלאַך, וועלכע האָבן פריער פאַר זיך נישט געזען קיין צוקונפט, און האָט געגעבן זייער לעבן אַ טעם און אַ זין. ראש־בית״ר האָט געפילט אַז אָט ענדלעך שטייט אויף אין יידישן פאָלק דער כוח, וואָס וועט צעררייסן די קייטן פון פאַרשקלאַפונג און צוריקקערן אונדזער פאָלק די גלאָריע פון איר גרויסער פאַרגאַנגענהייט.

דעריבער האָט ער געווידמעט זייער פיל צייט, ענערגיע און אויפ־

מערקזאמקייט דעם בית"ר. קומענדיק אירגענדוואו אין א לאנד, האָט ער ערשטנס געמאכט וויזיטן אין די בית"ר־לאנדעס־קאָמענדעס און די אָר־טיקע קננים.

ער האָט זיך געפילט דערפרישט אין דער סביבה פון בית"רים. זיין סעקרעטאר דערמאָנט זיך א פאַל, וואָס איז זייער כאַראַקטערים־טיש פאַר דער באַציאונג פון זשאַבאָטינסקין צו בית"ר. ער האָט אים באַגלייט אויף א רעפעראַט ־ טורנעע איבער פוילישע שטעט. אין איין שטאָט זענען זיי אָנגעקומען אין א נאכמיטאג. דער אָרטיקער מפקד פון בית"ר האָט זיך גלייך געמעלדעט און איינגעלאַדן דעם ראש־בית"ר צו א באזוך אין קן. זשאַבאָטינסקי האָט צוגעזאָגט. אָבער זייענדיק זייער מיד פון דער רייזע (ער פלעגט יעדן אָוונט אויפטרעטן אין אן אנדער שטאָט, און יעדן טאָג מוזן רייזן לאַנגע שעהן מיט דער באַן), איז ער אויף אייניקע שעה אנשלאָפן געוואָרן און שוין נישט באַוויזן אָפּצו־שטאַטן די וויזיט אין קן פארנאכט, ווייל האַלב ניין אין אָוונט איז ער געגאַנגען צום עפנטלעכן פאָרטראג. נאָך האַלבער נאכט, ווען ס'האָט זיך געענדיקט דער עפנטלעכער אויפטריט זיינער — זייער אָפּט האָט ער גע־מוזט אויסהערן פאַר זיין פאָרטראג באַגריסונגס־רעדעס פון פארשידענע אינסטיטוציעס, אָרגאַניזאַציעס, פאַריינען און פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן אָוועקגערויבט טייערע שעהן, און זיין רעדע האָט זיך אָנגעהויבן ערשט צען אין אָוונט, — האָט אים דער סעקרעטאַר צוריקגעפירט אין האָטעל.

— הער ראש־בית"ר, איצט איז האַלב איינס ביינאכט, און מיר דאַרפן אויפשטיין פיר באַגינען, כדי ווייטער צו פאָרן. איינגאַנצן אייניקע שעה פון רו!

— אָבער, האָט איר דען פאַרגעסן, אז מיר האָבן צוגעזאָגט דעם מפקד פון קן צו באזוכן דעם בית"ר אין שטאָט? — פאָלעמיזירט זשאַ־באָטינסקי מיט זיין סעקרעטאַר.

— אזוי שפעט? די בית"רים וועלן זיכער מוחל זיין!

— ניין, ניין, מיר האָבן צוגעזאָגט, און מיר וועלן האַלטן וואָרט.

און איינס ביינאכט איז ער געגאַנגען צו א באזוך צו זיינע קינ־דער, וועלכע זענען אַלע געווען אין לאָקאַל, אין שפאַנונג און ערוואַר־טונג.

**
*



די דריטע וועלט־קאָנפערענץ פון בית״ר.
ווארשע, סעפטעמבער 1938.
ס׳שטייען (פון רעכטס): ירמיהו האַלפערן, רפאל ראזאוו, אייזיק רעמבאַ, ראש־בית״ר, אהרן פראפעס, ד״ר אריה קעפעל, יחזקאל דיליאן ז״ל, אליהו גלעזער.

דאָס איז נישט געווען קיין אויסנאַמס־פאַל. אזוי האָט ער געהאַנדלט שטענדיק מיט בית״ר. אויך ווען ער איז געווען זייער באשעפטיקט, האָט ער צייט געהאַט פאַרן בית״ר. פאַר די בית״ר־קנִנים אין ווארשא און ניו־יאָרק, ווילנע און יאָהאַנעסבורג אין דרום אַפריקע, ווין און קאָוונע, פּראַג און אַנטווערפּן. ריגע און פּאַריז.

האָט דער נציב פון פוילישן בית״ר, אהרן פּראָפּעס, אָרגאַניזירט אין ווארשע די ערשטע אינסטרוקטאָרן־שולע פון בית״ר — איז ראש־בית״ר, נאַטירלעך, געקומען אויף אן אינספּעקציע און עקזאַמינירט די אַבסאָלווענטן. האָט דער לייטער פון פיזישער אויסבילדונג אין שלטון, ירמיהו האַלפּערן, געשאַפן איבער אייראָפּע א נעץ פון אינסטרוקטאָרן־

שולן — זענען זיי באזוכט געוואָרן דורכן ראש־בית״ר. און ווען אונטער דער אויפזיכט פון לעצטן נציב פון פוילישן בית״ר, מנחם בעגין, האָט דער ארגון־צבאי־לאומי געשאפן אין פוילן די מיליטערישע קורסן פאַר דער נאַציאָנאַלער יוגנט — איז זאב זשאַבאָטינסקי אפילו אין די לעצ־טע חדשים פאַרן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, בשעת זיין לעצטן באזוך אין פוילן, געפאָרן פיל שעהן פון ווארשע כדי צו זען, ווי זיינע שילער גרייטן זיך צום באפרייאונגס־קריג.

אויף די וועלט־צוזאמענפליען פון בית״ר — צו אונדזער טיפן אומגליק האָט ער באוויזן זיך צו באטייליקן בלויז אין דריי וועלט־כי־נוסים: דעם ערשטן אין דאנציג, צווייטן אין קראָקע, און דעם דריטן אין ווארשע, האָט ראש־בית״ר אין זיינע עפנונגס־רעדעס, אין די דע־באַטן און אין די קאָמיסיעס, באריכערט יעדעס מאָל דעם אי־דעאָלאָגישן באגאזש פון דער נאַציאָנאַלער יוגנט אין דער וועלט און פון דאָרט איז אַרויס די תורה פון ערהאבענעם ציוניזם („הציונות הרוממה", ווי ער האָט עס גערופן) צום גאנצן יידנטום אויפן וועלט־קוגל.

ס'איז נישטאָ די מינדעסטע איבערטרייבונג אין דער פעסטשטע־לונג, אז אַלץ וואָס בית״ר האָט — האָט זי באקומען פון איר לערער. ער האָט געזאָרגט פאַר גרויסע זאכן און פאַר כלומרשטע קלייניקייטן אין דער יוגנט־באוועגונג. ווען בית״ר איז געווען געיאָגט און גערודפט פון אויסנווייניק און פון אינערווייניק — פון אויסנווייניק דורך דער ברי־טישער אדמיניסטראציע אין ארץ־ישראל, וואָס האָט פול געמאכט די טורמעס פון לאַנד מיט בית״רים, און אינערווייניק, אין יידישן לעבן, דורך דער הערשנדער סאָציאַליסטישער פּארטיי אין ציוניזם, וואָס האָט נישט געקענט פאַרגינען דעם וווקס פון דער שטאַטס־באוועגונג, — האָט זשאבאָטינסקי גענומען אויף זיך צו זיין די ציל־ברעט פאַר אַלע אָנגריפן און באַליידיקונגען.

אין די דרייסיקער יאָרן, ווען אויך דער בלוט־בלבול קעגן הצה״ר האָט זיך נישט איינגעגעבן און ס'איז זיי נישט געלונגען צו ליקווידירן די הערצליאַנישע באוועגונג, האָבן זיי געזוכט א נייעם אויסרייד צו קאָמפּראָמיטירן בית״ר אין די אויגן פון דער יידישער געזעלשאַפט, און האָבן זיך צוגעטשעפּעט צום בית״רישן מונדיר, וועמענס פאַרב, טונקל־ברוין, ענליך צו דער פאַרב פון דער ארץ־ישראלדיקער ערד, איז אויסגעוויילט געוואָרן אין יאָר 1926. „דאָס איז די פאַרב פון היטלער־יוגנט־מונדירן" האָבן די פאַרביסענע שונאים געלאַרעמט און געשריען.

צי דארף מען דען האָבן נאָך א באווייז, אז דער בית״ר איז א פאַשיסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע? האָבן די פאַרביסענע שונאים געלאַרעמט און געשריען און דערביי האָבן זיי, די פירער פון לינקן ציוניזם, געפירט געשעפטן מיט נאצי־דייטשלאַנד און געמאכט מיט היטלערן דעם טראַנספער־אָפּמאך, ווען זשאבאָטינסקי און זיין באוועגונג האָבן געפירט אן אָפּווער־קאַמף קעגן דייטשלאַנד און געשאפן אן עקאָנאָמישן באָיקאָט־קאָמיטעט קעגן דער נאַצישער לאנד.

דער דאָזיקער דעמאגאָגישער געשריי פון די לינקע קעגן פארב פון בית״רישן מונדיר האָט זיך נישט באגרענעצט בלויז מיט לארמען, אויף פארזאמלונגען און אין זייער פרעסע. מ׳איז געגאנגען ווייטער, און אָנגעהויבן שלאָגן בית״רים אין די גאַסן. דער טאָן איז געגעבן געוואָרן אין ארץ־ישראל, בשעת א בית״ר־פּאַראַדע אין די גאַסן פון תל־אביב שביעי של פסח תרצ״ג; דאן זענען פיל בית״רים און בית״ריות ערנסט פארוואונדעט געוואָרן און זיך געניוטיקט אין מעדיצינישע הילף. די דאָזיקע כוליגאנישע אָנפאלן זענען אַריבערטראַנספּאָרטירט געוואָרן אויך אין גלות.

זשאבאָטינסקי אַליין האָט ביז דאַן נישט געטראָגן קיין בית״ר־מונדיר. זייט ער האָט אין 1919 אויסגעטאָן די אוניפאָרם פון אָפיציר פון יידישן לעגיאָן (אויסגעטאָן קעגן זיין ווילן, ווייל ער איז דורך די ענגלענדער דעמאָביליזירט געוואָרן) — האָט ער געטראָגן א ציווילן אַנצוג. אַזוי איז ער געקומען אויפן וועלט־כינוס פון בית״ר אין דאנציג אין 1930 און אויך אין די בית״ר־לאנדעס־צוזאמענפליען, אין וועלכע ער האָט זיך באטייליקט. אָבער זעענדיק וויפל רדיפות און באשמוצונגען זיינע שילער מוזן אויסשטיין צוליב זייער בית״רישן אוניפאָרם, האָט ער געפונען פאר נויטיק זיך לאָזן אויפנייען א בית״ר־מונדיר און אויפן צווייטן וועלט־כינוס פון בית״ר אין קראָקע, אין 1935, איז ער ערשינען צווישן די דעלעגאטן און געסט אין בית״ר ־ אוניפאָרם צו דער גרויסער פרייד און באגייסטערונג פון זיינע טויזנטער תלמידים. אין זיין דערעפנונגס־רעדע אויף יענעם כינוס האָט ער אויך דערקלערט: „איצט, ווען דער בית״ר ־ מונדיר איז פאַרהייליקט געוואָרן דורכן בלוט פון יונגע בית״רים, וועלכע איז פארגאָסן געוואָרן דורך כוליגאנישע הענט צוליב דער פאַרב — האָב איך געפונען פאר נויטיק צו מאניפעסטירן מיין אידענטיפיצירן זיך מיט דער בית״ר־בלוזע. „די פאַרב פון אונדזער מונדיר איז אויסגעוויילט געוואָרן נאָך אין 1926. און ס׳איז אויסגעוויילט געוואָרן ווייל דאָס איז דער קאָליר פון דער פאָטערלאנד־ערד. דאַן איז

נאָך בכלל קיין נאַצי־באַוועגונג אויף דער וועלט נישט געווען. אָבער אויך זאָגאר ווען נאַצישע פּאָגראָממשיקעס האָבן גערן באַקומען א ביסל ענלעכע פאַרב (דערביי איז דער בית״ר־מונדיר — טונקל־ברוין, און דער דייטשער איז געווען העל־ברוין), האָט עס נישט קיין געמיינזאַמעס מיט אונדזער אויסוואַל. דער פאָן פון די נאַציס איז א רויטער. צי זענען די סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן גרייט צוליב דעם זיך אָפּצוזאָגן פון דער רויטער פאָן זייערער? און אויב זיי האָבן דאָס רעכט צו טאָן ווי זיי ווילן, האָבן מיר אויך די זעלבע רעכט.

פון דאַן אָן איז ראש־בית״ר דערשינען אויף אַלע עפנטלעכע בית״ר־אימפּרעזעס און וועלט־פאַראַנשטאַלטונגען אין אוניפאָרם.

* * *

ער האָט פאַרפּליכטעט דעם בית״ר אין גלות אויסצולערנען שנעל העברעאיש. אין בית״רישן „נדר“, וועלכן ער האָט פאַרפאַסט, איז דער געבאָט פאָרמולירט פאָלגנדערמאַס: „די העברעאישע שפּראַך וועט זיין מיין שפּראַך און די שפּראַך פון מיינע קינדער, אין ארץ־ישראל און אין גלות“. דער באַפעל איז אויסגעפירט געוואָרן דורך צענדליקער טויזנטער בית״רים. אָבער ער האָט זיך נישט באַגנוגנט מיטן אַרויסגעבן א באַפעל. ער האָט געטאָן קאָנקרעטע זאַכן אין דער ריכטונג. ער האָט פאַרפאַסט א העברעאישן לערן־בוך פאַר דערוואַקסענע אָנפאַנגער, וועלכע לעבן אין פרעמדע סביבות. און פאַר אים איז נישט געווען גענוג מ׳זאָל סתם רעדן אייניקע העברעאישע זאַצן. ער האָט געוואָלט, אז מ׳זאָל די שפּראַך שיין רעדן. דעריבער האָט ער פאַרפאַסט א בראָשור „די העברעאישע דיקציע“. אין וועלכע ער האָט געלערנט ווי אַזוי צו רעדן העברעאיש. די שפּראַך זאָל האָבן א שיינעם קלאַנג, אַן אָנגענעמען פאַרן אויער אויך פון פרעמדן צוהערער.

א געוויסע צייט האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַן אידיי, אז כּדי לייכטער צו מאַכן די מיליאָנען יידן אין גלות, וועלכע זענען דערצויגן געוואָרן אויף פרעמדע קולטורן, זיך שנעל אויסצולערנען לייענען העברעאיש, איז נויטיק צו מאַכן דאָס העברעאיש־לייענען א לייכטערע אויפגאַבע. צוליב די „נקודות“ אונטער די ווערטער איז דאָס לעזן פון העברעאיש פאַר פיל זייער א שווערע זאַך. ער האָט דעריבער א מאָל פאָרגעשלאָגן אַריינצופירן דעם לאַטיינישן שריפט. דאָס — האָט ער געגלויבט — וועט מאַכן די העברעאישע שפּראַך צוטריטלעכער פאַר די מאַסן.

דאָס וועט לייכטער מאַכן פאַר אַלעמען דאָס לעזן העברעאיש, וואָס איז היינט צו טאָג אַ פּריווילעגיע נאָר פון די,וועלכע באהערשן גוט די שפּראַך.

ער האָט פּראָפּאַגירט די דאָזיקע אידיי אויך אין בית״ר, און האָט געשריבן פיל בריוו אין העברעאיש אין לאַטײנישער שריפט, און זאָגאַר אייניקע אַרטיקלען אין דעם שריפט אין בית״ר־אָרגאַן „המדינה״.

אָבער די מערהייט פון די בית״ר־לייטער האָט זיך קעגנגעשטעלט דער דאָזיקער רעפאָרמע צוליבן טיפן זיין וואָס די העברעאישע שריפט — אין די צוויי צוואַנציק פיר־קאַנטיקע אַשורישע אותיות — האָט אין אונדזער טויזנטער יעריקער געשיכטע. ראש־בית״ר האָט געבויגן זיין קאָפּ פאַרן ווילן פון זיינע תלמידים און האָט דעם פאָרשלאַג זיינעם אַראָפּגענומען פון טאָג־אָרדנונג פון ערשטן וועלט־כינוס און אים מער נישט צוריק געבראַכט.

אַ דאַנק זיין העברעאיזירונגס־באַפעל האָבן נישט נאָר די יונגע בית״רים אין אַ קורצן טערמין זיך אויסגעלערנט העברעאיש, נאָר אויך די בית״ר־לייטער אין וואַנסירטן עלטער. אין אַלע בית״ר־קנינים אין גלות זענען געשאַפן געוואָרן העברעאישע קורסן, וועלכע זענען געווען אָבליגאַטאָריש פאַר אַלעמען. קיין בית״רי האָט נישט געהאַט דאָס רעכט צו פאַרנעמען אַן אַמט אין בית״ר, אויב ער האָט נישט באהערשט די שפּראַך. און אַזוי ווי די יונגע האָבן אויך געטאָן די וועלט־פירער פון דער באַוועגונג. ד״ר יעקב האָפמאַן, זכרונו לברכה, דער בית״ר וועלט־ריכטער און איינער פון די גרינדער און שעפער פון דער יוגנט־באַוועגונג, איז שוין געווען אין אַן וואַנסירטן עלטער ווען די טרומפּעלדאָר־אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרן אין זיין וווין־אָרט, ריגאַ. ד״ר האָפמאַן, אַ באַקאַנטער דאָקטאָר און אַן אַקטיווער כלל־טוער און ציוניסטישער עסקן, האָט זיך דערצויגן אויף פרעמדע קולטורן און ער האָט שוין נישט געהאַט קיין צייט זיך צו אויסלערנען העברעאיש. אָבער נאָך דעם, ווען ראש־בית״ר האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל וועגן העברעאיזאַציע, האָט ד״ר האָפמאַן, איינע פון די שענסטע געשטאַלטן אין שטאַטס־ציוניזם, זיך געגעבן אַ נדר אין יאָר 1938, אויפן וועלט־כינוס פון בית״ר — אַז כל זמן ער וועט נישט באַהערשן העברעאיש, וועט ער נישט אויפטרעטן עפנטלעך אויף קיין פאַרזאַמלונג אָדער באַראַטונג. ס׳איז נישט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע פאַר אַ זייער באַשעפטיקטן מענטשן אין עלטער פון איבער 50 יאָר אָנצוהייבן לערנען העברעאיש. אָבער מיט דער עקשנות און אויסדויער,

וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר בית"רים, האָט ער געהאָרעוועט און גע־קנעלט די העברעאישע גראַמאַטיק. איייניקע יאָרן פלעגט דער מענטש, קומענדיק אויף פאַרזאַמלונגען, זיצונגען און באַראַטונגען, נישט עפנען דאָס מויל, אַבוואָל ער האָט געהאַט וואָס צו זאָגן, און די פאַרזאַמלטע האָבן געוואָלט הערן זיין מיינונג. אָבער מיט קאָנסעקוועטקייט האָט ער געשוויגן ביז ער האָט ווירקלעך באַוויזן דעם וואונדער און באַהערשט העברעאיש אַזוי פליסיק, אַז ער האָט געהאַלטן עפנטלעכע רעדעס אין אונדזער נאַציאָנאַלער שפּראַך.

זשאַבאָטינסקי האָט שוין אָבער נישט זוכה געווען צו זען די רע־זולטאַטן פון זיין פריינדס באַמיאונג. ער איז געשטאָרבן איייניקע יאָרן פאַר ד"ר האָפמאַנען, וועלכער איז אויך, צו אונדזער באַדויערן, פאַר דער צייט געשטאָרבן אין תל־אביב.

**
*

די בית"ר־יוגנט אין דער גאַנצער וועלט האָט אים צוריקגעצאָלט מיט ליבע און פאַרערונג. נאָך איייניקע יאָרן איידער דער בית"רי שלמה בן־יוסף איז געגאַנגען צו דער תליה אין עכו מיט שטאָלץ און ווירדע, מיטן נאָמען פון זאב זשאַבאָטינסקי אויף זיינע ליפּן, האָט שוין דער בריטי־שער הויך־קאָמיסאַר אין ארץ־ישראל, גענעראַל סער אַרטור וואַקאָפ, געוווּסט צו דערציילן אַז דער איינציקער יידישער פירער פאַר וועמען די יוגנט איז גרייט צו געבן דאָס לעבן איז זאב זשאַבאָטינסקי, כאָטש ער לעבט נישט אין ארץ־ישראל און די יונגע גענעראַציע אין פּאַטערלאַנד האָט אים קיינמאָל נישט געזען מיט די אייגענע אויגן, און דאָך געפינט זי זיך אונטער זיין צויבער.

פאַרשידענע נישט־יידן זענען אויפמערקזאַם געוואָרן אויף דער דאָ־זיקער פענאָמענאַלער דערשיינונג: אַ באַרימטער פראַנצויזישער זשור־נאַליסט, אַ ספּעץ אין די ענינים פון מיטעלן אָריענט, וועלכער האָט אויך באַזוכט ארץ־ישראל, האָט אין יאָר 1938 אָפּגעדרוקט אין „טריבון דע נאַסיאָן" אַן אַרטיקל וועגן זשאַבאָטינסקין און זיין יוגנט־באַוועגונג.

„נישט איינמאָל האָב איך געזען — שרייבט פּייער באַנאַרדי — רייען פון יוגנט, וועלכע מאַרשירן לויטן באַפעל פון זייערע פירער. אָבער נאָר איין קאַטעגאָריע פון יוגנט איז געבליבן טיף שטעקן אין מיין זכרון — דאָס איז די רעוויזיאָניסטישע יוגנט אין ארץ־ישראל.

„דאָס איז געווען מיט א 8 - 10 יאָר צוריק (אין 1928, דאַן האָט נאָך זשאַבאָטינסקי געהאַט דאָס רעכט צו לעבן אין ארץ־ישראל). כ׳בין אַנוועזנט געווען אויף א פאָרשטעלונג פון מאָליערס „קארגער" אין העב־רעאיש. אין טעאטער־זאל איז אַנוועזנד געווען זשאַבאָטינסקי. ווען דער פאָרהאנג איז אראָפּגעפאלן, זענען געשטאַנען אויף די טרעפּ פון קאָרי־דאָר,ביים אויסגאנג און אויפן פּלאַץ, רייען פון יונגע, וועלכע האָבן אויפגענומען זייער מנהיג און אים באגריסט, ווען ער האָט פארלאָזן דעם אָרט. אַלע זענען געווען אַנגעטאָן אין ווייסע באשיידענע קליידער: הויזן און העמדלאַך פון לייוונט. אלע זענען געווען יונגע און געזונטע און אין זייערע פון דער זון פארברענטע פּנימער האָט מען אראָפּגע־לייענט א גרייטקייט צו יעדער אויפגאבע און צו יעדן רוף צו קריג.

„ביי דער געלעגנהייט — זעצט באַנארדי פאָר — האָב איך קענען געלערנט זשאַבאָטינסקין. לויטן אויסערלעכן אויסזען איז נישט געווען צו דערקענען זיין סעמיטישער אָפּשטאַם. זיין אויסערליכער אויסזען מאַכט לעבערלעך די גאנצע ראסן־טעאָריע. ער האָט געקענט פריי און אָן שרעק זיך ארומדרייען „אינטער די לינדן" אין נאַציישן בערלין אָדער אויפן „פּאנטשא" אין פאַשיסטישן רוים. דער פארביסנסטער אנטיסע־מיט וואָלט נישט דערקענט אין אים דעם יידן.

„זשאַבאָטינסקי האָט די איידלסטע שטימע, וואָס מען קען הערן פון א סאָלדאטס־מויל. ווען ער רעדט נישט וועגן רעוויזיאָניזם, ציטירט ער אויסנווייניק לידער כמעט אין אַלע וועלט־שפּראַכן. מ׳דערציילט אויף פּיער בענוא פון דער פראנצויזישער אַקאַדעמיע, אַז ער פאַרנעמט דעם ערשטן אָרט אין פראנקרייך מיט זיינע קענטניסן אין פאַרשידענע דיכ־טער־לידער. איך מוז אנערקענען, אז ס׳איז זייער שווער צו קאָנקורירן מיט זשאַבאָטינסקין. דער פּריז אויף דעם געביט קומט אים.

„איך דערמאָן מיך שטענדיק אין די וואונדערבארע מינוטן, ווען מיר האָבן באַזאמען פארבראַכט אויף אַ שיף אין די וואסערן פון מיטל־לענדישן ים. איך דערמאָן זיך אין די נעכט, אין וועלכע זשאַבאָטינסקי האָט דעקלאַמירט פאַרשידענע געדיכטן. מיט דער זעלבער פאָלקאָמענ־הייט האָט ער ציטירט די קינסטלער פון דער העברעאישער, פראנצויזי־שער, ענגלישער, רוסישער, דייטשער און איטאַליענישער דיכטונג, די קלאַסיקער און די קינסטלער פון דער מאָדערנער פּאָעזיע.

„אָט דער דיכטער, וועמענס קינסטלערישער טאַלענט און געשמאַק פארפירן קיינמאָל נישט, דער עסטעט און ליבהאָבער פון פּאָעזיע האָט

געשאפן דעם רעוויזיאָניזם, האָט געצוואונגען די יידן אָנצוטאָן א פאנצער, און אויסגעלערנט דער יידישער יוגנט האלטן א שווערד אין האנט.
„זשאבאָטינסקי איז דער מענטש, וועלכער האָט אָנגעהויבן אריינ־ברענגען אַ נייען בוך אין די הייליקע שריפטן פון בוך־פאָלק".

***

ער האָט זיך באשעפטיקט מיט אלע אספעקטן פון דער בית"ר־דערציאונג. ווען קיינער אין ציוניזם האָט נאָך נישט געחלומט וועגן א יידישער מדינה, האָט ער שוין געגרינדעט א ים־שולע פאר בית"רים און אויפמערקזאם געמאכט דער יידישער יוגנט אויף דער נויטיגקייט אויס־צובילדן יידישע מאטראָזן און פישער, ווייל מיר זענען א פאָלק וועמענס לאנד געפינט זיך אויף די ברעגעס פון ים.

אין 1934 האָט ער פאראינטערעסירט אין דער אידיי זיינעם א „לאנדסמאן", א געבוירענעם אין אָדעס, ה' קירשנער, וועלכער האָט גע־לעבט אין פאריז און איז געווען אַ רייכער מאן (אין דער פעלץ־בראנ־זשע). מיר האָבן שוין דערציילט וועגן קעגנזייטיקן סענטימענט פון צו־געבונדנקייט וואָס האָט געהערשט צווישן אים און די געבוירענע יידן אין אדעס. אונטער זשאבאָטינסקיס השפעה האָבן קירזשנער און זיין פרוי געשפענדעט א זייער גרויסע סומע געלט, פאר וועלכער מ'האָט גע־קויפט די ערשטע יידישע שול־שיף אין דער וועלט, דאָס איז די „שרה א".

אין 1933 האָט בית"ר געעפנט אין טשיוויטאוועקיא (נעבן רוים, אין איטאליען) א ים־שולע, וואו עס האָבן זיך אין משך פון עטלעכע יאָרן אויסגעבילדעט מאטראָזן און שיפס־אָפיצירן פון צווישן בית"רים, געקומענע פון אלע בית"ר סניפים אין דער וועלט. דאָס איז געווען די ערשטע פון דעם זשאנר־שולע אין יידנטום.

די איטאליענישע מאכט־אָרגאנען האָבן זיך באצויגן מיט סימפּאַ־טיע צו דער אינסטיטוציע, וואו מ'בילדעט אויס די יונגע העברעער. באַטש אין איטאליען האָט שוין דאן — אין 1933 — געהערשט פון א לענגערע צייט דער פאשיזם מיט מוסאָליני, אָבער מוסאָליני איז נאָך נישט געווען פארבונדן מיט היטלערן און דאָס איטאליענישע פאָלק איז געווען (און איז געבליבן ביז היינט) ווייט פון אַנטיסעמיטיזם. איטאליע האָט אויך דירעקט גענאָסן פון ציוניזם, ווייל די יידישע אמיגראציע קיין ארץ־ישראל, וועלכע איז געפירט געוואָרן דורך דער יידישער אגענץ מיט די סערטיפיקאַטן, און אויך די טוריסטן־באוועגונג קיין ארץ־ישראל —



אַ באַזוך פון זשאַבאָטינסקין אין דער ים־שולע פון בית״ר
אין טשיוויטאַוועקיא
נעבן אים (רעכטס) דער איטאַליענישער שול־דירעקטאר, קאפּיטאַן פוסקא.

איז געגאנגען דורך טריעסט מיט א רעגולערן איטאליענישן שיף־דינסט (ער איז, אגב, געווען א מוסטערהאפטער).

אויך אין איטאליענישן יידנטום האָט זשאבאָטינסקים באוועגונג געפונען א שטארקע אָנהענגערשאפט פון צווישן די בכבודיסטע קרייזן פון דער אַלט־איינגעזעסענער באפעלקערונג אין איטאליען. פּראָפעסאָר י. שאַקי, אן אוניווערזיטעטס־פּראָפעסאָר אין פלאָרענץ, איז געווען פון די אקטיווע רעוויזיאָניסטישע טוער אין לאנד. צוזאמען מיט אים איז געווען די בארימטע רוימישע פאמיליע פון פּראָפעסאָר מענדעס (דער פאָטער פון דער פאמיליע, איינער פון די גרעסטע מעדיקער אין איטאליע, איז אויך געווען גענעראל אין דער איטאליענישער ארמיי). דער זון ד״ר מאַאוריצי מענדעס איז געווען מפקד פון בית״ר אין רוים; דער אדוואָ־קאַט קארפּי אין מילאנאָ און דער יונג פארשטאָרבענער רויפער פון פיזא, דער געוועזענער בית״ר־נציב. דער לעצטער — א פארמעגלעכער מענטש

פון בעסאראבישן אַפּשטאַם — האָט אויך געקויפט פאַר דער בית"ר־ים־שולע צוויי פישער שיפֿלעך, ווו די בית"ר־מאַטראָזן האָבן זיך געלערנט אויך דעם פיש־פאַנגער־פאַך (דער ערשטער פישער־דאָרף אין ארץ־ישראל איז טאַקי געגרינדעט געוואָרן דורך אן אַבסאָלווענט פון דער בית"ר־שולע).

זשאַבאָטינסקי האָט זיך נישט באַגנוגט מיטן שאַפן די גרויסע מיטלען, וועלכע זענען נויטיק געווען פאַר דער שולע און דעם שיף־קויף (אייניקע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן די שילער פון דעם ים־שולע געמאַכט א רייזע מיט זייער שיף „שרה א" איבער פיל פּאָרטן פון מיטללענדישן ים. באַזוכט ארץ־ישראל און די פּאָרטן פון צפון־אפריקע און זענען אומעטום אויפגענומען געוואָרן מיט אויסער־געוויינלעכער באַגייסטערונג דורך דער יידישער באַפעלקערונג). ראש בית"ר האָט זיך פאַרנומען, טראָץ זייענדיק זייער באַשעפטיקט, מיט די טאָג־טעגלעכע זאָרגן פון דער שולע, און אייניקע מאָל איז ער געפאָרן קיין טשיוויטאַוועקיא צו באַזוכן די שולע.

דאָ איז דער אָרט צו באַמערקן, אז אייניקע מאָל האָבן אים זיינע איטאַליענישע פריינט געפּרוווט באַוועגן צו באַקומען אן אודיענץ ביי מוסאָליני אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ארץ־ישראל פּאָליטיק. אָבער כאָטש מוסאָליני איז נאָך אין יענער תקופה געווען גאַנץ ווייט פון אַנטי־סעמיטיזם, האָט זשאַבאָטינסקי אָפּגעזאָגט צו בעטן אן אודיענץ ביים פאַשיסטישן דיקטאַטאָר. אָבוואָל ד"ר ח. וויצמאַן, דער דאַמאָלסדיקער פּרעזידענט פון דער יידישער אגענץ, איז געפאָרן קיין רוים און גע־שמועסט מיטן „דוטשע".

ווען די שולע אין טשיוויטאַוועקיא האָט זיך געעפנט — דער לייטער אירער איז געווען אן איטאַליענער, קאַפּיטאַן פוסקאַ. — האָט ראש־בית"ר געפונען פאַר נויטיק צו שיקן צו די בית"רים אינסטרוקציעס ווי אזוי זיך אויפצופירן אין דעם לאַנד, וועמענס געסט זיי זענען, און וועלכע האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט אויסצולערנען א פאַך, וואָס איז פון אזא באַדייטונג פאַר ישראל.

די אינסטרוקציעס זענען אנטהאַלטן אין פאָלגענדן בריוו:

„דער שריט וואָס איר האָט געמאַכט קומענדיק אין דער ים־שולע אין טשיוויטאַוועקיא, וועט האָבן פאַר אונדז א גרויסע באַדייטונג, צום גוטן אָדער צום שלעכטן — און דאָס הענגט אָפּ פון אייך. אויב ס'וועט אייך געלינגען צו ערווערבן סימפּאַטיע און רעספּעקט פון די דירעקטאָרן, לערער און די איטאַליענישע שילער פון דער שולע — וועט איר אויס־

טרעטן אַ נייעם וועג אין דער אַנטוויקלונג פון אונדזער פּאָלק, וואָס וועט אונדז פירן אין דער צוקונפט צו דעראָבערן אַן אַנטשיידנדע שטעלונג אין פּאָרט און אין וואַסער. אָבער אויב דאָס וועט אייך נישט געלינגען, זייט וויסן אַז דאַן וועט איר עררייכן בלויז איין זאַך: צו שאַפן אַ נייעם פאַקטאָר פאַר ראַסן־האַס אין אַ לאַנד, וואָס האָט נאָך ביז היינט נישט געקענט די דאָזיקע קראַנקהייט.

פון אייך און בלויז פון אייך הענגט אָפּ די דאָזיקע זאַך. און דער סוד פון דערפאָלג שטעקט אין דעם פּרינציפּ, וואָס איר האָט שוין געלערנט זיין נאָמען אין בית״רישן קן: הדר. דאָרט, אין טשיוויטאַוועקיא, וועט איר האָבן דעם ענזאַמען וואָס וועט באַווייזן אויב צוזאַמען מיטן נאָמען האָט איר אויסגעלערנט אויך זיין זין.

הדר באַדייט, אַלערערשטנס, טאַקט. איר זאָלט נישט פאַרגעסן, טאָג און נאַכט און יעדע מינוט אַז איר זייט געסט אין דער שולע, אין שטאָט און אין לאַנד.

זייט העפלעך.

איר זאָלט נישט פאַרנעמען די ערשטע באַנק — אויב אפילו מ׳וועט אייך פאָרשלאָגן די ערשטע באַנק.

לערנט זיך אויס גוט די איטאַליענישע שפּראַך.

איר זאָלט זיך נישט שטעלן אין דער לאַגע פון אַן אָרימאַן, וואָס בעט שטיצע פון די בירגער פון לאַנד. אויב דיין געלט וועט דיר נישט סטייען, איז בעסער דו זאָלסט פאַרלאָזן די שולע, ווייל די ערע פון אונדזער פּאָלק איז וויכטיקער פון דיין קאַריערע.

געוווינט זיך צו רעדן מיט אַ נידעריקע שטימע, סיי אין די שולע, סיי אין גאַס, סיי אויף אַ מיטגלידער־פאַרזאַמלונג, און סיי ביי אייך אין צימער: טאָמער וועט איר שטערן די רו פון די אָרטיקע איינוווינער.

ווען איר וועט שפּאַצירן אין די הויפן פון דער שולע אָדער אין די גאַסן פון שטאָט, גייט צווייענווייז און נישט דרייענווייז, כדי איר זאָלט נישט פאַרשטעלן דעם וועג פאַר די אָרטיקע איינוווינער.

די פיזישע ריינקייט, פון אייער קערפּער און די קליידער, זאָל זיין פאַר אייך אַ געזעץ אין יעדן מאָמענט. יעדן פרימאָרגן זאָלט איר זיך גלאַט ראַזירן אַזוי אַז ס׳זאָל נישט בלייבן אפילו קיין טונקעלער שאָטן אויף דער גאָמבע און די באַקן. יעדן פרימאָרגן זאָלט איר נאָכזען אייערע קליידער און פאַרנייען יעדן ריס. יעדע שעה זאָלט איר קוקן צי אייערע נעגל זענען ריין. וואַשנדיק דעם פּנים, די אויערן, די הענט, דעם

גאנצן קערפּער — זאָלט איר געדענקען אז יעדער פּלעק איז א פּלעק אויף בית"ר און א פּלעק אויף ישראל.

אין שולע זאָלט איר לערנען פלייסיק — נאָר איר זאָלט זיך נישט באַרימען מיט אייער פּראָגרעס, און העלפן זאָלט איר אייערע איטאַליע־נישע חברים מיט אַלץ וואָס איר וועט קענען.

איר זאָלט זיך נישט אריינמישן אין קיין שום פּארטייאישע דיסקו־סיע וואָס איז נוגע איטאַליע. איר זאָלט נישט ארויסזאָגן קיין מיינונגען וועגן קיין שום איטאַליענישן פּאָליטישן ענין. איר זאָלט נישט קריטיקירן דעם עקזיסטירנדן רעזשים אין איטאַליע, דעם רעזשים אונטער וועמענס שוץ ס'איז אייך געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו לערנען אין דער שו־לע. אָבער אויך דעם פריערדיקן רעזשים זאָלט איר נישט קריטיקירן. אויב מ'וועט אייך פרעגן וועגן אייער פּאָליטישן און סאָציאַלן גלויבן, זאָלט איר ענטפערן: איך בין א ציוניסט — מיין שטרעבונג איז א יידי־שע מדינה, און אין אונדזער לאַנד בין איך א קעגנער פון קלאַסן־קאַמף, און דאָס איז מיין גאַנצע אמונה.

איך טרוי אַז אין אייערע הענט דעם כבוד פון בית"ר אין א זייער וויכטיקן פּראָנט און איך בין זיכער אז איר וועט וויסן אים אָפּצוהיטן: איר זענט בית"רים!".

דאָס איז איינע פון די פּראַכטפולסטע לעקציעס פון הדר, וואָס דער לערער האָט געגעבן זיינע שילער אין זייער פּיאָנערישער אונטערנעמונג, אין דינסט פון זייער פאָלק.

***

קיין יידישער מנהיג אין די לעצטע דורות האָט נישט געטאָן אַזוי־פיל ווי זשאַבאָטינסקי פאַר דער דערציאונג פון דור, און באַזונדערס פון דער יוגנט. ער האָט געהאַט זייער פיל דרינגענדע באַשעפטיקונגען, וועל־כע האָבן אָוועקגערויבט פון אים טאָג און נעכט, ענערגיע און נערוון. דאָך האָט ער נישט פאַרגעסן קיינמאָל, אז צוזאַמען מיט דער שנעלער רעטונג פון יידישע לעבנס, מוז מען אַרבעטן, כדי אויסצוואָרצלען פון אונדזער לעבן די שלעכטע געוווינהייטן פון געטאָ, וועלכע זענען אַנגע־וואַקסן ווי א געשוויר אויף אונדזער כאַראַקטער און מנהגים. ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער בית"ר־אידעאָלאָגיע דעם באַגריף פון הדר, וועלכן קיינער האָט צום אָנהויב נישט פאַרשטאַנען און קיינעם האָט עס

נישט אינטערעסירט. פיל מענטשן, זאָגאַר מיטגלידער פון זיין באַוועגונג, האָבן זיך צום אָנפאַנג באַצויגן מיט ביטול צו דעם הדר־פרידיקן, וואָס האָט אויסגעזען אין זייערע אויגן ווי א איבעריקע אומנויטיקע זאַך. זשאַבאָטינסקי האָט אָבער נישט צורו געלאָזט. מ׳מוז דערציען דעם נייעם ייִד, ער זאָל זיך איינשאַפן די שענסטע און איידעלסטע מידות. א מאָל האָט מען אויף א פיין דערצויגענעם מענטשן אין דער וועלט געזאָגט: ער איז א דזשענטעלמען. זשאַבאָטינסקי האָט געחלומט, אַז דער באַגריף בית״רי זאָל ווערן דער סינאָנים פון דאָס שענסטע און פיינסטע אין מענטשליכער באַנעמונג. ער האָט זיך נישט געמאַכט קיין אילוזיעס, אַז ס׳וועט לייכט זיין צו ענדערן ראַדיקאַל דעם כאַראַקטער פון א גאַנצן דור אין א קורצער תקופה. ער האָט אָבער איינגעפלאַנצט איין דער נאַציאָנאַלער יוגנט דאָס שטרעבן דערצו, דעם ווילן זיך צו דערציען.

„הדר״ — האָט ער געזאָגט, איז א העברעאיש וואָרט, וואָס לאָזט זיך כמעט נישט איבערזעצן אין אַנדערע שפּראַכן. ער אַנטהאַלט אין זיך אפשר א טוץ פאַרשידענע באַגריפן: אויסערלעכע שיינקייט, שטאָלץ, דרך־ארץ, כאַראַקטער, טרייהייט. אָבער די פולע „איבערזעצונג״ אין דער שפּראַך פון טאָג־טעגלעכן לעבן מוז זיין דער בית״רי אליין — ווען ער גייט און שטייט, ווען ער טוט און רעדט.

דער „הדר״ באַשטייט פון טויזנטער קלייניקייטן, פון וועלכע עס איז צוזאַמענגעשטעלט אונדזער טאָג־טעגלעכער לעבן. עס רואיק און מיט טאַקט און שטעל נישט אַרויס ביים עסן דיינע עלנבויגנס! זופּ נישט מיט א לאַרם דיין זופּ! ווען דו גייסט אין גאַס מיט דיינע חברים, פאַרנעם נישט דעם גאַנצן טראָטואַר! ווען דו גייסט אַרויף ביינאַכט אויף די טרעפּ פון א הויז — רעד נישט הויך און וועק נישט אויף די שכנים! טרעט אָפּ דיין פּלאַץ א פרוי, אן עלטערן מענטש, א קליין קינד, יעדן איינעם אין אַלגעמיין! — זאָל ער זיין גראָב, דו זיי עס נישט!״.

די פיינקייט פון כאַראַקטער איז געלעגן אין זיין אייגן בלוט. ער האָט געהאַט פיל קעגנער אין זיין לעבן. נישט קליין איז געווען די צאָל פון זיינע שונאים בנפש. אָבער אויך זיינע פאַרביסנסטע פיינט האָבן געווינגן זייער קאָפּ פאַר זיין איידלקייט. ער איז געווען אן אריסטאָקראַט אין ערהאבנסטן זין פון וואָרט, אין דער מינדעסטער באַוועגונג זיינער. אין יעדן וואָרט וואָס איז אַרויס פון זיין מויל און זיין פעדער. אין קליידונג און אין זיינע מאַניערן. אין קערפּער און גייסט. ער האָט אַרויסגערופן צו זיך אומגעהויערן רעספּעקט און פאַרערונג. ווען ער איז אַריינגעקומען ערגיץ, האָט מען נישט געקענט זיצן בלייבן. נישט נאָר זיינע תלמי־

דים האָבן זיך אויפגעשטעלט אים זעענדיק, אָן אן אויסערלעכן באַפעל, בלויז פון זיך אליין, פון אן אינערווייניקסטן דיקטאַט. נאָר אויך פרעמ־דע, יונגע און אַלטע, פריינט און קעגנער. זיין גרויסקייט איז באַשטאַנען אין א באַדייטנדער מאָס אין זיין פשטות. דאָס שיינע, עלעגאַנטע און פּאַרנעמע איז ביי אים געווען א נאַטירלעכקייט.

אין זיינע טויזנטער אַרטיקלען און רעדעס איז נישטאָ קיין איין זידל־וואָרט, קיין איין גראָבע באַליידיקונג. אפילו זיינע קעגנער און פיינט האָט ער נישט אָפּגעצאָלט מיט דער זעלבער מטבע פון גראָבקייט און באַשימפּונגען.

ביים אַרלאַזאַראָוו־פּראָצעס האָט ער געשיקט צום אומשולדיק־אָנגע־קלאָגטן אַבראַשע סטאַווסקי א בריוו, אין וועלכן ער האָט אים אויפגעמונטערט זיך צו באַנעמען העפלעך אפילו לגבי די פרויען־עדות, וועלכע האָבן בייזוויליק אים באַשולדיקט און מיט זייער פאַלשן עדות־זאָגן אים געשטופּט צום תליה־סלופּ. „זייט העפלעך, אַב־ראַשאַ, אויך צו פרוי סימאַ אַרלאַזאַראָוו, כאָטש זי האָט דערקלערט אַז זי האָט אייך כלומרשט דערקענט ביי די שטערנס, אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, אלס שותּף צום מאָרד פון איר מאַן. פאַרגעסט נישט, אויך ווען איר שטייט פאַר אַזאַ שווערער פּריוווּנג אין אייער לעבן, אַז זי איז א פרוי"!

אין דאָזיקן אומגליקלעכן בלוט ־ בלבול ־ פּראָצעס איז געווען א נישט זייער־נאָבעלע פרויען פיגור, א געוויסע רבקה פייגין, פון רומעניען, וועלכע האָט עדות געזאָגט, אַז זי האָט זיך אַליין באַטייליקט אין א זי־צונג אין א בית"ר־פלוגה אין כפר־סבא, וווּ ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אויסצופירן דעם מאָרד אויפן פּאָליטישן לייטער פון דער יידישער אַגענצ־עקזעקוטיווע. דאָ איז נישט וויכטיק אַריינצוגיין אין די סיבות, וועלכע האָבן באַוויגן א יידישע טאָכטער — אָנגעהעצט דורך מענטשן מיט בייז־וויליקע כוונות — צו זאָגן פאַלשע עדות און העלפן פאַרציען א שטריק אויפן האַלז פון אומשולדיקע מענטשן. ס'האָט זיך גאַנץ שנעל אַרויס־געוויזן, אַז זי האָט געזאָגט ליגן פון אָנהויב ביזן סוף. אַבראַשע סטאַווסקי האָט געטראָגן א כעס אויף דער דאָזיקער פרוי לאַנגע יאָרן. אָבער ער האָט זי נישט געזען. ווייל נאָכן „העלדישן אויפטריט" אירן פאַרן געריכט, האָט זי פאַרלאָזן דאָס לאַנד. אין 1939, ווען סטאַווסקי האָט זיך געפונען אין רומעניען און זיך באַשעפטיקט מיטן אָרגאַניזירן די אומלעגאַלע עליה קיין ארץ־ישראל, האָט ער פּלוצלינג געטראָפן אין א בוקאַרעשטער רעס־טאָראַן אָט דער רבקה פייגין, וועלכע האָט מיט איר פאַלשן עדות־זאָגן

געהאַלפֿן ארויסצוטראָגן קעגן אים א טויט־אורטייל. א פריינט איז מיט אים געזעסן אין יענעם מאָמענט ביים טיש. ער האָט זיך געגעבן א שטעל אויף, ווי דורך א שלאַנג געביסענער, און דאָס גאנצע פּנים איז אים מיט בלוט פאַרלאָפֿן. אָבער באַלד האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויפֿן אָרט און צו זיך בייז געברומט. צו זיין דערשטוינטן פריינט, האָט סטאַווסקי דערציילט: „אָט זיצט זי אַנטקעגן מיר, די צווייטע „טשעבעריאַטשקע" פון פּראָצעס. איך האָב זי דערזען און געוואָלט מאַכן מיט איר מיין חשבון. נאָר כ'האָב זיך פלוצלונג דערמאָנט אין בריוו, וואָס כ'האָב באַקומען פון ראש־בית"ר. זשאַבאָטינסקי האָט מיר באפוילן צו זיין צוריקגעהאַלטן און זיין העלפֿן אויך לגבי איר.

די אויפפירונג פון דאָזיקן פּרעטענסיאָנסלאָזן פּאָלקס־מענטש און איבערגעגעבן יידישן פּאַטריאָט, האָט באוויזן אַז זשאַבאָטינסקיס תורה וועגן הדר איז נישט געפאַלן אויף א וויסטע.

**
*

נאָך איידער בית"ר איז געשאַפן געוואָרן האָט זשאַבאָטינסקי געטראָגן אין זיין מוח און הארצן דאָס בילד פון דער באוועגונג, וועלכע ער האָט נאָכהער געשאַפן. זיין וואונדערבארער ראָמאַן „שמשון" איז אייגנטלעך איין גרויסע לעקציע, ווי ס'דאַרף געפאָרעמט און געשטאַלטעט ווערן דער אויסזען פון דער יידישער יוגנט.

אין 1921, ווען ער איז אַרויס פון עכו'ר טורמע, האָט ער רעדאַגירט א העברעאישן ביכער־פאַרלאַג „הספר", איבערזעצט אין העבּרעאישן אייניקע ביכער פון דער מוסטער וועלט־ליטעראַטור, אַרויסגעגעבן דעם וועלט־אַטלאַס און אויך געשריבן אין א פּרעכטיקן און הומאָרפולן העברעאיש אינסטרוקציעס וועגן „טיש מאַניערן" פאַר יידישע שילער, מיט אילוסט־ראַציעס פון דער מאָלערין מאַקסאַ נאָרדוי, די טאָכטער פון גרויסן ציוניסטישן מנהיג.

אין יעדער טעטיקייט אין מענטשלעכן לעבן, האָט ער געזוכט און געפונען די שיינקייט. ווען ער האָט געוואָרפן אין דער יידישער גאַס די לאָזונג וועגן „זיך לערנען שיסן", וואָס איז צום אָנהויב אזוי אויסגעלאַכט געוואָרן דורך אַלע כלומרשטע פּאַציפיסטן אין ציוניזם, האָט ער אויך אין „מיליטאַריזם" געפונען הדר.

„נאָך איין זאַך איז פאַראַן אין מיליטערישער דיסציפּלין, וואָס דורך

געוויינהייט זאָגן מיר אויף איר „פע" — אָבער אַלע ווייסן מיר אין הארצן ווי וויכטיק זי איז און ווי פיל זי פעלט אונדז, יידן, אין יעדער ריכטונג פון לעבן. — שרייבט זשאבאָטינסקי — דאָס איז דאָס צערע־מאָניעלע, די קלאָרע און פּינקטלעכע דינים וועגן דעם ווי מ'שטייט, ווי מ'גריסט, ווי מ'רעדט מיט א חבר און ווי מיט א פּאַרגעזעצטן. מיר, יידן, ליידן פון פאַרמלאָזיקייט. דאָס אַלטע געטאָ האָט יאָ געהאַט זיין געזעל־שאַפטלעכן צערעמאָניאַל, כאָטש אן אייגנהייטלעכן. אָבער אין דער לעצ־טער צייט האָבן מיר אים פאַרלוירן און קיין נייעם נישט אויסגעלערנט. דער דורכשניטלעכער ייד האָט נישט קיין באַזונדערע שיינקייט אין גיין, אין טראָגן זיינע קליידער, אין עסן, אין באַגיין זיך מיט א מענטשן; בפרט שלעכט זעט דאָס אויס, בשעת ער מוז זיך רעכענען מיט עפּעס אן הערארכיע — למשל, בשעת ער רעדט מיט א חשובן פריץ אָדער אפילו מיט אן אייגענעם יידישן גביר: ער וויל דערוויַזן יענעם א באַזונדערן כבוד. אָבער ער ווייסט נישט, ווי מ'מאַכט דאָס אָן צו פאַרלירן זיין איי־גענע ווירדע — און דער רעזולטאַט זעט אמאָל אויס אָדער ווי א חוצפה אָדער ווי קריכעריי.

„אָבער די פאַרמלאָזיקייט, דער מאַנגל אין א פעסטגעזעצטן צערע־מאָניאַל, דערפילט זיך אויך אויף אַנדערע געביטן, אפילו ריין גייסטיקע. הערט זיך צו צו אן אַלטן מגיד אין שול: קלוג איז ער ווי צען גוישע פילאָזאָפן ,אָבער אנטוויקלען איין געדאַנק רואיק ביזן סוף קען ער נישט. ער שפּרינגט פון איין טעמע צו דער דריטער, און דאָס ערגסטע איז — וואָס דווקא דאָס געפעלט זיינע צוהערער. זיי האָבן פאַרלוירן די באַדער־פעניש צו אָרדנונג, צו רעגלמעסיקייט, צו אן אָנהויב און א מיטן און א סוף, וואָס פאָלגן איינס דעם אַנדערן — ווי אן ארמיי ביים מאַרשירן".

אין דער רירנדער רעדע, אויפן דריטן וועלט־כנוס פון בית"ר אין וואַרשע, אין סעפּטעמבער 1938, א קורצע צייט נאָך דער עקזעקוציע פון ערשטן יידישן הרוג־מלכות שלמה בן־יוסף, און אין וועלכער דער לע־רער האָט גערעדט פאַר זיינע תלמידים וועגן דער לעקציע, וואָס די תליה האָט געגעבן, האָט זשאבאָטינסקי געזאָגט:

„איינער פון מיינע פריינט האָט מיר דערציילט וועגן א געשפּרעך וואָס ער האָט געהאַט מיטן ענגלישן סערזשאַנט, וועלכער איז געווען אן עד־ראיה פון דער לעצטער נאַכט בן־יוסף'ס. ער האָט געפרעגט דעם סאָל־דאַט: וואָס האָט אייך אַלע פאַרוואונדערט אין דער געשעעניש? איר זייט דאָך געוויינט צו אַזא מאָרד! מ'זאָגט דאָך, אַז די מערהייט אַראַבער,

וועלכע מ'האָט געהאָנגען אין עכו, זענען געשטאָרבן ווי העלדן. און דער ענגלישער סאָלדאט האָט געענטפערט: „יאָ. כ'האָב געזען מענטשן גייען צו דער תליה מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און פונדעסטוועגן אַלע פון זיי, אין דער לעצטער נאַכט, ווען זייער האָפנונג אויף באַגנעדיקונג האָט זיך אויסגערונען, האָבן זיי אַלע פאַרנאַכלאַסיקט דעם צערעמאָניאַל. וואָס אַרט צי כ'וועל זיצן אַזוי אָדער אַנדערש? סיי ווי סיי איז דאָך שוין געקומען דער סוף. וואָס ס'האָט אַלעמען באַוווּנדערט איז אַז דער יונגערמאַן איז געזעסן און געטראַכט וואָס צום זאָגן, ווו ער זאָל זיך ווענדן, און זיבן אַ זייגער אין דער פרי האָט ער געוואַשן זיינע ציינער, און האָט געפרעגט אין וואָס פאַר אַ בגד מ'וועט אים דערלויבן גיין צו דער תליה. אַזאַ צערעמאָניע האָבן מיר נאָך נישט געזען".

„דער אונטערשיד צווישן אַ מענטשן ביז אַ חיה — איז דער צערעמאַניאַל. צווישן קולטור און ווילדקייט — דער צערעמאָניאַל. יעדע גרויסע זאַך אין דער וועלט איז — אַ צערעמאָניאַל. משפּט און גערעכטיקייט קומט פאַר אין דער וועלט אַ דאַנק צערעמאָניאַל־רעגלען, וואָס דער פאָרזיצער עפנט לויט אַ געוויסן סיסטעם די זיצונגען און ערטיילט דאָס וואָרט דער פּראָקוראָר, דעם אַדוואָקאַט, און איידער מ'נעמט אָפּ עדות, פרעגט מען דעם עדות ווי ער הייסט, אַפילו ווען דער ריכטער קען אים פּערזענלעך זייער גוט, און מ'פאָדערט ביי אים אַ שבועה. און אויב מ'האָט פאַרגעסן די קלענסטע זאַך אין צערעמאָניאַל, איז פאַראַן אַן אַפּעלאַציע און דער אורטייל ווערט אַנולירט. אפשר דאָס וויכטיקסטע פון אַלע חידושים, וואָס בית"ר האָט געפּרוּווט אַריינפירן אין געטאָ — איז די קולט פון צערעמאָניאַל".

די קעגנער, די קליין קעפּלדיקע נישט־פּאַרגינער, האָבן געשפּאָט אויך פון אָט דער לערע־זיינער, אַזוי ווי זיי האָבן אים העפּטיק און ביטער באַקעמפט צוליב דער דערציאונג פון דער יידישער יוגנט צו קענען האַלטן אַ ביקס אין האַנט. מ'האָט אויפגעקלעפּט אויף אים און אויף זיין פּאַרטיי דעם באַליידיקונגס־טיטל „פאַשיסט". מ'האָט אָנגעטאָן דעם בית"ר אין די גלות־לענדער צרות צרורות. אָבער די אַלע שטערונגען האָבן אים נישט אָפּגעשראָקן . „קיין קוצו של יוד וועלן מיר נישט ענדערן אין אונדזער פּראָגראַם" — האָט ער געזאָגט. אין ארץ־ישראל האָבן, פאַרשטענדלעך, די בית"רים נישט געקענט זיך לערנען לעגאַל באַנוצן מיט וואָפן. אונטער דער בריטישער הערשאַפט איז דאָס געווען אוממעגלעך. האָט ער דעריבער אויסגענוצט זיינע באַציאונגען מיט די הערשער פון די גוישע מדינות אין גלות, און אין פיל פון זיי, איז געגעבן געוואָרן

דעם בית״ר די לעגאלע מעגלעכקייט זיך צו איבן אין מיליטער־איבונגען מיט הייסן וואפן. באזונדערס אין פוילן, אין גרעסטן יידישן קיבוץ אין אייראפע, ווו עס האט עקזיסטירט די גרעסטע און שטארקסטע בית״ר־ארגאניזאציע, האבן זיך אין הונדערטער שטעט יידישע בחורים געלערנט אין די קורסן פון „פּ. וו.״ (פּשיספּאסאביעניע וואיסקאווע״ — מיליטערישע צוגרייטונג) די תורה פון „ביקסל״.

די יידישע מאסן אין פוילן, די מיליאנען גוטע הארציקע יידן, (און נישט די גרופּע פּארסמטע פון שנאה) האבן מיט שטאלץ און פרייד אפּלאדירט די בית״ר־פּאראדן אין פוילן, ווו די יידישע יוגנט האט דאס ערשטע מאל אין דורות געהאלטן א ביקס אין האנט אלס יידן. די בית״ר־פּאראדן לכבוד דעם באזוך פון זשאבאטינסקין אין דעם לאנד, אין וועמענס רייען טויזנטער יידישע יונגעלייט האבן מארשירט מיט איין טריט, מיט געהויבענע קעפּ און אויסגעגלייכטע פּלייצעס, האבן דערפרייט נישט נאר דעם לערערס הארץ, נאר אויך די יידישע מאסן. דאס איז געווען א נחמה פארן יידנטום אין גלות, וואס איז געווען אזוי דערדריקט עקאנאמיש און פּאליטיש צווישן אן אנטיסעמיטישן פאלק. די נאציאנאלע שטאלצע יוגנט האט זיי אלעמען ערמונטערט און דערפרישט. די דערציאונג וואס זשאבאטינסקי האט געגעבן האט געזונט געמאכט נישט בלויז די שילער, די וועלכע האבן גענאסן דירעקט פון זיין לערע, נאר מיטלבאר אויך דעם גאנצן פיל־מיליאניקן יידישן קיבוץ.

ווען ער האט אנגעשריבן דעם ארטיקל „אויפן פּריפּעטשיק״, אין וועלכן ער האט געזאגט דער יידישער יוגנט אין דער גאנצער וועלט, אז היינטיקער אלף־בית קלינגט זייער פּשוט: יונגעלייט, לערנט זיך שיסן!״, האט זיך אנגעהויבן אין די לינק־ציוניסטישע פּארטייען — ביי דער מפא״י־יוגנט און אין השומר־הצעיר — ממש א וואקכאנאליע. „זשאבאטינסקי, דער פאשיסט, פארסמט די נשמות פון דער יוגנט!״ — האבן זיי געשריען און געהעצט. און די כלומרשטע פיינשמעקער האבן געקרימט מיטן נאז. זשאבאטינסקי און זיין באוועגונג זענען פאר זיי נישט געווען סאלאן־פעאיק. „יידישער מיליטאריזם״ איז ביי זיי געווען דאס מיאוסטע און עקלהאפטעסטע אין מענטשלעכן כאראקטער. מ׳האט קיין בית״רי נישט געוואלט צולאזן „אין דער גוטער געזעלשאפט״. אבער ראש־בית״ר איז זיך — נישט קוקנדיק אויף אלע קרימערייען און טאדלונגען — געגאנגען זיין וועג. ער האט זיך אפילו נישט געבייזערט אויף די נארישע און פארבלענדעטע קעגנער. זיי זענען בלינד, און בלינדקייט איז א קראנקהייט, אן אומגליק פון גאט. „אלע איינווענדונגען, וואס מען קען מאכן

קענען אַזאַ אלף־בית (פון זיך לערנען שיסן), ווייסן מיר אַלע אויסנווייניק — האָט ער געשריבן אַלס ענטפער אויף די זידלערייען. און מיט זייער פיל פאַרגיביקייט און רחמנות אויף די בלינדע, שרייבט ער מיט גוטן הו־מאָר: „איך וועל נישט זאָגן, אַז דאָס זענען נאַרישע אָדער אומוויכטיקע איינווענדונגען. להפך, דאָס זענען מערסטנס גאַנץ וויכטיקע טענות, ווען מען וועט מיר זאָגן, אַז אַ מדינה קען מען נישט אויסבויען מיט שיסן, מ׳בויט אַ מדינה מיט סאָכעס און מיט האַמערן און מיט מסחר און מיט שוויים און מיט שכל — בין איך אויך מסכים אויף די גאַנצע הונדערט פּראָצענט. ווען מען וועט מיר אפילו זאָגן, אַז שיסן איז מיליטאַריזם, בעת די היינטיקע וועלט האָסט מיליטאַריזם און שטרעבט צו פרידן — וועל איך אויך נישט באַזונדערס ווידערשפּרעכן (כאָטש איך בין נישט אַזוי זיכער, אַז „די וועלט" האָט באמת גאָר אָט אַזעלכע פרידלעכע שטרע־בונגען). אָבער דער צוואַנג פון דער געשיכטלעכער ווירקלעכקייט זאָגט צו אונדז אַזוי: „אויב איר וועט זיין געבילדעטע מענטשן און וועט זיך אויס־לערנען אַקערן ערד און בויען הייזער, און וועט אַלע רעדן העברעאיש און קענען די גאַנצע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור אונדזערע, פון שירת דבורה ביז אביגדור המאירי און שלאָנסקי, אָבער דערביי נישט קענען שיסן, איז נישטאָ קיין האָפנונג" .

און אָט זיין ענטפער די שפּאָטער: „מען פלעגט זיך ביי אונדז לוס־טיק מאַכן איבער יענע, וואָס האָבן געטענהט אַז די ציוניסטישע באַוועגונג זאָל זיך פאַרטראַכטן וועגן דער פראַגע פון באַוואָפנטן כוח. ס׳איז היינט נישט קיין צייט צו לאַכן, אַז נישט וואָלט מען זיך געקענט איצט גוט אויסלאַכן (נישט לוסטיק, נאָר ביטער אויסלאַכן!) פון אָט דער טעמ־פּער, עקשנות׳דיקער, אַנאַלפאַבעטישער בלינדקייט. ציוניזם שטייט און פאַלט מיט דער פראַגע פון באַוואָפנטן כוח. וויכטיק איז אַקערן, וויכטיק איז האַמערן, וויכטיק איז צו רעדן העברעאיש. ליידער אָבער איז נאָך וויכטיקער צו קענען שיסן".

מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט ער געשריבן די דאָזיקע שורות. דאָס־מאָל האָט ער באַוויזן אויסצובילדן יונגע קעמפער. און ווען ס׳האָט גע־שלאָגן די שעה פון נאַציאָנאַלן באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן פאַרשקלאַ־פונג — איז גרייט געווען אַ דור פון זיינע תלמידים, וועלכע האָבן גענו־מען די ביקס אין האַנט און באַפרייט דאָס לאַנד.

*****

איצט זענען שוין א סך זאכן פארגעסן געווארן. ווער ווייסט היינט, אז אין דער אָפיציעלער ציוניסטישער וועלט איז מען געווען אויפֿגערעגט אויף זשאַבאָטינסקין פאר וואָס ער פֿירט קעגן היטלער־דייטשלאנד אן אָפּווער קאַמף? באלד ווי היטלער איז געקומען צו דער מאכט אין 1933, האָט זשאַבאָטינסקי געשאפן אין פאריז א צענטראלן אמט פאר עקאָנאָמישן באָיקאָט פון נאצי־דייטשלאנד. היטלערס לאנד איז נאָך דאן נישט געווען אזוי שטארק, און באזונדערס האָט זי זיך גענויטיקט אין אויסלענדישע מערק פאר איר סחורות־עקספּאָרט. דאָס יידנטום אין גלות, אין אלע לענדער פון דער צושפּרייטונג, איז געווען א וויכטיקער פאקטאָר אין דער האנדלס־וועלט, און א באָיקאָט פון יידישע אימפּאָרטערן און סוחרים האָט געקענט האָבן א באדייטנדן עפעקט. זשאַבאָטינסקי האָט זיך געשטעלט אין קאָנטאקט אויך מיט די רעגירונגען פון אייראָפּע און די אמעריקאנער לענדער, און זיך באמיט זיי אויפצוקלערן די סכנה פון היטלעריזם אויך פאר זיי און די נויטיקייט אָנצווווענדן עקאָנאָמישע סאנקציעס קעגן היטלער־דייטשלאנד, כדי אָפּצושניידן פון איר די מיטלען פאר מיליטערישער אויסריכטונג.

אין א קאָמוניקאַט,וועלכן ער האָט פארעפנטלעכט ביי דער שאפונג פון עקאָנאָמישן־אָפּווער־אמט, האָט זשאַבאָטינסקי מיט שארפע ווערטער געשטעמפלט די הערשאפט פון בלוטיקן סאדיסט היטלער. אויף דער וועלט־קאָנפערענץ פון הצה"ר אין קראקע, אין 1934, האָבן געוויסע מיטגלידער פון דער דייטשער רעוויזיאָניסטישער פארטיי פארזוכט אָפּצווענדן זשאַבאָטינסקין פון אָננעמען אן עפנטלעכן באשלוס וועגן אן עקאָנאָמישן באָיקאָט אויף דייטשע סחורות. זיי האָבן געציטערט פארן גורל פון די דייטשע יידן, וועלכע האָבן געלעבט אין לאנד אין גרויס פּחד. אָבער זשאַבאָטינסקי האָט אויסגעווירקט צו שליסן די רעוויזיאָניסטישע פּאַרטיי אין דייטשלאנד און איבעררייסן איר פארבינדונג מיט דער וועלט־עקזעקוטיווע, און א באָיקאָט־באשלוס איז אויף דער וועלט־קאָנפערענץ געפאסט געוואָרן.

אָבער אין דער אָפיציעלער פּרעסע פון דער הערשנדער פּאַרטיי אין ציוניזם און אין ישוב, האָט מען געטאדלט זשאַבאָטינסקין פאַר זיינע שארפע אויפטריטן קעגן היטלער־דייטשלאנד. דער „הפועל הצעיר", האָט גענומען אלס ביישפּיל דעם „טאקטפולן און רואיקן טאָן אין דער דערקלערונג פון וויצמאַן וועגן היטלערס יחס צום יידנטום, להבדיל פון זשאַבאָטינסקיס חוצפּה'דיקן אויפטריט. דער אָפיציעלער אָרגאַן פון מפא"י האָט געשריבן אין 1933, אז „דייטשלאנד איז א קולטורעל־פאָלק, און די

יידן וועלן קעמפן קעגן דאָרטיקן אנטיסעמיטיזם בלויז מיט קולטורעלע־מיטלען. די ציוניסטישע באַוועגונג וועט נישט אָננעמען זשאַבאָטינסקיס עקסטרעמע דרכים".

ווי אַ ביטערע איראָניע קלינגט איצט, נאָך זעקס מיליאָן יידישע קרבנות, דער עכאָ פון די קורצזיכטיקע רייד פון ציוניסטישע אָפיציעלע אָרגאַנען קעגן זשאַבאָטינסקין.

***

אין אָט דעם טראַגישן יאָר, דאָפּלט טראַגישן, — צוליב היטלערס אויפשטייג און בלוט־בלבול אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַרלאָזאָראָוו־מאָרד, האָט זשאַבאָטינסקיס־באַוועגונג וואָס איז געווען אויסגעשטעלט אין דער יידישער וועלט אויף שיקאַנעס און רדיפות, — באַקומען אומדערוואַרטעט אַן אומגעהויערע פאַרשטאַרקונג אין פאָלק. ווי פון דער ערד איז אַרויסגעוואַקסן אַ נייע פלאַנצונג, דער „ברית החייל". דאָס איז געווען אַן עלעמענט, ביז דאַן פאַרנאַכלעסיקט אין דער נאַציאָנאַלער וועלט. פּשוטע פאָלקס־מענטשן, בעלי־מלאכות און פיזישע אַרבעטער, בעלי־עגלות און טרעגערס, האָבן פּלוצלונג באַקומען אַן אידעאַל. אויף די פאַרחושכ׳טע און פאַראָרימטע פאָלקס־שיכטן וועלכע האָבן זיך געקלאַמערט מיט ביידע הענט אין לעבן, האָט זיך קיינער נישט אומגעקוקט. די שיכטן, וועלכע האָבן געלעבט אין דחקות און געהאָרעוועט שווער אויף אַ שטיקל ברויט פאַר דער משפּחה, זענען געווען נישט אָרגאַניזירט. יאָ, אויף אַ חלק פון זיי האָט געהאַט אַ שליטה דער „בונד". אָבער צענדליקער טויזנטער פון די פּשוטע יידן האָבן געבענקט נאָך עפּעס דערהאָבענעס, וואָס זאָל דערוואַרעמען זייערע פּרימיטיווע האַרציקע נשמות. זיי אַליין האָבן נישט געקענט געבן קיין אויסדריק פון זייערע געפילן. אָבער אין די טיפענישן פון פאָלקס־נשמה האָט דאָך געטליעט אייביק אַ פונק, אַ בענקשאַפט נאָך מלכות, דאָס וואָס אורי צבי גרינבערג האָט מיט זיין דיכטערישן הויש־הריח דערשמעקט.

זשאַבאָטינסקי איז דערשינען פאַר זיי ווי אַ דערלייזער. ער האָט גערעדט פ ו ן זייערע נשמות און הערצער, און צ ו זייערע הייליקסטע געפילן.

דער „ברית החיל" איז דורך אין דער יידישער גאַס און זי דעראָבערט מיט שטורעם. אָט די קליינע מענטשעלעך, אויסגעדינטע סאָלדאַטן פון אַלע אַרמייען, גרויע מענטשן, וועלכע האָבן פאַרבראַכט יאָרן אין קאַזאַרמעס און דער זעלנער־לעבן האָט געלאָזט שפּורן אין זייער גייסט און

מאניערן, אין זייערע מחשבות און זכרונות, האָבן אין זשאבאָטינסקיס־אָרגאַניזאַציע — ספּעציעל פאַר זיי געשאַפן — געפונען אַ קאַנאַל פאַר זייער ענערגיע און שאַפונגס־לוסט.

זיי זענען געווען ביז איצט אַן אומנוצליכער עלעמענט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. קיין געלט האָבן זיי נישט געהאַט. שפּענדן גרויסע סומעס האָבן זיי נישט געקענט געבן. קיין גרויסע תלמידי־חכמים זענען זיי אויך נישט געווען. די מערהייט פון זיי האָט בלויז געקענט דאַווענען. ווער האָט זיי געדאַרפט? און אָט האָט זשאַבאָטינסקי, וועלכער איז אַזוי טיף אַריינגעדרונגען אין דער פאָלקס־נשמה, גראָד פאַר זיי געפונען אַן אינהאַלט. דאָס זענען דאָך די מענטשן, וועלכע שטייען אין יעדן פאָלק אויף די באַריקאַדן. אָט די מאַכן רעוואָלוציעס. די זענען מסוגל מקריב צו זיין אַלץ וואָס זיי האָבן און ז י ך אַליין, ווען זיי ווערן גערופן דורך אַ מאַן, אין וועמען זיי פילן אַ שליח פון דער השגחה.

אין איין יאָר איז אין פּוילן און ליטע, אין עסטרייך און ארץ־ישראל אויסגעוואַקסן אַ מעכטיקע אָרגאַניזאַציע פון רעזערוויסטן, און זיי זענען געוואָרן אַ טרייב־קראַפט פאַרן גרויסן ציוניזם. אָט די מאַסן האָבן געלעכצט נאָך גאולה. זיי האָבן זיך געריסן קיין ארץ־ישראל און נישט געוווסט קיין אָפּהאַלט און קיין שטרויכלונג. זשאַבאָטינסקיס באַזוכן אין יענע יאָרן אין די לענדער פון יידישער פאַרשפּרייטונג האָבן עלעקטריזירט די מענטשן און אָנגעצונדן אין זיי אַן אומלעשבאַרען פייער. ווער ס'האָט נישט אָבסערווירט די המונים אין זייער ענטוזיאַזם, זעענדיק דעם שעפער פון יידישן לעגיאָן, האָט נישט קיין באַגריף וואָס עס הייסט משיחישע שטימונגען.

אין דעם טראַגישן יאָר פון סטאַווסקי־פּראָצעס וואָלטן די אָנגעהעצטע לינקע פאַרטייען אַן ספק פאָגראָמירט זייערע פּאָליטישע קעגנער, עס זענען געמאַכט געוואָרן פּרוון אין דער ריכטונג. די מיטגלידער פון „ברית החיל", די פּשוטע און געזונטע מענער, האָבן פאַרהיטן פאַר געשלעגן, פאַר אָבסטרוקציעס און סקאַנדאַלן. אויך אין די מאָנאַטן פון דער ווייסטער העצע, האָט זשאַבאָטינסקי — ווײַלנדיק אין פּוילן — נישט דערלויבט מ'זאָל אים באַגלייטן, כדי צו שיצן פאַר כוליגאַנעס. ער האָט געוואָלט אומעטום אַליין פאָרן. ער האָט נישט געוווסט, אַז די פאַרטיי האָט געשיקט מיט אים אין זיינע נסיעות אייניקע אָפיצירן פון „ברית החיל", כדי צו זיכערן זיין געזונט און נישט צולאָזן נאָנט צו אים די צעווילדעוועטע און צעהיצטע הפקר־יונגען. די לייטונג פון דער פאַרטיי וואָלט נישט געהאַט קיין רו פון זאָרג פאַר זיין לעבן, ווען מ'וואָלט אָנגע־

נומען ווערטלעך זיין פֿאַראָרדנונג און אים געלאָזט אַליין פֿאָרן. זיינע שומרים, די „ברית־החילניקעס" זענען געווען אומזעבאַר. אָבער זיי האָבן מיט זייערע לעבנס געזיכערט, אַז ס'זאָל אים קיין בייז נישט געשען.

נאָך אַ גרעסערע ברכה איז געווען דער „ברית החיל" אין אָפּווער־קאַמף קעגן אַנטיסעמיטישן כוליגאַניזם, וואָס איז געשטיגן פֿון יאָר צו יאָר און באַדראָט יידישע לעבנס, באַזונדערס אין פּוילן. אָט די פּשוטע יידן, אין מיטעלן עלטער, פֿאַרהאַרטעוועטע אין לעבן אָבער מיט ווייכע יידישע הערצער, האָבן אין יענע יאָרן געראַטעוועט יידישע ישובים פֿון פּאָגראָ־מען און יידיש האָב און גוטס פֿון פּלינדערייען. די פּוילישע פּאָליציי האָט נישט אומעטום רעאַגירט אויף אַנטיסעמיטישע אויסברוכן. אין אייניקע ערטער האָבן זיך ענדעקישע באַנדעס געלאָזט ווילגיין איבער יידישע קעפּ. געבראָכן יידישע סטראַגאַנעס, צעוואָרפֿן יידישע סחורות, און געשלאָגן יידישע דורכגייער אין די גאַסן. ביז דער „ברית החיל" איז דערשינען אַלס אָרגאַניזירטער כוח. פֿון דאַן האָט מען אָנגעהויבן באַצאָלן גוישע כוליגאַנעס פֿאַר זייערע אַוואַנטורעס. יידיש בלוט האָט אויפֿגעהערט צו זיין הפקר. און דאָס איז דאָך אייגנטלעך דער הויפּט־זין פֿון דער גאַנצער זשאַבאָטינסקיאַנישער לערע: אַראָפּצונעמען דעם צייכן „הפקר" פֿון יידישן שטערן. דער קלאַנג וועגן די העלדישע און שטאַרקע „ברית החיל" - מיטגלידער איז דערגאַנגען אויך אין גוישע הייזער, און ס'האָט ביי פֿיל כוליגאַנעס אָפּגענומען דעם חשק זיך אַרויסצולאָזן אַ ביסל „הולען אין די יידישע גאַסן".

אין שפּיץ פֿון „ברית־החיל" זענען געשטאַנען אינזשיניער מיראָן שעסקין, אַ זון פֿון אַ ציוניסטישן עסקן פֿון הערצלס צייטן אין ווילנע, און אַ לייטנדער מיטגליד פֿון דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי אין פּוילן, ווי אויך דער טראַגיש־אומגעקומענער אין אַ סאָוויעטישן אַרבעטס־לאַגער דוד קראָל און אַ גאַנצע פּלעיאַדע פֿון יידישע אויסגעדינטע אָפֿיצירן אין די אייראָפּעאישע אַרמייען. דער „ברית החיל"־עלעמענט איז פּאַקטיש געווען דער רוקן־ביין פֿון אייראָפּעאישן יידנטום. אַלע אומבאַקאַנטע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געטרוימט אין דער שטיל, שווער געאַרבעט און געוואַרט אויף דער שעה, ווען זיי וועלן אָנקומען אין ארץ־ישראל און העלפֿן באַפֿרייען דאָס פֿאָטערלאַנד.

דער גורל איז געווען אַכזריותדיק צו זיי, נישט צוליב זייער שולד. בלויז אַ קליינעם פּראָצענט פֿון זיי איז געלונגען אָנצוקומען קיין ארץ־ישראל ביזן אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה. סערטיפֿיקאַטן האָבן

18

אָט די פאמיליען־מענטשן נישט געקריגן. די ליטונג פון דער יידישער אַגענץ האָט נישט ליב געהאַט זשאַבאָטינסקיס מחנה און האָט פון זיי צו־גענומען דאָס רעכט פון סערטיפיקאַטן־עליה. מיט דער אומלעגאַלער עליה, אָרגאַניזירט דורכן הצה"ר און בית"ר, האָבן פיל פון זיי נישט געקענט פאָרן. זיי זענען דאָך געווען פאמיליען־מענטשן, מט פרויען און קליינע קינדער, און ס'איז נישט לייכט געווען גאַנצע פאַמיליעס זיך צו שלעפּן מיט עקל פּעקל אין אַזעלכע געוואַגטע שווערע רייזעס. די פלעצער אויף די אומלעגאַלע שיפן האָבן אין דער ערשטער רייע פאַרנומען די יונגע, נישט חתונה־געהאַטע, מענער און פרויען, אָן אַ יאָך אויף זייערע העל־זער.

אין די מיליאָנען ברידער און שוועסטער, וועלכע זענען אומגעקומען דורך היטלערס הארדעס, איז אוועק אויך די וואונדערבאַרע פאָלקס־אָרגאַני־זאַציע, אייניקע יאָר נאָכדעם ווי זי איז געבליבן אָן איר מורה־דרך און קאָמענדאַנט. זאב זשאַבאָטינסקי איז אוועק פון דער וועלט פריער פון זיי.

**
*

אַ פענאָמענאַלע דערשיינונג איז געווען זשאַבאָטינסקיס השפעה אויפן רעליגיעזן יידנטום. די כוונה איז נישט צו פּאַרטיי־מענטשן, נאָר צו דער גרויסער מאַסע פון פרומע גאָט־פירכטיקע יידן, די יידן פון בתי־מדרשים און ישיבות. דער דאָזיקער פּאַטריאָטישער עלעמענט, צו וועמען די בענקעניש נאָך ציון איז געקומען נישט פון בראָשורן און רעדנער־פּראָפּאַגאַנדיסטן, נאָר פון דער אמונה — איז געווען באַגייסטערט פון זשאַבאָטינסקין נאָך פון זיין יוגנט־תקופה. אָט די בית־מדרש־יידן זענען עס נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע געזעסן מיט די בלייפעדערס אין די הענט און נאַאיווערהייט געצייכנט די מיטגלידער־ליסטע פון ערשטן יידישן רעגירונגס קאַבינעט נאָך דער אנטשטייאונג פון דער מדינה. פאַר זיי איז „ אַ יידישע נאַציאָנאַלע היים" געווען נישט קיין אנדערע זאַך ווי אַ יידישע מלוכה, און אין דער ערשטער רעגירונג האָבן זיי פאַרן 37־יעריקן זאב זשאַבאָטינסקי באַשטימט דעם פּאָרטפעל פון קריגס־מיניסטער. די פאָטאָגראַפיעס פון לעגיאָנען־גרינדער אין זיין אָפיצירן־אוניפאָרם האָבן זיך געפונען אין יעדער יידישער הויז, און מער ווי אַלע יידישע פערזענלעכקייט האָט ער צעפלאַקערט די פאַנטאַזיע. ע ר איז געווען אין זייערע אויגן די פּערסאָניפיצירונג פון אונזער אויפלעבונג, פון יידישן שטאָלץ און דעם יידישן אריינטריט אין דער משפחה פון די פעלקער. ער,

וועלכער האָט דער ערשטער נאָך בר־כוכבאן, ארויסגענומען די שווערד פון שיידל, און זי אריינגעלייגט אין די הענט פון דער יידישער יוגנט.

פון יענער לעגיאָן־תקופה איז געבליבן אין זכרון פון די מאסן א בילד, וועלכער האָט באוויזן זשאַבאָטינסקיס רעספעקט פאַר דער רעליגיע: אויף דעם בילד זעט מען א פעלד־תפילה פון יידישן לעגיאָן, מיטן מיליטערישן רב, און דער אָפיציר זשאַבאָטינסקי איז עולה לתורה.

דאָס איז פאַר זשאַבאָטינסקין נישט געווען קיין פּאָזע. וואָלט ער געוואָלט נושא חן זיין אין די אויגן פון די מאסן, וואָלט ער זיכער נישט געשווומען שטענדיק קעגן שטראָם. עס איז אים געווען זייער לייכט צו זיין פּאָפּולער ביים פאָלק, ווייל לעגענדעס האָבן זיך געוועבט ארום זיין נאָמען, ווען ער איז נאָך געווען דער זשורנאַליסט „אַלטאַלענא" און ער האָט געשמיסן די אַנטי־ציוניסטן, די אַסימילאַטאָרן און דעם „בונד" מיט זיין רעדנער־טאַלאַנט און גלענצענדער פעדער. ניין! נישט קיין פּאָזע איז עס געווען, נאָר א טיפע פאַרשטענדעניש פאַרן אומצערייסבאַרן אייביקן קשר צווישן יידישן פאָלק, זיין לאַנד און זיין תורה.

אין יאָר 1927 האָט ער געשריבן אין אבריוו צו א. רעקאַנאַטי, דעם רעדאַקטאָר פון וואָכנשריפט „פּרא ישראל" אין סאַלאָניקי און איינער פון זיינע ערשטע אָנהענגערס אין גריכנלאַנד:

„בשעת מיינע לעצטע רייזעס איבער פּוילן, סלאָוואַקיע, קאַרפּאַטן־רוסלאַנד האָב איך ווידער געקענט פעסטשטעלן, אז אונדזערע אידייען געפינען פיל סימפּאַטיע אין די קרייזן פון פרומען יידנטום. איך האָב שטענדיק געטראַכט אז ס'איז פאַראַן א טעמפּעראַמענט־נאָענטקייט צווישן אונדז. נאָכמער: כאָטש איך אליין בין וויט פון טראַדיציאָנעלן־לעבן, פאַרשטיי איך אָפּצושאַצן די צוציאונגס־קראַפט פון דער יידישער טראַדיציע. דאָס איז א רייניקענדער און דיסציפּלינירנדער כוח. איך האָף אז אונדזערע צוקונפטיקע דורות וועלן זיך צוריקקערן צום רעליגיעזן געפיל, און דורך דעם וועט זייער נשמה זיין געזינטער, גאַנצער און האַרמאָנישער ווי די נשמות פון די פריידענקער אין היינטיקער צייט".

ס'איז באַצייכנונגסווערט, אז א געוואַלטיקן איינפלוס אויף זיין באַציאונג צו דער רעליגיע האָט געהאַט די געשטאַלט פון הרב קוק ז"ל, דער הויפּט־רב פון ארץ־ישראל. באַזונדערס האָט אויף אים איבערגעלאָזן אַן אומפאַרגעסלעכן רושם הרב קוקס שטעלונג ביים אַרלאַזאַראָוו־פּראָצעס.

זשאַבאָטינסקי האָט געקענט דעם באַרימטן הויפּט־רב פון ארץ־ישראלדיקן ישוב נאָך פון יאָר 1920, בשעת דער פאַרטיידיקונג פון ירושלים ביים אַראַבישן פּאָגראָם. ווען ער איז אַרעסטירט און פאַראורטיילט

געוואָרן אויף 15 יאָר טורמע, האָט הרב קוק נישט גערוט ביז די עכּור־אָרעסטאַנטן, זשאַבאָטינסקי מיט זיינע 18 חברים פון דער הגנה, זענען באַפרייט געוואָרן. אייביק וועט בלייבן אין אונדזער געשיכטע דער רירנ־דער פאַקט, אַז הרב קוק האָט געפּסקנט אַז אום יום־טוב, דאָס איז געווען שביעי של פּסח, מעגן יידן אונטערשרייבן די פּעטיציע צו דער בריטישער רעגירונג וועגן דער באַפרייאונג פון די ירושלים־פּאַרטיידיקער. פיל רעלי־גיעזע קרייזן, באַזונדערס די עקסטרעמע פאַנאַטיקער, זענען געווען אין כעס אויפן הויפּט־רב פאַר דעם חילול שבת און יום־טוב. אָבער ער האָט געפּסקנט, אַז באַפרייען די, וועלכע האָבן געראַטעוועט יידישע לעבנס, איז פּיקוח נפש, וואָס איז דוחה שבת.

און אָט ווי אַזוי זשאַבאָטינסקי אַליין האָט אָפּגעשאַצט דעם דאָזיקן זשעסט פון צדיק. אַזוי שרייבט ער — „דאַן איז געקומען דער חודש אַפּריל 1920, דער פּאָגראָם אין ירושלים און די וואַנזיניקע און ווילדע אורטיילן פון קאַטאָרגע קעגן די מיטגלידער פון יידישן זעלבסטשוץ. דאָס איז געווען שבת, ווען אין ירושלים זענען באַקאַנט געוואָרן די פּסקי־דין און הרב קוק, צוזאַמען מיט א גרויסן קהל, האָט דאַן געדאַווענט אין דער „חורבה”, אין גרעסטן יידישן בית־תפילה אין ירושלים. ער האָט איבער־געריסן דאָס דאַווענען, געהייסן ברענגען טינט און פּאַפּיר, און האָט דער ערשטער אונטערגעשריבן אויפן פּראָטעסט קעגן דער אומגערעכטיקייט. אום שבת. ווען איך האָב זיך דאָס דערוווסט — זעצט זשאַבאָטינסקי פאָר — האָב איך פיל אריינגעטראַכט: וואָס באַדייט עס? איך ווייס, אַז פאַר פּיקוח־נפש מעג מען און מ׳דאַרף מחלל שבת זיין. אָבער דאָ, איז דאָך נישט געווען קיין אונטערשיד, צי מען וועט אונטערשרייבן דעם פּראָטעסט היינט אָדער מאָרגן. פאַרוואָס גראַד היינט, דווקא אום שבת? דאַן האָב איך פאַרשטאַנען דעם זין פון דער זאַך. דאָס איז דער זעלבער גייסט וואָס שוועבט אין באַרימטן „קדיש” פון ר׳ לוי יצחק פון בערדיט־שעוו, ווען ער שרייט מיט אַזאַ גרויסער חוצפּה צום רבונו של עולם: „און אַן עק זאָל עס נעמען! און א סוף זאָל עס נעמען!”. ווארום אַזוי רעדט דאָך א זון מיט זיין טאַטן: טאַטע, גיב אַכטונג, דיין וועלט איז פול מיט עוולות, און דו ווילסט, אַז מיר זאָלן דאָ אָפּריכטן דיין שבת־קודש, אַזוי ווי שטענדיק ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען. ניין, טאַטע, אַזעלכע שבתים דאַרפסטו נישט: איך, ר׳ לוי יצחק, אָדער איך ר׳ אברהם, איך דיין זון און קנעכט, בין מחלל דיין שבת אַלס פּראָטעסט קעגן דעם וואָס טוט זיך אין דיין וועלט! — באַטראַכט זיך, טאַטע: באַשטראָף מיר, אויב דו ווילסט, אָבער באַטראַכט זיך...”.

די באציאונג פון רעליגיעזן יידנטום צו אים איז דאן געקומען צום אויסדרוק אויך מיטן „תענית־זשאבאָטינסקי", וואָס איז פּראָקלאמירט געוואָרן דורכן הויפּט־ראַבינאַט אין לאנד און די תפילות, וועלכע זענען אָפּגעריכט געוואָרן פאר זיין באפרייאונג אין אלע שולן און בתי־מדרשים איבערן גאנצן לאנד. ווען די באפרייאונג איז ענדלעך געקומען, האָט הרב קוק געשיקט זשאבאָטינסקין א בריוו, אין וועלכן ער האָט צווישן אנדערעס געזאָגט: „איך בין שטאָלץ און גליקלעך וואָס איר זייט באפרייט געוואָרן. ווייל איז אייך, שיצער פון אונדזער כבוד, וועלכע זענען ארעסטירט געוואָרן צוליב דער תורה, ווייל איר האָט דערפילט אייער הייליקע פליכט צו שיצן דעם כבוד פון אונדזערע ברידער און שוועסטער און די לעבנס פון אונדזערע קינדער און זקנים. איר זענט איצט פאַר אונדז א מוסטער! גאַנס פאָלק האָט זיך געפייניקט מיט אייך, און איצט פייערט ער מיט אייך, מיט די וועלכע זענען געהייליקט געוואָרן מיט דער קדושה פון העלדישקייט, קדושה פון עינויים און יסורים פון ליבע!".

אָבער באזונדערס איינדרוקספול איז געווען די שטעלונג פון הרב קוק צום בלוט־בלבולביים ארלאזאראָוו־מאָרד. אין יענע פינסטערע טעג האָט זיך מפא"י צוזאמען מיט דער בריטישער פּאָליציי אין ארץ־ישראל פאַרמאָסטן צו ברענגען צוויי אומשולדיקע יידן צו דער תליה, בלויז צוליב דעם וואָס זיי זענען געווען מיטגלידער פון דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי. פיל מענטשן, פון די פירנדע פּערזענלעכקייטן אין ארץ־ישראל האָבן געוווּסט אז דאָס איז א בלוט־בלבול. אָבער זיי האָבן נישט געוואגט ארויסצוטרעטן עפנטלעך קעגן דער הערשנדער פּארטיי אין ישוב. אפילו דער דיכטער ח. נ. ביאליק האָט אין אן ענגן קרייז דערציילט, אז ער האָט זיכערע באַווייזן, אז אברהם סטאווסקי איז אומשולדיק. אָבער אויך ער האָט געשוויגן. בלויז יחידים האָבן געהאַט די דרייסטקייט צו קעמפן אָפן דעם קאַמף פאַר מענטשלעכער גערעכטיקייט. און דער שרייבער בן־ציון כ״ץ אין שפּיץ פון די ערלעכע. אָבער א גליק איז געשען דעם ישוב און דעם גאנצן פאָלק, אז דער הויפּט־רב הרב קוק ז"ל, מיט זיין גרויסער אויטאָריטעט האָט זיך אריינגעוואָרפן אין קאַמף קעגן בלוט־בלבול. די מפא"י, וואָס האָט בעל־הביתעוועט אין לאנד, אין סוכנות און אין ועד־לאומי, האט נישט געקענט מוחל זיין דעם רב הראשי, וואָס ער האָט געוואגט זיי זיך קעגנצושטעלן און צונישט צו מאכן זייערע אלע באַמיאונגען. דער רב האָט זיך פאַר דעם נישט צוריקגעצויגן. ער, צוזאמען מיט די רבנים הרב עוזיאל און הדב יעקב מאיר, האָט פאַרעפנטלעכט דאַן אַן אויפרוף, אין וועלכן ס'שטייט: „מיר זעען זיך פארליכטעט

אויפמערקזאם צו מאכן דאָס גאנצע יידנטום און די ערלעכע מענטשהייט קעגן דער גרויסער סכנה, אז אין ירושלים זאָל חלילה פארגאָסן ווערן אומ־שולדיק בלוט, אויב מיר וועלן נישט אויפשטיין אלע ווי איין מענטש מיטן גאנצן כוח פון הייליגקייט, גערעכטיקייט און כבוד צו פארטיידיקן די ריינע נשמה. עס זאָל אויף אונדז נישט פאלן דער פלעק פון יידיש בלוט. מיר קענען עדות זאָגן מיט אונדזער ריינעם און קלאָרן געוויסן פאר גאָט און פאר מענטשן, אז אברהם סטאַווסקי איז פולשטענדיק ריין פון דער בלוט־באַשולדיקונג פון ארלאַזאראָוו־מאָרד".

און דער רב קוק האָט געזאָגט אָפן: איך גיי שווערן א שבועה דאור־רייתא אום יום־כיפור, פאר נעילה, מיט א ספר־תורה אין האנט, אז אברהם סטאווסקי איז אינגאנצן אומשולדיק„.

וועגן דעם פראָצעס האָט זיך דער ארץ־ישראלדיקער הויפט־רב גע־שטעלט פארן בריטישן הויך־קאָמיסאר און אים געמוסרט פאר די טמא'־דיקע כוונות פון דער בריטישער פאָליציי, וועלכע שטויסט אן אומשול־דיקן מענטשן צו דער תליה. דער שארפער פאָרוורף געוואָרפן אין פנים דעם הויפט פון דער רעגירונג, האָט איבערראשט דעם נציב העליון און ארויסגערופן א גרויסן אויפזען אין דער גאנצער וועלט.

דער הייליקער רב איז אויך געווען באקאנט מיט זיין מוטיקייט און אומדערשראָקנקייט. נאָך מיט עטלעכע יארן פריער, אויף צו מאָרגנס נאָכן אויסברוך פון די אראַבישע פאָגראָמען אין 1929, מיט דער צושטימונג פון דער בריטישער אדמיניסטראציע אין לאנד,איז דער רב קוק ז"ל גע־גאנגען אום שבת צופוס צום פאַלאַץ פון אמטירנדן הויך־קאָמיסאר אין יענער תקופה, לוק, דער אַנטיסעמיטישער גענעראל־סעקרעטאר פון דער רעגירונג, און מיט פעסטקייט געפאָדערט פון אים אָפצושטעלן די אומרוען. די בריוו וואָס לוק האָט אים געשיקט, אין נאָמען פון דער פאַלעסטינע־אדמיניסטראציע, האָט הרב קוק צוריקגעשיקט נישט עפנענדיק זיי, ווייל ער האָט נישט געוואָלט שטיין אין קאָנטאקט מיט א מענטש „וועמענס הענט זענען פארטונקט אין יידיש בלוט".

הרב קוקס גרויסקייט, הערלעכקייט און קאמף פאר מאָראל האָט זשאַבאָטינסקין געבראכט צו באטראכטונגען וועגן די עטישע יסודות, וועלכע שטעקן אין דער רעליגיע. און ער האָט זיך אָנגעהויבן נענטער צו אינטערעסירן מיט די רעליגיעזע קרייזן פאר צוציען זיי צום הערצליאַנישן קאמף. ער האָט דאָן באקומען אין פוילן א ווערטפולן כוח, לוי יונגסטער איינער פון די גרינדער פון וועלט „הפועל־המזרחי", וועלכער איז צוגע־

צוּיגן געוואָרן צו זשאַבאָטינסקין מאַגנעטישער פּערזענלעכקייט און זיינע אידייען. מיט דער באַמיאונג פון לוי יונגסטערן איז געבראַכט געוואָרן צו דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַ גרויסע גרופּע פון רבנים.

אַ דאַנק זשאַבאָטינסקיס אומדערמידלעכע אויפקלערונג, איז אין גרונטפּראָגראַם פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַריינגענומען געוואָרן דער פּונקט, אַז „די באַוועגונג שטרעבט אויפצושטעלן די יידישע מדינה אויף די יסודות פון דער יידישער תורה און די אייביקייטס־ווערטן פון אונדזער פאָלק".

פאַר אָט דעם פּונקט אין פּראָגראַם האָט ער געהאַט אַ שווערן קאַמף מצד די נישט רעליגיעזע עלעמענטן אין דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן געציטערט פאַר דער קלעריקאַליזאַציע פון דער באַפרייאונגס־באַוועגונג. זשאַבאָטינסקי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם פּראָבלעם אויספירלעך אין דער דערעפנונגס־רעדע פון גרינדונגס־קאָנגרעס אין 1935.

„עס אַנטשייט די פראַגע פון דער באַציאונג צווישן דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און צווישן דער רעליגיעזער טראַדיציע ביי יידן. אין די לעצטע יאָרן איז אַנטשטאַנען אַ גרויסער בלויז. באַזונדערס דורכדעם וואָס צוליבן קריזיס זענען אויפגעשוואומען מענטשן־געשטאַלטן, ווי הרב קוק ז"ל.

ווען מיר טרעטן צו צו דער דאָזיקער פראַגע — דערקלערט זשאַבאָטינסקי אין זיין רעדע — מוזן מיר רעדן סוביעקטיוו. די אינטעליגענציע פון מיין דור איז געבוירן געוואָרן אין מאַגנעטישן צויבער פון דער גרויסער פרייהייט אין 19־טן יאָרהונדערט און פון אירע ליבעראַלע אידייען.

„לאָמיר רעדן אויפריכטיק און אָרנטלעך פון אונדזער באַציאונג צו דער רעליגיע אין יענער צייט. אינדיפערענטע טאָלעראַנץ איז געווען דער באַשטימענדער טאָן. אונדזערע לאָזונגען זענען געווען „רעליגיע איז אַ פּריוואַטער ענין", „אָפּטיילן די מדינה פון דער קירכע" אָדער פון דער „קהלה", און די „אָפּטיילונג צווישן דער שול און די אומה". ביי די אור־מות־העולם, און פיליכט אין אַ קלענערער מאָס אויך ביי אונדז, האָט געהערשט דער פּרינציפּ פון באַזייטיקן דעם רעליגיע־יסוד פון דער געזעלשאַפט און מדינה. די דאָזיקע איבערלעבונג האָבן דורכגעמאַכט אַלע מיינע צייט־גענאָסן. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיטן באַזייטיקן דעם קלער, די כמורה ביי די גויים און, להבדיל, די רבנים ביי אונדז. און ס'איז דעגענערירט געוואָרן מיטן באַזייטיקן גאָט. היינט זעען מיר פון איינענער דער־

פאַרונג די קאָנסעקווענצן וואָס קומען פון דער נאַטור פון מענטשן, וועל־כע האָבן נישט קיין גאָט.

די מענטשן פון מיין דור זענען נאָך פאַרבליבן טריי דער טראַדיציע פון דער פרייהייט. אָבער היינט שטייען מיר אין מיטן בלויז. מיר פרעגן זיך אַליין אויב די אינטערפּרעטאַציע פון 19־טן יאָרהונדערט, פּאַסט נאָך פאַרן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. די רעליגיע איז א פּריוואַטער ענין — אין הינזיכט פון מיינע געפילן, אויב איך גלויב אָדער איך צווייפל, אויב איך וואַרף אָפּ אָדער איך נעם אָן. אָבער עס איז נישט קיין פּריוואַטער ענין, אויב עס זענען פאַראַן אין דער וועלט טעמפּלען און קירכעס, און די מלוכה דאַרף אַכטונג געבן, אַז עס זאָל נאָך קענען עקזיסטירן רעלי־גיעזע פּראָצעסיעס און אויב עס ברענט נאָך דער נר תמיד אין די טעמפּ־לען, און אויב דאָס וואָרט פון די נביאים לעבט נאָך אין דער געזעלשאַפט אָדער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א מומיע, וועלכע ווערט געהיטן אונטער א גלאָז. דאָס דאַרף מען פאַרמיידן, און מיט רעכט איז עס געוואָרן א מלוכה־ענין".

ווענדנדיק זיך צו דער גרויסער רעליגיעזער גרופּע, וואָס איז געווען רע־פּרעזענטירט אין גרינדונגס־קאָנגרעס פון דער נייער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע, האָט זיי זשאַבאָטינסקי געזאָגט: „איך באַגריס מיט א באַזונ־דער געפיל יענע פון אונדזערע ברידער, וועלכע זענען געקומען צו אונדז אַהער צו רעפּרעזענטירן דעם אייביקן אמת און די אייביקע בענקשאַפט. איך באַגריס אייך ווי חברים לדעה; מיר זוכן עפּעס צוזאַמען און ווייסט איר ווי אַזוי? צווישן די דאָזיקע ביידע מחנות האָט דאָס לעבן אויפגע־שטעלט א שטיינערנעם באַרג, א פעלז; איצט האָבן מיר נויטיק א טונעל וואָס זאָל דורכגעבויערט ווערן פון ביידע זייטן. איך פון דער זייט, דו פון יענער זייט. דו ווייסט נישט, ווען מיר וועלן זיך באַגעגנען, אויב אין די ערשטע טעג אָדער אין די ערשטע חדשים וועט איינפאַלן די וואַנט. עס וועט נאָך פאַריבער א צייט, אָבער צוזאַמען וועלן מיר אַרבעטן איינער קעגנאיבער דעם צווייטן, און עס וועט קומען דער טאָג, אין וועלכן מיר וועלן זען נישט דעם דאָזיקן דור, נאָר א יונגנט וואָס אויך די דאָזיקע בענקשאַפט זיינע וועט פולשטענדיק באַפרידיקט ווערן".

אונטערן איינפלוס פון זשאַבאָטינסקיס אידייען איז אין גלות גע־שאַפן געוואָרן א שטאַרקע באַוועגונג פון רעליגיעזע רעוויזיאָניסטן „ברית ישורון", וואָס האָט זיך באַלד טיף פאַרוואָרצלט אין אייראָפּעאישן יידנ־טום. די אָרגאַניזאַציע איז געווען טעטיק אין רעליגיעזן סעקטאָר, אין שולן און בתי־מדרשים, פאַריידיקנדיק דעם שטאַטס־ציוניזם, וואָס איז די

ספערן באזונדערס געווען נאָנט צום הארצן. אין דעם אָרקעסטער פון דער מלוכה'שער באוועגונג האָט אויך דער אינסטרומענט געשפילט א באַדייטנדע ראָלע אין די פאר דער מלחמה־יאָרן.

***

נישט נאָר ביי זיינע ברידער האָט ער געפונען אָפענע אויערן, נאָר אויך ביי זיינע שוועסטערס, ביי יידישע מאַמעס און טעכטער. אין בית"ר זענען געווען טויזנטער יידישע מיידלעך, און זיי האָבן נאכהער באוויזן אז זיי זענען מסוגל נישט ווייניקער ווי זייערע חברים, די מענער, צו טאָן זייער פליכט פארן פאָטערלאנד. דער נאציאָנאלער אונטערגרונט אין ארץ־ישראל האָט געהאַט פיל טייערע יידישע טעכטער, וועלכע האָבן פארשאפט אונדזער פאָלק כבוד. זיי האָבן פול געמאכט די געפענגעניש און קאָנצענטראציע־לאגער פאר פרויען אין בית־לחם. זיי האָבן ערטיילט ערשטע הילף זייערע פארוואונדעטע ברידער אין די שלאכטן, זיי האָבן אליין געהאלטן ביקסן און מיטראַליעזן אין זייערע הענט און געקעמפט מיט די פיינט פון ישראל. איז דען א יידיש אכצן־יעריק מיידל, א שילערין פון זאב זשאַבאָטינסקי, רחל חבשוש, נישט פאראורטיילט געוואָרן דורך א בריטישן געריכט אויף אייביקע טורמע פאר ברעכן די הבלגה? זענען דען ווייניק מיטגלידערינס פון ארגון צבאי לאומי געפאלן מיטן ביקס אין האנט אין קאמף פון פרייהייט?

אָבער אויך זייערע מאַמעס און עלטערע שוועסטערס האָבן זיך מאָביליזירט פארן שטאַטס־ציוניזם. דער „ווערעף" (די וועלט־רעוויזיאָניסטישע פרויען אָרגאניזאציע, ברית נשים לאומיות), געלייטעט דורך פרוי ד"ר נעמי פאָן־ווייזל, און אין פוילן דורך מרים כהן (די פרוי פון גרויסן העברעאישן דיכטער, יעקב כהן, דער געוועזענער ערשטער לאנדעס־פרעזידענט פון הצה"ר) און שולמית דראליטש, און אין ארץ־ישראל — דורך הכּירה גלעדי און שושנה ראפאפאָרט, האָט ארומגעכאפט אלע לענדער פון יידישע ישובים און זיי זענען געווען אקטיוו אין אלע געביטן פון ארגאניזאציאנעלער טעטיקייט.

איבער זיי אלעמען — איבער דער ברייטער פארצווייגונג פון די אָרגאניזאציעס — האָט אויסגעשפרייט אירע פליגלען די רעוויזיאָניסטישע פארטיי. דער הצה"ר איז געווען דער בוים, וואָס האָט געגרינט מיט זיינע בלעטער און פארשפרייט זיינע צווייגן אין אלע שיכטן און אלע עלטערס:

בית״ר, ברית־החיל, ברית־ישורון, די פרויען־אָרגאַניזאַציע, און אפילו די אקאַדעמישע פאַרבינדונגען און קאָרפּאָראַציעס.

פאַר זיי אַלעמען האָט זשאַבאָטינסקי, דער לערער און דערציער, גע־זאָרגט. ער האָט געפונען צייט אפילו אנצושרייבן דעם הימן פאַר די רע־וויזיאָניסטישע סטודענטן־קאָרפּאָראַציעס. ער האָט די בית״ר ־ ליטעראַ־טור באַרייכערט נישט נאָר מיט זיינע פּובליציסטישע און אידעאָלאָגישע אַרטיקלען, און נישט נאָר מיט זיינע בעלעטריסטישע ווערק, נאָר האָט אפילו פאַרפאַסט פאַר בית״ר די לידער צו זינגען. ער האָט געגעבן די אי־דעאָלאָגישע באַזע פאַרן „ברית החיל״. ער האָט שטענדיק געהאַט אין זי־נען אַלע מיטגלידער פון דער משפחה, וועלכע ער האָט געבראַכט אויף דער וועלט.

דעריבער איז ער נישט געווען מער פאַראייניזאַמט אין דער יידישער וועלט. ער האָט געהאַט הונדערטער טויזנטער אָנהענגער. ווען ער האָט געדאַרפט פירן א פּאָליטישע אקציע, האָט ער געהאַט זיין אינסטרומענט — דעם הצה״ר, און אַלע צווייגן פון דאָזיקן בוים. דער פאַקט, וואָס די צאָל פון זיינע שילער איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, האָט אַזוי אויפגע־בראַכט און צעברוגזט די פּאָליטישע קעגנער. דעריבער האָבן זיי מיט אַלע מיטלען אים באַקעמפט.

אָבער נישט נאָר צרות האָבן אים פאַרשאַפן יידן אין די גלות־לענ־דער, ווו ער פלעגט אַזוי אָפט קומען. אויך פיל נחת האָט ער געהאַט פון זיינע תלמידים און פריינט, פון מיליאָנען־יידן, דורך אים דערצויגענע, אויף זיינע אַרטיקלען און רעדעס אויפגעהאָדעוועטע, מיט זיין לעבנס־ביישפּיל באַגייסטערטע און פון זיין מאַגנעטיזם באַצויבערטע.

אָט די מיליאָנען יידן זענען געווען זיין אַנלען, זיין מאָראַלישע שטי־צע, זיין כוח. מיט זייער הילף האָט ער געטראָגן א גיגאַנטישן לאַסט אויף זיינע פּלייצעס. און ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די מוראַדיקע מלחמה און א פאָרהאַנג האָט זיך אַראָבגעלאָזן אויף די יידישע ישובים אין מזרח־ און מיטל אייראָפּע, האָבן זיך אַלע זיבן זונען אויסגעלאָשן אין די הימלען.

# אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן

פיל מענטשן, צווישן זיי אויך פריינט זיינע, האָבן געהאַט צו אים תרעומות, פאַרוואָס ער האָט פאַרלאָזן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. פּראָפעסאָר קלויזנער, דער גרויסער יידישער היסטאָריקער, א פריינט און א אָנהענגער פון זשאַבאָטינסקין, האָט אויך דערקלערט, אַז ס'איז געווען א טעות. „וואָלט זשאַבאָטינסקי פאַרבליבן אין דער אָרגאַניזאַציע, און וואָלט ער לענגער געלעבט — האָט פּראָפעסאָר קלויזנער געזאָגט — וואָלט ער היינט געשטאַנען אין שפּיץ פון דער יידישער מדינה, און מיר וואָלטן געהאַט א שטאַט פון ביידע זייטן פון ירדן. אַזעלכע מיינונגען האָבן נאָך אַנדערע מענער אַרויסגעזאָגט.

אַנדערע האָבן אים פאָרגעוואָרפן, אַז ער איז מאַנכמאָל געווען צו אימפּולסיוו און דאָס האָט אים באַוואויגן צו איבערגעאיילטע שריט. אָט האָט ער אין 1923 פאַרלאָזן די ציוניסטישע עקזעקוטיווע.

ווייניק מענטשן געדענקען שוין היינט יענע תקופה. זיי ווייסן נישט, וואָס פאַרא סיבות האָבן באַוואויגן דעם גרויסן פּאַטריאָט צו פירן אַזאַ ביטערן קאַמף אינערהאַלב דער יידישער וועלט. היינט איז שוין קלאָר, אַז ווען נישט זשאַבאָטינסקי מיט זיין נייער פּאָליטישער שיטה, דער דערציאונג פון דער יוגנט און דעם אָנווייזן נייע דרכים — וואָלטן מיר נאָך ביז היינט געווען אונטער פרעמדער הערשאַפט.

דער ערשטער קאָנפליקט זיינער מיט ד"ר ווייצמאַנען איז פאָרגעקומען אָנפאַנג 1923, ווען ער האָט געדריקט אויף דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע צו פאָדערן פון דער ענגלישער רעגירונג צו ענדערן דעם אדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט אין ארץ־ישראל און אַרויסנעמען פון דאָרט אַלע אַנטיסעמיטן. ד"ר ווייצמאַן האָט זיך קאַטעגאָריש קעגנגעשטעלט זשאַבאָטינסקיס פאָרשלאַג. דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט געטענהט, אַז ער האָט אַליין באַזוכט ארץ־ישראל סוף 1922, האָט אויסגעפאָרשט די לאַגע אויפן אָרט און זיך איבערציינגט אַז דער אַלאַרם פון ועד־הלאומי וועגן דער פיינטלעכער באַציאונג פון דער פּאַלעסטינע־אַדמיניסטראַציע צו יעדער יידישער זאַך — איז איבערגעטריבן. זשאַבאָטינסקי האָט דערויף געענטפערט, אַז די מענטשן וועלכע געפינען זיך אויפן אָרט און שטויסן זיך אָן אין טאָג־טעגלעכן לעבן אין דער פּראַקטיק פון דער אדמיניסטראַציע, קענען די לאַגע גענויער ווי ווייצמאַן „וועמענס פאַרזענלעכע איינדרוקן ביי זיין קורצן באַזוך האָבן העכסטנס א זייער רעלאַטיוון ווערט פון אַן אָבסערוואַציע פון אַן אינטעליגענטן טו־

ריסט". אָבער די עקזעקוטיווע אונטער ווייצמאַנס השפעה האָט באַשלאָסן נישט צו רעאַגירן.

דער אמת איז, אַז ווייצמאַנס שטעלונג נישט צו מאַכן קיינע פּאָלי־טישע שריט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אויפפירונג פון דער פּאַלעסטינע־אַדמיניסטראַציע איז נישט אַרויסגעדרונגען פון זיין גלויבן, אַז די אומ־אויפהערלעכע אָנקלאַגעס פון די א"י בירגער זענען נישט ריכטיקע, נאָר פון זיין שיטה נישט אויפצורעגן ענגלאַנד. „מיר זענען וויניק און שוואַך — האָט ער געזאָגט — און ענגלאַנד איז גרויס און שטאַרק, און מיר טאָרן זי נישט דערצערנען, טאָמער וועט זי נאָך איננאַנצן אין כעס ווערן און בכלל אויפהערן אונדז צו שטיצן".

קעגן דער דאָזיקער דעפעטיסטישער מיינונג האָט זיך זשאַבאָטינסקי רעוואָלטירט מיטן גאַנצן כוח: „ס'איז נישט ריכטיק — האָט ער אויסגע־רופן — אַז אויב מיר קענען נישט דיספּוטירן מיט אַ קולטורעל פאָלק מיטן געווער, דאַרפן מיר שוין מוותר זיין. ענגלאַנד האָט אויף זיך גענו־מען זייער קאָנקרעטע פאַרפליכטונגען. מיר מוזן באַשטיין אויף אונדזע־רע פאָדערונגען, אפילו ווען זיי זענען נישט אָנגענעם פאַר אונדזער פּאַרט־נער. אונדזער היינטיגע טאַקטיק איז נישט צו באַשטייען מיטן גאַנצן נאָכדרוק אויף אַ פאָדערונג, אויב אונדזער שותף פאַרקרימט זיך הערנדיק דאָס. דאָס וועט אונדז ברענגען אין אומגליק".

ווייצמאַן האָט אים געענטפערט, אַז אַ פאָדערונג צו ענגלאַנד איבער־צובייטן דעם אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט באַדייט אַ פאָדערונג אָפּצוזאָגן הערבערט סעמועלן, און דאָס וועט זיין אַ וואָנזיניקער שריט מצד ציו־ניסטן צו פאָדערן אָפּצוזאָגן אַ ייד פון העכסטן פּאָסטן אין לאַנד. דעם דאָ־זיקן אַרגומענט האָט אונטערגעהאַלטן די גאַנצע אָפיציעלע יידישע זשור־נאַליע. אַלע האָבן געשריען, אַז ס'איז אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט צו פאָדערן אָפּצוזאָגן אַ יידישן הויך־קאָמיסאַר.

אין אַ געשפּרעך מיט אַ יידישן זשורנאַליסט אין בערלין, האָט זשאַ־באָטינסקי געענטפערט אויף די אָנגריפן: „איך שטרעב צו אַ ראַדיקאַלער ענדערונג אין סעמועלס מעטאָדן און איך וועל זיין גליקלעך, אויב ער וועט אויסדריקן גרייטקייט אליין אַריינצופירן די ענדערונגען. אָבער זיך צו־פרידנצושטעלן מיט אַ קערענסקי רעזשים, אין וועמענס שוץ עס וואַקסן און פּרוכפּערן זיך פיינטלעכע צו אונדז כוחות, בלויז צוליב דעם וואָס דער קערענסקי איז אַ ייד, אַזאַ טאַקטיק איז מיר פאַרמיאוסט און רופט אַרויס אין עקל".

ווייצמאַן האָט געזיגט, באַזונדערס צוליב אַן אַנדערן אַרגומענט זײַ־נעם, זייער אַ פּראַקטישן: „דאָס שרייען אַז אין ארץ־ישׂראל קענען מיר נישט אַרבעטן און אַז די רעגירונג איז פֿײַנטלעך, מאַכט אַ שלעכטן רושם אויף די ייִדן אין דער וועלט. דאָס שרעקט אָפּ די שפּענדער פֿאַר די ציוניסטישע פֿאָנדן און די הכנסות פֿאַלן". דער אַרגומענט האָט גערעדט צום האַרצן פֿון די „פּראַקטישע" ציוניסטן. דער גאַנג פֿון דער ציוניסטישער געשיכטע זינט יענע יאָרן איז געווען קלאָר: עס האָט אומפֿאַרמייד־לעך געפֿירט צו דער פֿאַרערגערונג פֿון אונדזער פּאָליטישן מצב, ביז... בע־ווינס „לעזונג" פֿון דער ארץ־ישׂראל פֿראַגע.

***

זשאַבאָטינסקי איז דעריבער אַוועק. ער האָט געזען, אַז פֿון אינער־ווייניק וועט ער גאָרנישט זײַן ביכולת אויפֿצוטאָן. זינט ער האָט פֿאַרלאָזן די ציוניסטישע עקזעקוטיווע, האָט ער באַשלאָסן בשום אופֿן זיך מער צו איר נישט צוריקקערן. פֿיל מעגלעכקייטן האָט ער געהאַט צוריקצוקומען און פֿאַרנעמען אַ וויכטיקע שטעלונג אין דער ציוניסטישער ליטונג. אָבער ער האָט אָפּגעוואָרפֿן אַלע געלעגנהייטן. ער האָט נישט געהאַט קיין פּער־זענלעכע אַמביציע אויף אַ „בענקל". ער האָט געשטרעבט צו ענדערן ראַ־דיקאַל די דעפּעטיסטישע פּאָליטיק פֿון דער פֿירערשאַפֿט. און כּל זמן ער האָט נישט געזען קיין שאַנסן אויף אַ פֿאַלשטענדיקער ווענדונג — האָבן אים נישט אינטערעסירט קיין פּלעצער אין דער עקזעקוטיווע.

אויף אַלע קאָנגרעסן פֿון יענער צײַט האָט ער געקעמפֿט מיט אײַפֿער, מיט טאַלענט, מיט שטאַרקער איבערצייגונגס־קראַפֿט. מען האָט זיך צו־געהערט צו זײַנע רעדעס, וואָס זענען געווען אַראַטאָרישע מייסטערווערק, מיט געשפּאַנטן אָטעם. אָבער דער פּאַרטייען־שליסל און די צאָל הענט צום שטימען האָבן פֿון פֿאָראויס צו נישט געמאַכט אַלע באַמיאונגען. אויפֿן 16טן קאָנגרעס אין ציריך אין 1929, האָט ער געהאַלטן מלחמה קעגן אַוועקגעבן די ציוניסטישע בכורה די אַסימילאַטאָרן פֿון דער „דזשו־איש איידזשענסי" פֿאַר אַ טאָפּ לינזן, וועלכן מ'האָט אפֿילו נישט באַקו־מען. און אויפֿן 17־טן קאָנגרעס אין באַזעל, אין 1931, האָט ער געמאַכט דעם אַנטשיידענדן פּרוּוו. דאָרט האָט ער זיך איבערצייגט אַז ס'איז נישטאָ קיין האָפֿנונג. אויב די מערהייט פֿון ציוניסטישן קאָנגרעס האָט אָפּגע־וואָרפֿן די פֿאָרמולע פֿון ענדע־ציל פֿון ציוניזם; אויב אַן אינסטיטוציע געשאַפֿן דורך הערצלען האָט מורא צו דערקלערן אָפֿן, אַז אונדזער שטרע־

בונג איז א יידישע מערהייט און א יידישע מדינה — איז דאָך עס נישט מער קיין ציוניסטישע אינסטיטוציע!

צו יענעם קאָנגרעס איז זשאַבאָטינסקי געקומען מיט א שטאַרקער פראקציע. אין די זעקס יאָרן, פון 1925, זייט ס'איז געגרינדעט געוואָרן די רעוויזיאָניסטישע וועלט־באַוועגונג, איז די הצה"רישע־פראַקציע גע־וואַקסן אויף א וואונדערלעכן אופן. פון פיר דעלעגאַטן אין 1925 ביז פיר און פופציק! דער קאָלאָסאַלער וווקס פון הצה"ר האָט אומגעהויער איבערגעשראָקן די לינקע. זייערע דעלעגאַטן זענען געקומען צום קאָנג־רעס דערציטערטע און באַזאָרגטע. פון איין זייט האָבן זיי געפילט, אַז ד"ר ווייצמאַנס פּאָליטישע דורכפאַלן וועלן ברענגען צו זיין ירידה, און ווייצמאַן איז דאָך געווען זייער הויפּט אנלען. פון דער אנדערער זייט האָבן זיי געזען דעם כוח פון הצה"ר. צו דער לינקער קאָנגרעס־פראקציע איז געקומען א טעלעגראַמע פון ארץ־ישראל מיט געניוע דירעקטיוון: „איר זאָלט קעמפן מיט אַלע מיטלען איבערצולאָזן ווייצמאַנען. און אויב עס וועט זיך אייך נישט איינגעבן — זאָלט איר פונדעסטוועגן געדענקען נישט איינצוגיין אויף א קאָאַליציע מיט די רעוויזיאָניסטן!". אין קאָנג־רעס אַליין, זעענדיק אז דער איינפלוס פון דער הצה"ר־פראַקציע איז זייער א גרויסער און איבערשטייגט אפילו איר קוואַנטיטאַטיווע פּראָפּאָרץ און אז אנדערע פּאַרטייען זענען פאַראינטערעסירט אין א קאָאַליציע מיט די רעוויזיאָניסטן, האָבן די „מעסיקע" פון לינקס דערקלערט, אז „בלית ברירה וועלן זיי מסכים זיין אז אויך מיטגלידער פון ברית הצה"ר זאָלן אַריינגיין אין דער עקזעקוטיווע, אָבער מיטן באַדינג אז זשאַבאָטינסקי פּערזענלעך זאָל נישט זיין צווישן זיי".

און ער האָט בכלל נישט געטראַכט אָנצונעמען א מאַנדאַט אין דער אַגענץ־לייטונג. אים האָט אינטערעסירט דער פּראָגראַם.

ווייצמאַן האָט געוווסט, אז ביי אזא צוזאַמענשטעל פון קאָנגרעס — ווען די רעוויזיאָניסטישע פראַקציע איז אזוי שטאַרק — האָט ער נישט קיין האָפנונג צו בלייבן אין שפּיץ פון דער אָרגאַניזאַציע. דערי־בער האָט ער געמאָלדן פון פאַראויס, פאַרן קאָנגרעס, אז בשום אופן וועט ער מער נישט איבערנעמען די פּרעזידענטור. אין א געשפּרעך מיט א זשורנאַליסט האָט ער פאָרגעשלאָגן אויסצווויילן זשאַבאָטינסקין אלס פּרע־זידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

ווען מ'האָט דערציילט זשאַבאָטינסקין וועגן ווייצמאַנס פאָרשלאָג, האָט ער א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט מיט א שמייכל: נאָ־

רישקייט! דער זשורנאַליסט פאַרשטייט נישט קיין וויץ!" וויצמאַן וויל נישט, אַז זיין גרעסטער קעגנער זאָל זיין זיין פאַרטרעטער.

אויפן אויפטריט פון הצה"ר־פּרעזידענט האָט דער קאָנגרעס דאָס־מאָל געוואַרט מיט אַן אומגעהויערער שפּאַנונג. אויף אַלע קאָנגרעסן איז ער אַלס רעדנער געווען די גרעסטע „אַטראַקציע". אָבער דאָסמאָל איז מען געווען פאַראינטערעסירט צו וויסן נישט בלויז ווי ער וועט רעדן, נאָר וואָס וועט ער זאָגן. זיי האָבן געוווּסט אַז היינט שטייט ער אין שפּיץ פון אַ שטאַרקער און דינאַמישער פראַקציע, און ער קען וואַרפן זיין כוח אויפן וואָג־שאָל. אַלע האָבן געזען, אַז וויצמאַנס גורל ליגט היינט אין זשאַבאָטינסקיס הענט. דעריבער איז מען געווען פאַראינטערעסירט צו וויסן זיינע פּלענער. צי וועט ער אַריינגיין אין אַ קאָאַליציע? צי וועט וויצמאַן אַראָפּגעוואָרפן ווערן?

ווען דער קאָנגרעס־פּרעזידענט, ד"ר ל. מאָצקין ז"ל, האָט ערטיילט דאָס וואָרט זשאַבאָטינסקין, איז ער נישט געווען אין זאַל. דאָס איז געווען ביים אָנהויב פון דער נאָכמיטאָג־זיצונג. רעדנערס האָבן נישט ליב די צייט. דער זאַל איז כמעט אינגאַנצן ליידיק. ביז די דעלעגאַטן קומען זיך צענויף פון מיטאָג,דויערט מער ווי אַ שעה, און די פאַרשריבענע רעד־נער צו דער דעבאַטע דרייען זיך אַרוים פון צו רעדן אין דער צייט. ווער וויל עס רעדן פאַר ליידיקע בענק? אָבער דער פּינקטלעכער מאָצקין האָט נישט ליב געהאַט צו וואַרטן ביז דאָס פּובליקום וועט זיך צענויפקומען. ער האָט געעפנט די זיצונג, ווען אויף די בענק זענען געווען זייער ווייניק דעלעגאַטן. אַ קלאַפּ געטאָן מיטן האַמער און אויסגערופן:

זשאַבאָטינסקי!

— ער איז נישטאָ.

האָט דער אַלטער אויפגעהויבן די ברילן, אַ קוק געטאָן אין דער ליסטע, און אַ זאָג געטאָן:

— אוסישקין!

ער האָט נישט געוואָלט רעדן.

— בלומענפעלד!

אויך ער האָט זיך אָפּגעזאָגט.

אינצווישן איז מען געגאַנגען זוכן זשאַבאָטינסקין אין די קולוארן, און ביז מ'האָט אים געפונען און ער איז אַריין אין זאַל, האָט זיך ווי אַ בליץ פאַרשפּרייט די ידיעה. ער איז אַרויף אויף דער טריבונע, אויפגע־נומען געוואָרן דורך שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, וועלכע האָבן שנעל

אריינגעבראכט אין זאַל אַלע דעלעגאַטן און געסט. מ׳האָט פאַרשטאַנען אַז אַזאַ שטורם פון אָוואַציעס איז אַ סימן אַז זשאַבאָטינסקי גייט אַרויף רעדן. דער זאַל איז שוין געפּאַקט, אַלע בענק, אין די דורכגענג און אין די גאַלעריעס.

אין דער רעוויזיאָניסטישער פראַקציע האָט מען פריער מורא גע־האַט פאַר שטערונגען. די לינקע זענען געווען זייער דענערווירט, און זיי־ער יוגנט איז שוין געזעסן אויף דער גאַלעריע. די לופט איז געווען עלעקטריזירט. אָבער דער ריזיקער פּובליקום האָט אים געהערט מיט גע־וואַלטיקער אויפמערקזאַמקייט, קיין שאָרך האָט זיך נישט געהערט אין די גאַנצע צוויי שעה וואָס די רעדע האָט געדויערט. איינער פון די לינקע קאָרעספּאָנדענטן האָט געשילדערט די רעדע מיט פאָלגנדע ווערטער: „דאָס זענען געווען ווערטער פון אַ פּראָפעסאָר פון רעכטס־וויסנשאַפט, וועלכער קומט מיט דאָקומענטן אין האַנט. דאָס איז געווען אַ דיסערטאַציע וואָס איז אַלס ווערק געשטאַנען אויף דער הויך, צו וועלכער זשאַבאָ־טינסקי דערהויבט זיך אין זיינע רעדעס!”.

ס׳איז אָבער געווען עפּעס אומדערוואַרטעט אין דער רעדע, וואָס האָט איבערראַשט דעם גאַנצן קאָנגרעס. מען איז געוווינט שטענ־דיק צו הערן די קריטיק פון שעפער פון רעוויזיאָניזם, וועלכער האָט גע־פאָדערט אַ רעוויזיע. אָבער דאָסמאָל — איז נישט געווען קיין איין וואָרט פון קריטיק. ער האָט נישט גערעדט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט. ער האָט בלויז געהאַלטן אַ פּאָליטישן רעפעראַט וועגן נייעם ציוניזם און געשטעלט די פאָדערונג צו פאָרמולירן דעם צ י ל פון ציוניזם.

די פאָרשטייערס פון די פראַקציעס און די עקזעקוטיווע האָבן נישט באַקומען קיין ענטפער אויף דער פראַגע וואָס האָט געענגבערט זייער מוח: וואָס וועט זיין? צי וועלן די רעוויזיאָניסטן צוטרעטן צו אַ קאָאַליציע? גראַד די פראַגע האָט דער רעדנער בכוונה אויסגעמיטן.

ווייל אים האָט אינטערעסירט נאָר דער קאַרדינאַלער ענין, דער פּרינ־ציפּ: אַז אין קעגנזאַץ צו די דעפעטיסטישע אַנשויאונגען, וועלכע גייען איצט אַרום אין דער ציוניסטישער באַוועגונג; אויף ווייצמאַנס פריידיקן פאַר אַ בי־נאַציאָנאַלן (אַראַביש־יידישן) שטאַט און זיינע „ברית שלו־מיסטישע” טרוימען, דאַרף די ציוניסטישע באַוועגונג פּראָקלאַמירן קלאָר און דייטלעך, אַז מיר שטרעבן צו אַ יידישער מערהייט אין ארץ־ישראל. מיט דער הילף פון ענגלישע רעגירונגס־דאָקומענטן האָט דער רעדנער אָנגעוויזן, אַז אין 1916 און 1917, ווען די ענגלענדער האָבן באַנוצט

דעם טערמין „די יידיש־ציוניסטישע שטרעבונגען” האָבן זיי געמיינט א יידישע מערהייט אין ארץ־ישראל. און ווען ער האָט גוט אויסגע־טייטשט פאַר די דעלעגאטן, אזוי ווי א לערער פאַר די שילער, די דאָזיקע דאָקומענטן און ס'איז זיי שוין אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז ענגלאַנד האָט שוין דאַן געוווּסט, אַז נאָר א יידישע מערהייט און א יידישע רעגירונג וועלן קענען צופרידנשטעלן דעם יידישן פאָלק — האָט זשאַבאָטינסקים שטימע געשטורעמט אין קאָנגרעס: „און נאכהער האָט באלפור, דער פאַר־זיכטיקסטער און דער קאַלטעסטער צווישן אַלע סקאָטן, געשריבן אין זיין דעקלאַראַציע צו אונדז: אין נאָמען פון זיין מאַיעסטעטס־רעגירונג גיב איך אָפּ פאָלגנדע דעקלאַראַציע וועגן אונדזער סימפּאַטיע פאַר די ציו־ניסטישע־יידישע שטרעבונגען". דאָס האָט געמיינט ענגלאַנד. און דאָס מיינען מיר היינט. און אָט די „ציוניסטישע יידישע שטרעבונגען” פּראָ־קלאַמירן מיר היינט ווידער פאַר דער גאנצער וועלט. און דער קאָנגרעס דאַרף עס קלאָר פאָרמולירן!”.

און דער דראַמאַטישער שלוס פון דער רעדע: „צום סוף פון מיינע רייד מוז איך ווידער אויסדריקן אונדזער קורצן און אָפּטימיסטישן „אני מאמין”: מיט דער נאַאיוויטעט מיט וועלכער מ'האָט געגלויבט ווען מ'איז געזעסן אין קאַסינאָ אין באזעל, ווען איך בין נאָך געווען א קליין יינגל — מיט דער זעלבער תמימות גלויב איך אויך היינט אין כוח פון דער גערעכטער אידיי.

„איך גלויב”! אני מאמין!

**
*

אָבער דער 17־טער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט זיך נישט דערהויבן צו זיין הויך. פאַר פּחד פאַר די אראבער האָט ער אָפּגעוואָרפן די פאָרמו־לירונג פון ציוניסטישן ענדע־ציל. ווייצמאַנען האָט מען טאַקי אראָפּ־געוואָרפן, אָבער די רעוויזיאָניסטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט אריינצוגיין אין אַן עקזעקוטיווע, ווען די העכסטע ציוניסטישע קערפערשאַפט האָט מורא צו זאָגן, אַז יידן שטרעבן צו זעלבסטשטענדיקייט.

מיט צער און ווייטאג האָט זשאַבאָטינסקי געזען, אַז זיינע באַמי־אונגען אין דער אינסטיטוציע וועלן זיין אומזיסט. ער ווייזט זיי די לוחות, און זיי טאַנצן ארום גאָלדענעם קאַלב.

דאַן איז אין זיין מוח ענטגילטיק רייף געוואָרן דער באַשלוס אוועק־צוגיין און אָנהויבן זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט.

19

ער האָט זיך נאָר באַטייליקט — צוליבן דרוק פון זיינע חברים — אין 18־טן קאָנגרעס אין פּראַג, אין 1933. דאָס איז געווען דער קאָנגרעס, וואָס איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון בלוט־בלבול נאָך דער דערמאָר־דונג פון ד"ר חיים אַרלאַזאָראָוו. אויף דעם קאָנגרעס איז שוין זשאַבאָ־טינסקי מער נישט אַרויסגעטרעטן מיט אַ רעדע. ער האָט געזען, אַז פון דער אינסטיטוציע איז אַרויסגענומען געוואָרן די ציוניסטישע נשמה.

מער איז ער שוין צו קיין ציוניסטישע קאָנגרעסן נישט געקומען. ער האָט אָנגעהויבן אומאָפּהענגיק זיין ריזיקע פּאָליטישע אַרבעט, די אָרגאַ־ניזירונג פון דער אומלעגאַלער עליה, און די אַקטיוויזירונג פון ארגון צבאי לאומי.

# דער לעצטער אקארד

די מלחמה איז אויסגעבראָכן. דער גרעסטער שונא פון יידישן פאָלק, אדאָלף היטלער, איז ארוים פארשקלאַפן די וועלט. ענגלאנד און פראנקרייך האָבן אים דערקלערט קריג. זשאבאָטינסקי שרייבט א בריוו צום בריטישן פרעמיער־מיניסטער נעוויל טשעמבערליין: „די מלחמה קעגן היטלערן איז אונדזער מלחמה. מיר ווילן זיך אין איר באַטייליקן. דאָס יידישע פאָלק אין דער גאנצער וועלט און דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל זענען גרייט צו נעמען אן אַקטיוון טייל אין דער מלחמה".

די ענגלישע רעגירונג וויל נישט קיין יידישע ארמיי. זשאבאָטינסקי ווייסט אָבער פון נסיון: מ'טאָר נישט קאפיטולירן נאָכן ערשטן אָפּזאָג. מ'מוז פאָרזעצן און קעמפן. ער באשליסט אַרויסצופאָרן קיין פראַנקרייך. די מדינה איז דאָך א פארבינדעטע אין קריג קעגן נאצי־דייטשלאנד. זיין רייזע פון לאָנדאָן קיין פאריז איז א גאנצע עפּאָפּייע. פון ערשטן טאָג פון מלחמה־אויסברוך איז אין פראנקרייך אריינגעטרעטן א ווירוואַר: די רעכטע האנט האָט נישט געוווסט וואָס די לינקע טוט. א פולשטענדיקע אַנארכיע. אַ פּאָטער האָט נישט געגלויבט זיין אייגענעם זון, און אברודער האָט חושד געווען זיין אייגענע שוועסטער. איינער האָט געקוקט אויפן צווייטן מיט פחד און פארדאכט. יעדער איינער האָט געהאלטן דעם אנדערן פאַר אַ „פינפטע קאָלאָנע". און ווען זשאבאָטינסקי, וועלכער איז געזעסן אין לאָנדאָן, האָט געבעטן אן אריינפאָר־וויזע קיין פראַנקרייך, אין לאנד ווו ער האָט געלעבט העכער צען יאָר און די רעגירונגס־קרייזן האָבן אים גוט געקענט — האָט מען זיך אנטזאגט אים צו דערטיילן די וויזע. פיל וואָכן האָבן געדויערט די אינטערווענצן אין די מיניסטעריומס. א באזיצער פון א

נאַנסן־פּאַס איז נישט קיין גרויסער מיוחס אפילו אין רואיקע טעג, באַזונדערס אין א תקופה פון אַזאַ צעמישונג. און כאָטש ער האָט געהאַט פון פאָראויס באַשטימטע אוידיענצן ביי פראַנצויזישע מיניסטאָרן, און צווישן אַנדערע ביי אַלבערט סאַראָ, דער אינער־מיניסטער, האָט עס נישט געהאָלפן צוצואיילן די וויזע. דריי חדשים האָבן געדויערט די אינטערווענצן, ביז ער האָט ענדלעך באַקומען די איינרייזע דערלויבניש.

ער איז אויפגענומען געוואָרן פריער דורך אַלבערט סאַראָ און נאָכהער דורך דע־מאַנזי, וועלכער איז געווען זיינער א גוטער באַקאַנטער פון אַלטע יאָרן. דער פראַנצויזישער שטאַטסמאַן האָט וועגן אים געשריבן אין זיין בוך: „זשאַבאָטינסקי רעפּרעזענטירט דעם טיפּ פון א נייעם ייד, וועלכער האָט נאָך נישט קיין ענלעכן צו זיך. ער איז אַן אומדערשראָקענער קעמפער און שאַרפזיניקער דיסקוטאַנט. ער איז א לעגיאָנער פון זיינע מיינונגען. כ׳האָב מיך פאָרגעשטעלט דאָס בילד פון דעם מענטשן נאָך איידער כ׳האָב אים דערקענט. זשאַבאָטינסקי איז אייגנאַרטיק. דער קאַפּיטל פון זיין מוח און זיין שווערד איז אינטערעסאַנטער און אויסערגעוויינלעכער פון א לעגענדע. דער אומגעוויינלעכער שטריך אין זיין פּערזענלעכקייט איז די מיליטערישקייט פון זיין כאַראַקטער, א שטריך וואָס עקזיסטירט נישט אין זיין פאָלק. סאיז געווונטשן, אַז פראַנקרייך זאָל זיך נישט באַציען גלייכגילטיק צו דער ציוניסטישער טעטיקייט. די גרויסע פעלקער זענען אין א געוויסן זין ענלעך צו קליינע קינדער. זיי דאַרפן האָבן לעבעדיקע בילדער, כדי זיך צוצוגעוווינען צו דער רעוואָלוציע פון דער מענטשלעכער שטרעבונג. זשאַבאָטינסקיס לעבעדיק בילד דעקט אונדז אויף די איבערקערעניש אין דער יידישער נשמה, וואָס רייסט זיך אַרויס צום קריג. איך בעט צו געדענקען דעם דאָזיקן נאָמען פאַר דער צוקונפט".

דאָסמאָל האָט זשאַבאָטינסקי גערעדט מיט דע־מאַנזי, דעם אַרבעטס־מיניסטער און אַלבערט סאַראָ, דעם אינערן־מיניסטער, וועגן דער באַטייליקונג פון יידישן פאָלק אין קריג אַלס נאַציע דורכן אויפשטעלן א יידישע אַרמיי. ער האָט געבעטן פראַנקרייכס אינטערווענץ אַלס פאַרבינדעטע פון ענגלאַנד. ביידע אַלטע מיניסטאָרן האָבן אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט, געשטעלט פראַגן און צוגעזאָגט. זיי האָבן אים אויך געעצה׳ט זיך צו ווענדן צו דזשאָרדזש מאַנדעל, וועלכער איז דאַן געווען קאָלאָניע־מיניסטער אין פראַנצויזישן קאַבינעט. אויך זיי, די מיניסטאָרן, האָבן אין מאַנדעלן געזען דעם מאַן פון דער צוקונפט, דעם קלעמאַנסאָ פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די פראַנצויזן האָבן אַליין געזוכט א שטאַרקן מענטש, וועלכער זאָל אַרויסשלעפּן דאָס פאָלק פון פאַרווירונג און די אויגן זענען געווען גע־

ווענדעט צו אים. זשאַבאָטינסקי האָט זיך געווענדעט צו מאַנדלען, בעטנ־דיק אַן אוידיענץ. ער האָט זיך אַנגעשטויסן אָן שוועריקייטן. באַקומען אַן אוידיענץ ביי „גויים" איז נישט געווען קיין שווערע זאַך. אָבער דער ייד מאַנדעל האָט זיך געקווענקלט. ער איז געווען זייער באַשעפטיקט מיט דער אָרגאַניזירונג פון דער פראַנצויזישער קאָלאָניאַלער אַרמיי. זיין צייט איז נישט געווען קיין פרייע און זיין קאָפּ האָט אים נישט געשטעקט אין אַזעלכע „קלייניקייטן".

איידער מאַנדעל האָט געענטפערט, האָט זשאַבאָטינסקי געמוזט צוריק־קערן קיין לאָנדאָן, וווּ ער האָט געהאַט באַשטימט אַ באַגעגניש מיטן בריטישן קאָלאָניע־מיניסטער. ערשט שפּעטער האָט מאַנדעל באַוויליקט אים אויפצונעמען, אויף דער רעקאָמענדאַציע פון דע־מאַנזי. אָבער ער איז שוין נישט געווען אין פּאַריז, און אין יענער תקופה איז נישט געווען — ווי געזאָגט — לייכט צו מאַכן די קליינע רייזע איבערן לאַ־מאַנש, וואָס נעמט נאָרמאַל אַ שעה מיטן עראָפּלאַן. עס האָט זיך געמעלדעט צום אוידיענץ זשאַבאָטינסקיס אַ שילער, ירמיהו האַלפּערן, מיט אינסטרוקציעס פון זיין שעף. דער יידישער גאַסט האָט געבעטן ביי זיין ראַסן־ברודער, וועלכער אַרבעט פאַר פרעמדע, הילף פאַר זייער געמיינזאַמען פאָלק. זשאַבאָטינסקי האָט פאָרגעשלאָגן די פאַרבינדעטע אַ יידישע אַרמיי. „מיר זענען אייך גרייט צוגעבן אייניקע הונדערט טויזנט יונגעליים, וועלכע וועלן קעמפן מיט אייפער, ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, קעגן די נאַציס. אָבער די סאָלדאַטן וועלן דאַרפן וויסן, אַז זייער פאָלק וועט עפּעס האָבן פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט פון זיינע קינדער".

מאַנדעל האָט אויסגעדריקט זיין באַדויערן, וואָס ער איז אַזוי באַ־שעפטיקט, אַז זיין צייט דערלויבט אים נישט זיך צו פאַראינטערעסירן אויך מיט דער יידן־פראַגע. ער האָט געהאַט פולע הענט מיט אַרבעט. אָרגאַני־זירן די פראַנצויזישע אימפּעריע פאַרן קריג איז געווען אַ קאָלאָסאַלע אויפ־גאַבע, וואָס נאָר די פּלייצעס פון אַזאַ גרויסן שטאַטסמאַן האָבן עס גע־קענט איינטראָגן. פאַרן אַרויסגיין פון זיין ביוראָ, האָט מאַנדעל געזאָגט: ביטע, זאָגט ה' זשאַבאָטינסקין, אַז ווען כ'וועל אַביסל פריי ווערן, וועל איך זיך פרייען מיט אים צו באַגעגנען און צוריקקערן צום ענין, וועגן וועלכן מיר האָבן איצט געשמועסט. אפשר וועל איך קענען עפּעס מער טאָן".

ער האָט שוין נישט באַוויזן. פון מיניסטער־פּאָטעל איז מאַנדעל אַריינ־געשליידערט געוואָרן אין טורמע דורך זיינע פראַנצויזישע ברידער, וועל־כע ער האָט געוואָלט באַפרייען פון נאַצישן יאָך, און נאָכהער דערשאָסן געוואָרן מיט אַ קויל פון אַ פראַנצויזישער האַנט. ער אַליין האָט פאַרגעסן

אז ער איז געבוירן געוואָרן אַ ייד. אָבער אַלע שונאי ישראל, די אָפענע און פאַרמאַסקירטע, האָבן נישט פאַרגעסן.

און אפשר האָט ער זיך אויך דערמאָנט, זיצנדיק אין זיין טורמע־צעלע, אין די שלאָפלאָזע נעכט און אומעטיקע טעג, ווען ער האָט געמאַכט זיין לעבנס־חשבון, אין זיין געשפּרעך מיט זשאַבאָטינסקיס תלמיד, און זיך דערמאָנט, אַז אויך ער איז אַ קינד פון יידישן פאָלק און אַז פאַר זיינע פיל יאָרן דינסט פאַר פרעמדע, האָט ער באַקומען אַלס באַלוינונג די טורמע? ווען ער וואָלט געלעבט און געאַרבעט פאַר אונדז, וואָלט ער אפשר אַנט־דעקט, אַז אויך אונדזער וועלט, די קליינע און אָרימע, איז גענוג גרויס און רייך, כדי אָנצופילן מיט אינהאַלט דעם לעבן פון גרויסע מענטשן, וועמענס טאַלענט האָט אים געשטויסן אַרומצונעמען ברייטערע האָריזאָנטן.

**
*

ווידער זיצט זשאַבאָטינסקי ביי מאַלקאָלם מאַקדאָנאַלדן אין קאַבי־נעט. דער יונגער קאָלאָניען־מיניסטער פון גרויס־בריטאַניע האָט אָנגע־שריבן אַ שוואַרצן בלאַט אין אונדזער געשיכטע און אין דער היסטאָריע פון זיין אייגן לאַנד. ער איז עס דער מחבר פון טרויעריק־באַרימטן „ווייס־בוך״. זשאַבאָטינסקי טענה׳ט מיט אים איין: מיר האָבן אָפּגעשטעלט אונ־דזער קאַמף אין ארץ־ישראל קעגן דעם מאַנדאַטאָר, ווייל מיר האַלטן אַז די מלחמה מיט היטלערן איז אויך אונדזער מלחמה. אָבער אויך איר דאַרפט איינשטעלן אייערע פיינטלעכע אַקטן קעגן אונדז״. און ווידער שווימט אַרויף דער פאָרשלאָג פון אַ יידישער אַרמיי.

זשאַבאָטינסקיס רייזע פאַלן אויף פאַרשטאָפּטע אויערן. ער זעצט פאָר די שמועסן מיט די פאַרטרעטער פון די גלות־רעגירונגען, מיטן פוילישן אויס־ערן־מיניסטער און מיט ד״ר בענעשן, דעם גלות־אָפּריכטנדן פרעזידענט פון טשעכאָסלאָוואַקיע, ביי וועמען ער איז געווען מיט איניקע יאָר צוריק, נאָך איידער היטלער האָט איינגעשלונגען און פאַרשקלאַפט זיין לאַנד.

דאַן איז שוין ביי זשאַבאָטינסקין רייף געוואָרן דער באַשלוס אַרויס־צופאָרן קיין אַמעריקע צו פירן דאָרט די אַגיטאַציע פאַר אַ יידישער אַר־מיי. ער איז געקומען בעטן בענעשן הילף דורכן אַקטיוויזירן דעם גרויסן טשעכישן איינפלוס אין אַמעריקע. א. אַבּרהמס, דער פּאָליטישער סעקרע־טאַר פון דער רעוויזיאָניסטישער עקזעקוטיווע, האָט דערציילט אַ פּאָר איינצלהייטן וועגן דער דאָזיקער באַגעגניש: „בענעש האָט אויפגענומען

זשאבאָטינסקין אין אלטן בנין פון דער טשעכאָסלאָוואקישער אַמבאַסאַדע אין לאָנדאָן. דער געשפּרעך איז געווען רואיק און פֿאָרמעל.. א האלבע שעה צייט האָט מען געשמועסט וועגן עבר־הירדן. זשאבאָטינסקי האָט אויפגע־קלערט, אז עוואקואַציע פון מיליאָנען יידן פֿאָדערט שטחים און מיטלען. די געביטן געפונען זיך אין ארץ־ישראל פון ביידע זייטן ירדן און די מיט־לען וועלן קומען פון וועלט־יידנטום און דורך אן אינטערנאַציאָנאַלער הלוואה. פון געשפּרעך האָט זיך ארויסגעוויזן, אז בענעש קען דעם פּראָ־בלעם נאָך פון דער ערשטער טרעפונג מיט זשאבאָטינסקין. ער האָט אָבער געפרעגט פאר וואָס וויצמאַן, וועמען ער קען גוט, איז נישט קיין אָנהענ־גער פון דעם פּלאַן. זשאבאָטינסקי האָט געענטפערט אָפנהערציק. ער האָט געפרעגט בענעשן, צי אין דער טשעכישער באפרייאונגס־באוועגונג בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען נישט געווען קיין פראקציעס פון פאר־שידענע שאטירונגען, און אפילו אזעלכע וועלכע האָבן גענייגט אויף א פּשרה מיט דער עסטרייכישער מאָנארכיע. בענעש האָט באַשטעטיקט דעם פאקט און באמערקט: „גיט נישט נאָך! עקשנ׳ט זיך איין אויף אייער ציל, וועט איר זוכה זיין אים צו דערגרייכן. דאָס איז דער איינציקער וועג זיך נוהג צו זיין מיט די ענגלענדער...” אין פארלויף פון געשפּרעך האָט בענעש פאָרגעשלאָגן, פון זיין אייגענער איניציאטיוו, אונדז צו העלפן מיט וואָס כ׳איז אים מעגלעך... און ער האָט זשאבאָטינסקין מיטגעגעבן א בריוו צו זיינע פֿאָרשטייער אין אַמעריקע, וועלכע האָבן אים געהאָלפן אין זיין פּראָ־פּאגאנדע פאר א יידישע ארמיי.

אברהמס, וועלכער איז אָנוועזנד געווען ביי דער באגעגעניש, דערציילט, אז זי האָט זיך פארענדיקט מיט א הארציקן פריינטשאפטס־געשפּרעך. „זשאבאָטינסקי האָט זיך אויפגעשטעלט און געפרעגט בענעשן וועגן איי־נעם פון די בילדער, וואָס איז אויף דער וואנט און איז געווען באַקאַנט זשאבאָטינסקין אלס מאָלעריי פון אַ טשעכישן קינסטלער. בענעש׳ס פּנים האָט זיך לייכט פארויטלט פון צופרידנקייט, הערנדיק די באמערקונג. באלד האָבן זיי ביידע אָנגעהויבן רעדן וועגן קונסט און געשמועסט וועגן פּרעכ־טיקן טעפּיך, פון האנט־ארבעט, וואָס איז געלעגן אויפן דיל און וועגן טשע־כישע גלאָזווארג, וואָס איז געשטאנען אויפן זייטיקן טיש. נאכהער זענען זיי אריבער צו רעדן איבער קאפקאס ווערק. ס׳איז געווען קענטבאר אז אין די פּראָבלעמען פון קונסט און ליטעראטור זענען ביידע געווען ווי ביי זיך אין דערהיים”.

***

זיין אומדערמידלעכע ארבעט האָט זיך אָנגעשטויסן אין אן אייזערנער וואַנט פון קאַלטקייט. מיטן גורל פון יידישן פאָלק האָט זיך קיינער נישט אינטערעסירט. די פאָרשלאָגן אויסצונוצן דעם וווּנדערבאַרן יידישן מענטש־לעכן מאַטעריאַל פאַר דער שאַפונג פון אַ יידישער אַרמיי — האָט מען נישט אָנגענומען. עס איז געווען אַקאָנספּיראַציע פון פאַרשווייגן דאָס יידי־שע פאָלק. „ביז איצט איז קלאָר נאָר איין זאַך — האָט זשאַבאָטינסקי געשריבן אין יענער תקופה — אין דער גרויסער וועלט איז געשאַפן געוואָרן דער איינדרוק, אַז די יידישע סימפּאַטיע איז אַן אומזיסטע ביילאַגע. די וועלט ווייסט, אַז מיר האָבן איצט נישט קיין ברירה, אַזוי ווי מיר האָבן געהאַט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיט היטלערן ווילן מיר דאָך סיי ווי סיי נישט גיין. די יידן מוזן דאָך סימפּאַטיזירן נאָר מיט איין צד. אַלזאָ מיר זענען ביי זיי אין דער „קעשענע". די וועלט האָט פאַרגעסן אונדזער פּראָבלעם. מיר מוזן מאַכן איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען ארויפצו־שטעלן דאָס יידישע פאָלק אויף דער מאַפּע. אַ יידישע רעגירונג איז אונדז היינט נויטיק. אָבער די אויערן ביי די יידישע פירער זענען אויך היינט טויב, און די מוחות פאַרשטאָפּט".

„ווי זעט אויס דער יידישער צד? — גאָרנישט. נישטאָ קיין ועגווייזער און נישטאָ קיין ראַטגעבער, און איך האָב מורא, אַז ס'איז אפילו נישטאָ קיין ווילן פאַר אַ מורה־דרך,און די מאַסע (די מאַסע וואָס אויסערן גיהנום, פאַרשטייט זיך) שווייגט; אפשר שווייגט זי און גענעצט" — דאָס זענען זיינע ווערטער פאַר זיין אָפּפאָרן קיין אַמעריקע.

די שטוינענדע באַציאונג פון די יידן אליין צו זייער גורל האָט אים דערדריקט. אין אַ פּריוואַטן בריוו צו אַ פריינט שרייבט ער: „אומעטיקע מחשבות קומען מיר ארויף אויפן מוח, ווען איך זיץ אויף די וואַליזעס. ס'דאַכט זיך מיר, אַז אַ גרויסן טייל פון מיין לעבן האָבן די וואַליזעס מיר געדינט אַלס שטולן צו זיצן אויף זיי. און מאַנכעמאָל עגבערט אַ געדאַנק אין מוח: „ביז ווי לאַנג?"

עטלעכע מאָנאַטן פאַרן ארויספאָרן קיין אַמעריקע האָט ער אָנגעשריבן זיין בוך, וואָס איז זיין פּאָליטישע צוואה „דער קריגס־פראָנט פון יידישן פאָלק". און צוזאַמען מיט פעטערסאָנען איז ער אוועק אין דער „נייער וועלט", אין די פאַראייניקטע שטאַטן, צו פירן די פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ יידישער אַרמיי.

אויף דער שיף האָט ער פיל געלעזן און געשריבן. געשריבן אַרטיקלען אויף ליטעראַרישע טעמען און וועגן דער אויפלעבונג פון דער העברעאי־

שער שפּראַך. ער האָט שרייבנדיק וועגן די טעמען אויסגערוט זיין מוח. די רייצנדע פּעליטאָנען פון דער שיף־רייזע איבער געלעזענע ביכער און איבער העברעאיש האָט ער געשיקט צום „המשקיף" אין תל־אביב. זיינע צייטונגען אין מזרח־אייראָפּע האָבן שוין נישט עקזיסטירט. די דרוקעריי פון „מאָמענט" אין וואַרשע איז שוין געווען אין נאַצישע הענט.

ווי ער האָט נאָר אוועקגעשטעלט זיין פוס אויף דער אמעריקאַנער יבשה האָט ער געוווסט, אַז פון איצט אָן וועלן אַלע זיינע טעג און נעכט זיין געווידמעט בלויז דעם קאַמף פאַר א יידישער ארמיי, פאַר ראטעווען דעם אייראָפּעאישן יידנטום און פאַר יידישער זעלבסטשטענדיקייט.

אָנקומענדיק קיין ניו־יאָרק, האָט ער אויפגענומען אויף א געשפּרעך דעם פאָרשטייער פון דער יידישער טאָג־צייטונג: „מאָרגן זשורנאַל" און אים געזאָגט: „די יידן דאַרפן טאָן אַלץ וואָס זיי קענען, כדי צו העלפן די פאַרבינדעטע מנצח צו זיין אין קריג. אָבער מיר פאָדערן אַז ס'זאָל דער־לויבט ווערן אויפצושטעלן א יידישע ארמיי אונטער א יידישער קאָמאַנדע". ער האָט געוואָרנט פאַר דער אילוזיע, אַז די מלחמה אליין וועט לעזן די יידן־פראַגע. איך גלויב נישט, אַז אפילו א גרויסער און אַנטשיידנדער זיג פון די אַליאַרטע וועט ליקווידירן דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז א קרעבס אין קערפּער פון אייראָפּע. די יידן־פראַגע וועט געלעזן ווערן אויב ס'וועט זיין מוט זי צו לעזן אויף אַ קאַרדינאַלן אופן דורכן שאַפן די יידישע מדי־נה. ס'וועט נויטיק זיין אריבערצופירן מיליאָנען יידן קיין ארץ־ישראל — דאָס איז דער איינציקער וועג צו ליקווידירן דעם אַנטיסעמיטיזם. איך האָב געהערט — האָט ער פאָרגעזעצט — אַז וויִיצמאַן האָט געזאָגט אין ניו־יאָרק, אַז מ'דאַרף אַריינלאָזן 50 טויזנט יידן א יאָר אין ארץ־ישראל. כ'קען נישט גלויבן, אַז וויִיצמאַן האָט געזאָגט אַזעלכע ווערטער, ווייל 50.000 א יאָר זענען א טראָפּן אין ים פון די יידישע צרות און זיכער נישט קיין לעזונג פון פּראָבלעם. די וועלט וועט אונדז העלפן בלויז דאַן, ווען מיר וועלן אַוועקשטעלן אָפן די פראַגע פון דער יידישער מדינה.

און ווען דער זשורנאַליסט האָט אים געפרעגט: „צי מיינט איר נישט, אַז ארויספירן מיליאָנען יידן אין א קורצער צייט קלינגט ווי א פאַנטאַזיע? האָט ער געענטפערט: ניין, זיכער נישט.

דאָס איז ממשות'דיקער ווי דער ציוניזם פון מאַכן „איינשפּריצונגען פון יידן" קיין ארץ־ישראל. די וועלט פאַרשטייט דעם גרויסן ציוניזם, ווייל זי וויל פּטור ווערן איינמאָל פאַר אַלע מאָל פון יידן־פּראָבלעם. אין 1919 האָט מען אָפּגעלאַכט פון מאַקס נאָרדוי, ווען ער האָט גערעדט וועגן ארי־

בערפירן א האלבן מיליאן יידן קיין ארץ־ישראל. הלואי וואלטן מיר זיך דאן אלע איינגעשפאנט אין דער ארבעט".

אין סוף פון אינטערוויו האט ער גערעדט לענגלעך וועגן א יידישער ארמיי „מיר פאדערן נישט קיין לעגיאנען, נאר א יידישע ארמיי".

ווען ער איז אנגעקומען אין ניו־יארק, אין פעברואר 1940, איז נאך אמעריקע נישט געווען אין קריג. זי איז געווען נייטראל, כאטש פריינדלעך פאר די אליאירטע. די איזאלאציאניסטן, וועלכע האבן געפריידיקט אז מען דארף זיך נישט אריינמישן אין אייראפע, האבן נאך דאן געהאט די אויבער־האנט. און די גרויסע אמעריקאנער באפעלקערונג האט געגלויבט, אז די מלחמה וועט צו איר נישט דערגיין. העכסטנס האבן זיי גערעכנט אין אמעריקע, אז זיי וועלן דארפן העלפן די אליאירטע מיט שיקן וואפן און געבן געלט־הלוואות. רוזוועלט אליין האט ביי זיין אויפטריט אין קאנגרעס געמוזט פייערלעך צוזאגן און איבערחזרן זיין הבטחה, אז אמעריקע וועט נישט אריינגיין אין קריג און וועט נישט שיקן אירע סאלדאטן צו פארגיסן זייער בלוט.

אין יענע טעג איז נויטיק געווען זייער פיל מוט און וויזיע, כדי צו שטיין אויף א טריבונע פאר אן אמעריקאנער פובליקום און רעדן וועגן אקטיווער באטייליקונג אין קריג.

זיין ערשטע עפנטלעכע רעדע האט ער געהאלטן אין גרויסן טעאטער „מאנהעטן סענטר". טויזנטער מענטשן האבן אנגעפילט דעם טעאטער. אין דער רעדע האט זשאבאטינסקי געמאכט זיין היסטארישן אויסרוף: „מיסטער טשערטשיל, זיי קומען די יענקיס!". די אמעריקאנער אליין איז אין יענער צייט אפילו נישט ארויף אויף דער מחשבה אזא מעגלעכקייט. זיי האבן זיך געבייזערט אויף זייערע אייגענע לאנדסלייט, וועלכע האבן געוואגט פארויסצוזאגן אזא אנטוויקלונג. באזונדערס זענען זיי געווען אין כעס אויף פרעמדע, וועלכע האבן די העזה צו פירן פראפאגאנדע אין א נייטראל לאנד זיך צו באטייליקן אין קריג אויפן צד פון ענגלאנד. פארשטייט זיך, אז אמערסטן זענען געווען אין כעס אמעריקאנער יידן; אין די אפיציעלע ציוניסטישע קרייזן האט מען מורא געהאט צו רעדן וועגן א יידישער ארמיי, אין וועלכער אויך יידן פון אמעריקע וועלן זיך באטייליקן, ווייל דאס איז דאך געשטאנען אין קעגנזאץ צו דער שטרענגער נייטראליטעט פון די פאראייניקטע שטאטן. דעריבער, ווען זשאבאטינסקי איז געקומען צום ענגלישן אמבאסאדאר אין וואשינגטאן, לארד לאטיאן, געשטעלט פאר אים די פאדערונג פון א יידישער ארמיי און אים דערקלערט, אז אין אמעריקע איז דא א גרויסע יידישע יוגנט, גרייט צו מאביליזירן זיך אין

קריג, זענען אויף צו מאָרגנס געלאָפן די פירער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע מיט ראַבײַ סטיפן וויז אין שפּיץ, צום בריטישן אַמבאַסאַדאָר און אָפּגעלייקנט זשאַבאָטינסקיס דערקלערונג.

די דערקלערונג פון ראַבײַ סטיפן וויז פאַר לאָרד לאָטיאַן, אַז דאָס אַמעריקאַנער יידנטום שטיצט נישט זשאַבאָטינסקיס פאָדערונג פאַר דער שאַפונג פון א יידישער אַרמיי, האָט איבערראַשט אפילו דעם פּרעזידענט פון דער יידישער אַגענץ. ווען ראָבערט בריסקאָ איז געקומען קיין לאָנדאָן אים דערציילן די שטעלונג פון זיינע חברים, האָט ד"ר ווייצמאַן אויס־געדריקט גרויס דערשטוינונג און צוגעזאָגט צו טעלעגראַפירן און פאָדערן אויפקלערונגען.

אָבער די מאַסן האָבן אויפגענומען זשאַבאָטינסקין מיט ענטוזיאַזם. דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־זשורנאַל", וואָס איז געווען ווייט פון רעוויזיאָניס־טישע סימפּאַטיעס, האָט געשילדערט זיינע איינדרוקן נאָך זשאַבאָטינסקיס רעדע מיט פאָלגענדע ווערטער: „דער רעוויזיאָניסטישער מנהיג שפּרודלט מיט מוט, ענערגיע און אָפּטימיזם — כאָטש אין זיין רעדע האָט ער גע־מאַכט א טרויעריקע שילדערונג פון דער יידישער לאַגע. די דאָזיקע רעדע, וואָס איז זייער אָפט באַגלייט געווען מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, איז אויף אן אמת געווען א רעקאָרד פון רעדנער־קונסט. די רעדע איז געווען געוויגן און געמאָסטן, און צוזאַמען מיט דעם ענטוזיאַסטיש און אָנציענד. די ווערטער זענען אַרויס פון א וואַרעם יידיש פילנד האַרץ, אָבער זיי זע־נען דורכגעזיפּט געוואָרן אין א קאַלטן און לאָגישן מוח. דאָס איז געווען א רעדע פון פאַקטן, ציפערן און א פּאַטעטישן רוף צו דער וועלט, וואָס האָט געמוזט איבערלאָזן א שטאַרקן איינדרוק אויף די צוהערער. זשאַבאָטינ־סקיס רעדע האָט באַוויזן אַז די צייט ליגט אים צו טעג און יאָרן, אָבער זי מאַכט אים נישט עלטער; ער איז געשטאַנען פאַרן ניו־יאָרקער פּובלי־קום, יונג און פול מיט יוגנט־קראַפט אַזוי ווי מיט פיל יאָרן צוריק. זיינע רייד זענען געווען איבערצייגנד און קלאָר ווי שטענדיק; יעדעס וואָרט איז געווען אויסגעהאַקט פון מאַרמאָר".

אויך אַנדערע זיינע פאַרזאַמלונגען האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. אָבער ער איז געווען דעפּרימירט צוליב דער שטעלונג פון די אָפיציעלע ציוניסטן. ער איז געווען אויפגעבראַכט אויף דעם, וואָס שוין דאָס צווײ־טע מאָל אין זיין לעבן ליגן אים גראַד די אָפיציעלע ציוניסטישע אינס־טאַנצן שטיינער אויף זיין וועג ביים שאַפן א יידישן מיליטערישן כוח.

א קאָלאָסאַלע פּראָפּאַגאַנדע האָבן געפירט קעגן אים באַזונדערס די שליחים פון דער יידישער אַגענץ, וועלכע האָבן דאַן געוויילט אין ניו־

יאָרק. זיי האָבן אָפּגעלאָזן זייערע געוויינלעכע פּלענער, און אפילו די געלט־זאַמלונגען, און האָבן זיך אינגאנצן אריינגעוואָרפן אין קאַמף קעגן זשאַ־באָטינסקין און זיין באַוועגונג. אויף אַ געמיינזאַמער זיצונג פון דער עקזעקוטיווע פון „איחוד", דער פאַרבאַנד פון די חלוצישע פּרויען, פּועלי־ציון, די ליגע פאַרן ארבעטנדן ארץ־ישראל און דער הויפּט־סעקרעטאַריאַט פון „השומר־הצעיר" האָט מען באַהאַנדלט די מעטאָדן פון דער אַנטי־זשאַבאָטינסקי־קאַמפּיין. מיט גרויס זאָרג האָבן זיי געזען, אַז ס'איז אים געלונגען אריינצודרינגען אין דער אָרטיקער פּרעסע און באַקומען גרויס פּאָפּולאַריטעט. זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז ס'האַלט ביי אונטערגעשריבן ווערן אַ קאָנטראַקט צווישן אים און די רעדאַקציע פון „טאָג" וועגן שטענדיקע מיטארבעט אין דער דאָזיקע צייטונג. אויך די פּאָליטישע קאָמיסיע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט זיך באַשעפטיקט מיט דער „געפאַר", און זיי האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַ דרוק אויפן „טאָג" ער זאָל נישט אונטערשרייבן דעם קאָנטראַקט מיט זשאַבאָטינסקין.

די, וועלכע האָבן אים געזען די לעצטע צוויי חדשים פאַר זיין טויט, דערציילן אַז ער איז געווען מיד און בלאַס. זומער ברענט מורא'דיק די היץ אין שטיקנדן מיליאָנען כרך, אָבער ער האָט זיך נישט דערלויבט אַרויסצופאָרן אויף אַ זומער־וווינונג אָפּצורוען. טאָג און נאַכט איז ער געזעסן אין דער ברענענדער היץ אין ניו־יאָרק אין זיין קליין צימערל, געשריבן און גערעדט, געשמועסט מיט שטאַטסמענער און זשורנאַליסטן און פריינט, און געמאַכט פּלענער. טראָץ אַמעריקעס נייטראַלע שטעלונג, האָט זיך אים איינגעגעבן צו איבערצייגן די אָפיציעלע רעגירונגס־קרייזן, זיי זאָלן זיך נישט קעגנשטעלן דער מאָביליזאַציע פון יידן אין אַן ארמיי וואָס וועט קעמפן אויפן צד פון די אַליאירטע. און כדי נישט צו ברעכן דעם נייטראַליטעטס־געזעץ איז געפּלאַנט געוואָרן, אַז די יידישע יונגע־לייט, אַמעריקאַנער בירגער, זאָלן אריבערפאָרן קיין קאַנאַדע, וואָס איז שוין בריטישע טעריטאָריע, און דאָרט זיך מאָביליזירן. ס'איז אָפּגערעדט געוואָרן מיט שטאַטסמענער אַז אין קאַנאַדע זאָלן אויפגעשטעלט ווערן די איבונגס־לאַגערן פאַר דער יידישער ארמיי, וואָס וועט זיך גרייטן צו פראָנט־דינסט.

אין די לעצטע חדשים האָט ער אויך געארבעט פאַר דער שאַפונג פון אַ געמיינזאַמער יידישער רעפּרעזענטאַציע.

אין יולי 1940 — עטלעכע וואָכן פאַר זיין טויט — האָט ער געשיקט אַ טעלעגראַמע צו דער לאַנד־קאָנפערענץ פון דער פּאַרטיי אין ארץ־ישראל, אין וועלכער ער האָט געשריבן: „אויב דאָס פּאַטערלאַנד וועט

אַריינגיין אין מלחמה־באַדינגונגען ממש, דאַרפט איר פאַרזיכערן די אייַ־ניקייט פון ישוב. מיר טוען דאָ אַלץ וואָס מעגלעך צו שאַפן אַ פאַרייניקטע יידישע עקזעקוטיווע פאַר דער אויספירונג פון נאָרדוי־פּלאַן. אַלס ערשטער שריט זענען מיר גרייט אויף אַ רונדן טיש מיט אַלע אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס.

איך גלויב מאמונה שלמה, וואָס ס'זאָל נישט געשען, אַז דער איצטיקער וועלט־קריזיס וועט אונדז צוריקגעבן די יידישע מדינה".

דאָס איז געווען אין מאָנאַט יולי 1940. דעם פערטן אויגוסט האָט ער פאַרמאַכט זיינע אויגן אויף אייביק.

# זיינע מחשבות וועגן טויט

ווענן טויט האָט ער קיינמאָל נישט גערעדט. דאָס איז געווען אויסער זיין תחום. ס'האָט זיך אויסגעדאכט אז נאָך אין דער יוגנט, ווען ס'האָבן אים אָנגעהויבן וואקסן פליגלען, האָט ער געשלאָסן א קאָנטראקט מיטן מלאך המוות: לאָז מיר פריער ענדיקן מיין ארבעט, און נאכהער וועסטו קומען מיך נעמען. און ווייל זיין ארבעט איז נאָך נישט געווען פארענ־דיקט, האָט ער געמיינט אז זיין צייט איז נאָך נישט געקומען. ער איז געווען שטענדיק געזונט. כמעט נישט געוווסט וואָס ס'הייסט קראנק זיין. דאָס לעבן האָט פון אים געשפרודלט מיט א גוואלטיקן שטראָם. דאָס האָט געשראָמט אין זיינע ליטעראַרישע שאפונגען, וועלכע זענען געווען זאפטיק אין זיינע לעצטע טעג נישט ווייניקער ווי אין די יוגנט־יארן. דאָס פרישע לעבן איז געווען בולט אין זיינע פלאמענדיקע רעדעס, אין זיינע פּאָליטישע ארבעטן, אין זיינע באציאונגען צו דער געזעלשאפט, אין ליבע פון שיינ־קייט. ער האָט ליב געהאט בלומען, אזוי ווי א ליבנדע פרוי. ער איז גע־ווען באצויבערט פון א גוטן בוך, פון א שיינעם פערז, פון א געלונגענער קינאָ־פאָרשטעלונג. ער האָט ליב געהאט דאָס שיינע און פרעכטיקע לעבן. און וואָס איז נאָך שענער אין לעבן, ווי דאָס לעבן אליין?

א געוויינלעכער טויט, אָן א ציל און אָן א זין, איז געווען א מיאוסע זאך אין זיינע אויגן און ער האָט געהאסט דאָס מיאוסע מיט זיין גאנצע נשמה. אין 1936 איז אים אָפּגעשטאָרבן אין פאריז זיין פריינד און לייב־דאָקטאָר ד"ר יעקב (זשאַק) סעגאַל. אין די פרימאָרגן־שעהן פאר זיין טויט איז ד"ר סעגאַל צוויי מאָל אָפּערירט געוואָרן, און ווען ער האָט אויסגע־הויכט זיין נשמה, האָט נאָך זיין אָפּענער קערפּער געטריפט בלוט. זשאַ־

באָטינסקי איז געשטאַנען ביי זיין טויטן חברס בעט און האָט אים גע־וױשט מיט וואַטע דאָס בלוט וואָס האָט גערונען פון זיין מויל. אין עטלע־כע שעה האָט זיך געענדערט דער אויסזען פון פאַרשטאָרבענעם, וועלכער איז אין לעבן געווען שיין און עלעגאַנט. מיר זענען געשטאַנען אַרום זשאַ־באָטינסקין, ווען ער האָט מטפּל געווען מיט זיין טויטן פריינט. דער אַלטער ד"ר זינאָווי טיאָמקין, זייער גערירט, איז געשטאַנען און האָט אינגאַנצן געציטערט. זשאַבאָטינסקי האָט אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ און גע־זאָגט: „זינאָווי יאָניטש, דער טויט איז אַ מיאוסע זאַך, און מיר וועלן דאָך אַלע קיין מיאוסע זאַכן נישט טאָן!"

ער איז שטענדיק געווען אָפּטימיסטיש. קיינמאָל האָט ער זיך נישט געלאָזט באַהערשן פון אַ געדריקטער שטימונג, אַפילו אין טעג ווען ס'האָבן זיך אויף אים אַראָפּגעלאָזן צרות אָן אַ עק. צייטנווייז האָבן מיר אים אָנגעקוקט אין שווערע טעג: איוב איז פאַר אונדז געשטאַנען, אָבער אַן איוב וואָס האָט נישט געשאָלטן זיין געבוירן־טאָג. ס'זענען געווען צייטן, ווען ווירקלעך איובס צרות האָבן זיך אויף אים אַראָבגעלאָזט: זיין ווייב איז געווען קראַנק, דער זון — הינטער די קראַטן, זיין מאַטעריעלע לאַגע איז געווען שרעקלעך, און אין דער ציוניסטישער פּאָליטיק האָט זיך אויס־געדאַכט, אַז אונדזער גאַנצע האָפנונג איז באַגראָבן אויף דורות. דאַן האָבן מיר געזען אין שאַרפן און עקשנות'דיקן אויסדרוק פון זיין פּנים אַ פעסטן באַשלוס נישט צו לאָזן די שטורמישע כוואַליעס זאָלן צעברעכן אונדזער שיף; דאַן האָבן מיר אַלע אויך צוריקבאַקומען דעם מוט. ער האָט קיינמאָל נישט פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט, אויף קיין איין מינוט האָט אים נישט פאַרלאָזן זיין ענערגיע און מוט.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך אים געהערט רעדן וועגן זיין טויט אין איינעם פון די הערבסט־אָוונטן אין יאָר 1938. עפּעס אַ פּלוצלונגדיקע ווענדונג איז אַריינגעטרעטן אין זיין לעבן. אומדערוואַרט האָט ער אָנגע־הויבן רעדן וועגן דער אַלטקייט וואָס קומט פּריצייטיק, אַז ער שטייט אויפן שוועל און אַז דער מלאך־המות וואַרט שוין הינטער דער וואַנט.

מיר, דאָס הייפעלע מענטשן וועלכע האָבן געאַרבעט נעבן אים, האָבן צווישן זיך קיינמאָל נישט אַרויסגעבראַכט פון מויל די מחשבה, אַז ס'וועט קומען אַ טאָג און ער וועט נישט זיין צווישן די לעבעדיקע. ער וועט לעבן אייביק! ער וועט לעבן אייביק! — דאָס איז געווען אַ קינדעריש נאַיווער געפיל, אָבער אַזאַ שטאַרקער, וואָס האָט געשטעקט אין אונדז, באַזונדערס די יונגע אין דער באַוועגונג, די בית"רים, אַז אין אונדזערע

מוחות איז דער טויט געווען א פרעמדער באגריף לגבי אונדזער לערער. דעריבער זענען מיר שטענדיק געווען רואיק און זיכער. אפילו אין דער טיפעניש פון אונדזער נשמה, ווען מיר זענען געווען אליין מיט זיך, איז קיינמאל נישט ארויפגעקומען דער טראגישער געדאנק. ער איז דאך דא מיט אונדז, ער פילט דאך אן אונדזער לעבן, טא וואס פעלט אונדז נאך? נאר די עלטערע אין דער חבריה, זיינע צייט-גענאסן אין דער לייטונג פון דער באוועגונג, פלעגן מאנכעמאל שמועסן צווישן זיך: און וואס וועט זיין ווען ער וועט שטארבן? אלע האבן זיך געפרייט מיט דער גרעניצלאזער אויטאריטעט, פון וועלכער ער געניסט אין הערצליאנישן ציוניזם. יעדעסווארט זיינס — איז געווען קודש־קדשים. אמאל, ווען ס'פלעגן אויסברעכן רייבונגען צווישן די פארשידענע טיילן פון דער באוועגונג און מ'האט זיי נישט געקענט לעזן אויפן פלאץ, זענען אלע געווען רואיק. מ'האט געוווסט, אז דער געוויסן לעבט. מ'האט פארשטאנען, אז איין שורה אין זיין האנטשריפט וועט אויסגלייכן אלע קאנפליקטן. אבער ס'זענען געווען מאמענטן, ווען דער ווארעם פון זארג האט געגריזשעט: אויב די גאנצע אויטאריטעט איז קאנצענטרירט נאר אין אים, פערזענלעך, וואס וועט זיין אויב חלילה... אבער קיינער האט נישט געוואגט ארויפצוברענגען די דאזיקע געדאנקען אויף זיינע ליפן.

בלויז איינמאל האט מען גערעדט וועגן דעם אין זיין אנוועזנהייט. דאס איז געווען ביי איינע פון די זיצונגען פון דער עקזעקוטיווע אין לאנדאן. אין איין לאנד אין אייראפע זענען געווען קאמפליקאציעס אין דער פארטיי, און פון דארט האבן זיי געפאדערט זשאבאטינסקי זאל צו זיי קומען. האט ער געטענהט ביי דער זיצונג: זאל פארן עמיצער אן אנדערער פון די עקזעקוטיווע מיטגלידער! דאקעגן אנדערע חברים זענען באשטאנען: איר אליין מוזט פארן, אנדערש וועט דארט אלץ צעפאלן! נאר איינער, פון זשאבאטינסקיס אינטימע פריינט, וועלכער איז שוין צום באדויערן אויך נישט צווישן די לעבעדיקע, האט געשטיצט די מיינונג פון פרעזידענט, און ער האט געזאגט: מ'מוז צוגעוווינען דער פארטיי, אז ס'זענען דא העכערע ארגאנען און זיי האבן אויך אויטאריטעט. ווארום אויב נישט, וואס וועט געשען ווען דער נשיא וועט שוין נישט זיין ביים לעבן, צי וועט די גאנצע באוועגונג צעפאלן?

אלע אנוועזנדע זענען בלאס געווארן ווי קאלך. ס'איז פלוצלונג געווארן שטיקנד אין צימער. א דריקעניש איז אויף אלעמען געלעגן. דאס וואס קיינער פון אונדז האט נישט געוואגט ארויסצוברענגען פון דער נשמה־טיפעניש, איז איצט געזאגט געווארן אין אזא אפענער פארם. א צי־

טער האָט אונדז ארומגעכאַפּט. נאָר ער אַליין האָט איבערגעריסן די פּיינלעכע שטילקייט:

— מיינע פריינט, אויב איר מיינט, אז דער גורל פון דער גאנצער באוועגונג הענגט אָפּ בלויז פון מיין פּערזענלעכקייט; אויב איר דענקט, אז מיר האָבן נישט געשאפן קיין ממשות'דיקע ווערטן, וויכטיקע אָן פאר זיך — דאן האָבן מיר נישט קיין עקזיסטענץ־בארעכטיקונג, און דאן וועל איך מוזן מיט א געבראָכן הארץ מודה זיין, אז מיין גאנצע לעבנס־מי איז גע־ווען אומזיסט, אָבער איך בין זיכער, אז איר פּפלעגט אומגערעכט דעם פּער־זענלעכן קולט. אונדזער געדאַנק און אונדזער פּראָגראַם זענען א לעבנס־נייטווענדיקייט. אונדזער באוועגונג האָט א זעלכע טיפע וואָרצלען אין פּאָלקס־באָדן, אַז אפילו מיין טויט וועט נישט ענדערן די קאָנסטרוקציע פון אונדזער באוועגונג און זיכער נישט אירע פּרינציפּן. און דרך אגב, מיי־נע פריינט, פארשטענדלעך אז א מענטש לעבט נישט אייביק. מ'דאַרף, מ'דאַרף זיך צוגעוווינען צום געדאנק אז ס'וועט קומען אַ טאָג און איך וועל מער נישט זיין צווישן אייך!

ס'דאכט זיך אז פון דאן איז אין זיין מוח געבוירן געוואָרן דער פּראָבלעם פון אלטקייט און טויט. ווען זיינע חברים און מיטארבעטער האָבן אים געוואָלט העלפן אָנטאָן אָדער אויסטאָן זיין מאנטל, האָט ער נישט דערלויבט. איינמאָל איז ער אריינגעקומען אין זיין ארבעטס־צימער, אָנ־געטאָן אין מאנטל (מאנבעמאָל, ווען אין ביורא האָט אים געווארט א זייער דרינגענדע זאך, פלעגט ער נישט אויסטאָן דעם מאנטל אין גארדעראָבע). זיין סעקרעטאר איז אויפגעשטאנען און צוגעגאנגען אים העלפן אויסטאָן דעם מאנטל.

— איך דערלויב אייך נישט מיר צו העלפן. בין איך שוין אזוי אַלט געוואָרן, אז כ'האָב שוין נישט קיין כוח אליין עס צו טאָן? האָט ער גע־זאָגט מיט א לייכטן פּרעטענסיע־טאָן.

— גאָרנישט דאָס — האָט דער סעקרעטאר געענטפערט. נישט צו־ליב אלטקייט. איך בין פּשוט אויפגעשטאנען אייך צו העלפן, ווייל איר זייט אונדזער ראש־בית"ר (אין וואָרט „ראש בית"ר" זענען געווען אַנט־האַלטן אַלע אוצרות פון דער ליבע און פאַרהערונג צו אים מצד זיינע תלמידים. ער האָט עס גוט געפילט. דעריבער איז ער געווען זייער צופרידן ווען מ'האָט זיך צו אים געווענדעט מיט דעם טיטל. אפילו מאדאם זשאַ־באָטינסקי, רעדנדיק מיט אונדז וועגן איר מאן, פלעגט זאָגן: „ראש־בית"ר האָט געזאָגט, ראש־בית"ר האָט געבעטן!").

20

— און ווען איך וואָלט געווען יונג ווי איר? — האָט זשאַבאָטינסקי ווייטער געפרעגט.

— דאָס וואָלט, פאַרשטענדלעך, גאָרנישט געענדערט דעם צושטאַנד. אָבער איר וועט דאָך מודה זיין, הער ראש־בית״ר, אז דער עלעמענטאַרער דרך־ארץ־געפיל פאַרפליכטעט דאָך אויסער אלעמען א יונגערן מענטש אַרויסצווייזן כבוד א עלטערן פון אים.

עטלעכע טעג נאָך דעם געשפּרעך, זיצנדיק אין ביוראָ ביים ארבעט־טיש, האָט ער פּלוצלונג אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון די פּאַפּירן. זיין בליק האָט זיך אָנגעטראָפן אין בליק פון זיין סעקרעטאַר, וועלכער איז געזעסן אנטקעגן אים. אין דעם מאָמענט האָבן ווירקלעך די אויגן פון סעקרעטאַר געשטעקט אין לערער. צי איז אין דאָזיקן בליק פון יונגערן מיטאַרבעטער געווען אן אויסדרוק פון דער גרענעצלאָזער ליבע? און אפשר איז דאָס געווען א בליק פון פּחד, ווייל דער ראש־בית״ר האָט אויסגעזעען מיד און פאַרמאַטערט, און זיינע האָר האָבן אנגעהויבן גרוי ווערן אין דער לעצטער צייט? איצט איז שוין שווער זיך צו דערמאָנען. אָבער ווי גרויס איז געווען די דערשטוינונג צו הערן פון זשאַבאָטינסקין פאָלגענדע ווערטער:

— „איך האָב באַמערקט, אז אין דער לעצטער צייט קוקט איר זיך צופיל אין מיר איין, באַזונדערס מיין פּרוי און איר. צי זעט איר אז איך בין אַזוי אַלט געוואָרן? ווען איך גיי אַרויף די טרעפּ, דריקט איר אויס פאַרוואונדערונג בשעת איך לויף אַרויף. וואָס איז געשען? צי דערקענט מען שוין ווירקלעך אין מיר די צייכנס פון אלטקייט און מידקייט, אז איר מיינט אז כ׳האָב שוין נישט קיין כוחות צו גיין שנעל?

דער סעקרעטאַר האָט געפילט אז ס׳שטיקט אים אין האַלז און ער האָט שנעל פאַרלאָזן דאָס צימער.

⁂

צוויי חדשים פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין יוני 1939, האָט זשאַבאָטינסקי געוויילט אייניקע וואָכן אין לאָדז צוזאַמען מיט זיין סעקרעטאַר. עטלעכע שעה א טאָג האָבן זיי געאַרבעט צוזאַמען, און פיל שעהן פלעגן זיי שפּאַצירן אין שיינעם גאָרטן אַרום דער ווילע פון דער פאַמיליע ספּעקטאָר, וועלכע האָט געשטעלט צו זיין רשות זייער שיין הויז.

יעדן מיטוואָך האָט ער, ווי געוויינלעך, געשריבן זיין ארטיקל פאַרן פרייטיק־נומער פון ווארשעווער „מאָמענט". איינמאָל, ווען דער סעקרע־טאר האָט ווי שטענדיק דורכגעלעזן דעם ארטיקל איידער ער איז אוועק־געשיקט געוואָרן צום דרוק, האָט ער אין ארטיקל געפונען פאָלגענדן זאַץ: „און איך, אייער אונטערטעניגסטער, וואָס שטייט שוין ביים פאַרנאַכט פון מיין לעבן" אָדער „שטייענדיק שוין אויפן שוועל פון יענער וועלט" — (דעם גענויעם זאַץ געדענק איך נישט, בלויז דער געדאַנק זיינער איז געבליבן שטעקן אין מוח).

—הער ראש־בית"ר, וועט איר מיר דערלויבן אייך צו עצהן אויסצו־מעקן אָט די שורה? — האָט דער סעקרעטאר געזאָגט—די בית"רים דער־שרעקן זיך ווען זיי לייענען אזאַ שורה. זיי האָבן אומזיסט עגמת נפש!

— ניין, ניין, מיין פריינט! — האָט ער געענטפערט. איך בין שוין אין אמתן אויפן שוועל, און ס'איז גוט אז אויך מיינע תלמידים זאָלן זיך אָנהויבן צוגעוווינען צו דער מחשבה, אז נישט שטענדיק וועל איך זיין מיט זיי!

דעם זעלבן יוני 1939, איז ער ארויסגעפאָרן אויף א באַזוך קיין ווילנע. דאָס איז געווען זיין לעצטער באַזוך ביים פוילישן יידנטום. וואָס איז אים געווען אזוי טייער. ישראל עפּשטיין, דער ווילנער בית"ר־מפקד וואָס האָט באַגלייט דעם לערער, בשעת ער האָט געווײלט אין יענער שטאָט, כ.יט וועלכער ס'זענען געווען פארבונדן זיינע זכרונות פון די יוגנט־יאָרן פון ציוניזם, האָט דערציילט אז ראש־בית"ר האָט אים געבעטן אַוועקצופירן אויפן ווילנער בית־עולם. ארויפגייענדיק אויפן בית־הקברות האָט ער אים געבעטן צו ווייזן די קברים פון פאַרטיי־חבר רימיני ז"ל און פון יעקב שעסקין ז"ל, איינער פון די ציוניסטן פון הערצלס תקופה. זשאַבאָטינסקי איז געשטאַנען ביי די קברים, און א טויטע שטיל־קייט האָט געהערשט ארום אים. און אָט האָט ער איבערגעריסן די שטיל־קייט, און א זאָג געטאָן אזוי ווי צו זיך אליין: יאָ, יאָ, אזוי גייען זיי אוועק איינציקווייז, מיינע בני דור. שוין באַלד וועט אויך מיין רייע אָנקומען!

***

פאַר זיין ארויספאָרן קיין אמעריקע אויף דער לעצטער רייזע, האָט ער געשריבן צו זיין פריוואַט־סעקרעטאר, וועלכער איז געבליבן שטעקן אין די ערשטע מלחמה חדשים אין א דרום־אייראָפּעאישן לאַנד, און ביי וועמען עס איז געבליבן דער מאנוסקריפּט פון צווייטן טייל פון זשאַבאָ־

טינסקים אויטאָביאָגראפיע, די פאָלגענדע ווערטער: „איך גרייט זיך אַ־רויסצופאָרן קיין אַמעריקע, און איך וואָלט געוואָלט באַווייזן צו ענדיקן מיין לעבנס־דערציילונג! (אין העברעאישן „סיפור ימי")".

זיין לעבנס דערציילונג איז נישט פאַרענדיקט געוואָרן. זיינע תּלמי־דים פאַרענדיקן עס.

ס'איז אפשר מער ווי א צופאַל, אז ער האָט אוועקגעגעבן גאָט זיין נשמה גראַד זיינענדיק צווישן דער יוגנט, וועלכע ער האָט דערצויגן און אַזוי ליב געהאַט. ער איז געשטאָרבן, נאָכדעם ווי דער ערשטער בית"רי אהרן פּראָפּעס האָט אים אָפּגעגעבן דעם לעצטן ראַפּאָרט.

# נעמען פארצייכנונג

## א


אלדאנאוו — 83
אסארגין — 84, 85
אחד־העם — 84, 186, 232
ארמסבי־גאר — 94, 186, 191
אלענבי — 99
אזעף — 104
ארלאזאראוו ח. ד"ר — 145, 167, 178, 277, 290
אַש שלום — 164, 165, 166
אסקוויט — 181
אַלטמאַן אריה, ד"ר — 185
אוסישקין — 184, 287
אברהמס א. — 194, 295
ארלאזאראָוו סימא — 264
אקצין ב., פראָפ. — 206, 207
אחימאיר אבא — 234


## ב


בעגין מנחם — 31, 252
בעלא לעאָ — 53
באבקאוו אריה — 67
בערלין מאיר הרב — 71

בערכין מ. — 79, 81
בורצעוו — 104
באלפור לאָרד — 120, 187
בן־גוריון דוד — 122—131, 142
ברענדעל ארטור — 134
בענדס הארי עלמער — 134
בן־יוסף שלמה — 95, 142, 191, 194, 222, 266
ביאליק ח. נ. — 143, 277
באדער יוחנן, ד"ר — 262, 212
באנהיים־קארטער, לידי וויאלעט — 181
בראָדעצקי, פּראָפ. — 180
באאומאן — 186
בריסקאָ — 203—205
בעק, קאָלאָנעל — 204, 212, 214
בענעש — 208, 294
בידל אנטאָני — 210
בענטוויטש — 233, 234
באנארדי פּיער — 256, 257
בלומענפעלד — 287

## ג

גראסמאן מאיר — 32, 112, 113
גאלד ז., הרב — 71
געפּשטיין ש. — 98
גאָלאָמב אליהו — 127, 128, 131, 132
גונטער — 137
גליצענשטיין חנוך, פּראָפ. — 139
גאָלדבערג אב. — 139
גרינבוים י. — 151
גאָטליב יהושע, ד"ר — 151
גרינבערג אורי צבי — 154, 271
גלעזער א. — 209, 251
גלעדי חמדה — 281

# ד

דומערג — 56
דאהאני, ד"ר — 67
דע־האז יעקב — 67
דאגדייל לידי — 120, 187
דייווים עלמער — 137
דאם יעקב, ד"ר — 161
דיוראנטי — 191
דזשאָזעף פיליפ, ד"ר — 193
דע־וואלערא — 201, 204
דראליטש שולמית — 281
דע־מאנזי — 292

# ה

האלפערן ירמיהו — 37, 222, 251, 293
הערצל האנס — 45
האָפמאן יעקב, ד"ר — 67, 255, 256
הערצל — 71, 215
הערענראט א. — 80, 81
האסקעל מיכאל — 105—111
האו קווינסי — 137
העקסטער, ד"ר — 184
הייינג גענעראל — 192
האסלאם דזשאן — 192, 223, 224
האל — 206
הערצאָג — 215
הארדזש־האמין — 231
הויסמאנס קאמיל — 244

## ו

וואקסמאן צ. ה. — 67
ווייצמאַן חיים, פראָפ.—101, 107, 115—122, 180, 183, 218, 219
ווייצמאן וויערא, מאדאַם — 116, 187, 188
וועדזשוואוד יאשיה — 119, 183, 191, 218, 221
ווילקי — 135
ווירניק פרץ — 139
וועלטש ראָבערט — 169
וואקופּ סער ארטור — 176, 181, 182, 188
וויוויאן אדאמס — 192
וואן־האסבאך — 206
וויינשטיין ל., ד"ר — 215
ווייזל נעמי — 281
ווייז סטיפן — 299

## ז

זאלצמאן שלמה — 32
זיוו — 180

## ח

חיימסאן — 186, 232, 233

## ט

טיאמקין זינאָווי, ד"ר — 18, 67, 74, 79, 81, 303
טריוואוש י. — 79, 81
טיאמקין וולאדימיר — 79
טשעטוואור, פעלדמארשאל — 119, 192
טרומאן — 134

טאַן יהושע, ד״ר — 151
טשערנוס — 212
טאמאס — 218

## י

יעקובי שלמה — 19, 41, 86—91, 194, 209
יאצקין ש. י. — 150, 151
יעקב מאיר, הרב — 277
יונגסטער לוי — 278, 279

## כ

כץ מרדכי — 209
כץ בן־ציון — 277
כהן יעקב, ד״ר — 281
כהן מרים — 281

## ל

לאנדמאן שמואל — 19
לעווינסאן י. — 30, 32
לוסטיג מ., ד״ר — 67
ליכטהיים ריכארד — 114, 115
לובינסקי חיים — 205
לעווי הארדי — 206
לאיד דזשארדזש — 228
לוק — 278
לאטיאן לארד — 298, 299

# מ

מאכאוּוער יונה, ד"ר — 12, 86, 114
מאיראָוויטש ש. — 80
מילוקאוו פּראָפ. — 83, 140
מאצקין ל., ד"ר — 117
מאירס ערנסט — 137
מוקדוני ד"ר — 139, 148
מאווּשאוויטש דוד, אדוו. — 145
מעלטשעט, לאָרד — 179—182
מארקס סיימאן — 184
מאלקאָלם — 187
מאקדאָנאלד מאלקאָלם — 191, 192, 224, 294
מייסנער — 209
מאק־מייקל — 221
מענדעס ד"ר — 259
מוסאָליני — 260
מאנדעל דזשארדזש — 292, 293

# נ

ניוטאן מים — 187
נייטאן מיידזשאר — 194
נדבה יוסף — 232

# ס

ספּעקטאר — 48, 213, 307
סעגאל זשאק, ד"ר — 56, 302
סאָקאָלאָוו נחום — 74
סאָקאָלאָוו פלאָריאן — 74
סאָקאָלאָוו צעלינא, ד"ר — 75, 187
סארין — 79

סטארם — 99, 227, 230
סעמועל הערבערט — 102, 116, 179, 230, 232, 284
סאסקין, ד"ר — 114
סטופניצקי ש. — 167
סעמועל עדווין — 185
סטראבאלדזשי לאָרד — 186, 222, 223
סטאווסקי א. — 209, 264, 278
סעגאל הערמאן — 209
סקלאדקאָווסקי — 210
סמעטאנא — 212
סיידבאטאם — 224
סקאט — 225, 226
סארא אלבער — 292

## ע

עפרויקין — 18
עמערי לעאָפּאָלד — 119
עוזיאל ב. צ., הרב — 277
עפשטיין ישראל — 307

## פּ

פּאסטאן — 50
פּאָלאקאָוו אלעקסאנדער — 83
פּעטערסאָן, קאָלאָנעל — 93—97, 119, 186, 187, 250, 296
פּערטאן ל. פּ. — 137
פּישמאן יעקב — 139, 149
פּראָפּעס אהרן — 215, 251, 308
פּינקעלשטיין — 151
פּרילוצקי נח — 167
פּיל לאָרד — 190, 229

פראנאסעוויטשי — 199
פראנקאָ ר. — 209
פוסקא, קאפיטאן — 259, 260
פייגין רבקה — 264

## ק

קאפעלאָוויטש, אינזש. — 21, 161
קאצענעלסאָן יוסף — 41, 209
קולישער, פראָפעסאָר — 67, 80, 81
קעסטלער ארטור — 76
קערענסקי — 84, 104, 284
קלינגער ס., ד"ר — 91, 92, 212
קארעסקי ג., ד"ר — 131
קלארמאן יוסף — 145
קאראָל, קעניג — 197—201
קאלינעסקו ארמאנד — 198
קראפטא — 208
קענעדי דזשאָזעף — 211, 212
קענווארטי — 211, 212
קעפעל אריה, ד"ר — 251
קירשנער — 258
קארפי, אדוו. — 259
קראל דוד — 273
קוק הרב — 275
קלויזנער, פראָפ. — 283

## ר

רוטענבערג פנחס — 14, 38, 97—105, 228
ראזאוו רפאל — 53, 251
ראבינאָוויטש אָסקאר, ד"ר — 67, 208
רוזוועלט — 135

רעפּעטאר בערל — 142
ראַפּאַפּאָרט שאַרל — 158
ראָטשילד דזשעמס — 179
רידז־שמיגלי — 214—217
רייפּער — 259
רעקאַנאַטי א. — 275
ראַפּאַפּאָרט שושנה — 281
רימיני — 307

## ש

שניאורסאָן — 17
שניאור זלמן — 18
שווארצמאַן ד"ר — 19
שעכטמאַן יוסף, ד"ר — 49, 67, 79, 162, 206
שווארץ מאָרים — 51
שטערנבערג ב., ד"ר — 67
שיק ארטור — 92, 93
שטריקער, אינזש. — 133
שאפּמאַן יוסף, אדוו. — 145
שטיין לעאָנארד — 190
שיין אברהם — 191
שאקי י., פּראָפ. — 259
שעסקין מיראַן — 273
שעסקין יעקב — 307

***

A. R E M B A

# Le jours et nuits de Jabotinsky

PARIS 1 9 5 1

IMPRIMERIE MODERNE de la PRESSE
MARC GUTKIN, dir.
55, rue du Faubourg-Saint-Denis, 55
PARIS-Xe — Tél. : PRO. 29-78